STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10302

HEBREYISHE POEZYE

Israel Jacob Schwartz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העברעאישע פּאָעזיע

י. י. שוואַרץ

העברעאישע פּאָעזיע

(אַנטאָלאָגיע)

אַרויסגעגעבן פון
אידיש - נאַציאָנאַלן
אַרבעטער - פאַרבאַנד

Copyright, 1942

Printed in U. S. A.

Parish Press 10

איך דריק דאָ אויס מיין האַרציקסטן דאַנק דער גענעראַל־עקזעקוטיווע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און ספּעציעל מיין ליבן פריינט און חבר

לואיס סיגאַל,

גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, פאַר זייער איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן מיין דאָזיקע אַרבעט.

מיין דאַנק צו אַלע צווייגן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און צו די יחידים־חברים פון פילאַדעלפיע, באָסטאָן, דיטרויט און שיקאַגאָ, וואָס האָבן דערמעגלעכט די דערשיינונג פון בוך.

מיין דאַנק דעם האַרציקן מענטשן און חבר, פאָרזיצער פון שיקאַגער שטאָט־קאָמיטעט פון א. נ. א. פ., ר פ א ל װ ע ק ס ל ע ר.

י. י. ש װ אַ ר ץ

מיין ברודער, דעם העברעאישן פּאָעט

אַברהם שמואל שוואַרץ

איז דאָס דאָזיקע בוך געווידמעט באַהבת־נפש

י. י. ש.

באַמערקונגען צום בוך
„העברעאישע פּאָעזיע"

אַזוי ווי אין מיין בוך „אונזער ליד פון שפּאַניע", וויל איך אויך דאָ אונטער־שטרייכן, אַז איך בין ניט אויסן געווען מיט מיין נייעם בוך „העברעאישע פּאָעזיע" צו געבן אַ ווּיסנשאַפטלעכע, קולטור־היסטאָרישע אַרבעט. איך האָב בלויז גע־זוכט אין אונזער אַלטער פּאָעזיע דאָס אייביקע, דאָס ליכטיקע, דאָס וואָס האָט אויך אַ באַדייט פאַר אונזער צייט און אונזער לעבן.

דער מעטאָד פון מיין אַרבעט איז דער אייגענער וואָס אין „אונזער ליד פון שפּאַניע". איך האָב מיך דערלויבט אויסצולאָזן שורות און גאַנצע שטעלן. גאַנץ אָפט האָב איך אָנגעהויבן אַ ליד פונמיטן, אויסלאָזנדיק די איבעריקע לאַנגע הקדמות פון דעם אַלטן פּייטן, אָדער גאָר אָפּגעשניטן דאָס ליד דאָרטן, וואו די ווייטערדיקע פערזן אין אָריגינאַל זיינען ניט מער ווי אַ ווידערהאַלונג פון די פריערדיקע. אַזוי אַרום האָט דאָס ליד געוואונען צוליב דער פאַר־קירצונג, געוואָרן קאָנדענסירטער און קאָמפּאַקטער.

טויזנטער און טויזנטער שירים, קינות און פּיוטים פון מיטלאַלטער, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלטע ספרים, סדורים און מחזורים, איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין פאַרבינדונג מיט מיין דאָזיקער אַרבעט. פון דעם דאָזיקן גרויסן סכום האָב איך אָפּגעקליבן יענע לידער וואָס זיינען כאַראַקטעריס־טיש פאַר זייער תקופה און וועלכע האָבן נאָך ניט פאַרלאָרן זייער לעבעדיקן אָטעם.

כ'האָב זיך געמיט, ווי ווייט מעגלעך, צו געבן פאַרשיידנאַרטיקע מוסטערן פון דער העברעאישער פּאָעזיע, כדי דאָס בוך זאָל ניט זיין מאָנאָטאָן. אין דעם בוך געפינען זיך לידער פון וויין, ליבע, נאַטור־שילדערונגען און די ליידן און פריידן פון לעבן. אָבער דאָס ביסל פרייד און לעבנסלוסט ווערט פאַרטרונקען אין אַ ים פון טרויער און לייד. דאָס איז געווען דער גאַנג פון אונזער געשיכטע,

וואָס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק פון די אַלטע אידישע זינגער און מקוננים. מיר היינט, אין 1942, באַנעמען מיטן האַרצן און מיטן מוח, אַז קיין אַנדער כאַראַקטער האָט די אַלטע העברעאישע פּאָעזיע ניט געקענט אַננעמען.

*

דער גרונטמאָטיוו פון דער דאָזיקער פּאָעזיע, איינאיינציק אין איר מין אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, איז דורכאויס רעליגיעז־נאַציאָנאַל און געזעל שאַפטלאַך. דער וועלטלאַכער טייל אירער איז ניט מער ווי צופעליק און אַ יוצא מן הכלל. ס׳איז אמת, אַז יהודה הלוי, משה אבן־עזרא און אַנדערע פון דער שפּאַנישער תקופה, און עמנואל הרומי און זיינע חברים־פּאָעטן פון איטאַליע האָבן געשריבן וואונדערבאַרע נאַטור־ און ליבע־לידער. דאָך איז עס בלויז געווען אַ קליינער, אומבאַדייטנדער טייל פון זייער שאַפן. און דער גרעסטער און געניאַלסטער פון זיי, ר׳ יהודה הלוי, האָט אויף זיינע עלטערע יאָרן חרטה געהאַט, למאַי ער האָט געשריבן דברי־חולין, ווי זיין תלמיד, ר׳ שלמה פּרחון, דערציילט („ועשה תשובה שלא יפייט לעולם״).

דער דאָמינירנדיקער קאָליר פון דער אַלטער העברעאישער פּאָעזיע איז שוואַרץ. ראַדירונגען פון שוואַרץ אויף ווייס, לויטן אויסדרוק פון די בעלי־אַגדה, „אש שחורה על גבי אש לבנה״. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך. פּאָעזיע, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען אין זיך אַלע פּאָזן פון לעבן, מיט אַלע קאָליר־שאַטירונגען און ניואַנסן — דערפאַר פאָדערט זיך אַן איינגעשטעלט, סטאַביליזירט לעבן פון דורות און דורות, דורות פון איינגעוואָרצלטקייט און אַקלימאַטיזאַציע. און ביי אונז איז געווען דער היפוך: חורבן, אויסגעוואָרצלטקייט און לופטלאָזיקייט. דער פאָדים פון דער העברעאישער פּאָעזיע, אַנשטאָט זיך צו וועבן אין אַ גראַדער ליניע, איז מיט יעדע עטלאַכע דורות איבערגעריסן און צעדריבלט געוואָרן, און מ׳האָט געמוזט אָנהייבן פון ס׳ניי. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט דער אידישער זינגער געקענט האָבן בלויז איינאיינציקן מאָטיוו, און דאָס איז דער מאָטיוו פון קיום־האומה, געוויין אויף ווייב און קינד, טרערן אויף אומגעקומענע לעבנס, אויף צעריסענע ספר־תורה׳ס און אויף דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון גאַנצע אידישע קהילות.

דער פּייטן, אָדער מקונן, האָט ניט געזוכט קיין אינדיווידועלן אויסדרוק און בילד פאַר די בלוטיקע געשעענישן, וואָס זיינע אויגן האָבן צוגעזען, בעת ער

האָט דאָס געוואַלט איבערגעבן און פאַרפּיקסירן פאַר די קומענדיקע דורות. פאַר־קערט, עס זעט אויס, ווי זיי האָבן דוקא געזוכט פאַר זייער אויסדרוקמיטל דאָס שאַבלאָנע, דאָס וואויל־באַקאַנטע. זיי האָבן גענומען פאַרטיקע פסוקים און בילדער פון „איכה" און „איוב", כדי צו זיין וואָס פאַרשטענדלאַכער און צוגענג־לאַכער פאַר די ברייטע אידישע מאַסן. די מערסטע פון די דאָזיקע בעלי־סליחה וקינה זיינען געווען רבנים און די חזנים פון די קהילות, וואָס האָבן צוגעפּאַסט זייערע בייע קינות צו די אַלטע סקאַרבאָווע נגונים פון אַ תענית־צבור.

*

אַ גרויסן פּלאַץ פון דעם ערשטן אָפּטייל פון בוך (פון זייט 3 ביז 230) האָב איך אָפּגעגעבן די דייטשע בעלי־סליחה וקינה. די דייטשע סליחות און פּיוטים זיינען היסטאָרישע דאָקומענטן, ווערט צו פאַרבלייבן לזכר־עולם. די גערמאַנישע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן זיך גאָרניט וואָס צו שעמען לגבי זייערע אור־אור־אייניקלאַך. אין אַלע טיילן פון דער מיטלאַלטערישער וועלט, אין פּערסיע, שפּאַניע, איטאַליע, צפון־אַפריקע, האָט דער אידישער פּאָעט אויס־געגאָסן זיין צעבלוטיקט האַרץ אין סליחות און פּיוטים. נאָר קיינע פון זיי, אַפילו פון די בעסטע פּאָעטן, קען זיך ניט גלייכן צו דער דייטשער סליחה וקינה. דער שפּאַנישער און איטאַליענישער העברעאישער פּאָעט האָט געשריבן זיין קינה און סליחה מיט „פליטערלאַך און פלאַטערלאַך", מיט אַ געקינצלטער אַראַבישער, שפּעטער — אייראָפּעאישער מעטריק, געמאָסטן און געוואויגן, לויט אַלע כללים פון דעמאָלסטיקער שיינשרייבעריי, בעת דער דייטשער בעל־סליחה האָט געשריבן מיט בלוט פון זיין האַרצן. „בלי כחל ובלי שרק", — נאָר דאָס וואָס זייגע אויגן האָבן צוגעזען און וואָס זיין האַרץ האָט דורכגעפילט און דורכ־געלעבט. אומבאַוואוסטזיניק אפשר פאַר זיך אַליין, האָבן זיי אָנגעשלאָגן אַ טאָן פון אַ פּסוק פון „איכה" און געשילדערט דעם חורבן פון זייער וועלט מיט פּשוטע, תנכ'ישע ווערטער און געוויינט אַ ביטער געוויין און פּראָטעסטירט אַנטקעגן כביכול אַליין. חיים נחמן ביאַליק, דער פּאָעט פון „צער און צאָרן" פון אונזער דור, איז אין דעם פּרט ניט געווען דער ערשטער. די דייטשע בעלי־קינה האָבן בעת דעם ערשטן און צווייטן קרייצצוג, אין די יאָרן 1096 און 1146, געשליידערט דעם בורא־עולם אין פּנים דעם אַרויסרוף: „מי כמוך באלמים?" ס'הייסט: „ווער איז נאָך איינער, ווי דו, אַ שטומער?" — זאָל דער לייענער זיך פאַרטיפן אין

די קינות פון ר׳ גרשון מאור־הגולה, משה בן־אליעזר הכהן, אלעזר בן־יהודה, און די אַנדערע.

מ׳וואונדערט זיך אָפּטמאָל, וואָס דאָס דייטשע אידנטום האָט ניט אַרויס־געגעבן פון זיך דורכן משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער קיין איינציקן וועלטלאַכן פּאָעט. ס׳איז נישט באַקאַנט קיין איינאיינציק ליד, קיין איינציקע שורה פון אַ ליד, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט פעלד און וואַלד, מיט אַ אינטים־פּערזענלאַכער איבערלעבעניש. דער תירוץ איז אויבנאויפיק, און פירושים זיינען ניט נייטיק. עס זעט אויס, אַז כדי צו זינגען וועלטלאַכע לידער אין גלות־גערמאַניע, האָט דער אידישער מענטש פריער באַדאַרפט ווערן אויס־איד...

*

דער צווייטער אָפּטייל פון בוך, אונטערן נאָמען „די תקופה פון השכלה״, שליסט איין אַ משך פון גענויע צוויי הונדערט יאָר, פון 1707, דאָס יאָר, ווען משה חיים לוצאַטו איז געבאָרן געוואָרן, ביז 1892, דאָס יאָר, ווען יהודה לייב גאָרדאָן, דער „לייב״ פון דער השכלה־תקופה, איז געשטאָרבן. משה חיים לוצאַטו, דער „גאָניאַלער בחור פון פּאַדואַ״, ווי ער ווערט אָנגערופן אין דער העברעאישער ליטעראַטור, דער עקזאַלטירטער טראַגישער טרוימער, ווערט באַטראַכט, און מיט רעכט, ווי דער פאָטער פון דער ניי־העברעאישער פּאָעזיע. ער איז דער לעצטער פון די גרויסע פּאָעטן, וואָס דאָס איטאַליענישע אידנטום האָט אַרויסגעבראַכט און דער ערשטער פּאָר זיין צייט אַריינצוהויכן אַ פרישן לעבעדיקן אָטעם אין אָפּגעבליטן און פאַרוועלקטן העברעאישן וואָרט. נאָך זיין אַוועקגיין ווערט דער אידיש־איטאַליענישער באָדן איינגעשרומפּן און פאַרדאַרט און דאָס העברעאישע ליד ווערט איבערגעטראָגן פון דרום־אייראָפּע אין די צפון־אייראָפּעאישע לענדער.

צוערשט איז אויפגעקומען אַ גרופּע פּאָעטן אין דייטשלאַנד. דער וויכטיק־סטער פון דער גרופּע איז בלי־ספק נפתלי הערץ וויזעל מיט זיין ווערק „שירי־תפארת״, אַן עפּאָפּיי אין פערזן וועגן משה רבינו און יציאת־מצרים. דאָס דאָ־זיקע ווערק אָבער איז אומ׳ברחמנות׳דיק צעצויגן, אַן וויזיע, און אַן דעם „עפּעס״, וואָס אַן עכט קינסטלעריש ווערק מוז פאַרמאָגן אין זיך. אין אונגאַרן באַווייזט זיך אַ ליכטיקער שטערן, אָבער איידער ער צעשטראַלט זיך אין זיין פולן ליכט — ווערט ער אויסגעלאָשן. דאָס איז שלמה לעוויזאָן, מאַן פון וויזיע, געשליפן וואָרט און אָריגינעלן אויסדרוק, וואָס איז אין דער סאַמע יוגנט געריסן געוואָרן פון

זינען און געשטאָרבן אין עלטער פון 33 יאָר. אין לאַנגגן זאַמדיקן מדבר, וואָס ליגט צווישן משה חיים לוצאַטו און מיכה יוסף לעבענזאָן — דער איינציקער גרינער אָאַזיס. פון איצט און ווייטער ווערט די העברעאישע פּאָעזיע איבערגעפלאַנצט אויפן רוסישן באָדן.

אַברהם דוב לעבענזאָן איז געווען דער ערשטער. ביאַליק כאַראַקטעריזירט אים אַלס אַ מין העברעאישן דערזשאַווין און דער פּאָעט פון האָ! און הוי! און אוי! אין דעם אַלטן לעבענזאָנ׳ען, זאָגט ער, האָבן אַ גאַנץ לעבן געקעמפט דער בעל־דקדוק און פּאָעט, און ס׳איז שווער צו וויסן, ווער וועמען האָט מנצח געווען. ער האָט אָבער דעם גרויסן זכות, וואָס אויף זיין צעאַקערט פעלד איז אויפגעגאַנגען און אויפגעבליט די פּראַכטיקע ראָמאַנטישע פלאַנץ אין דער פיגור פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם זון, מיכה־יוסף. אין יונגן פּאָעט איז פאַרקערפּערט דער פרילינג פון דער ניי־העברעאישער פּאָעזיע אין רוסלאַנד.

*

דעם גרעסטן פלאַץ אינ׳ם אָפּטייל „די תקופה פון השכלה" האָב איך אָפּגעגעבן דעם גרויסן פּאָעט און מייסטער יהודה לייב גאָרדאָנ׳ען, וואָס האָט בשעתו באַצוואונגען די הערצער און מוחות פון דער גאַנצער אידישער וועלט. ער איז כל־ימיו געשטאַנען אין אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט דער אידישער אָרטאָדאָקסיע. ער איז געווען דער „איש ריב ואיש מדון" פון זיין תקופה, מיט זיין אייזערנעם פערז און גאַליקער סאַטירע האָט ער קיינעם ניט געשאָנעוועט.

איצט, ווען דער רויך און שטויב פון יענער גרויסער ברידער־מלחמה האָט זיך איינגעלייגט, און דאָס ביטערניש און שאַרפקייט איז אויסגעוועפּט געוואָרן, איצט ווייסן מיר, אַז דער קעמפער־פּאָעט יהודה לייב גאָרדאָן האָט זיינע העלדן צופיל פאַרשוואַרצט דאָס פּנים, און אַז ר׳ יוסף זכריה, דער שאַוולער רב און פּראָטאָטיפּ פון ופסי הכוזרי, איז גאָרניט אַזאַ רשע, ווי יל״ג שילדערט אים אין „קוצו שול יוד" (אין יצחק יואל לינעצקי׳ס אַלטער איבערזעצונג, וואָס איך גיב אין בוך, איז ופסי הכוזרי מגולגל געוואָרן אין דן כאַלייבור), און ס׳איז בכלל אוממעגלאַך, אַז אַ רב זאָל פּסל׳ען אַ גט צוליב אַ יוד־חסרה אין וואָרט „הלל" און מאַכן אַ אידישע טאָכטער פאַר אַן אייביקער עגונה. דער פּאָעט אין קאַמף איז ניט געווען איבערקלייבעריש אין זיינע קאַמפּס־מיטלען. אָבער וויפל האַרץ און

געפיל, וויפל רחמנות און צערטלאַכקייט ער גיט אָפּ דער אידישער פרוי און דעם אידישן קינד!

כ״ד אלול פון היינטיקן זומער ווערט 50 יאָר זינט יל״ג איז געשטאָרבן. איך בין באמת דאַנקבאַר דעם צופאַל, וואָס פונקט צום 50־סטן יאָרצייט דערשיינט אַ געקליבענער טייל פון דעם פּאָעט׳ס שאַפונגען אין אידיש.

*

אין אַ ביטערער צייט, אין אַ צייט פון „דם ואש ותמרות עשן״, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, פאַר דער גאַנצער וועלט, און פאַר אונז — די גרויזאַמסטע און בלוטיקסטע אין אונזער לאַנגער געשיכטע, איז מיר אויסגעקומען צענויפצושטעלן דאָס דאָזיקע בוך. פון דעם באַבילאָנישן רב האי גאון ביז דעם רוסישן, לײדנדיקן פון מורא׳דיקער חרטה איבער זיין אַקט פון שמד, קאָנסטאַנטין אַבא שאפירא, און פון דעם גראַנדיעזן ליכטיקן פּאָעט פון דער שפּאַנישער תקופה, ר׳ יהודה הלוי, ביז דעם גאון פון אונזער דור, חיים נחמן ביאַליק — אַלץ איין לאַנגע קייט פון קדושים וטהורים, וואָס האָבן געטראָגן דאָס ליד פון אונזער לייד און פּיין איבער דער גרויסער פיינטלעכער וועלט, ווי אַ שוימיקן בעכער פול מיט בלוט און טרערן. דאָס דאָזיקע ליד, וואָס האָט געריסן און זיך איינגעביסן אין אונזער לייב, האָט אָבער געהאַט אין זיך גרויס רחמים, טרייסט און ליכטיקייט און געוואונקען מיט האָפנונג און גלויבן. און צייטנווייז, אין מיין אַרבעט, האָב איך זיך געפילט אין דער בחינה פון „דובב שפתי ישנים״ אויך אויף די געשעהענישן פון אונזער צייט.

*

צום שלוס פון מיינע קורצע באַמערקונגען וויל איך באַדאַנקען מיין פריינט און חבר, דעם גרויסן אידישן פּאָעט אַברהם רייזען, פאַר זיין דערלויבעניש זיך צו באַנוצן מיט זיינע איבערזעצונגען פון אַברהם אבן־עזרא׳ס „שפּאַס־לידער און אַפּאָריזמען״ (א—ה) און אויך פאַר מהר״ם מרוטנבורג׳ס באַריםטער קינה „שאלי שרופה באש״, אין זיין איבערזעצונג.

מיין ברודער, דער העברעאישער פּאָעט אַברהם שמואל שוואַרץ, האָט אויף מיין בקשה איבערגעזעצט ספּעציעל פאַרן בוך די פאָלגנדע דריי שירים: אמתי בן־שפטיה׳ס סליחה „אזכרה אלוקים ואהמיה״; דניאל בן־יהודה הדיינ׳ס „יגדל״ און שמעיה׳ס „אודה לאל לבב חוקר״...

יהודה לייב גאָרדאָנ׳ס „קוצו של יוד" איז, ווי איך האָב שוין אויבנדערמאָנט, איבערגעזעצט געוואָרן פון יצחק יואל לינעצקי׳ן. ס׳איז דערשינען אין בראָשור־פאָרם אין בערדיטשעוו מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. צום 25־טן יאָרצייט פון יהודה לייב גאָרדאָן, האָט מיך אַברהם ליעסין ז״ל געבעטן צו געבן פאַר דער „צוקונפט" אַן איבערזעצונג פון „קוצו של יוד", דאָס כאַראַקטעריס־טישסטע פון גאָרדאָנ׳ס „שירי־עלילה". כ׳האָב דאַן אויסגעזוכט לינעצקי׳ס אַרבעט, עטוואָס מאָדערניזירט זיין אַרכאַאיש לשון, אויסגעבעסערט זיינע גראַמען. די פּאָעמע איז דערשינען אין יאַנואַר־ביכל פון „צוקונפט", 1918, מיט אַברהם ליעסינ׳ס אַ באַמערקונג.

*

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן פּראָפעסאָר ישראל דאַווידסאָן, ז״ל, דער גרויסער געלערנטער און פאָרשער פון דער אַלטער העברעאישער פּאָעזיע, וועל־כער האָט שטאַרק דערמוטיקט מיין אַרבעט און מיר אָנגעוויזן אויף אַ סך טייערע זאַכן, און, להבדיל בין החיים והמתים, מיין פריינט, דער שריפטשטעלער און ביבליאָגראַף יצחק ריבקינד, וואָס האָט פאַר מיר געעפנט אַלע אוצרות פון דער גרויסער ביבליאָטעק פון אידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר פון ניו־יאָרק.

י. י. שוואַרץ

קיו־גאַרדענס, נ. י.

זומער, 1942.

אַלטע צייטן און מיטלאַלטער

שמעון בן-סירא

ירושלים, ג׳ תק״ס. זיין בוך וואָס איז איינגעשלאָסן אין די אַפּאָקריפן (ספרים חיצונים) איז געשריבן אומגעפער מיט 180 יאָר פריער פאַר דער קריסטלאַכער צייט־רעכענונג. דער העברעאישער אָריגינאַל, וואָס איז נאָך געווען באַקאַנט אין 10־טן יאָרהונדערט, איז שפּעטער פאַרלאָרן געגאַנגען. אין 1896 האָט פּראָפעסאָר שלמה שעכטער געפונען פראַגמענטן פון דאָזיקן ווערק אין דער גניזה פון קאַאירא, עגיפּטן. אומ־געפער צוויי דריטל פון ספר איז רעסטאַווירט געוואָרן.

שמעון בן יוחנן הכהן

דער גרעסטער פון אַלע ברידער זיינע —
שמעון בן־יוחנן הכהן; וואס אין זיין דור
איז דער בית המקדש פאַרריכט געוואָרן
און דער היכל — באַפעסטיקט געוואָרן.
וואס אין זיין דור איז אַ באַסיין געגראָבן,
אַ גרויסער, טיפער, ווי אַ ים מיט כוואַליעס;
וואס אין זיין צייט האָט ער אַ וואַנט געבויט;
אַ פעסטע שוץ־וואַנט אין דעם מלכ׳ס פּאַלאַץ.
ער האָט געזאָרגט זיך פאַר זיין פאָלק אין נויט,
און האָט די שטאָט באַפעסטיקט פאַרן פיינט.
ווי שיין ער איז געווען און פּראַכטיק,
בעת ער פלעגט אַרומגיין איבערן מקדש
און ווען ער פלעגט אַרויסקומען פון קדשי קדשים.
ווי אַ שימערדיקער שטערן פון צווישן וואָלקנס,
און ווי די פולע לבנה אין דער צייט פון יום־טוב;
ווי די זון, וואס ווינקט אַנטקעגן מלכ׳ס פּאַלאַץ,
און ווי דער רעגנבויגן צווישן וואָלקנס;
ווי אַ בליענדיקע שפּראָץ אין צייט פון פרילינג,
און ווי אַ ליליע איבער קוואַלן־וואַסערן;
אַ בלום פון לבנון אין די טעג פון זומער
און ווי דאָס פייער פונם ווייראַך אויף די פאַנען;
אַ שטיק פון גינגאָלד קינסטלעריש געהאַמערט
באַזעצט מיט טייערע און בלישטשענדיקע שטיינער;

שמעון בן־סירא

ווי אַ פרישער איילבערט פול מיט קערנער,
ווי אַן אַליוון־בוים מיט גרינע צווייגן.
ווען ער פלעגט אָנטאָן זיך די בגדי כהונה
אין פּראַכטיקייט און צירונג פון עבודה,
ווען ער פלעגט צוטרעטן צום הייליקן מזבח
און פלעגט באַשיינען די עזרה פונם מקדש;
ווען ער פלעגט צונעמען די שטיקער פון דעם קרבן
פון זיינע ברידערס הענט; אַרום אים כהנים
ווי יונגע ביימער אין דעם וואַלד לבנון;
עס האָבן אים ווי די ערבות פונם טייך
אין זייער כבוד, גאָט'ס פייערן אין זייער האַנט,
אַרומגערינגלט אהרן'ס אַלע קינדער
אַנטקעגן גאַנצן קהל פון ישראל —
ביז ער פלעגט ענדיקן באַדינען דעם מזבח
און אויפּברענגען די געטלאַכע קרבנות.
דאַן פלעגן אויפשאַלן די כהנים, אהרן'ס קינדער,
דורך די געהאַמערטע טראָמפּייטן,
אַ שטים אַ מעכטיקע אַרויסגעגעבן —
דערמאָנט צו ווערן פאַר'ן אויבערשטן.
און אויף די פּנים'ער צו דר'ערד געפאַלן
און אַלע האָבן זיך געאײַלט אינאיינעם
צו בוקן זיך צו גאָט, ישראל'ס הייליקן.
און דאָס געזאַנג האָט אויפגעקלונגען
און זיס צעגאַנגען זיך איבער'ן פאָלק,
ביז ס'האָט דאָס גאַנצע פאָלק געענדיקט זינגען
אין תפילה פאַר'ן גאָט דעם פיל־דערבאַרמדיקן,
ביז ער פלעגט ענדיקן באַדינען דעם מזבח.
ער פלעגט אַראָפּנידערן, די הענט געהויבן
איבער'ן גאַנצן קהל פון ישראל —
גאָט'ס ברכה איז געווען אויף זיינע ליפּן
און מיט גאָט'ס נאָמען איז ער געווען באַפּרעכטיקט.
און ווידער איז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל
צום צווייטן מאָל געפאַלן אויף זיין פּנים.
איצט זאָלט איר בענטשן גאָט, ישראל'ס האַר,
וואָס טוט אויף וואונדער אויף דער ערד;

שמעון בן־סירא

וואָס ברייִנגט דעם מענטשן אויף פון מוטער׳ס לייב
און האָט אים לויט זיין רצון נאָך באַשאַפן.
ער זאָל אייך געבן חכמה אין די הערצער —
און זאָל צווישן אייך זיין לויטער שלום;
זיין חסד זאָל זיך שפּרייטן איבער שמעונ׳ען
און ווי מיט פּנחס׳ן, זאָל ער אַ בונט שליסן,
וואָס זאָל ניט אויסגעראָטן ווערן פון זיינע קינדער
כל זמן דער הימעל וועלבט זיך איבער אונז.

אַ תּפילה

זיי אונז באַהילפיק, גאָט, וואָס איז איבער אַלעם,
הויב אויף דיין פּחד איבער אַלע פעלקער;
הויב אויף דיין פאַן איבער דעם פרעמדן פאָלק,
אַז ס׳זאָל דערזען דיין גבורה.
ווי דו ביסט דורך אונז פאַרהייליקט פאַר זייערע אויגן,
אַזוי זאָלסטו פאַר אונזערע אויגן
דורך זיי געערט ווערן.
זיי זאָלן וויסן, ווי מיר טוען וויסן,
אַז אויסער דיר, איז קיין אַנדער גאָט נישט פאַראַנען.
באַניי דעם צייכן און לעב אויף דעם וואונדער,
פאַרשטאַרק דיין האַנט, מאַך פעסט דיין אָרים,
דערוועק דיין צאָרן און גיס אויס דיין גרימצאָרן,
צעברעך דעם פיינט און יאָג אָפּ דעם שונא.
זאָלסט איילן דעם קץ, באַשטים די צייט
פאַר מיין דערלייזונג —
ווייל ווער קען, גאָט, דיר זאָגן, וואָס צו טאָן?
צעשטער דעם הויפּט פון מואב׳ס גרעניצן,
וואָס זאָגט, אַז קיינער אויסער מיך איז נישט פאַראַנען.
פאַרזאַמל אַלע יעקב׳ס שבטים,
זיי זאָלן, ווי אַמאָל, אין לאַנד זיך איינבירגערן.
האָב רחמנות אויפ׳ן פאָלק, וואָס ווערט
גערופן אין דיין נאָמען: ישראל,

ווען דו האָסט אָנגערופן מיין ערשט־געבוירענער.
האָב רחמנות אויף דיין הייליקער שטאָט
ירושלים, דאָס פּלאַץ פון דיין זיצן,
מאַך פול ציון מיט דיין פּראַכט
און דיין היכל מיט דיין כבוד.
און זיי מקיים יענע זאָגונג,
גיב עדות אויף דעם אָנהויב פון דיינע מעשים
וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דיין נאָמען.
גיב שכר די יעניקע ,וואָס טוען צו דיר האָפן,
און דיינע נביאים זאָלן באַגלויבט ווערן.
הער צו די תפילה פון דיין קנעכט,
דיין רצון זאָל געשען איבער דיין פאָלק,
און זאָלן וויסן אַלע ברעגן פון דער ערד,
אַז דו ביסט גאָט, באַשאַפער פון דער וועלט.

פון אַנאָנימע פּאָעטן

א.

אין צעדערבוימער איז אַ בראַנד אַריינגעפאַלן —
היינט וואָס זאָלן שוין טאָן די גראָזן אויף די ווענט ?
דער לויתן אויפ׳ן האָקן איז אַרויסגעצויגן —
היינט וואָס זאָלן שוין טאָן די קליינע פישלאַך ?
אין פלייצענדיקן טייך איז טריקעניש אַריינגעפאַלן —
היינט וואָס זאָלן שוין טאָן די וואַסערן פון גריבער ?

ב.

ברידער אונזערע, פאַרמאַטערטע,
צעבראָכענע אין טרויער אין דעם דאָזיקן —
לייגט צו דאָס האַרץ דאָס אויסצופאָרשן:
דאָס איז אַזוינס, וואָס שטייט אויף אייביק,
דאָס איז אַ שטעג פון ששת ימי בראשית אַן:
פיל האָבן געטרונקען, פיל וועלן טרינקען,
אַזוי ווי דאָס געטראַנק פון די ערשטע,

אַזוי איז דאָס געטראַנק פון די לעצטע.
ברידער אונזערע,
דער האַר פון טרייסט זאָל אייך טרייסטן!

ג.

מיר זיינען שולדיקער פון יעדן אַנדער פאָלק,
מיר דאַרפן שעמען זיך פון יעדן דור;
פרייד איז פון אונז פאַרטריבן,
ס׳האַרץ טוט וויי אויף אונזערע זינד.
אונזער שטרעבונג איז צונישט געוואָרן,
אונזער פּראַכט איז צעפליקט געוואָרן;
דער היכל פון אונזער הייליקייט
איז חרוב צוליב אונזערע חטאים;
אונזער פעסטונג איז פאַרוויסט געוואָרן,
די שיינע ערד אונזערע איז ביי פרעמדע,
אונזער קראַפט איז ביי אַנדערע —

און מיר האָבן אַלץ ניט זיך צוריקגעצויגן
פון אונזערע פעלערן!

פאַר אונזערע אויגן גערויבט אונזער פּראַצע,
אַוועקגעריסן פון אונז און אַוועקגענומען.
זייער יאָך האָבן זיי אויף אונז געלייגט,
מיר טראָגן אים געבויגענע אין דרייען.
קנעכט האָבן איבער אונז געהערשט —
נישטאָ ווער ס׳זאָל פון זייער האַנט באַפרייען.
צרות האָבן אונז אַרומגענומען —
מיר האָבן, גאָט אונזער האַר, דיך גערופן,
און דו האָסט זיך פון אונז דערווייטערט;
מיר האָבן זיך אָפּגעצויגן פון הינטער דיר,
פאַרבלאָנדזשעט און געגאַנגען דאָ פאַרלאָרן —

און מיר האָבן אַלץ ניט זיך צוריקגעצויגן
פון אונזערע פעלערן!

גאָט׳ס קיניגרייך

וואַרף דיין פחד איבער אַלע דיינע מעשים,
און דיין אימה איבער אַלץ, וואָס דו האָסט באַשאַפן,
און אַלע מעשים זאָלן האָבן פאַר דיר יראה,
און אַלע ברואים זאָלן פאַר דיר זיך בוקן,
און אַלע זאָלן ווערן איין פאַראייניקונג
צו טאָן דיין רצון מיטן גאַנצן האַרצן,
ווי מיר טועך וויסן, אַז דיינס איז די הערשאַפט,
שטאַרקייט אין דיין האַנט און מעכטיקייט אין דיין רעכטער האַנט,
און מורא׳דיק איז דיין נאָמען
איבער אַלץ, וואָס דו האָסט באַשאַפן.

גיב אָפּ כבוד צו דיין פאָלק,
רום צו דיינע פאַרכטיקע,
האָפנונג צו די יעניקע, וואָס טועך נאָך דיר פאָרשן,
געבעט צו די, וואָס טועך אויף דיר וואַרטן.
שמחה צו דיין לאַנד און פריידן צו דיין שטאָט;
זאָלסט אויפשפּראָצן דעם האָרן פון דיין קנעכט דוד,
און אָנצינדן דאָס ליכט פון בן־ישי דיין געזאַלבטן
אין אונזערע טעג, אינגיכן.

און די צדיקים וועלן זען און זיך פרייען,
און די רעכטפאַרטיקע וועלן יובלען,
און די פרומע וועלן זינגען אין פריידן,
און דאָס אומרעכט וועט דאָס מויל פאַרמאַכן,
און גאָר דאָס רשעות וועט ווי אַ רויך פאַרשווינדן,
ווען דו וועסט די ביזוויליקע הערשאַפט
פון דער ערד פאַרטרייבן.

און דו אַליין וועסט קיניגן איבער אַלע דיינע מעשים
אויפן באַרג פון ציון, וואוינונג פון דיין כבוד,
און אין ירושלים דיין הייליקע שטאָט.
ווי ס׳איז געשריבן אין דיינע הייליקע רייד:
זאָל גאָט קיניגן, אויף אייביק דיין גאָט, ציון,
פון דור צו דור — הללויה!

אַנאָנים

זכרונות

דו געדענקסט דעם וועלט־באַשאַף
און דערמאָנסט אַלע באַשאַפענע פון אַמאָל.
פאַר דיר זיינען אַנטפּלעקט אַלע פאַרהוילענישן
און אַלע פאַרבאָרגענישן פון בראשית־אָן.
נישטאָ קיין פאַרגעסנס פאַר דיין כסא־כבוד,
און קיין באַהאַלטנס פון דיינע אויגן.
דו געדענקסט דאָס גאַנצע באַשאַף
און אַלץ, וואָס באַשאַפן, איז פון דיר ניט פאַרלייקנט.

אַלץ איז אַנטפּלעקט און באַוואוסט פאַר דיר,
גאָט אונזער האַר,
וואָס קוקט און זעט ביזן סוף פון אַלע דורות,
ווען דו ברענגסט דאָס געזעץ פון זכרון,
אַז יעדער גייסט און נפש זאָל געדאַכט ווערן.
עס זאָלן אויפגענומען ווערן גרויסע מעשים
און מאַסן באַשאַפענע גאָר אָן סוף.
פון אָנהויב אָן האָסטו דאָס באַקאַנט געמאַכט
און פון גאָר אַמאָל האָסטו דאָס אַנטפּלעקט.
דאָס איז דער טאָג, דער אָנהויב פון דיינע מעשים,
און אָנדענק פון דעם ערשטן טאָג —
געזעץ פאַר ישראל, משפט פון גאָט פון יעקב.

און איבער לענדער ווערט אין דעם טאָג געזאָגט:
וועלכעס צום שווערד,
און וועלכעס צו שלום;
וועלכעס צו הונגער,
און וועלכעס צו זעט;

און מענטשן ווערן אין דעם טאָג געדאַכט,
דערמאָנט צו ווערן אויף לעבן און אויף טויט —
ווער ווערט ניט דערמאָנט היינטיקן טאָג!
ווייל דאָס זכר פון אַלע באַשאַפענע טוט פאַר דיר קומען:
די מעשים פון מענטשן און זיין באַשטימונג,
און די אויפטועןפון מענטשנס טריט;

אנאַנים

גערענקען פון מענטשן און זיינע תחבולות,
און שלעכטע רעגונגען פון מענטשנס מעשים.
וואויל איז דעם מענטשן, וואָס פאַרגעסט דיך ניט,
און יענער, וואָס טוט זיך דורך דיר שטאַרקן,
ווייל די, וואָס פאַרשן דיך —
וועלן קיינמאָל ניט געשטרויכלט ווערן;
און די, וואָס באַשיצן זיך אין דיר —
וועלן קיינמאָל ניט פאַרשעמט ווערן.

ווייל דאָס זכר פון אַלץ טוט פאַר דיר קומען
און דו פאַרשסט אויס די מעשים פון זיי אַלעמען.
אויך אַז נח׳ן האָסטו מיט ליבשאַפט געדענקט
און מיט אַ וואָרט פון הילף און רחמים אים דערמאָנט,
ווען דו האָסט געבראַכט די וואַסערן פון מבול,
פאַרדאַרבן איטלאַך לייב פאַר זיינע שלעכטע מעשים.
דעריבער איז זיין זכר פאַר דיר געקומען,
גאָט אונזער האַר,
זיין נאָמען צו פאַרמערן ווי די שטויבן פון דער ערד,
און זיינע קינדער ווי פון ים די זאַמדן,
ווי ס׳איז געשריבן אין דיין תורה:

און גאָט האָט זיך דערמאָנט אַז נח׳ן און אַלע
חיות און בהמות, וואָס מיט אים אין תבה,
און גאָט האָט אַריבערגעפירט אַ ווינט איבער דער
ערד, און די וואַסערן האָבן זיך איינגעשטילט.

שופרות

דו האָסט אַנטפּלעקט זיך אין דעם וואָלקן פון דיין כבוד
איבער דיין הייליק פאָלק — מיט זיי צו רעדן.
פון הימל האָסטו זיי דיין קול געלאָזט הערן,
אַנטפּלעקט זיך איבער זיי אין קלאָרע נעפּלען.
די גאַנצע וועלט האָט אויפגעציטערט פאַר דיין פנים,
און די בריות פון בראשית האָבן פאַר דיר געציטערט,

ווען דו האָסט, אונזער קיניג,
אויפן באַרג סיני זיך געטאָן אַנטפּלעקן,
צו לערנען תורה און מצוות צו דיין פאָלק;
האָסט זיי דיין פּראַכטיק קול געלאָזט הערן,
און דיינע הייליקע דברות פון פלאַמען־פייערן.
מיט דונערן און בליצן האָסטו זיך צו זיי אַנטפּלעקט
און מיטן קול פון שופר איבער זיי זיך באַוויזן.
ווי ס׳איז געשריבן אין דיין תורה:

און ס׳איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווי ס׳איז
געוואָרן פרימאָרגן — זיינען געוואָרן דונערן
און בליצן און אַ שווערער וואָלקן איבערן באַרג
און דאָס קול פון שופר איז געווען זייער שטאַרק
און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס אין מחנה, האָט
אויפגעציטערט.

אַ ברכה פאַר תשעה־באב

גאָט אונזער האַר, טרייסט די אבלים פון ציון און ירושלים,
און די שטאָט די פאַרטרויערטע, חרוב׳ע, פאַר׳מיאוס׳טע און פאַרוויסטע:
פאַרטרויערטע — אָן די קינדער אירע,
חרוב׳ע — פון אַלע אירע וואוינונגען,
פאַר׳מיאוס׳טע — אָן איר כבוד,
און פאַרלאָזענע — אָן איינוואוינער;
און זי זיצט מיט אַ קאָפּ אָן אַראָפּגעלאָזטן,
ווי אַ פרוי אַן עקרה, וואָס האָט קיין קינדער ניט;
די לעגיאָנען האָבן זי צושטערט
און געצנדינער האָבן זי אַפּגע׳ירש׳נט;
זיי האָבן איבערגעגעבן דיין פאָלק ישראל צום שווערד
און ביידזוויליק ג׳הרג׳עט דעם אויבערשטנס צדיקים.
דעריבער טוט ציון ביטער וויינען
און ירושלים טוט קלאָגן אויפן קול:
מיין האַרץ, מיין האַרץ, אויף זייערע געפאַלענע,
מיין בלוט, מיין בלוט, אויף זייערע גע׳הרג׳עטע;

יוסי בן-יוסי

ווייל דו, גאָט, האָסט אין פייער זי אָנגעצונדן
און מיט פייער וועסטו נאָך זי אויפבויען,
ווי ס'שטייט געזאָגט:

און איך וועל זיין צו איר, זאָגט גאָט, אַ פייערדיקער
מויער אַרום איר, און אינווייניק וועל איך זיין איר
כבוד. געבענטשט ביסטו, גאָט, וואָס טרייסט ציון
און בויט ווידער אויף ירושלים.

יוסי בן-יוסי

געלעבט אין ארץ־ישראל אין ערשטן העלפט פון 7־טן יאָר־
הונדערט.

דער כהן-גדול ביי דער עבודה

דערמאָן איך די גבורות פון גאָט, וואָס איז פּרעכטיק אין כוח, איינאיינציק,
קיין צווייטער ניטאָ אויף דער ערד און אין הימל, ניט פריער, ניט שפּעטער.
האָר אויף צו טראַכטן און טאָן, באַראָט זיך, ס'געשעט, זאָגט און פאַרזאָמט ניט.
מעכטיק צו טראָגן און גבור צו דולדן. צו אים די געזאַנגען
פון זיינע באַשאַפענע, לויבליד פון אויבן און אונטן: איין בורא,
איינציק אויף דר'ערד, הייליק אין הימל. מעכטיק געזאַנג קומט פון וואַסער,
פּראַכט פון תהום'ען, לויב פון ליכטער, וואָרט פון טעג, פון נעכט — געזאַנגען,
פייער זיין נאָמען, בוימער אין וואַלד זינגען, בהמות לערנען זיין גרויסקייט,

זיין טראָן אינעם הימל געשטעלט, זיין וואָלקן צעשפּרייט און געצעלט באַפעסטיקט,
ער וועט ניט די שפּאַרעס צעוואָרפן ביז קומען אַמאָל וועט דער סוף דער
באַשטימטער
און וועט דורך זיין וואָרט זיך באַנייען. באַפעסטיקט אין וואַסער די זיילן
פון וועלט, זי פאַרגאַרטלט מיט תהו־ובהו אין דראַנג און אין שטורעם,
עס זאָל איר געשטעל ניט צעפאַלן און ווערן צונישט, ווי געוועזן.
חושך פאַרדעקט האָט דער וועלט — האָט אַ ליכט זיך צעלייכט פון זיין פּנים,
בייטאָג פאַר דער אַרבעט פון מענטשן און חושך פאַר חיות אין וועלדער.
ווען ווינט האָט געשוועבט צווישן הימל און וואַסער — אַ באַלקן פאַרוואָרפן,
דורך דעם ווערט גאָט'ס וואונדער באַקאַנט צו די יענע, וואָס ווילן באַנעמען.

צוזאַמענגענומען דאָס וואַסער, פֿון זאַמד געמאַכט ריגלען און טירן,
זיי זאָלן די ערד ניט פֿאַרדעקן ביז ס׳וועט גאָט׳ס באַגליבטער זיי שפּאַלטן.
אָפּגעדעקט ערד פֿאַר דער אַרבעט, פֿאַרשפּראָצט זי מיט קרייטער און גראָזן,
וואָס שפּריצן מיט זריעה, פֿאַרפֿלאַנצט אין דעם עדן אַ גאָרטן, באַשלאָסן
ס׳ליכט זיבנפֿאַכיקע גלייך צו באַהאַלטן און איינגעשטעלט זון און לבֿנה,
קומען ניט איינע אין אַנדערנס גבֿול ביז ס׳וועט יהושע זיי אָפּשטעלן.
זיינען פֿון תּהום׳ען אַרויס די לוויתן׳ס, מיט מעכטיקע שופּן ווי פּאַנצערס,
באַהאַלטן פֿון זיי פֿאַר דער אייביקער סעודה און איינעם אַ פֿיש פֿאַר זיין שליח.

אויפֿגעקומען באַהאַרנטע אָקסן און חיות, בהמות און שרצים,
די בהמות געפּעטיקט אויף פּרוכטן פֿון בערג פֿון די שטאַרקע.
האָט גאָט מיט די אייגענע מעשׂים געפֿרייט זיך, געזען ס׳איז געראָטן!
רואיקע טאָלן און עסנס, דער טיש איז געגרייט — נאָר פֿאַר וועמען?
טראַכט ער זיך: ווער וועט געניסן פֿון סעודה און טייערע ווייַנען?
פֿאָלגט ער מיין וואָרט, וועט ער זיין ווי אַ גאָט; טאָמער ניט, וועט ער שטאַרבן.
געפֿאָרשט און באַנומען, אַז שוואַך איז דער מענטש, וועט ניט קענען זיך האַלטן.
געפּורעמט אים אין זיין געשטאַלט, דער וואָס אויף הימל און ערד איז זיין פּחד,
אין עדן געגרייט זיין געלעגער, פֿון איידעלע שטיינער זיין סוכּה,
פֿאַרשטאַנד אים געגעבן, באַשאַנקען מיט גייסט, ער זאָל טראַכטן, פֿאַראויסזען.

האָט אים געמאַכט פֿאַרן הערשער, נעמען צו געבן גאָט׳ס מעשׂים,
געוואָרנט אים פֿון עץ־הדעת, ניט שטרויכלען, די פּרוכטן ניט עסן.
האָט אים פֿאַרשלעפֿערט, גענומען אַ ריפּ, און אַ יונגפֿרוי געפּורעמט,
ער האָט זי פֿאַרפּוצט ווי אַ כּלה און האָט אין איין לייב זיי באַהאָפֿטן.
די שלאַנג האָט זי אָנגערעדט ס׳וואָרט ניט צו פֿאָלגן און זי האָט געשטרויכלט,
טויט אויף איר מאַן געבראַכט און אויף אַלע קומענדיקע דורות.
זיי האָבן מיט בלעטער באַדעקט זיך, שטאָט ליכטיקע הימלען — מיט נעפּלען,
ס׳האָט זייער געשטאַלט זיך געביטן, די מורא פֿאַר זיי איז פֿאַרשוואונדן.
אַרויסגעהויבן פֿון עדן, פֿון גאָרטן פֿאַרטריבן געוואָרן,
אין שפּאַלט פֿון אַ פֿעלז איז פֿאַרגרייט זיי געוואָרן אַ וואוינפּלאַץ.

און גאָט דער בורא האָט געאײַלט די תּאווה פֿון זיינע באַשאַפֿענע:
זי האָט זיך דערהיצט און פֿאַרזייט און אַ זון אַן אַקערער געבאָרן,
און ווידער געקניט און אַרויסגעשיקט אַ הירט מיטן שטאָק פֿון געהערדן.
האָבן זיי ביידע מתּנות געבראַכט צונ׳ם אייביקן מלך פֿון הימל:

איינער — די פרוכטן פון פעלד און דער צווייטער — די פעטסטע לעמער.
נאָר גאָט האָט געקוקט אין די הערצער אַריין, זיך געקערט צונ׳ם אינגערן,
מיט רויך פונם פייער דאָס פּנים פאַרשוואַרצט פון דעם עלטערן.
זיין צאָרן האָט אויפגעברענט, אומגעבראַכט ברודער און זיינע דורות;
ס׳פאַרגאָסענע בלוט האָט אויפגעשריען און דער ערשטער בלוטפאַרגיסער —
פאַר׳מישפּט צו זיין נע־ונד, ס׳זאָל אים קיינער ניט טויטן.

דאָס האָט דעם פּיין פון דעם ערשטן געלינדערט, דער ערשטער צו טרינקען
פון בעכער, ער האָט זיך דערמאָנט געבן זריעה דעם זייער,
פאַרשניטענע פרוכט צו פאַרבייטן; געשלאָגן האָט אָבער די זריעה
אַ גיפטיקן וואָרצל, געבראַכט אויף דער וועלט שלעכטע פּירות.
אַ דור איז געקומען אַזאַ, וואָס האָט גאָט ניט געוואָלט גאָר דערקענען —
האָט גאָט דאָן דעם צאָרן פון וואַסערן בייזע גערופן, און ס׳וואַסער
האָט אָפּגעשווענקט האָפנונג פון מענטשן פון ערדישן פּנים.
בוימער האָבן ביזן צענטן דור קיין בלעטער און פרוכטן געטראָגן,
מיט וואַסערן מיט אויבערשטע און אונטערשטע באַשטראָפט זיי.
נאָר איינער, אַן ערלאַכער מאַן, האָט זיך אויף דער ערד געפונען
און גאָט איינגעבעטן, ער זאָל מער קיין מבול ניט ברענגען.

באַנייט זיך די וועלט פון די מענטשן וואָס זיינען אַרויס פון דער תבה.
דער פינפטער דור האָט זיך באַטראַכט אינם הימל אַ נעסט אויפצובויען,
און גאָט האָט געלאָזן זיי אַנגיין, האָט אָבער צעמישט זייער לשון —
האָט איין טייל דעם צווייטן גענומען באַקעמפן: מיט שטורעם
אַוועק און מיט ווינט. איז דער צדיק, יסוד פון דער וועלט, אויפגעקומען,
באַנומען דעם סדר־העולם, וואָס גייט דורך אַ הערשער און היטער.
געזען דאָס געלאָף פון דער זון, וואָס גייט אויף ווי אַ גבור, פרימאָרגנס
אין פענצטער פון הימל אין מזרח, און מערב וואו ס׳בלייבט די לבנה,
פייל פונם בליץ און דעם שימער פון שטערן, וואָס לויפן אַן אָפּשטעל —
געקליגט זיך: די אַלע זיי האָבן אַ מייסטער, נאָך אים וועל איך לויפן.

נאָך פריער האָט גאָט אים זיין וועג אויסגעקליבן: דעם וועג פון לעבן.
עס פאָדערט אברהם מיט תקיפות: זאָלסט מישפּט׳ן זיי מיט רחמנות!
אַן פאַנצער און שווערד האָט ער מלכים פאַרטיליקט און איינגעקריצט
האָט ער דעם חותם פון בונט אין זיין לייב, אין גאָט׳ס נאָמען.
אויפגעגרינט האָבן די בלעטער ביי אים אויף דער עלטער, און ס׳האָט זיך

גענפנט דער קוואַל אין דעם פעלד דעם פּאַרדאַרטן, אין שרה׳ן.
ער האָט אַלע שווערע נסיונות געטראָגן ביי זיך אויף די פּלייצעס:
זיין לאָם געפירט צו דער עקדה, אַ קאָרב מיט בכורים — מתנות.
דער פּאָטער האָט זיך ניט דערבאַרעמט און ס׳האָט ניט דער זון זיך געווייגערט.
האָבן מלאכים זיך איינגעשטעלט, ביז גאָט האָט געזאָגט מיט גרויס רחמים:
באַוויליקט דיין קרבן, אי דער שחט׳ער, אי דער גע׳שחט׳ענער!

יעקב, דער ערלעכער מאַן, איז געזעסן אין טויער פון תורה,
איידער זי איז נאָך געגעבן געוואָרן האָט ער איר געבאָט שוין געלערנט.
גאָט איז געשטאַנען איבער אים אין האַרבעריג: איך בין דיין היטער,
שאָטן אויף דיין רעכטער זייט! מלאכים גייען אַרויף און אַרונטער.
זיין בורא האָט אים עפּעס ווייניקער פון גאָט געמאַכט: צו מאַכן
געבירן די שאָף לויט זיין וואונטש, ווי ליים אין די הענט פונם טעפּער.
די מורא פון חלום האָט לבנ׳ען געשראָקן: ריר ניט מיין קינד אָן!
געלאָפן פון אים איז דער מלאך, ווען ער האָט מיט אים זיך געראַנגלט.
ס׳האָט גאָט אים געהאָלפן פון עשו׳ן, דעם היטער פון אייביקער שנאה,
די ברכות פון אָבות גע׳ירש׳נט, צוועלף שבטים ווי שטערן אין הימל,
און לוי׳ן, דעם דריטן, באַשטימט צו זינגען פאַר אים און באַדינען.

גלייך צו אַ בוים איבער קוואַלן פון וואַסער, זיין שטאַם האָט דריי צווייגן
אַרויסגעשיקט, טראָגן די לאַסט פונם משכן, די פּאַרהאַנגען שפּרייטן,
די פּלייצעס געבויגן אין הייליקער אַרבעט צום האַר פון די וועלטן.
אַ פּראַכטיקן ווייגשטאַק מיט צווייגן און פרוכטן האָט אויפגעשפּראָצט עמרם,
זיין ווייב האָט דריי צווייגן געגעבן: אַ כהן, אַ הירט, און אַ פרוי אַ נביאה,
אין צייט פון גאָט׳ס ליבשאַפט צעבליט זיך. די קייטן פון קנעכטשאַפט צעבראָכן,
געשפּאָלטן דעם ים, זיך אין וואָלקנס געהילט, זיך געהייליקט, געשטאַנען
אינמיטן ווען ס׳וואָרט איז געגעבן געוואָרן, דאָס פאָלק האָט געציטערט,
מעכטיקע כוחות זיי זיינען פאַר אים אונטערטעניק געבליבן,
און מיט דער פייקלעריך־יונגפרוי אַ בונט ביז איר שטאַרבן געשלאָסן.

אין זכות פונם ברודער אַהרן האָבן פּראַכטיקע וואָלקנס באַגלייט זיי.
פאַר אים און די קינדער די זייניקע איז די כהונה אַ ירושה —
קיין אַנדערער וועט זייער חלק ניט קריגן, זייער כבוד ניט ירש׳נען.
קרח און זיין עדה אין בויך פון דער ערד איינגעשלונגען געוואָרן.
זיי טראָגן ניט קנאה צום טייל פון די אַנדערע ברידער,

ס׳איז גאָט זייער חלק אין לעבן, ס׳איז זייערס דאָס לחם־הפּנים,
זינט דער מעשה פון עגל, זיי האָבן פון קאַלב זיך דערווייטערט.
עס האָט דער געזעצגעבער זיי די עבודה געלערנט:
צו היטן דעם משכן, און ווי זיך צו וואַשן, מיט אייל זיך צו זאַלבן,
צו טאָן זיבן טעג אין דער וואָך זייער אַרבעט, ווי ס׳שטייט אין דער תורה.

וואַרפן די כוהנים גורל, אַ געהילף פאַרן צענטן דערוויילן,
מ׳שיידט אָפּ זיין ווייב פונם בעט, ניט צו שטרויכלען אין טעות פון נדה.
באַזעצט זיך אין הויז פון די כוהנים — דאָרט טוט ער שלאָפן;
ברענגט אויף די מנחה, רייכערט דאָס קטורת, די ליכט טוט ער צינדן,
ער איז דער ערשטער דעם קרבן פון קאָפּ און פון פוס אויפצוברינגען.
עס פריינטלען מיט אים זיך חכמים, אים לערנען די דינים פון צענטן,
ווייזן אים ערב־יום־כפור זיין אָקס און זיין ווידער און זבחים פון קהל.
ווי שיין דיין עבודה איז — זאָגן זיי — שטאַרק זיך צו טאָן דיין עבודה!
אונטערוויט גיט מען אים ווייניק, עס זאָל אים ניט טרעפן קיין קרי,
נעמען אים איבער די זקנים פון שטאָם זיינעם, שווערן אים איין אין גאָט׳ס נאָמען.

ער וויינט, וואָס ער ווערט ווי אַ רשע געהיט און באַשולדיקט,
און זיי וויינען, טאָמער באַשולדיקן זיי אַ גערעכטן. זיי לייענען
דערקוויקן זיין זעל מיט געשיכטעס פון אַלטע אַמאָליקע מלכים.
מדרש און פּסוק, פאַרנעמען זיין האַרץ מיט די הייליקע שריפטן,
מאַכן אַ טומל אין רוישיקער שטאָט, ער זאָל שלאָפן ניט קענען,
האַלט ער ביים איינשלאָפן — קנאַקן זיי צו מיטן מיטלסטן פינגער.
כאַפּער און נאַשער אויף מצוות זיי איילן דעם אַש פון מזבח צו ראַמען,
לויפן האַלבנאַכט אויף די טרעפּ פון מזבח, זיי זיינען זיך טובל,
שטעלן זיך אויס אין אַ צירקל, אַזוי ווי אַ קרוין, וואַרפן גורל,
כדי ס׳זאָל ניט קומען צו קריג, ווער ס׳זאָל ערשט זיין אין דאָזיקער מצווה.

דער פירשט פון דער הייליקער אַרבעט שיקט שלוחים צום מזרח:
זעט, צי עס האָט זיך דער שטערן פון מאָרגן באַוויזן, צי ליכטיקט דער מזרח?
הערט ער, ס׳האָט אויפגעבליצט ליכט—לויפט ער שנעל צו דער מקווה דער ריינער,
פאַרשטעלט מיט אַ לייוונטן ווענטל, דאָס פאָלק זאָל אים נאַקעט ניט אָנזען.
ער טוט אויס די קליידער, גייט טבילה, קומט אויף און ווישט אָפּ זיך,
זיין געהילף טוט אים אָן אין לייננע, אין גאָלדענע קליידער און צירונג,
פרייט זיך אין פּראַכטיקן טראַכט, נאָר דאָס האַרץ איז באַשיידן, ניט שטאָלציק,

(אין כבוד פון גאָט איז די דאָזיקע קליידונג און ניט זיך צו פוצן)
האַלט זײַנע אויגן געווענדט צו זײַן לערער, אַזוי ווי אַ תלמיד צום רבי׳ן.
קינדער פון פאָלק פון אַ גרויסן, מאַכט וואָרע פאַר גאָט און זײַן ישועה!

טרייער שליח פון פאָלק — אַריבער די ליינענע הויזן אַ טאָפּלט
געשפּונענע העמד ביז דעם האַנטפּלאַך אַרונטער, דערמיט ווערט
פאַרגעבן די זינד פון די ברידער וואָס האָבן דעם צדיק פאַרקויפט צוליב העמדל,
מיט ליינענעם גאַרטל פאַרגאַרטלט, ניט כלאים אַזוי ווי אַ גאַנץ יאָר.
קיניגלעך שימערט די קרוין אויף זײַן קאָפּ אין איר פּראַקטיקער שײנקייט;
אַ מאַנטל פון הימלבלוי, מיט אַרבל ביז די עלנבויגן,
טאָפּלט געפלאָכטן ביים האַלז, ווי אַ פּאַנצערהעמד, ס׳זאָל זיך ניט רייסן,
און אויף זײַנע בריגן די מילגרוימען געהאַפטן פון וואָל אין קאָלירן,
מיט גילדערנע גלעקלעך, וואָס מיט זייער קלינגען פאַרגיבן
אויף יענעם וואָס מסר׳ט זײַן חבר און שלאָגט פון באַהעלטעניש.

די קונציקע אַרבעט פון אפוד, פון בלויען וואָל, פּורפּור, ווערמילרויט,
אין איטלעכן שנירל אַ גינגאָלדן פאָדים, פון האַרץ ביזן נאָפּל;
די פּלייצעס זײַ לויכטן ווי זונען, שעמערירן פון טייערע שטיינער,
פאַרקריצט אויף די שטיינער די נעמען פון אַלע צוועלף שבטים.
דער באַנד פונם גאַרטל פון אפוד אויף הינטן פאַרפלאָכטן
פאַרגיט אויף די זינד פונם ערשטן געבאָט, פרעמדע געטער ניט דינען.
דער אפוד איז אויפגעריסן אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן, וואו דער חושן
איז צוגעשפּילעט מיט גאָלדענע רינגען; די ציילן פון שטיינער
לויטן צאָל פון די שבטים זײַ פילן דעם חושן אויס, איינגעפּאַסט,
זײַ האָבן דעם אויסזען פון אויגן, וואָס גיסן זיך איבער אין שטראַלן.

אַ גאָלדענע הויב מיט פּערל באַנייט איז צו דער קרוין באַהאַפטן,
אַ גאָלדבלעך ביי אים אויפן שטערן; דעם גאָלדבלעך און הויב אינצווישן
אַ שורה מיט האָר, פאַרקריצט אויפן בלעך איז גאָט׳ס הייליקער נאָמען.
די קרוין איז מכפּר אויף זינד פונם בלוט און אויף מענטשלעכער טומאה.
אַ שפּראָצלינג וואָס וועלקט האָט דעם זכות, דעם וואָס לעבט אייביק
באַדינען, זײַן פּנים צו זען, אין זײַן חדר צו קומען.
אַ האַרבע אַזהרה צו וואַשן די הענט און די פיס ביים אַריינגאַנג,
איילט ער זיך פאַר דער עבודה די הענט און די פיס זײַנע וואַשן.
די יונגע דערנענען צום קרבן, ער שעכט, נעמט דאָס בלוט אויף און שפּרינקלט,
ער רויכערט דאָס קטורת, צינדט ליכט אָן, גיסט ווײַן אויפן קרבן.

איילט זיך אַרויסגיין, מ׳צאַמט אים פון פאָלק אָפּ מיט לייוונטן ווענטל,
וואַשט הענט און פיס, טוט זיך אויס און ציט אָן זיינע לייַנענע קליידער,
דערנענט זיך צום אָקס פונם זינדאָפּפער, צווישן דעם אולם און מזבח:

און ער שפּאַרט אָן זיינע ביידע הענט אויפן אָקס און איז
זיך מתוודה, און אַזוי פלעגט ער זאָגן: איך בעט דיך, גאָט,
כ׳האָב געזינדיקט, פאַראומרעכטיקט און פאַרבראָכן, איך און
מיין הויזגעזינט. איך בעט דיך, גאָט, פאַרגיב די זינד,
אומרעכט און פאַרברעכנס, וואָס איך האָב געזינדיקט,
פאַראומרעכט און פאַרבראָכן, איך און מיין הויזגעזינט,
ווי ס׳שטייט געשריבן אין דער תורה פון משה דיין קנעכט:
ווייל אין דעם היינטיקן טאָג וועט ער אייך פאַרגעבן,
אייך צו רייניקן פון אַלע אייערע זינד, פאַר גאָט —
און די כוהנים און לוויים און דאָס פאָלק וואָס שטייען
אין דער עזרה און וואָס באַדינען אין היכל, ווען זיי
האָבן דערהערט דעם שם־המפורש, וואָס קומט פון
כהן־גדול׳ס מויל מיט קדושה, פלעגן זיך קניען און
בוקן און פאַלן אויף די פּנים׳ער און זאָגן: געבענטשט
זאָל זיין דער הייליקער נאָמען אויף אייביק און אייביק.
אויך ער פלעגט מכוון זיין צו ענדיקן דעם שם אַנטקעגן
די בענטשער און זאָגט זיי: זאָלט איר ריין זיין!

צום מזרח פון טויער און צפון פון מזבח באַגלייטן אים כוהנים,
דאָרט שטייען די ציגנבעק, דאָרט שטייט די כלי מיט די גילדערנע גורלות.
ער נעמט זיי אין האַנט, מישט זיי אויס און הויבט אויף: איינער — אַ קרבן
פאַר דעם וואָס לעבט אייביק, דער צווייטער — צו מיתה פון פעלזן.
האַלט ער אין רעכטער דעם גורל אויף וועלכן ס׳געפינט זיך גאָט׳ס נאָמען.
זאָגט זיין געהילף אים: הויב אויף דיין רעכטע האַנט. ברענגט אויף די לינקע
די שווערע חטאים פון דור — זאָגט ער אים: הויב אויף דיין לינקע האַנט!
לייגט ער אין האַסט די גורלות אַוועק אויף די ציגנבעק ביידע,
דעם וואָס צו גאָט — שרייט ער אויס אויפן קול הויך: צו גאָט אַ זינדאָפּפער!
בינדט אָן אַ פּורפּורנעם שנור אויפן שעיר־לעזאזל און שטויסט אים צום מדבר.

און ער קומט צו צום צווייטן מאָל ביי זיין אָקס און ער
שפּאַרט אָן זיינע ביידע הענט אויף אים און איז זיך
מתוודה, און אַזוי פלעגט ער זאָגן: איך בעט דיך, גאָט,

כ׳האב געזינדיקט, פאַראומרעכטיקט און פאַרבראָכן, איך
און מיין הויזגעזינט און די קינדער פון אַהרן, דיין
הייליק פאָלק. איך בעט דיך, גאָט, פאַרגיב די זינד, אומרעכט
און פאַרברעכנס, וואס איך האב געזינדיקט, פאַראומרעכטיקט,
און פאַרבראָכן, איך און מיין הויזגעזינט און די קינדער
פון אהרן, דיין הייליק פאלק, ווי ס׳שטייט געשריבן אין דער
תורה פון משה דיין קנעכט: ווייל אין דעם הייַנטיקן
טאָג וועט ער אייך פאַרגעבן, אייך צו רייניקן פון
אַלע אייערע זינד, פאַר גאָט — און די כוהנים און
די לוויים און דאס פאָלק וואס שטייען אין דער עזרה
און וואס באַדינען אין היכל, ווען זיי האָבן דערהערט
דעם שם־המפורש, וואס קומט פון כהן־גדול׳ס מויל מיט
קדושה, פלעגן זיך קניען און בוקן און פאַלן אויף די
פנים׳ער און זאָגן: געבענטשט זאָל זיין דער הייליקער נאָמען
אויף אייביק און אייביק! אויך ער פלעגט מכוון זיין
צו ענדיקן דעם שם אַנטקעגן די בענטשער און
זאָגט זיי: — זאָלט איר ריין זיין!

ער לויפט, נעמט דאס בלוט אין אַ כלי און גייט מיט די טרעפּ פון אַרויפגאַנג,
גייט צום מזבח אַרויף, נעמט אַ פאַן פון רויטן גינגאָלד
אַ פולע מיט קוילן; שטעלט זי אַוועק אויף דער שטיינערנער דיל.
כוהנים ברענגען דאס לעפל און כלי פון ווייראַך.
נעמט אַן פולע הויפנס און פילט אַן דעם לעפל. פאַרנעמט זיך
לינקס פונם היכל, און קומט צום פּרוכת; פון דרום צו צפון,
און קערט זיך צוריק ביז אינמיטן פון הויז. די שפּיצן פון שטאַנגען
זייגען אַריינגעדריקט טיף אין פּרוכת, אַזוי ווי צוויי ברוסטן,
שטופּט אָפּ דעם פּרוכת און קומט אַריין צווישן די שטאַנגען;
דאָרט איז דער גרונטשטיין פון וועלט, דאָרט איז די וואוינונג פון ארון,
שטעלט ער די פאַן מיט די גליענדע קוילן אַנידער.

שפּרייט אויס דעם ווייראַך, דער רויך האַלט אין אויפגיין, ציט ער צוריק זיך,
קורץ איז זיין תפילה, דער עלטערער זאָל ניט באַהערשן דעם אינגערן,
די כלי מיט בלוט ווערט דערלאַנגט אים, שפּרענקלט ער איינמאָל אַרויפצו
און זיבן אַרונטער אין צאָל, און שפּריצט קעגן אַרון פונדרויסן.

ינאי

אין ארץ־ישראל אין אָנהייב פון 7־טן יאָרהונדערט.
פּאָעט און רבי פון באַרימטן פּייטן אלעזר הקליר.

די נאַכט פון פּסח

דענסטמאָל האסטו די גרעסטע נסים אויפגעטאָן ביינאַכט
אין דער ערשטער וואַך פון דער דאָזיקער נאַכט
דעם גר־צדק האסטו געמאַכט זיגן ווען ס׳האט זיך געשפּאַלטן די נאַכט
און ס׳איז געשען אום האַלבער נאַכט.

האסט געמשפּט דעם קיניג פון גרר אין חלום פון נאַכט,
האסט לבנן דערשראַקן אין פינסטערניש פון נאַכט,
ישראל האט געקעמפט מיטן מלאך און אים בייגעקומען ביינאַכט
און ס׳איז געשען אום האַלבער נאַכט.

די בכורים פון מצרים האסטו געשלאָגן אום האַלבער נאַכט,
זיי האבן זייער כוח נישט געפונען אויפשטייענדיק ביינאַכט,
סיסרא׳ן מיט זיינע חילות האסטו אויסגעלעגט ביי די שטערן פון נאַכט
און ס׳איז געשען אום האַלבער נאַכט.

סנחריב און זיינע חילות זיינען געפאַלן ביינאַכט,
בל און זיין היכל האבן זיך געקניט אין פינסטערניש פון נאַכט,
דניאל׳ן איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער סוד אין זעאונג פון נאַכט
און ס׳איז געשען אום האַלבער נאַכט.

בלשצר, וואס האט געשיכורט פון די הייליקע כלים ביינאַכט
איז דערהרגעט געוואָרן אין דער זעלביקער נאַכט,
דניאל אין לייבנגרוב האט באַשיידט די שרעק־חלומות פון נאַכט,
די שנאה האט המן געהיט און געשריבן זיינע גזירות ביינאַכט,
און ס׳איז געשען אום האַלבער נאַכט.

האסט דיין צאָרן דערוועקט אין פאַרוואַגל פון שלאָף פון דער נאַכט,
זאָלסט טרעטן דעם שונא אַזוי ווי אין קעלטער די טרויבן מיט מאַכט,
ער שרייט: ס׳איז געקומען פרימאָרגן און ס׳איז אויך געקומען די נאַכט,
און ס׳איז געשען אום האַלבער נאַכט.

דערנענטער דעם טאָג, וואָס איז ניט טאָג און ניט נאַכט,
לאָז וויסן, אַז דיינס איז דער טאָג און דיינס איז די נאַכט,
שטעל וועכטער אַוועק פאַר דיין שטאָט דורך טאָג און דורך נאַכט,
לייכט אויף ווי מיט טאָגליכט דעם חושך פון נאַכט,
און ס'איז געשען אום האַלבער נאַכט.

אלעזר הקליר

ליטורגישער פּאָעט, תלמיד פון ינאי. געלעבט אין דרום ארץ־ישראל ביים סוף פון 7־טן יאָרהונדערט. אין פאַרשיידענע מחזורים זיינען פאַראַן איבער 200 פּיוטים, וואָס געהערן צו אים. צוליב זיין שווערן האַרטן סטיל איז ער אָפט פאַרשריען און אויסגעלאַכט געוואָרן אַלס פּאָעט. דער אמת אָבער איז, אַז גאַנץ אָפט רייסט זיך דורך פון זיינע לידער אַ פלאַמיקער פּאַטאָס און עכטע פּאָעטישע וויזיעס.

אין דער נאַכט פון תשעה באב

אין דער דאָזיקער נאַכט —
וויינען ביטער מיינע קינדער און ברעכן די הענט;
אין דער דאָזיקער נאַכט —
איז חרוב געוואָרן מיין הויז, מיינע פּאַלאַצן פאַרברענט;
און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל קלאָגט אויף זיינע וואונדן
און באַוויינט די שׂרפה, וואָס גאָט האָט אָנגעצונדן.

אין דער דאָזיקער נאַכט קלאָגט די אָרימע, עלענד־געבליבענע,
און ביי איר פאָטער'ס לעבן פון זיין הויז פאַרטריבענע —
איז אַרויס פון זיין הויז און די טיר האָט זיך צוגעשלאָסן,
איז אַוועק אין געפאַנגענשאַפט און ווערט געגעסן מיט'ן פולן מויל,
ס'איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ בייזע, אַ פלאַמיקע קויל —
אַ פייער איז פון גאָט געוואָרן אַרויסגעלאָזן!

אין דער דאָזיקער נאַכט —
האָט זיך צעגאָסן אויף מיר אַ גזר־דין און אַ צאַרן,
דאָס ערשטע און צווייטע הויז מיינע זיינען חרוב געוואָרן!

אלעזר הקליר

און די נישט־דערבאַרעמטע טאָכטער, און די טאָכטער די צעלאָזענע —
אָנגעטרונקען מיט גאַל־וואַסער און געבליבן אַ פאַרלאָזענע;
איז פאַרטריבן פון זיין הויז און זיך אַן גוטס פאַרגעסן,
ס׳איז גרעסער די שנאה פון זיין פריערדיקער ליבע,
אַ לעבעדיקע אלמנה, אַ פאַרלאָזטע, אַ טריבע, —
און ציון האָט געזאָגט: עס האָט גאָט מיך פאַרגעסן!

אין דער דאָזיקער נאַכט —
זיינען פינצטער געוואָרן און שוואַרץ די לבנה און שטערן,
אויפ׳ן חורבן בית־המקדש און מיין מזל דעם שווערן.
אין דער דאָזיקער נאַכט האָבן די ליידן מיך געטאָן דעריאָגן,
און גאָט האָט באַשטימט זי פאַר פינף ביטערע גזרות; *)
געוויינט אָן אומזיסטן געוויין — און ס׳איז געבליבן אויף דורות **)
די שעה פון גאָט׳ס צאָרן האָט געשלאָגן!

אין דער דאָזיקער נאַכט —
זיינען פינף אומגליקן געשען מיט אונז אויף דער וועלט —
ער האָט נישט צוגעהערט צו די אבות, ווען זיי האָבן זיך איינגעשטעלט;
ס׳האָבן זיך באַהעפט אין דער נאַכט אַלע אומגליקן, לייד,
איז פון אייביק געווען שוין אויף אומגליק געגרייט.
דער שונא האָט זיין ביטער און מיאוס געשריי געגעבן:
היינט איז דער טאָג, וואָס גאָט האָט געגעבן!

---

*) אום תשעה באב איז אַרויס די גזרה אויפ׳ן דור־המדבר, אַז זיי זאָלן ניט אַריין אין לאַנד, דער חורבן פון ערשטן און צווייטן בית המקדש, געפאַלן די שטאָט ביתר און ירושלים איז פאַראַקערט געוואָרן.

**) לויט דער לעגענדע, איז די מעשה־המרגלים פאָרגעקומען אום תשעה־באב, און דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט דאַמאָלס געוויינט אומזיסט — איז געבליבן אַ געוויין אויף דורות.

תשעה באב

דענסמאָל, ווען די שעה פון ירושלים האָט געשלאָגן,
האָבן ביטער מלאכים און שרפים געטאָן ברומען;
ווען ירמיה איז פון פּאַלאַץ אַרויס — איז אַ פרוי אַ שיינקייט,
אין איינגעשמוצטע קליידער, אים אַנטקעגנגעקומען:

— כ'בין גוזר אויף דיר איז נאָמען פון גאָט און פון מענטשן:
צי ביסטו פון פלייש און פון בלוט, צי אַ שד צווישן שדים?
ווייל שיין ביסטו, שיין, מיט'ן אויסזען פון מענטשלאַכע טעכטער,
נאָר פורכטבאַר ביסטו ווי אַ מלאך, כ'באַשווער דיך, זאָלסט ריידן.

— איך בין נישט קיין שד און בין אויך נישט קיין מענטשלאַכע טאָכטער,
באַקאַנט מיט מיין שטילקייט און גוטס צו דעם מענטשן דעם שיינעם;
געהערן — געהער איך צו די דריי, צי די איינס־און־זיבעציק,
צו די צוועלף, און די זעכציק, און צו דעם איינעם:

דער איינער — געוועזן איז דער פאָטער אברהם,
און דריי — די דריי הייליקע אבות, דריי ליכטער;
צו די צוועלף — צוועלף געטלאַכע שבטים, און זעכציק רבואס,
און די זיבעציק איינס — די סנהדרין, די ריכטער.

— הער צו, וואָס איך רייד און טו תשובה, מיין טאָכטער,
דערפאַר וואָס דו ביסט אַזוי טייער און איידל;
דו האָסט דאָך גאָר פרייען באַדאַרפט זיך אין כבוד און גדולה,
מ'זאָל מער דיך נישט רופן צעלאָזענע מיידל.

— ווי זאָל איך מיך פרייען, מיין קול גאָר אויפהויבן,
אַז שונאים האָבן מיינע קינדער געטאָן צעשפרייטן —
מיינע נביאים געטויט, זייער בלוט פליסט אין גאַסן,
מיינע מלכים — אין גלות, געשמידט אין קייטן.

מיין הייליק הויז איז, צוליב מיינע זינד, פאַרשוואונדן,
מיין געליבטער איז פון מיר אַוועק, אויסגעוואַנדערט און פאַרטריבן;
מיין געצעלט איז דורך געוואַלט צערויבט געוואָרן,
און ירושלים איז איינזאַם זיצן געבליבן.

און ווידער האָט די פרוי צו ירמיה הנביא גע'טענה'ט:
זאָלסט צו גאָט פאַר דער אָרימער און פאַרשעמטער בעטן,
ביז גאָט איז הימל וועט ענטפערן און זאָגן: „גענוג שוין!‟
און פון שווערד און גלות וועט ער מיינע קינדער רעטן.

אלעזר הקליר

האט ירמיה זיך געשטעלט אין תפילה פאר זיין באשאפער:
„אל רחום וחנון, האב רחמנות אויף דיינע קינדער!"
האט מען געענטפערט: „ווי צום טאטן, וואס האט זיין קינד פארטריבן,
און ווי צום קינד, פאריאגט פון טאטנ'ס טיש אצינדער.

שטיי אויף, ירמיה מיין קינד, וואס טוסטו טון שווייגן —
רוף צו די אבות און משה ואהרן און לאז זיי וויסן:
זאלן די פאסטוכער קומען און א קלאג אויפהויבן,
די בייזע וועלף האבן דאס שעפעלע צעריסן!"

האט ירמיה הנביא זיך פאנאנדערגעשריען,
איבער דער מערת המכפלה, ווי א לייב, זיך פארגאנגען:
„פאטערס פון דער וועלט, שטייט אויף, לאזט אייערע קולות הערן,
אייערע קינדער זיינען אין שווערן גלות געפאנגען!"

„אויב זיי האבן, ווי א מענטש, דעם בונד מיט גאט איבערגעריסן,
וואו איז אייער זכות און בונד, וואס ער האט מיט אייך פארשניטן?"
און ער האט געענטפערט: „וואס זאל איך טון, קינדער מיינע,
אזוי איז מיין גזר — און ס'קען נישט ווערן פארמיטן!"

דאס הויז איז חרוב, קיינער קומט נישט צו יום־טובים,
דאס לאנד איז וויסט, פאר אונזער זינד, דאס הארץ טוט ברומען:
א, גרויסער גאט, מיין שיצער און מיין שטיצער, העלף אונז,
דערבארעם ציון, ווייל איר צייט איז שוין געקומען!

די תפילה פאר רעגן

פינקלט אין מורא דער בליץ, אויפצובליצן די ערד, וואס לעכצט נאך וואסער.
ברומט מיט'ן שטורעם דער דונער, וואס דונערט איבער'ן וואסער;
וואלקנס און ווינטן — זיי לויפן פאראויס פאר'ן וואסער,
ווי זיי וואלטן געקומען פון וואסער און קערן צוריק זיך צום וואסער.
גאט האט געגעבן געוויכט צו די ווינטן צו פירן דאס וואסער,
געגעבן א מאס יעדן לאנד, וויפיל ס'זאל קריגן פון וואסער.
וואלקנס און בליצן און כמארעס און נעבלען און לאגלען מיט וואסער,

אלעזר הקליר

פליען און שוועבן אַריבער דעם מעכטיקן אויסשפּרייט פון הימל,
ביז זיי באַקומען רשות אויסצולײדיקן פון זיך דאָס וואַסער.
עפּענען זייערע מײלער ווי לאַגלען און שעפּן פון ים׳ען — דאָס וואַסער,
פליען אין לופט צו פאַרזיסן ס׳געזאַלצענע וואַסער,
און קערן זיך ווידער דערנאָך זיך אָנצעזויגן מיט וואַסער.
זיי טרינקען דעם מדבר אָן, מאַכן אים ווייך מיט׳ן פליסן פון וואַסער;
צום קלאַנג פון די הימל׳שע רינעס, וואָס שטראָמען מיט וואַסער,
ענטפערן תהום׳ען אַנטקעגן און לעכצן נאָך וואַסער.
הויבן דאָס קול אויף צו אים, ווען עמעצנס קול עס גייט איבער׳ן וואַסער,
דונערן לידער צו אים, וואָס דונערט איבער׳ן וואַסער.
קומט רעגן — זינגט אַלץ אַ געזאַנג צו אים, וואָס האָט געמאָסטן דאָס וואַסער.
גאָט׳ס אָנטאָן איז ווייס, ווי דאָס שוימיקע שנייאיקע וואַסער,
געגליכן די פּראַכט פון זיין קול צום׳ם קול פון פיל וואַסער.
געמאָסטן, געוואויגן, געשניטן און אויפגעבראַכט וואַסער,
און איינגעטיילט איטלאַכן טאָל מיט די קוואַלן פון וואַסער.

מתן־תורה

...סיהאָט גאָט זיין מאַכטיק קול אַרויסגעלאָזן
און קוילן האָבן זיך אין פלאַמען אויפגעבלאָזן;
די פלינקע בליצן זיינען אומגעפלויגן,
די הימלען האָבן געדונערט, זיך געבויגן;
די ערד האָט זיך געשפּאָלטן, זיך צעשפּליטערט,
אין אימה האָבן פעלקער אויפגעציטערט;
לבנון און שריון האָבן ווי קעלבער געשפּרונגען,
דער כרמל און בשן האָבן זיך צעזונגען;
דער תבור און אַלע באַרגיקע שפּיצן
זיי האָבן נאָך כבוד געיאָגט זיך, געריסן;
נאָר גאָט, וואָס זיצט הויך, קוקט אַרונטער אין נידער,
פאַרשעמט ניט דעם אָרימען סיני אין ציטער;
דעם הימל צום סיני האָט ער געטאָן בויגן,
ער האָט אים מיט נעפּלען און וואָלקנס פאַרצויגן;
ער האָט צו זיין פאָלק זיינע רייד געמאַכט הערן,
געשפּאָלטן די בערג און געטאָן זיי צעשטערן.

אמתי בן-שפטיה

געלעבט אין איטאַליע ביים סוף פון 9טן יאָרהונדערט. זיין רעליגיעז ליד „אזכרה אלוקים ואהמיה" איז איינס פון די פיינסטע פּערל פון דער ליטורגישער פּאָעזיע. זיין פּאָטער, שפטיה, איז געווען איינער פון די ערשטע פּאָעטן אין איטאַליע.

אַ פריילאַכס

(לכבוד דעם פּאָעט׳ס שוועסטער, קאסיא, אין טאָג פון איהר חתונה)

דער האַר, וואָס האָט באַשטימט פון אַנהויב־אָן דעם סוף פון צייטן,
וואָס זיין באַפעל וועט זיך אייביק אין וועלטן נישט בייטן,
זאָגט: מיין וואָרט וועט שטיין ביז אין וויטסטע אייביקייטן.

ווען באַשאַפן חתן־כלה איז אים אויף דער מחשבה געקומען,
האָט ער פריער איינריכטן נייע תיקונים זיך גענומען,
צו לערנען די חתונה־מינהגים צום מענטשן צום פרומען.

צוערשט האָט ער דאָס הויז מיט אַ דאַך געטאַן פאַרבינדן,
זייער חתונה־הויז געבויט און געטאַן עס באַגרינדן
און אַ ליכט צו באַלייכטן די סעודה געטאַן צינדן.

אויפ׳ן צווייטן טאָג אָפּגעצאַמט שיינע, געראַמע חדרים,
און צום שפּילן און פּייקלען אַנגעגרייט כלי־זמרים,
און אַנגעהייצט אַן אויוון פאַר רייך און פאַר אָרים.

אויפ׳ן דריטן אויפגעשטעלט אַ טעאַטער פאַר די שפּילער,
און האָט אויפגעשפּראָצט בוימער, ס׳זאָל זיין אַ שאָטן אַ קילער,
אַ לוסטגאָרטן געמאַכט, און ס׳איז געווען אַ גן־עדן אַ שטילער.

אויפ׳ן פערטן אַנגעצונדן צוויי ליכט, ווי די לאַמטערן,
אַז זיי זאָלן פון ווינט און פון רעגן פאַרלאָשן נישט ווערן,
און פאַר שיינקייט, ווי עפּל אין אַ סוכה, די ליכטיקע שטערן.

אויפ׳ן פינפטן האָט ער באַשטעלט מינים פויגלען און פישן,
פאַר זקנים פאַרצערטלטע געגרייט פולע טישן,
מיט׳ן פיינעם לויתן זיך צו קוויקן און דערפרישן.

אמתי בן־שפטיה

אויפ׳ן זעקסטן אַלע מינים חיות און בהמות צענויפגענומען
געריכטן צו מאַכן, געשמאַק און באַ׳טעמ׳ט פאַר גומען,
דעם שור־הבר פאַר צדיקים באַהאַלטן, ווען משיח וועט קומען.

האָט דער גוטער געזען, אַז אַלץ איז פיין און געראָטן,
אַז אַלע מינים עסן זיינען אין די טישטוכער אַנגעשאָטן,
און חתן־כלה זיינען נאָך אַלץ אונטער דער חופה נישט אויפגעטראָטן —

האָט ער מיט די שטראַלן פון דער זון אָפ׳געטובל׳ט דעם חתן,
פון דער ערד ביז צום הימל אים אויפגעהויבן אין שיין באַגאָסן,
דערנאָך, הונדערט איילן די הויך, אים אַרונטערגעלאָזן.

האָט ער אויפגעשטעלט צוועלף חופות, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין שטראַלן,
פון רובינען און גינגאָלד, פון ברילליאַנטן און אָפּאַלן,
און אַלע מלאכים האָבן „בואך לשלום!“ געטאָן שאַלן.

דערנאָך האָט ער אין חתנ׳ס קאַמער אים געטאָן פירן.
אים פאַרשלעפּערט, גענומען אַ ריפּ, ווי אַ מיידל גענומען פאַרצירן,
געוואַשן, פאַרפלאָכטן די האָר און מיט אייל געטאָן שמירן.

האָבן מחנות מלאכים איר געפירט מיט געזאַנג פון זיינעטוועגן,
די באַדינער זיינען שורות׳ווייז געשטאַנען אויף אַלע וועגן
און זון און לבנה האָבן, ווי מיידלאַך, איר געטאַנצט אַנטקעגן.

האָט לייטזעליקייט ביי איר חתן אין די אויגן געפונען די כלה,
און גאָט אין זיין כבוד האָט זיי געבענטשט מיט אַ ברכה לויט זייער מעלה,
און אַלע האָבן געענטפערט: זאָל זיך פרייען דער חתן מיט זיין כלה!

און געהייסן די סאַרווער טישן פון פערל צעשטעלן,
אַרומגעשטעלט ביינקלאַך און שטולן פון רויטע קאַרעלן,
די פליישן צו עסן און ווייגען צו טרינקען — זיך וואוילגיין און קוועלן.

און נאָך אונטער דער חופה זיי אויפ׳ן עץ־הדעת אַנגעוואַונקען,
נאָר זיי האָבן נישט געפאָלגט, און וואָלטן אין גיהנום פאַרזונקען,
ווען נישט דער מזמור שיר ליום השבת, וואָס זיי האָבן געזונגען.

איז געקומען די קללה פון אַפּבליען, וועלקן און דאַרבן,
און פון דענסמאַל ביז היינט, דור פון צווייטן טוט אַרבן:
זיך צו פּרוכפּערן, מערן — און זייער סוף איז צום שטאַרבן!

אַ סליחה

סיברויזט אויף דאָס האַרץ אין מיר, ווען איך דערמאָן מיין גאָט,
כ׳זע אויפגעריכט און שטאָלץ און רייך איז יעדע שטאָט;
נאָר דיין שטאָט ליגט אין אַפּגרונט טיף, אין טיפן שטויב,
און דאָך, אויף דיר נאָך קוק איך אויס און האָף און גלויב.

דו באַרמהאַרציקייט, נעם דו פאַר אונז זיך אָן,
נעם אונזער תפילה, טראָג זי צו דיין בורא׳ס טראָן;
בעט רחמים פאַר דיין פאָלק ישראל, בעט, ווייל קראַנק
איז יעדן איינעמס האַרץ, פאַרפינצטערט דער געדאַנק.

איך בוי אויף דרייצן גוטע ווערטער פון גענאָד,
אויף טרערן, וואָס קיין טויער שליסט ניט אויס פון גאָט.
פאַר אים, וואָס ווייסט מיין האַרץ, טוט גיסן זיך מיין וויי,
געשטיצט, געזיכערט אויף זכות־אָבות און אויף זיי.

דער, וואָס פאַרנעמט געוויין פון הימלס העכסטער הויך,
אין טרערנלאָגל טו אַריין די טרערן אויך.
באַשיץ פון בייזע גזירות אונז, פאַרהיט פון צער —
ווייל דו אַליין ביסט אונזער האָפנונג, אונזער האַר.

(א. ש. שוואַרץ)

רב סעדיה גאון

געבאָרן אין פיום, עגיפטן, אין יאָר 892. אין עלטער פון 36 יאָר גערופן געוואָרן צו פאַרנעמען דעם אַמט פון גאון אין דער באַבילאָנישער גרויסער ישיבה פון סורא. זיין טעטי־קייט איז גרויס און פילזייטיק. איבערגעזעצט דעם חומש אין אַראַביש, געשריבן פירושים אויף דער תורה, ספרים

סעדיה גאון

וועגן הלכה און פילאָזאָפיע; זיין באַרימטסטע ווערק איז זיין ספר „האמונות והדעות״. געשטאָרבן אין יאָר 942, אין עלטער פון 50 יאָר.

דעם מענטשנ׳ס לעבן

א.

אויב לויט דיין בחירה, מיין גאָט, אין דעם אָרימען מענטשן —
איז ער גרויס און דערהויבן, און וואָס איז צו זוכן חסרונות?
אויב אָבער לויט זיין געבוי און געוועב — אַ ליימענער שאַרבן,
קוואַלן פון בלוט און פון ליחות, אַ וואַוינפּלאַץ פאַר ווערים.
מיין גייסט ווערט געפאַלן, ווען כ׳קום פון זיין אויפטו דערציילן,
עס ווערט מיין נשמה געבויגן, ווען כ׳טו זיינע מעשים דערמאָנען.
ווי זאָל ער אויסקומען מיט זיך, ווי זאָל ער מיט זיין בורא אויסקומען!
זיין האַנט איז אויף אַלץ, און ס׳איז אַלצדינג אויף אים צו פאַרדאַרבן.

ב.

זיין איטלאַכער טריט אין דער וועלט פאַלט אויף שטעכיקע דערנער,
ער שפאַנט יעדן טאָג פון זיין נישטיקן לעבן אויף נעצן;
האַגל און טויטלאַכער שטורעם, פלאַקער און בראַנד פון מדבריות,
צווישן גליענדיקע לייבן — ווי מוזן די אויגן זיין אָפן!
בריקעט זיך, ווען ער איז זאַט, הונגערט ער — איז ער אין צאַרן,
ווייסט נישט פון מנוחה ביינאַכט, ווייל זיין טאָג איז בלויז שנאה און ווייטיק,
די וועלט איז אים ווייניק, ווען קאַרגע פיר איילן וואַלטן קלעקן —
וואַלט ער געדיינקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פאַר׳ן בורא!

ג.

די גאווה פון האַרץ טרייבט אים אַז איבער וואָלקנס צו שוועבן,
זעט אַלצדינג פון אויבן אַרונטער און פאַלט אין דער נעץ אַריין פלוצים!
ער פרעגט ניט ביי קיינעם קיין עצות, בלויז ער און זיין עצה איז גילטיק,
דער סוף זיינער איז, אַז ער ווערט צו זיין פינצטערן קבר געטראָגן.
אַ שמוציקער חומר זיין גוף, אַ פאַרגליווערטער אויסגוס,
ווערט ער פון בויך אויסגערונען — ווייסט קיין מוטערמענטש נישט;
קניט זיך זיין מאַמע אין ווייען, פאַלט ער אַרויס אויפ׳ן קעפּל —
איז ס׳פאַלן זיין קראַנקהייט, ער וועט שוין נישט האָבן קיין תקומה.

ד.

עס טרייבן אים זיינע דערציער, אים מוסר צו לערנען —
אומזיסט אָבער אַלע יסורים, ער נעמט נישט אַראָפּ זיך קיין מוסר.

זוכט זיין גאַניץ לעבן צו וויסן — דאָס וויסן איז ווייט פון אים אָבער,
דער זין פון זיין לעבן און וועלט איז צו הויך, און ער קען נישט באַנעמען
צו וויסן, וואָס מאָרגן וועט טרעפן — פון אים איז פאַרהוילן,
דאַרום איז זיין האַרץ פול מיט פחד און טרויער און ווייטיק!
ס'לעשן זיך אַלע געדאַנקען, ווען פּלוצים דאָס אומגליק באַפאַלט אים:
וואָלט ער געדיינקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פאַר'ן בורא!

ה.

אַ צרה אויף אים איז די תאווה פון טעגלאַכן עסן,
אַזוי ווי די ווילדע אין וואַלד פּאַקט ער אַן וואו אַ לאַד מיט פאַרצוקונג:
תבואה און פּרוכט, אַלץ, וואָס לעבט אויף דער ערד און וואָס שווימט אינ'ם וואַסער,
און ער ווערט נישט זאַט, ווי דער טויט. און ס'איז אַלץ נישט גענוג אים,
פּלאַנט ווי צו רויבן באַנאַכט און פירט עס אַדורך אין פרימאָרגן:
פּעדערט זיך פּרי, הילט זיך איין אין די כלים פון רויב און אכזריות.
ער טראָגט אויף די ליפּן אַ שמייכל, כדי נאָך דעם צווייטן צו נאַרן:
פּרוביר אים, וועסט זען: ס'איז אַ זילבערנע כלי מיט צין אַ באַדעקטע!

ו.

ס'טרעפט אים דאָס גליק, ווען ס'געלינגט אים פון אמת אַנטלויפן,
גיט זיך אַ ליגן אים איין — איז אַ שמחה אויף אים און אַ גדולה.
וואָס איז מיט'ן מענטשן, ער זאָל מיט זיין אייגענעם אומגליק זיך פרייען?
וואָלט ער בלויז פאַרשטיין: ס'איז גענוג, וואָס דו ביסט אים מפרנס!
ווען ס'פּלאַצט אים דער בויך און זיין מיסט טוט זיין פּנים פאַרשפּריצן,
ווי איינער זאָגט: שוטה, אַט האָסטו צוריק גאָר דיין גנבה און גזילה —
פאַרשווינדט דאָס פאַרגעניגן פון רייכקייט און זינד פון נשמה בלייבט איבער:
וואָלט ער געדיינקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פאַר'ן בורא!

ז.

דער צאָרן און כעס זיינען אייביקע שונאים פון מענטשן:
זיי מאַכן אים שטרויכלען אין נעץ פון ארבע מיתות בית־דין.
צעברענט, פאַרלאַשן, צעטומלט, ווי ער וואָלט אויף אַ חיה אַ ווילדער געריטן,
אַזוי ווי אַ שיף, וועלכע וואַרפט זיך אויף בייזע צעשטורעמטע ים'ען.
זנות טוט באַצווינגען זיין האַרץ, אומצוכט פאַרווישט גאָר זיין חכמה,
ער פליט ווי אַ פויגל אין נעץ, ס'ווערט זיין ריינע נשמה געפאַנגען.
עס ציטערן אויף זיינע גלידער פאַר יעטווידער פרעמדער,
דער שלאָס פון זיין לייב אויפגעריסן — און האַלט נישט צוריק זיך פון טומאה.

ח.

שאַרט פייער אין אייגענעם שויס און ער שפּירט נישט, די קינדער
זיי טראָגן די משא פון טאַטן — און ער האָט אויף זינד נישט חרטה.
אַ פייל שפּאַלט אים דורך זיינע לונגען, זיין טרייב־פעדער שמוציק,
ברעכט ער די הענט און באַקלאָגט די צעגאַסענע כוחות.
זיין תאווה פאַרשווינדט אין איין רגע, זיין שאַנד בלייבט אויף אייביק,
פאַרדינט האָט ער טויזנט מאָל כרת — און וואָס קומט אַרויס פון דעם
אַלעם
באַהאַלט זיך פון מענטשנ׳ס אויגן — גאָט׳ס אויג אָבער זעט דאָך אים
תמיד —
וואָלט ער געדיינקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פאַר׳ן בורא!

ט.

פאַרשולדיקט מיט רויב זיין נשמה און טיילט מיט׳ן גנב זיין גנבה —
אַ קללה זאָל קומען אויף אים מיט זיין האַלץ און זיין ציגל אינאיינעם!
ער אַקערט דאָס פעלד דאָס גערויבטע, ער מערדערט און ירשנ׳ט,
פאַרשאַלטן זאָל ווערן זיין חלק, ווי נבות׳ס, אין טאָל אין באַטריבטן!
ביושים,
נאָך איידער ער הערשט — גייט פאַרלוירן דער הערשער מיט חרפּות,
דער נאַר טראָגט זיין חרפּה אין האַרץ, נאָר ס׳אַנטפּלעקט זיך פאַר אַלעמענס
אויגן;
זיין האַרץ ווערט צעשפּרונגען פאַר קנאה צו פריינט און צו נאָענטע,
דער טויט איז אַפילו אים ניחא, אַבי נאָר די פריינט זאָלן שטאַרבן!

י.

ער רייצט אויף מחלוקות און שטרעקט נישט קיין האַנט אויס דעם קריג
איינצושטילן,
ער בייסט שטילערהייט און ער טויט, ווען ער קען נישט צוריקגעבן לעבן.
טרינקט — ווערן אַזיערעס טרוקן, שעפּט אויס אַ טייך און ער רוט נישט,
דער קאַלד־אויוון, טרעפּט, הערט אויף רויכערן — נאָר ער האַלט אין
ברענען.
זיין צונג טוט אים פירן צום בראָך, ס׳שפּרייטן זיך קרעץ אויף זיין קערפּער,
כעס טוט אים נעמען זיין לעבן, שנאה דערברייינגט אים צום טויטן.
ביידע, דער בעל־מקנא און די קנאה פאַרשווינדן, ווי קיינמאָל געווען —
וואָלט ער געדיינקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פאַר׳ן בורא!

י״א

ער איז ווי אַ שווערד ווי אַ שאַרפער, בעת ער דערגרייכט צו ממשלה —
ער מוז זיינע דינער געפעלן — און קען זיי נישט שטעלן צעפרידן.
אַט קומט מען פון אַלע פיר זייטן, אַט האַלט מען אין איין זיך צעלויפן,
אויב גאָט זאָל זיין לעבן נישט היטן — טאָ ווער זאָל אים היטן?
ער איז אַ פאַרמיטלער צווישן זיין גאָט און זיין פאָלק און זיין רצון,
זיין האַלז ווערט אים טרוקן פון שרייען, זיין האַרץ ווערט פאַרברענט פונ׳ם
פייער,
באַפאַלן פון אַנגסטן און מורא, עס זאָל נישט געשען אַ מרידה —
דער שטראָם טוט אים פלוצים פאַרשטראָמען — און וואו איז זיין כבוד
און גדולה?

י״ב

איז גלייך צו אַ פעלד אַ פאַרטריקנט, אויב קינדערלאָז איז ער אין לעבן,
ער וויינט און גיסט טרערן צום הימל אין תפילה פאַר קינדער.
ס׳רוב קינדער, זיי זיינען אַ צער נאָר; וועלכע פון שווערד טוען פאַלן
און וועלכע פון קראַנקהייט — אומזיסט נאָר זיין מי און די פלאָגן!
האָט מורא, דער זון וועט אַוועקגיין אויף שלעכטע, אויף זינדיקע וועגן,
די טאָכטער — פאַרשוועכט פון איר ריינקייט, אויף לייטיש געלעכטער.
וואַקסן זיי אויס — האָט ער צער, ער פאַרשטייט נישט די אייגענע
קינדער —
וואָלט ער געדיינקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פאַר׳ן בורא!

י״ג

ווען עמיץ וואָלט אים אַנגעזאָגט אין יוגנט, אַז ער וועט זיך עלטערן,
וואָלט ער געפרייט זיך זייער שטאַרק, וואָס ס׳ווערט זיין וואונטש מקוים;
דערגרייכט ער צום פאַרהאַפטן טאָג און איז נאָך ביי די כוחות,
דאַן קומען ערשט די שלעכטע טעג און יאָרן אָן שום האָפענונג.
די וועכטער פון זיין בנין זיינען שוואַך, זיינע חיילות צעטרייסלט,
די מאָלערס זיינען שלעכט און ווינציק, זיינע קוקערס — טונקל,
ער שרעקט זיך פאַר׳ן פויגל׳ס קול, און ס׳ציטערן די ליפּן —
וואָלט ער געהאָפט צו גאָט — וואָלט ער אים נישט פאַרלאָזן אויף דער עלטער.

י״ד

אין יוגנט האָבן פיילן פונ׳ם בלוט און תאווה אים פאַרוואונדעט,
איצט טרינקט ער זייער צאָרן אויס — די נאָכווייען פון יוגנט.

די מוסקול־בענד פון האַרץ זײַנען צעלעכערט פון דעם קאַד פון בלוט,
ער קלאָגט אויף זײַן געלעגער, נאָר ער רופט נישט גאָט, זײַן שלעגער.
ער שלעפט זיך ווי אַ קראַנקע טויב, ער פּישטשעט ווי אַ פויגל,
דערזעט ער, ס׳ווערט אים לײַכטער — ווערט ער פונדאַסניי אַ מורד.
ער אײַלט זיך פון דער וועלט גיין, ווי געקומען, אָן נחמה און אָן האָפענונג.
וואָלט ער געדײַנקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קלײַן פאַר׳ן בורא!

ט״ו

שוין אַלט און שוואַך איז ער נאָך אַלץ צעקלאַפּט פון פוסטער תאווה,
פאַרגייט אײַן צרה — קומט אַ צווייטע, און ער לויפט אין שרעקן.
די מאָל פרעסט אים אויף ווי וואָל, קראַנקהייט פאַרצערט אים, צעפּוילטקייט,
זאַט מיט טעג — פול מיט ווייטיק, וויײניק — זײַנען זיי שלעכט און ביטער.
משפחה איז נאָך שטאָלץ מיט אים, ווען ער איז אויפגעלייגט לפנים,
נאָר ס׳ווייסט זײַן האַרץ זײַן ביטערניש און יאָד און זײַנע פּלאָגן.
ער שפּאַנט, אַ סטאַנציע נאָך אַ סטאַנציע, צו אַ לאַנד אַ פינצטערע,
אַרויסגעשלעפּט פון אַלץ, וואָס איז פאַראַן, פון פאַרגעניגן און געפילן.

ט״ז

עס קומען אויף אים די יסורים, פּײַן פון טויט און זײַנע שרעקן,
ער טרינקט פון דעם ביטערן בעכער און שלינגט זײַנע שערבלאַך;
זײַן בלוטגעפעס פול איז מיט גיפט, מיט גאַל אַנגעטרונקען די ביינער,
עס לעשט זיך זײַן ליכט און נעמט צאַנקען, נשמה פאַרציט זיך מיט וואָלקנס.
זײַן זילבערנע שטריק רײַסט זיך איבער, זײַן גילדערנע קרוין ווערט פאַרפינצטערט,
דאָס וואַסער גייט אויס פון זײַן ים און זײַן לויטערער גאָלד איז פאַרטונקלט.
ווער וואָלט די ערד פון די אויגן אים אָפּשאַרן, ער זאָל דאָס צוזען:
וואָלט ער געדײַנקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קלײַן פאַר׳ן בורא!

י״ז

פאַרפליט די נשמה אַהין — צום געלעגער, וואָס זי האָט זיך אויסגעבעטעט,
אין לעבנסבונד — אויב זי איז ריין, אין כף־הקל — אויב זינדיק;
אָפּגעטײַלט פון איר אײגענער שייד, היינט ווי שוין פון פרײַנט און ברידער,
איז אויך דאָס ביטער: זי בלײַבט איבער ווי אַ פאַרוואָגלטער פויגל.
זײַן שוואַכער פאַרצערטלטער פגר, וואָס ער האָט געכאַוועט ביים לעבן,
איז מיאוס און טרינקט זיך אין קויט און ס׳וויינט די נשמה אין טרויער.
ווער וואָלט זײַן לבוש אָפּגעדעקט, אין זײַנע פיר אײַלן געשטאַנען,
און ווער קען זײַן ריח פאַרטראָגן, ווען ס׳קומט דער טאָג פון חשבון?

י״ח

גאָט רופֿט דעם הימל אויבן און ערד אונטן צו משפּט׳ן לייבער,
זאָגט צו דעם מענטשן זיין גזר און דערמאָנט אים, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן.
געפֿינט ער אַ זכות פֿאַר דער נשמה — לויכט זי אין ליכט פֿון דעם הימל.
האָט זי קיין זכות נישט — וועט זי אויף דער פֿינצטערער ערד נע־ונד זיין.
נאָר אויב זיינע זינד זיינען גרויס און ער טוט נישט קיין תשובה —
ווערט אים זיין פּנים פֿאַרשוואַרצט, ברענט אים דאָס העלישע פֿייער,
זעען זיין בראַד זיינע אויגן, קריצט מיט די ציין, ווערט צעשמאָלצן:
וואָלט ער געדיינקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פֿאַר׳ן בורא!

רב האי גאון

דער לעצטער גאון פֿון פּומבדיתאַ׳ער ישיבה אין בבל. גע־שריבן פּירושים אויפֿן תלמוד, געמאַכט אַ ווערטערבוך פֿון תנ״ך, תרגום און תלמוד. האָט זיך פֿיל אָפּגעגעבן מיט פּאָעזיע. געווען איינער פֿון די ערשטע איינצופֿירן די אַראַ־בישע מעטריק אין דער העברעאישער פּאָעזיע. געשטאָרבן אין הויכן עלטער אין יאָר 1038, און דער דעמאָלט יונגער שלמה אבן־גבירול האָט אים מספּיד געווען אין אייניגע לידער.

סליחות

א.

אוי, ווער איז האַרטער, שטרענגער פֿון אַ טאַטן,
וואָס איז אַ שונא זיינע קינדער אייגענע געוואָרן?
ווען זיי קרענקען — קומט ער נישט מבקר חולה זיין,
און ווען זיי שטאַרבן — איז ער זיי נישט מקבר.
זיי זיינען מיאוס אים, ווי מיסט אויף וויסטע פֿעלדער,
און הייסט אפֿילו נישט צענויפֿנעמען די ביינער;
ער זעט, זיי זיינען רויב פֿאַר יעדן רויבפֿויגל געוואָרן —
און האָט קיין איינזען נישט, מיט ערד זיי צו פֿאַרשיטן.

ב.

ווען נאָך האָסטו פֿאַרלאָזן ביז אין אייביקייט,
אַז אונז האָסטו פֿאַרלאָזן ביז אין אייביקייט?
אויף ווען נאָך האָסטו אויף אייביק דען געצאָרנט,

אַז האָסט אויף אונז אויף אייביק בייז געצאָרנט?
צו ווען נאָך האָסטו געשיינקט אַ גלות אָן אַ גאולה,
אַז אונזער גלות זאָל צו יענעמ׳ס זיין אַ צווייטער?
און ווען אַנדערש האָסטו דור נאָך דור פאַרשקלאַפט,
אַז איך זאָל שווייגן און ניט בעטן דיין באַפרייאונג?
אַז אין מיין טיפסטן עלנט ווער איך אויסגעלאַכט מיט שנאה,
און אין מיין גרעסטן אומגליק האָב איך נישט קיין חנינה;
אַז פון אַלע צוואַנגס־פאַרשקלאַפטע בין איך דער בייזוואונדער,
און פאַר אַלע געפייניקטע בין איך אַ מוסר און אַ ביישפּיל?
פאַר יעדער מכה איז פאַראַנען אַ רפואה,
און אויך האָב איך געזען אַ סוף צו יעדער צרה —
פאַרוואָס־זשע האָט מיין גלות אַזוי לאַנג צעלייגט זיך,
און האָט פאַרברייטערט זיך, פאַרטיפט גאָר אָן אַ גרעניץ?
פון איין פּלאַץ צו דעם צווייטן ווערן מיר געטריבן,
אונז טרייסטן — איז אין ערגיץ נישט קיין מויל פאַראַנען;
טאָג־טעגלאַך גייט אַ ים איבער די קעפּ אונז,
און קיינער גיט קיין האַנט נישט אונז צו שטאַרקן.

ג.

זאָג צו אַלע פעלקער און פרעג ביי אַלע לענדער:
אויף וועמען האָט געצאָרנט גאָט, אויף וועמען האַלט ער כעס ביז אייביק?
גרויס און קליין וועלן דיר ענטפערן, שוואַך און אָרעם וועלן דיר זאָגן,
אַז עלנטער, געפאַלענער פון אונז איז נישט פאַראַנען.
וואָס מיר זיינען אַמאָל געווען — און וואָס פון אונז איז היינט געוואָרן,
די שאַנד פאַר אַלע פעלקער און די פלוך פאַר אַלע לענדער.
טמאים הויבן אויף אונז הענט און מיר טאָרן דעם קאָפּ נישט הויבן;
נבזים לאַכן פון מיין הייליקייט און נישטן חוזק׳ן פון מיינע גדולים.
געגליכן צו דעם נידעריקסטן טרעפּ, וואָס יעדער טרעט אויף אים.
איך טאָר מיין מויל נישט עפענען, איך טאָר אַ וואָרט נישט זאָגן.
ווער איז נאָך איינער אַ פאַרוויסטיקטער, ווי איוב? איך, דער בעל־חיוב!
פאַרגעסענער פון דין און משפּט, אַ נישט־דערמאָנטער פון רחמנות,
גאָט׳ס חסד האָט מיך פאַרנט, און אויך ער, דער קעניג, האָסט מיך,
ביז ער האָט מיך געזען אַ גע׳שחט׳ענעם און אויפגעפרעסענעם
און האָט אויף מיינע עסערס נישט געבייזערט זיך אפילו.

ד.

יאַ, עס דערנענט זיך דער ביטערער טויט — זיסער פון האָניק,
ווי קיין אַנדער אומה ולשון ביי אים אויף דער ערד,
איז איינאיינציקע אומה אים זיס, און דאָס איז גאָט׳ס אומה,
די קינדער פון די דריי אבות: אברהם, יצחק און יעקב.
זיי קוקן אויס די אויגן אויפ׳ן טויט — און ס׳קומט דער טויט נישט,
עס ווערט נישט זייער וואונטש דערפילט, און כדי ס׳זאָל זיי נישט אויספעלן
קיין צער און לייד — האָסטו זיי לאַנגע טעג געגעבן.
צעזייט איבער דער גאַרער וועלט אויף רויב ביי אַלע פעלקער,
עס פרעסט אונז מיט׳ן פולן מויל אַ מיאוס פאָלק און אַ געמיינס.
איידער פרס האָט אונז פאַרשטויסן, האָט אונז בבל אויפגעגעסן,
גריכן האָבן אונז פאַרשלונגען — און ישמעאל נישט אויסגעמייקעט.
אַז דו מאַכסט שווערער אונזער יאָך, אַז דו פאַרטאָפּלסט אונזער פּיין,
און אַז מיר האָבן נישט קיין כוח און קיין מוט אין לעבן —
ווי וועלן מיר דאָס לענגער קענען אויסהאַלטן?
איר איילט געשווינד, גייט צו מיין פאָטער אויף און זאָגט אים:
דיין קינד׳ס נשמה האַלט ביים אויסגיין — ווערסט דאַך קומען זען אים?
רייד צו דער ערד — וועט זי דיר ווייזן, ווי ער איז אַ נע־ונד׳ניק,
איר שטויב וועט דיר דערציילן, אַז ס׳איז אַנגעזאַפּט מיט זיינע בלוטן.
דיין פּנים צו די סטעפּעס ווענד — זיי זיינען דורכגעווייקט מיט זיינע טרערן,
מדבריות האָבן זיך צעבליט פון בלוט פון די הרוגים מיינע!
שטיי אויף און רוף צו גאָט! קלייב מיינע הרוגים צענויף און זאָג אים:
דו ביסט דאָך אַן אל רחום וחנון — ווי קענסטו דאָס צוזען?
דו האָסט זיי פאַראירט און פאַרווירט און נישט צום גוטן געפירט!
האָסט זיי געמאַכט ווי שאָף פאַר׳ן עסער, און זיי נישט באַגנאַדיקט;
צי אויך אויף דער אלמנה, ירושלים, האָסטו נישט קיין רחמנות,
און דיין חסד וויל אויף איר נישט קומען?!

ה.

ווילסטו נישט קומען צוהילף — זאָל דיין אָרים אונז העלפן!
דורך צער און צרות, וואָס דו האָסט מיר איינגעטיילט,
און מיט די זיפצן, וואָס דו האָסט מיך אָנגעלאָדן —
האָסטו די שונאים מיינע אויפגעהויבן, מיך — דערנידעריקט.
איך בעט דיך, קוק זיך צו, מיר זיינען דאָך דיין פאָלק צוזאַמען,
און קיינער איז נישטאָ צווישן מיינע פייניקער,

וואס זאל דיין נאמען רופן. כ׳שריי צו דיר,
ווייל זיי האבן מיין וועלט פארענגט מיט רשעות און פארטרונקען,
און דו האסט נישט באוויליקט מיין נשמה מציל זיין.
ווי לאנג נאך וועט זיך גיסן איבער מיר דיין ים פון צארן,
ווי לאנג נאך וועט מיך ברעכן און נישט אפלאזן דיין האנט ?
פארוואס, מיין גאט, זאלסטו אזוי באגיין זיך מיט דיין קנעכט ?
וואו נאך איז דא א פאלק, אויף וועלכן דו ביסט בייז,
און דאך זאל עס דיר דינען מיט לייב און לעבן —
מיר, דאס פאלק פון צארן דיינעם, דאנקען דיר ביז אייביק !
דער סוף : וואו נאך א פאלק א חוץ דיין פאלק ישראל,
וואס ווען דו פייניקסט אים — גיט ער דיר זיין ענטפער :
איך דאנק דיר, וואס דו האסט אויף אונז געצארנט !
זאלסט ווענדן זיך צו אונז, וואו נאר דו האסט פארשפרייט אונז,
און מיר, אין קנעכטשאפט, רופן בלויז צו דיר אליין נאר,
און גייען צוליב דיר אין פייער און אין וואסער !
נקמה נעם פאר אונזער בלוט און אונזער טרער און ליידן —
גאט ! פון בעכער, וואס מיין פיינט האט מיך געמאכט צו טרינקען,
זאלסטו אים נאך פארטרינקען און פאר׳שיכור׳ן, מיין גאט !

ז.

אוואו האט גאט פארווארפן און געלאזן זיין רחמנות ?
מיט וואס פאר שלעסער האט ער זיין גנאד פארשלאסן,
אז ער דערבארעמט נישט זיין אייגן קינד פון אומגליק ?
קומט נענטער צו און זעט : א טאטע וועט אליין אין שמאטעס אומגיין,
און זיינע קינדער אין די פיינסטע בגדים קליידן ;
פאר זיך אליין — איז אים גענוג א טעפל לינזן,
די קינדער שפייזט ער פון דעם שענסטן און דעם בעסטן,
פאר זיין אייגענער מאמע׳ס קינדער וועט ער קארגן,
פאר זיינע — שפרייט ער מיט די פולע הויפנס ;
אז זיינע קינדער זאלן נישט אין א מגפה אומקומען —
וועט ער זיין אייגן לעבן איינשטעלן אין קאן.
אז זיינע קינדער האבן זיך פאר אים פארזינדיקט —
דערוועקט ער באלד דערבארעמונג אין צארן.
צי קען געמאלט זיין, אז א פאטער זאל נישט האבן קיין רחמנות ?
און טוט א האר נישט חסד מיט זיין קנעכט ?

ש ל מ ה   י צ ח ק י

פאַרוואָס־זשע, אַז מיר בעטן, איז נישטאָ קיין חסד,
און אַז מיר וויינען, איז נישטאָ קיין רחמים?
מיר האָבן אַלץ געוואַרט און אויסגעקוקט די אויגן,
אַז ער זאָל זיין נקמה אויפוועקן — און ס׳איז אומזיסט!
פאַר זיינע אויגן זיינען מיר פאַרקויפט געוואָרן —
און ער האָט נישט געקויפט! מיר האָבן אַלץ געהאָפט,
ער וועט אונז געבן מנוחה — און מיר ווערן אַלץ
גע׳שחט׳ן פאַר די אויגן זיינע, און אים אַרט נישט!
האָסט אונז פאַרגעסן, גאָט, אין אייביקער פאַרגעסנהייט,
האָסט אונז פאַראומווירדיקט, ווי אַ נידעריקע אומה,
וואָס וועט נישט האָבן קיינמאָל מער קיין תקומה!
דו זאָלסט זיך אָנצינדן אין פלאַמען פון חנינה,
אויב ס׳ברענט נישט מער דאָס פייער פון רחמנות!
גאָט, ווען מיר קערן זיך צו דיר און טוען תשובה,
אַזוי זאָלסטו צו אונז דיין ליכטיק פנים קערן:
און אַז מיר וועלן זיך פון זינד דערווייטערן —
זאָלסטו זיך דאַן צו אונז דערנענטערן!

שלמה יצחקי (רש״י)

דער גרעסטער און באַרימטסטער תנ״ך־ און תלמוד־מפרש. געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1040 אין טרואש, הויפטשטאָט פון דער פראָווינץ שאַמפּאַני, וואו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1105. ער האָט זיך אָפּגערופן אויף דער נאַציאָנאַלער קאַ־טאַסטראָפע פון די ערשטע קרייצצוגן מיט זיינע סליחות און פיוטים.

אַ זמר פאַר שבת־צו־נאַכט

דער שומר זאָל מיין פינצטערע נאַכט באַשטראַלן,
ווייל אַן אימה׳דיקע פינצטערניש איז אַרונטערגעפאַלן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

מיר וואַרטן אויף ליכט, זאָל דאָס ליכט אונז געפינען,
ביז ס׳קומט אויף דער טאָג און די שאָטנס אַנטרינען —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

דערוואַך און צעשטראַל זיך, מיין ליכטיקער שטערן,
זאָל ליכטיק, זאָל ליכטיק און פריידיק נאָך ווערן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

אין אוונט — געוויין, אין פרימאָרגן — געזאַנגען,
שיק הילף אונז אין גלות אין פינצטערן, לאַנגן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

זע, עס האָט אונז די פינצטערע נאַכט פאַרנומען,
אין שעה פון דעם אוונט זאָל ליכט אויף אונז קומען —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

ער האָט אונז פון טויט־שרעק אַרויסגעצויגן,
באַשירעם, באַשיץ און לויכט אויף מיינע אויגן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

אויף גאָט׳ס ליכט טו איך גאַרן און וואַרטן און האָפן,
קומט גיין אין זיין ליכט, ס׳ליגט דער וועג פאַר אונז אָפן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

זאָלסט איילן צוהילף מיט דיין ליכט, וואָס פאַרבאָרגן,
זאָל גאָט זיין דאָס אייביקע ליכט אין פרימאָרגן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

שטיי אויף, לויכט, ווייל דיין ליכט איז געקומען אין פריידן,
און זאָלן פאַרשווינדן די גזרות אוןליידן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

באַשירעם, באַשיץ אונז פון די בלוטיקע שונאים,
גאָט׳ס כבוד האָט אויפגעשטראַלט, לויכט אונז אין פנים —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

משולם בן-קלונימוס

פון לוקא, טאָסקאַנער פראָווינץ, אין איטאַליע. געלעבט ביים סוף פון 10־טן און אָנהייב פון 11־טן יאָרהונדערט. ליטור־גישער פאָעט.

ברח דודי...

אַנטלויף, מיין געליבטער, צו דיין שטאָט ירושלים!
געדיינק אָן דיין ליבע, וואָס דו האָסט געטאָן שליסן,

שמעון בן־יצחק

און אויב מיר האבן דעם בונד מיט דיר צעריסן —
דעם אמת פון הייליקן ווארט זיי מקיים:
די פרייד פון דיין שטאט זאלסטו ווידער באנייען,
דו זאלסט זי דערפרייען און זאלסט זי באפרייען.

אנטלויף, מיין געליבטער, צו דעם פלאץ פון בטחון!
און אויב מיר האבן געטאן פון דיין וועג פארירן —
קוק ארונטער פון הימל, וואס דו טוסט באצירן,
און העלף אן אומגליקלאך פאלק און צעבראכן!
דיין צארן אין זיי זאלסטו איינהאלטן, שטילן,
און אונטער דיין פליגל זאלסטו זיי פארהילן!

אנטלויף, מיין געליבטער, צום פלאץ פון דיין שכינה!
און אויב מיר זיינען פון דיין גוטס אנטלאפן —
פארנעם דאס געשריי פון מיין פיינט און זיין שטראפן,
די וועלט איז מיר ענג דאך פון בלוטיקער שנאה!
זיין ערד פון זיין בלוט זאל דורכגעזאפט ווערן,
ווי ער האט געטאן מיך פארלענדן, פארצערן!

אנטלויף צום פלאץ פון אלע פלעצער פון דער וועלט דערהויבן!
און אויב מיר האבן געזינדיקט, געפעלשט אומגעהויער —
פארנעם אונזער תפלה געלייטערט פון טרויער
און לאז אונז נישט זינקען אין זומפ מיט'ן גלויבן!
דיין אפגעהיט פאלק זאלסטו אויסלייזן ווידער,
ווי דענסמאל, מיט נייע געזאנגען און לידער!

שמעון בן־יצחק

א פיוט לפסח

...ער האט אויסגעשפרייט דעם וואלקן ווי א דעק איבער די גרונדן,
און א פייער־זייל צו באלייכטן דעם וועג אנגעצונדן.
האט ארויסגעפירט זיין פאלק מיט פרייד און געזאנגען —

און פון רעמסס נאָך סוכות, און פון סוכות נאָך איתם געגאַנגען.
און פון איתם און ביז פּי־החירות. נאָכ׳ן צייל פון פלאָם —
און פון דאָרט האָבן זיי געררוט, צווישן מגדול און דעם ים,
פונקט פאַר׳ן בעל־צפון, וואָס איז פון אַלע געטער איבערגעבליבן;
און געבליבן איז ער גאַנץ, כדי די מצרים צו באַטריבן,
כדי זיי צו פאַרפירן, כדי זיי זאָלן זאָגן:
ס׳איז שטאַרק דער גאָט, איז נישט, ווי די אַנדערע, געוואָרן געשלאָגן!
און אויפ׳ן דריטן טאָג זיינען זיי דאָרט רוען געבליבן,
און אויפ׳ן פערטן האָבן זיי זייערע כלים צענויפגעקליבן,
די וועגענער געגרייט און די פערד געטאָן שפּאַנען.
זיינען פּרעה׳ס שלוחים צו זיי מיט רייד צוגעשטאַנען:
צו דעם גבול, וואָס פּרעה אין זיין גוטסקייט האָט געטאָן באַשטימען,
האָט איר דאָך שוין דערגרייכט, באַדאַרפט איר אים דאָך רימען.
איר האָט דאָך געזאָגט: דריי טעג גאַנג וועלן מיר אַן אָרט געפינען,
און דערנאָך זיך אומקערן קיין מצרים אייך צו דינען.
האָבן די אויסגעלייזטע געענטפערט: נישט מיט גוטן איז געקומען זיין וואָרט,
נייערט, מיט אַ געהויבענער האַנט זיינען מיר אַרויס פון דאָרט!
האָבן די שלוחים געזאָגט: ווילט איר יאָ, ווילט איר ניט —
איר מוזט פאָלגן און פאַרקירעווען אויף צוריק אייערע טריט!
איז געוואָרן צווישן זיי און די מצרים אַ בלוטיקער קריג,
און די מצרים זיינען מיט חרפּה געלאָפן אַהיים צוריק.
זיינען זיי אַוועק און פאַר׳מסר׳ט פאַר פּרעה׳ן אין גרויס צאַרן.
איז זיין האַרץ און דאָס האַרץ פון זיינע קנעכט פאַרקערט געוואָרן —
זיי האָבן זיך שטאַרק געשעמט און ס׳האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן:
וואָס האָבן מיר געטאָן, און די בני ישראל אַרויסגעלאָזן?
זיי בלאָנדזשען אום אין מדבר און קענען נישט אַנטרינען, —
לאָמיר זיי נאָכיאָגן און שלאָגן און דאָס בייז זאָל זיי געפינען!
און פּרעה מונטערט זיי און שפּאַנט זיין רייטוואָגן מיט פרייד,
און נעמט זיי איין און רעדט זיי איבער מיט די גוטע רייד:
עס פירט זיך, דער מלך גייט הינטער די חיילות אין קריג —
און איך וועל גיין פאַראויס און פירן אייך צום זיג.
דער מלך קומט צווערשט דאָס בעסטע פונ׳ם רויב צו נעמען —
און איך וועל טיילן זיך מיט אייך, וועל קיינעם נישט פאַרשעמען;
און נאָך וועל איך צועפענען פאַר אייך די אוצרות מיינע —
און נעמט פון שענסטן און פון בעסטן, אָן שום טענה.

האבן זיי מיט׳ן גאַנצן האַרצן תיכּף זיך צום קריג געריסן,
און אָנגעגורט די כּלים פון מלחמה, שווערד און שפּיזן.
זעקס הונדערט הויפּטלייט מיט זייערע רייטוועגן גענומען,
און אַלע רייטער פון מצרים זיינען צוהילף געקומען
און אויף דער איינזאַמלונג פון ישראל ביים ים אָנגעפלויגן.
און די בני ישראל האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן,
דערזען די שונאים קומען אָן, טוען זיך אויף זיי צו יאָגן,
האָט ציטערניש און ווייטיק זיי מיט אַנגסט באַשלאָגן,
האָבן זיי דאָס אומנות פון זייערע אבות אָנגענומען,
געשריען אין תפילה — און דער גואל האָט זייער קול פאַרנומען,
געזען זייער ענגשאַפט, געהערט זייער תפילה פון די תהום׳ען,
און האָט זיי געהאָלפן פונוועגן זיין הייליקן נאָמען.
און דאָס ליכט, וואָס אַנטקעגן אים האָט מיט האָגל און קוילן געשלאָגן,
געשיקט זיינע פיילן, צעשפּרייט זיי, געטאָן זיי צעיאָגן;
מיט בליצן געשאָסן אין זיי, זיי פאַרטומלט אין צאָרן,
האָט אָנגעשריען אויפ׳ן ים־סוף, און ער איז טרוקן געוואָרן.
האָט ער זיי אויף די וועגן פון אַבגרונד געטאָן פירן —
און די שבטים פון גאָט ביי דעם ים, שטייען גרייט זיך צו רירן.
און דער יונגסטער, בנימין, איז דער ערשטער אין ים געלאָפן,
האָט יהודה געצאַנקט זיך מיט אים, למאַי ער איז דעם וועג פאַרלאָפן?
און דאָס וואַסער פון ביידע זייטן האָט זיך געשטעלט ווי אַ מויער,
און אַלע זיינען דורך די שטאַרקע וואַסערן אַדורך ווי דורך אַ טויער.
און גאָט האָט געטאָן אַ צוים אויף די מצרים, די שונאים און האָסער,
זיי צו פאַרשלעפּן אין ים און פאַרלענדן דורך וואַסער.
זיי געפירט מיט שווערקייט און אָפּגעטאָן די רעדער פון זייער וואָגן,
און דאָס וואַסער האָט זיך צוריקגעקערט, פערד און רייטער פאַרטראָגן,
פּרעה און זיין חיל אויסגעמישט אין ים, זיי צעריבן,
און דאָס וואַסער האָט זיי פאַרדעקט, ס׳איז קיין איינער נישט געבליבן
און די געליבטע זיינען דורכ׳ן ים אין טריקעניש דורכגעגאַנגען —
האָבן זיי געגלויבט אין גאָט און אים געלויבט מיט געזאַנגען!

גרשום בן-יהודה (מאור הגולה)

געבאָרן אין יאָר 960 און געשטאָרבן אין 1028. געלעבט אין מאַינץ. געגרינדעט זיין באַרימטע ישיבה, וואו הונדערטער תלמידים פון די רהייניש שטעט און פון פראַנקרייך זיינען

גרשום בן־יהודה

געקומען לערנען תורה. רעפאָרמאַטאָר פון אידישן לעבן פון יענער תקופה. פאַרבאָטן צו נעמען מער ווי איין פרוי, אַ גט איז נאָר דאַן גילטיק, וועןביידע צדדים זיינען אויף אים מסכים, געלייגט אַ חרם, ניט צו לייענען פרעמדע בריוו, א.אַ.וו. געשריבן אויסגעצייכנטע סליחות און פיוטים.

אַ סליחה

וואו זיינען אַלע דיינע וואונדער און דיינע מורא׳ס,
פון וועלכע אונזערע טאַטעס דערציילן זינט דורות?
ווען ישראל האָט געניידערט אין מצרים, אין קנעכטשאַפט און ליידן,
האָסטו אים מיט ליבשאַפט צוגעצויגן, און נישט דורך קייטן.
און יענע, וואָס האָבן פאַרביטערט און פאַרפינצטערט זיין לעבן,
האָסטו מאָס פאַר מאָס אָפּגעצאָלט און אָפּגעגעבן.
דעם ים מיט זיינע כוואַליעס האָסטו צעברעקלט און צעשאָטן,
דעם ירדן אויסגעשעפּט און אין טריקעניש געטראָטן,
אין מדבר זיי געשפּייזט, מיט רחמים זיי געטאָן פירן,
איבער פעלקער און לענדער זיי געמאַכט רעגירן.
ווען זיי האָבן דאָס גוטס פאַרלאָזט און געוואָרן געשלאָגן,
האָסטו זייער געשריי צוגעהערט, זיי געראַטעוועט פון פּלאָגן.
געזינדיקט — און געוואָרן אין גלות־בבל פאַרטריבן —
האָסטו זיי נאָך זיבעציק יאָר ווידער צענויפגעקליבן.
היינט ליגן מיר איבער דער וועלט צעטראָטן און צעריסן,
און ס׳איז דער קץ פאַרבאָרגן, קיינער קען נישט וויסן.
גיב פרישע כוחות אונז, ווייל אונזער קראַפט איז אָפּגענומען,
דאָס רשעות פון דער וועלט איז גרויס און לאָזט צו זיך נישט קומען.
פון צייט צו צייט אַלץ ווערן דריקנדיקער מיינע צוואַנגען,
דער קומענדיקער טאָג איז ערגער פון דעם טאָג, וואָס איז פאַרגאַנגען.
כ׳בין מיד דעם יאָך פון בלוט־און־גאַלדגייציקן פאָלק צו טראָגן,
וואָס האַלט אין שרייען: מעסט און ברייננג וואָס מער צוטראָגן.
אַ, גרויסער גאָט, ווי לאַנג נאָך וועל איך רופן פון די טיפענישן,
פון ברייטקייט ענטפער מיר און זאָלסט מיך נישט פאַרווישן!
אויב ס׳האָבן מיך די זינד פון פאַר דיין פנים אויסגעלאָזט,
אויב אַלע טויערן פון תפלה זיינען פאַר מיר געשלאָסן —
אַז עפענונג אונטער דיין כסא כבוד זאָלסטו מאַכן
און נעם צו דאָס געבעט פון דעם געדריקטן און דעם שוואַכן.

שמואל הנגיד

די ציין פון די רשעים זאָלן צעבראָכן ווערן,
זאָלסט זיי פאַרוויסטן, ווי זיי האָבן מיך, און זיי צעשטערן.
ריכט אויף די איינגעפאַלענע סוכה ווידער,
די שטאָט, ביז דר׳ערד געזונקענע, הויב אויף מיט קלאַנג און לידער.
און טרייסט מיט טרייסט מיט טאָפּלטער דעם, וואָס איז געפאַנגען,
ציינד אָן זיין ליכט, זיין זון זאָל ווערן אויפגעגאַנגען.
בוי אויף דיין שטאָט, זי זאָל זיך ווידער אין דיין גנאָד געפינען,
און יהודה און ישראל וועלן אַלע צו דיר דינען.

שמואל הנגיד

איינער פון די גרעסטע שפּאַניש־העברעאישע פּאָעטן און פּערזענלאַכקייטן. געבאָרן אין קאָרדאָווע אין יאָר 993 און געשטאָרבן אין גראַנאַדע אין 1055. באַרימט אַלס פּאָעט, תלמוד׳יסט און פילאָלאָג. וויזיר אין קיניגלאַכן הויף פון האַבוס און קריגספירער פון זיינע אַרמייען. זיין אויטאָריטעט האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן אויסצושפּרייטן די השפּעה פון דער אַראַבישער קולטור אויפן אידישן קיבוץ פון שפּאַניע.

ווייַן־לידער

א.

נעם פון אינגל דעם בעכער און זאָג אים:
לויף צום קרוג, ברייננג נאָך ווייַן;
ווייל אין האַרץ איז אַ ווייטיק פאַראַנען,
אין קרוג — באַלזאַם צו שטילן דעם פּיין.
ס׳ווערט דאָס מוטיקע האַרץ נאָך מער מוטיק,
און דער שוואַכלינג ווערט שטאַרק ווי אַ לייב;
אַלע הערצער זיי האַרכן און פאָלגן,
און זיי גיבן צום ווייַן אָפּ אַ לויב.
אין דעם כוס איז מיין חלק אין לעבן,
ס׳איז מיין פריינט, גיט מיר כוח און מוט —
אומעטום, וואו נאָר ס׳שפּילן די בעכער,
דאָרטן בין איך און דאָרט איז מיר גוט!

ב.

קום, מיין פריינט! אין דער גרוב פון׳ם דרימל
האָט דער ווייַן שוין פאַרשלאָסן דעם פיינט!

מיט מיר טרינקען איצט פריינט און פאַרטרויטע,
און דער וויין פינקלט גאָלדיק און שיינט.
און אַ אינגל גיסט אָן פול די בעכער,
און דאָס אינגל ביי דער פאַס ווערט נישט מיד;
און די האַנט פון דער שיינקייט דער מיידל
אויף די סטרונעס פון האַרף שרייבט אַ ליד.
און די ערד איז אַ שפּילעוודיק מיידל,
און די וועלט — איז צעהוליעט און טאַנצט;
און דער נאַכטיקער הימל — אַ לאַגער,
מיט פייערלאַך־שטערן צעגלאַנצט!

ג.

אויף די טרוקענע געצעלטן פון אַראַביע
האָבן וואלקנס מיט רעגנס געגאָסן —
און טאַטעס־דונערן מיט שוועסטער־בליצן
האָבן געוועקט און אַרויסגעבראַכט גראָזן.
דערנאָך האָבן גוטע פריינט דיר אָנגעגאָסן
דאָס גאָלד־וואַסער אין גאָלד־בעכער מיט פריידן —
ביז דו פאַרלירסט דעם שכל, צווישן זייער ליכטיקייט
און פינצטערניש פון אָוונט צו פאַנאַנדערשיידן.

ד.

מיר זאָל זיין פאַר איר, פאַר דער שיינקייט,
וואָס איז אויפגעשטאַנען אין דער נאַכט,
צו די קלאַנגען פון האַרפן און פידלען,
וואָס האָבן מיך פריילאַך געמאַכט.
האָט געזען אין מיין האַנט דעם בעכער
און געזאָגט אַזוי ליב און גוט:
דו זאָלסט טרינקען ביי מיר פון די ליפּן
דאָס באַרוישנדע וויינטרויבן־בלוט.
און מיט גאָלד אויף אַ בלויען ליילאַך
איז די לבנה אָנגעשריבן ווי אַ יוד.

ה.

אב און אלול זיינען פאַרגאַנגען אין פלאַמען,
און תשרי איז געשטאָרבן מיט זיי צוזאַמען.

די טעג פון קעלט און האַרבסט זיינען אַנגעשטאַנען,
דער מענטש און זיין קול ווערן איינגעשטילט, וויאַנען.
דעריבער זאָלסט איצט צו פריינט זיך קערן —
זאָל יעדער טאָן, ווי ס׳טוט זיין האַרץ באַגערן;
קוק צו זיך, ווי עס גיסן וואָלקנס שווערע טרערן,
און ווי עס דונערן די הימלען זאָלסטו הערן;
און זע דאָס פייער פון קאַמין און אייז אויף דעכער,
ווען פראָסט פאַלט נידעריק און פייער הויבט זיך העכער —
און טרינק פון קרוג, און טרינק פון פולע בעכער!

ו.

זע דעם יאַסמין: זיינע צווייגן זיינען גרין
און די בלעטער לויכטן גרין, ווי עמעראַלדן;
זיינע בליאַכצן — ליכטיקע, ווייסע קרישטאָלן
באַפלעקט און באַשאָטן מיט רויטן בורשטין.

אַ תפילה

מיין גאָט, זאָלסט דיין מעכטיקן אָרעם
פאַר אונז היינט אין גבורה אַנטבלויזן;
פון אדום באַהיט און באַשירעם
די קינדער פון פאָטער פון גרויסן.

די יענע, פאַרוויקלט אין גאווה,
וואָס לאַכן זיך אויס אין דיין פנים —
זאָלסטו מיט געשריי פון דיין צאָרן
פאַרניכטן, די בלוטיקע שונאים.

וואָס טרעטן דיין רצון אַריבער —
דיין בונד מיט זיי זאָלסטו צעשטערן;
און היט אָפּ דיין שבועה צו דוד,
ווי דו האָסט אַמאָל געטאָן שווערן.

און פעלקער, וואָס שטרעקן די הענט אויס
און ווערגן און קוילן און שענדן —

שמואל הנגיד

דיין גרימצאָרן זאָל זיי דערגרייכן
און ס׳זאָל זיי דיין פייער פאַרלענדן!

אַ לויבליד

(נאָכדעם ווי ער האָט צעשלאָגן זיין שונא
בן־עבאד מיט זיינע חיילות)

יאָ, פאַר מיר טוסטו איטלאַך יאָר וואונדער,
ווי דו פלעגסט פאַר די אָבות אַמאָל;
און פאַר מיר שעכטסטו לייבן ווי לעמער,
און איך דאַנק דיר און לויב אויפן קול.
ווייל איך גיי איטלאַך יאָר דורך די ים׳ען —
און אַ וועג ווערט אין תהומ׳יקן ים;
ווייל איך גיי איטלאַך יאָר דורך אַ פייער —
און מיט טוי ווערט געקילט מיר זיין פלאַם.
יאָ, פאַר דיר טוט זיך פאַסן מיין לויבליד,
ס׳קומט די גבורה פון דיר און דיין זין;
און דו לייטערסט אין טאָג פון נקמה
און דערווייטערסט פון זילבער דעם צין.
כ׳וועל צעקלינגען דיין כבוד אין טויער,
און וועל זינגען צו דיר אַ געזאַנג;
דיינע ניסים צו מענטשן דערציילן,
פאַר די וואונדער דיר געבן אַ דאַנק.
האָסט מיך אויסגעלייזט, גאָט, און געהאָלפן
אין דעם טאָג פון מיין פיין און מיין נויט;
אַנשטאָט מיך — אויף מיין בלוטיקן שונא
האָסטו אָנגעשיקט אומגליק און טויט!

*

בן־עבאד איז אַרויס אין מלחמה —
איז פאַרציטערט געוואָרן די וועלט;
ער האָט שטאָט און מלוכה פאַרנומען,
ס׳האָט זיך קיינער אין וועג נישט געשטעלט.
און זיין חייל האָט עלטסטע ווי זעלנער,
און עס פאַלגן די זעלנער אין שרעק;

פאַנען פלאַטערן איבער די קעפּ זיי,
ווי דאָס זאַמד פונם ים׳יקן ברעג.
זייַנען מיר אים אַנטקעגן געקומען,
אים באַצאַלן פאַר מאַרד און פאַר רויב;
ווי אַ היישעריק — פיל אונזער מחנה,
יעדער מענטש, ווי אַ מוטיקער לייב.
מאַן אין מאַן, ניט קיין שווערע, באַלייבטע,
די וואָס ציען דעם שווערד פון דער שייד;
די וואָס לויפן אין טאָג פון דעם צאָרן
צונ׳ם שלאַכטפעלד מיט שמחה און פרייד.
און די פאַנצערס אין שופּן, ווי כוואַליעס,
און די שילדן אין פלאַם און אין בליץ;
אויף די פערד, ווי אַ וואָלקן, געפלויגן
אין די רונדיקע, קריגערשע מיץ.
אין די הענט — ניט קיין שפּיזן, ווי שטאַנגען —
און זיי טראָגן זיך פריי, ניט־געשטערט;
דו זעסט גאַרנישט ביי זיי אַחוץ שווערדן,
און הערסט גאַרנישט חוץ הירזשען פון פערד.
און דערנאָך — נאָכן שלאָגן און ברענען,
אין דעם טאָג אין דעם גרויסן פון זיג,
פול די הענט מיטן רויב דעם פאַרכאַפּטן —
האָבן מיר זיך פאַרנומען צוריק.
נאָר די אויסזעער זייַנע זיי האָבן
אים פון שכל אַרונטערגעפירט;
ווי זיי וואָלטן געוועזן זייַנע שונאים,
אים מיט ליגנערשע ווערטער גערירט.
עס האָט גאָט זייער עצה פאַרטומלט,
און צונישט געמאַכט זייער פאַרשטאַנד;
ס׳האָבן זייערע אייגענע מענטשן
זיי גערופן, געוועקט נאָכאַנאַנד:
ווערט איר זיצן אין שטאָט אין דער פעסטער
און ניט נאָכיאָגן, שלאָגן דעם פיינט?
איר וועט גיין דאָך און פאַנגען די מידע,
ווען ניצחון איז זיכער נאָך היינט?
האָבן זיי זיך צעשטעלט אין די רייען

און געדונערט מלחמה־געשריי;
ניט די טויטע חיילות עמלק׳ס —
נאָר אַ גרויסע און שטאַרקע אַרמיי.
און די רייטער זיי פליען ווי ווילדע,
און די פוסגייער פלינק אין געיעג;
און זיי וואַרפן אויף אַלץ אַן אַ מורא,
ווער עס קומט נאָר אַנטקעגן אין וועג.
די חיילות אין פּראַכטיקע קליידער
און מיט מעשענע קיווערס אויף קעפּ —
און געהאַרכזאַם צום וואָרט פון די פירערס
זיך צעשפּרייט אין דער אָפענער סטעפּ.
כ׳האָב דערזען, ס׳ווערט מיין חייל דערשראָקן,
און זיי ווייגערן זיך שטילערהייט;
און עס רירן זיך שווער זיינע עלטסטע,
און די פירער זיי זיינען צעשפּרייט —
כ׳האָב דערזען דאָן דעם טויט פאַר די אויגן,
כ׳האָב געזען, מענטשן פאַלן אין שלאַכט —
כ׳האָב די אויגן צו גאָט אויפגעהויבן
און מיין האַרציקסטע תפילה געבראַכט.
כ׳האָב די תפילה געגרייט אין עת־צרה
צו מיין גרויסן און פורכטבאַרן גאָט —
אַז זיין וואָרט זאָל חיילות באַזיגן,
און צעשלאָגן דעם פיינט — זיין געבאָט.
איך האָב אבות, וואָס אין צייטן פון ליידן
שטעלן איין זיך פאַר מיר — און ער הערט;
דורך די שטריק פון תחנונים און תפילה
שעפּן הילף מיר אַרויס פון דער ערד.
כ׳האָב אַ האַר, וועלכער זאָגט: האָב אמונה,
כ׳וועל דיר ביישטיין אין טאָג פון דיין נויט;
כ׳וועל די ציינער פון לייבן צעברעכן,
וועל זיי שיקן פאַרוויסטונג און טויט.
און ס׳האָט גאָט זיך אין צאָרן געוויקלט,
ווי מיט פּרעה׳ן ביים ים־סוף אַמאָל —
האָט אַנטפּלעקט זיך — און ניט דורך אַ שפּעלטל,
און געדונערט האָט מעכטיק זיין קול.

האָט זיך איבער די מחנות דערהויבן
ווי די פּלעוועס פון שייער פּאַרוויִיט;
ווי די בלעטער פון האַרבסט זיי צעטריבן
און אין שטויב זיי צעזייט און צעשפּרייט.
און ער האָט אויף זיי אָנגעיאָגט טויט־שרעק,
האָט זיי שפּרינגען געמאַכט, ווי די בעק;
האָט געמאַכט זיי פאַרגעסן אַן גבורה,
און, ווי ווייבער, פאַרפילט זיי מיט שרעק.
האָט פאַרקערעוועט זייערע שווערדן,
און אין זייערע הערצער געשיקט;
און די האַרן — זיי זיינען צום נאַרן —
ער האָט זייערע פּלענער צעפליקט.
נאַר דערזען, אַז מיר קומען אַנטקעגן —
זיינען זיי זיך צעלאָפן פון פעלד;
זיך צעפלויגן אויף זיבעציק וועגן —
נאַר געוועזן זיינען וועגן פאַרשטעלט.
ס'איז געוועזן די אַרבעט פון בורא,
ער האָט זייערע מעשים צעשטערט;
ער האָט קייטן געטאָן אויף די הענט זיי,
און די הערצער מיט מורא באַשווערט.
און די רייטוועגן זיינען אַ שטרויכלונג,
און די פערד ווי געשמידט צו אַ וואַנט;
מיטן הויך פון זיין מויל זיי פאַרשניטן,
ווי אַ פאָדים ביים וועבער אין האַנט.
כ'האָב געזען דעם פייַנטס קריגספירער, האַרן,
געבונדן, אין קייטן געשלעפּט;
וועלכע ס'האָט געלאָזט לעבן מיין מלך,
וועלכע זיינען געוואָרן געקעפּט.
כ'בין פאַרמאַטערט געוואָרן זען שלעגער
און געשלאָגענע ליגן אין שטויב;
און דאָס בלוט איז אין טייכן געלאָפן,
און די גופים — פאַר חיות אויף רויב.
און ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווי די סטאַיעס
פון די בינען געיאָגט זיי צערייצט;
זייער מלך און פירשטן גע'הרג'עט

און דאָס שלאַכטפעלד מיט בלוטן פאַרפלייצט.
יאָ, זיי האָבן פאַרלאָזט זיך אויף שפּיזן —
נייערט מיך האָט געהאָלפן מיין גאָט;
די, וואָס האָבן געזוכט אונז פאַרשקלאַפן —
זיינען שקלאַפן אַליין איצט אויף שפּאָט.
און זיי האָבן גאָט׳ס מעשים באַנומען,
אַז ער צאָלט אָפּ דעם רשע זיין לוין —
אַז די האָרן ביי אים זיינען נאַרן,
און חיילות, ווי מילבן, קליין.
כ׳האָב געזען דיך — אַ לייב אין דיין ברומען,
און ס׳האָט לייבן פאַרשטומט דיין געשריי;
כ׳האָב געזען, ווי דיין גבורה צעגיסט זיך
און פאַרטיליקט דעם שונא׳ס אַרמיי.
האָסט אַנטפּלעקט זיך — און ס׳האָבן די הערצער,
ווי דאָס ברומען פון האַרפן געברומט;
האָסט געצאָרנט — און ס׳זיינען מלכים
אין דיין צאָרן געוואָרן פאַרשטומט.
צעמישט איידער זיי האָבן געזען אונז,
אונז דערזען — און געוואָרן געפּלעפּט;
עס צעברעכן זיך זייערע בויגנס,
זייער פייל — ניט זי פליט, ניט זי טרעפט.
האָסט גע׳משפט אין צווייטן פון תשרי,
אויפן פינפטן — דעם גזר זיי געבראַכט;
און פאַרשניטן דעם בלוטיקן שונא
מיטן אַנקום פון שאָטנס פאַרנאַכט.
האָסט די בייזע מלאכים באַפוילן,
וואָס פאַרציטערן הימל און ערד,
אַ שלאַקסרעגן פון אומגליק צו וואָרפן,
און דעם האָגל פון צאָרן פאַרמערט.
מיך — פון בעכער פון הילף געמאַכט טרינקען,
זיי — פון בעכער פון גיפט און פון גאַל;
און מיין נאַכט איז מיר ליכטיק געוואָרן,
און מיין פינצטערער וועג איז צעשטראַלט,
ווי אין נאַכט פון אברהם, דעם פאָטער,
ווי ביי משה׳ן אין נאַכט, ביי דעם ים,

וי די נאַכט יהושע׳ס, אין גבעון —
און ס׳האָט אַלץ זיך געוויקלט אין פלאַם.

*

איך האָב אָפּגעהיט אַלע יום־טובים,
זיי געפייערט דערהויבן און גרויס:
ראש־השנה, יום־כפור און שבת,
טעג פון סוכות, ביז יום־טוב איז אויס.
איך וועל מאַכן איצט טאָפּלטע לידער
אויף די ניסים, וואָס גאָט האָט געטאָן;
און איך וועל זיינע שבחים באַזינגען
און וועל אויפהויבן מעכטיק זיין פאָן.
ווען געבראַכט האָט מיין פאָלק אין די סוכות
די לולבים און פריש־גרינע מירט —
האָט מיך גאָט אין זיין האַנט אויפגעהויבן
און האָט מיך אין זיין סוכה געפירט.
איז די סוכה געווען מיר אַ פעסטונג,
איז אַ פעסטונג געווען מיר אין זיג;
און צעפליקט איז מיין שונא געוואָרן,
ווען מיין פאָלק האָט אתרוגים געפליקט.
און עס האָבן די בלעטער די ברייטע
פון דעם לולב פאַרגעבן אויף מיר;
און געגרויסט איז געוואָרן זיין נאָמען
מיט די פּראַכטיקע מינים די פיר.
יאָ, מיר פייערן סוכות מיט שמחה —
און זיי זיינען אין טרויער פאַרקלעמט;
און מיר טוען מיט פרייד זינגען הלל,
ווען זיי וויינען און קלאָגן פאַרשעמט.
האָסט, מיין גאָט, מיט דעם אַלץ מיך באַלוינט היינט,
און איך האָב דאָך דאָס גאָרנישט פאַרדינט;
וואָס בין איך, האַר, און וואָס איז מיין לעבן?
איך בין קליין און געמיין, פול מיט זינד.
אויב דו צאָלסט מיר מיין שכר אָפּ ביים לעבן
פאַרן הייפעלע גוטס, וואָס כ׳פאַרמאָג —
היינט מיט וואָס וועל איך גיין צו דיין משפט
אין דעם גרויסן און אייביקן טאָג?

שלמה אבן־גבירול

*

צו דעם גאָט, וואָס באַווייזט זיך אין שטורעם
און צעטומלט דעם פּיינט און פאַרוויסט —
האָב איך שוין איין געזאַנג אים געזונגען,
איצטער טו איך אים זינגען אַ צווייט.
דאָס געזאַנג איז פון איידלשטיין שענער,
ס'איז געמאָסטן־געוואויגן דאָס ליד;
ס'איז די מוטער פון ליד אַן עקרה,
נאָך אַזעלכן געבערט זי שוין ניט.
און איר אַלע זינגט מיט היינט צוזאַמען,
זאָל דאָס ליד זיין אויף איטלאַכנס צונג;
און אויף אויסווייניק לערנט דאָס ליד זיך,
לאָמיר זינגען סיי אַלט און סיי יונג.
אַז עס וועלן די קינדער אייך פרעגן:
„וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַראַ ליד?" —
זאָלט איר געבן אויף דעם אייער ענטפער —
קלערט זיי אויף און דערציילט און דערציט:
ס'איז אַ לויב צו גאָטס הייליקן נאָמען,
וואָס האָט אויסגעלייזט מיך און מיין הויז:
ס'איז אַ לויבליד אַ גרויס און אַ פּראַכטיקס,
צו אַ גאָט, וואָס איז פּראַכטיק און גרויס!

שלמה אבן-גבירול

געבאָרן אין יאָר 1021 אין מאַלאַגע, געשטאָרבן אין וואַלענציע אין 1058. פּאָעט־פילאָזאָף. איינער פון די אָריגינעלסטע אין מיטלאַלטערלאַכן אידנטום. צו זעכצן יאָר איז ער שוין וויט באַרימט איבער אַלע גרויסע אידישע ישובים פון יענער צייט: מצרים, בבל און שפּאַניע. אויפן פיר־און־צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן באַזעצט ער זיך אין גראַנאַדע און דער על־טערער פּאָעט ר' שמואל הנגיד איז אים מקרב. דאָ אַנטוויקלט זיך דער יונגער פּאָעט און זיין פּאָעטישער שוואונג דער־גרייכט ביז צו זיין העכסטער מדרגה. ער שרייבט העכער צוואַנציק ספרים פון וויסנשאַפטלאַכן און פילאָזאָפישן כאַראַק־טער, ווי ער דערציילט אין איינעם פון זיינע לידער. בלויז איינער פון זיי איז צו אונז דערגאַנגען: זיין ספר „מקור־חיים", געשריבן אָריגינעל אין אַראַביש, וואָס איז שפּעטער פון אַ לאַ־

שלמה אבן־גבירול

טײַנישער איבערזעצונג צוריקגעקומען אין העברעאיש. זײַנע לידער טראָגן אויף זיך דעם חותם פון געניאַליטעט. זײַנע שטימונגען זײַנען טיף, שטאַרק, פלאַמפײַערדיק און זײַן השפעה אויף זײַנע חברים און די ווײַטערדיקע דורות איז אומגעהויער. משה אבן־עזרא, דער גרויסער פּאָעט און ליטעראַטור־קענער שרײַבט וועגן אים דאָס פאָלגנדע: „בן־גבירול איז געווען דער אינגסטער אין יאָרן פון דער גרופּע פּאָעטן פון זײַן דור — אָבער ער האָט זיי אַלעמען איבער־געשטיגן. ער איז געווען דער ריטער פון פּאָעזיע און מײַסטער פון ליד. ער האָט באַוויזן גרויסקייט מיט זײַן פּאָעטישן פּאַרנעם. ער האָט געצילט ביז צום העכסטן ציל און דער־גרײַכט צו דעם געהויבנסטן געדאַנק".

איך בין האַר...

איך בין האַר — און דאָס ליד איז מײַן קנעכט,\
כ׳בין פּאַר זינגער און דיכטער די האַרף;\
און מײַן ליד איז אַ דימענט אין קרוין\
פון אַ מלך, — געשליפן און שאַרף.\
און מײַן גוף גײט אַרום אויף דער ערד,\
און עס שוועבט אין די הימלען מײַן גײַסט:\
זעכצן יאָר בין איך אַלט, און מײַן האַרץ\
איז פאַרשטענדיק, ווי ס׳האַרץ פון אַ גרײַז.

נאַכט

...און דער ווינט האָט צעפּוויגעיאָגט וואָלקנס,\
ווי די מיאוסע, פינצטערע ראָבן;\
און זיי האָבן אין דעקטוך אין שוואַרצן\
די לבנה די קלאָרע באַגראָבן.

אויפ׳ן טויט פון דער בלאַסער לבנה\
נעמט דער הימל מיט טרערן שווער גיסן;\
און די נאַכט טראָגט אַ פּאַנצער אַ שוואַרצן,\
און דער דונער וואַרפט בליציקע שפּיזן.

און דער בליץ רײַסט דעם הימל אין שטיקער,\
ווײַל דעם פינצטערן דעקטוך צעפּליקן;

און די וואָלקנס, ווי פּלעדערמייז שוואַרצע,
נעמען טראָגן זיך פאַר זיינע בליקן.

און ס׳האָט איינגעצוימט גאָט מיין נשמה,
און מיין הייסן באַגער רויט־געצונדן;
און מיט שטריק פונ׳ם חושך געפלאָכטן,
מיר פאַרוויקלט דאָס האַרץ און געבונדן.

און איך האָב מער אויף גאָרנישט צו האָפן,
אַז די נאַכט זאָל ווען ווערן צעגאַנגען:
ס׳האָבן וואָלקנס מיין טרייסט נישט פאַרגונען
און מיין מלכה גענומען געפאַנגען.

וואָלקנס

די וואָלקנס האָבן זיך צעברומט ווי אָקסן,
דער ווינטער האָט געבייזערט זיך צעיאָגט —
ווי זעגלשיפן, וואָס דער שטורעם טרייבט זיי,
מיט הערנער־שאַלן, וואָס אין נעבל קלאָגט.

דער הימל ליגט פאַרווירט אין גרויען נעפל,
די מאָרגנשטערן זיינען אָפּגעמעקט.
דער ווינט טראָגט וואָלקן אַן אויף זיינע פליגלען,
און האָט דער זון אין פינצטערניש פאַרשטעקט.

ער האָט די וואָלקנס אויסגעקלאַפּט אין בלעכן,
אין פעדים זיי געשניטן און געשפּרייט;
זיי האָבן דורכגעווייקט די ערד די האַרטע,
די בייטן אויף־צום־זייען צוגעגרייט.

דאַן האָבן זיך אַנטפּלעקט די יונגע גראָזן,
ווי וואונדער אומבאַקאַנטע איינגעוועבט.
געוויינט האָבן די וואָלקנס דורכ׳ן ווינטער,
ביז אַלע ביימער האָבן אויפגעלעבט.

שלמה אבן-גבירול

פרילינג

...זע, ס׳האָט די וועלט זיך צעשמייכלט,
און די ערד האָט זיך פריידיק צערירט;
ליגט דאָס פעלד אין אַ העמד, אַ פילפאַרביקס,
און אין בליציקן שימער קאָלירט.

דאָס האָבן די וואָלקן פון הימל
געהאַפּטן דאָס העמד פאַר׳ן פעלד:
אַ גרינער שמאַראַגד אַ צעשטראַלטער
איז מיט גאָלד דורכגעלויכט און באַהעלט.

און די טויב, און דער שוואַלב, און די לערכע —
זיי שוועבן אַרונטער צום קוואַל;
מיט אַ חנ׳דלען זיך איינס צו דעם צווייטן,
מיט אַ פלי און געפלאַטער און פאַל.

און זיי בויגן און נויגן די קעפּלאַך
אין געמאָסטענעם קליינטשיקן טאַנץ.
און די זון שלאָגט אויף זיי און באַגלעט זיי:
ברעקלאַך לעבן פון שימער און גלאַנץ.

עלעגיע

וויין, מיין פאָלק, גורט־אָן זעק אויף די לענדן,
צעברעך וויינקרוג און האַרף און באַדויער:
אַז רב האַי, אונזער האַר, איז געשטאָרבן,
אונזער טרייסט אין אַ לעבן פון טרויער.
און באַוויינען וואָס זאָלן מיר פריער,
און אויף וואָס אונזער הספד ערשט האַלטן:
אויף דעם ארון פון גאָט, וואָס אין ציון,
צי אויף דעם, וואָס אין בבל באַהאַלטן?

וואָלט מיין נשמה...

וואָלט מיין נשמה ווינציקער באַגערט —
דאַן וואָלט זי טאָג ווי נאַכט זיך נישט געמיט.

שלמה אבן-גבירול

ווי קען איך אויפגעלייגט און גליקלאַך זיין,
אַז יעדע האפנונג, יעדע טרייסט פאַרפליט ?

מיין לייב ווערט מיר פון טראַכטן אויסגעצערט,
ווען ס׳ווערן אַנדערע פון לוסט פאַרצערט.
זאַל איך זיך נאַכיאַגן נאַך ווייב און וויין —
אַז מיר צו וויסן בעסערס איז באַשערט.

נאַך חכמה און נאַך וויסן גאַרט מיין זעל —
וואַלט איך אפילו ווי קהלת זיין.
איך וואַרף פון זיך אַראַפּ מיין ערדיש קלייד,
און וויקל זיך אין קלייד פון לויטער שיין.

מיין גייסט האַט מיך פון כבוד אַפּגעפרעמדט,
און האַט מיך אויף אַן אַנדער וועג געבראַכט:
די טיר פון טרויער ברייט פאַר מיר צעשפּאַנט,
און טויער פון דער יוגנט מיר פאַרמאַכט.

וואַס טאַדלען מענטשן מיך: איך בין פאַרפירט,
זוך כבוד, וואַס פאַרשווינדט מיט דער מינוט;
באַגער אַזוינס, וואַס אויף דער וועלט נישטאַ —
דעריבער פעכט איך מיט דער צייט ביז בלוט ?

איך זאַגט צו די פאַרלוימדער מיינע: שווייגט!
דען פאַלש איז אייער וואַרט און אייער מיין.
ווייל אויב די וועלט פאַרשטייט נישט שעצן מיך,
דאַן קען די וועלט מיין ליבע נישט פאַרשטיין.

איך האַב בלויז איינזען מיט מיין פּראַכט, דערפאַר
וועט גאַט אויך איינזען האַבן מיט מיין זעל:
ס׳האַט ער אַן איידלשטיין צו מיר אין מויל געטאַן,
און ווי אַ קויל צעפלאַקערט קלאַר און העל.

לויט׳ן וואָרצל פון בוים...

לויט׳ן וואָרצל פון בוים איז די לענג פון זיין צווייג,
לויט׳ן שכל פון מענטשן אַזוי איז זיין וואָרט;

און ווי גרויס ס׳איז דאָס האַרץ, אַזוי גרויס איז זיין לייד
פאַר די שרעקן פון צוקונפט, פאַר צייט און פאַר אָרט.

אין מיין האַרצן האָט טרויער געשטעלט זיין געצעלט,
אים פאַרקניפּט מיט די סטרונעס פון האַרצן מיט שטריק;
און דער טרויער אין מיר האָט באַשוואָרן מיין זעל,
זיך נישט שיידן מיט פּיין און נישט זוכן קיין גליק.

און די וועלט האָט דעם בעכער פון לייד מיר דערלאַנגט,
איך זאָל טרינקען דעם וויין מיט׳ן הייוון ביז דעק.
און די צייט האָט אין מיר — דער נשמה פון וועלט —
פאַרבאַהאַלטן, פאַרגראָבן איר גרויל און איר שרעק.

און מיין קאָפּ האָט אַן וואָלקנדעק אַנגעקלאַפּט שווער,
און עס האָט מיך דער שטראָם פון זיין רעגן פאַרפּלייצט;
און די שלאַנג פון דער צייט, ווען כ׳האָב שפּילן געגלוסט,
האָט מיין פוסטראָט געריסן, געביסן צערייצט.

דער פּאָעט

ס׳איז מיין ליפּ אין געפּעכט ווי אַ פּאַנצער,
און מיין שווערד און מיין שפּיז — איז מיין צונג;
און מיין ליד איז אַ מעכטיקער האַמער,
שמעטערט פעלזן אויף שטויב אין זיין שוואונג.
איך בין האָניק און מילך פאַר פאַרטרויטע,
אָבער גאַל פאַר אַ שונא און גיפט;
מיינע אויגן און האַרץ זיינען אָפן
פאַר אַלץ, וואָס פאַרהוילן, פאַרטיפט.
איז מיין מוטער דער שכל דער קלאָרער,
און מיין שוועסטער — דאָס ליכט, וואָס באַהעלט;
זיינען טייערער מיר פון רובינען —
און די דינסט די פאַרהאַסטע, די וועלט —
איז נישט מער, ווי אַ ווייב אַ פאַרשייטע —
היינט מיינס, מאָרגן יענעמס, איר שטעל:
און מיין איינציקער אוצר אין לעבן
איז מיין האַרץ און מיין ליכטיקע זעל.

שלמה אבן-גבירול

אין געראַנגל

נשמה, וואָס ברויזט און וואָס שטורעמט —
וואָס ציט דיך צו הויכקייטן הויך?
געגליכן צום ברויזיקן פייער,
וואָס רייסט זיך דורך זיילן פון רויך.
ביסטו אין דער הויך פון די ספערן,
וואָס רינגלען אַרום אונזער וועלט?
ביסטו אין דער טיף פון די ים׳ען,
וואו גרונט פון דער ערד איז געשטעלט?
ווי וועסטו דיין האפנונג דערגרייכן,
ווען הימל איז דיר נישט גענוג?
דו ווייסט דאָך דעם גורל פון יענע,
וואָס רייסן זיך איין צו זיין קלוג.
וואַרף חכמה אַוועק — וועט די וועלט דיך
באַלוינען מיט פריידן און גליק.
— אַ, פריינט מיינע, טרייסט מיך פון טרויער,
וואָס בינדט מיין נשמה מיט שטריק.
מיין גייסט זוכט אַ מענטשן פון חכמה,
פון וויסן און ריינעם פאַרשטאַנד,
צו לעשן מיין דורשט מיט זיין וואַסער —
איז אייך נישט אַזעלכער באַקאַנט?
אויב וועלט האָט פאַר מיר זיך פאַרזינדיקט,
שפּיי איך איר אין פנים אַצינד;
איר אויג קען מיין ליכט נישט פאַרנעמען —
איז זי דאָך, די וועלט, אַזוי בלינד;
נאָר אויב זי וועט מאַרגן זיך שעמען —
וועל איך איר פאַרגעבן איר זינד.
אָך, גרויזאַמע וועלט, האַלט דיין צאַרן,
דעם גייסט פון פאַרשטאַנד נישט צעדריק;
גענוג דיר שוין ברעכן די צעדער
די שטאָלצע אין שפּליטער און שטיק.
וואָס בלוטיקט איר מיך פאַר מיין חכמה,
איר שטעכיקע דערנער פון ערד —
אויב קליין איז זי אייך אין די אויגן,

זייט איר דאַך ביי איר גאַרנישט ווערט.
אויב חכמה פאַר אייך איז פאַרשלאָסן,
ווייל ס'האַרץ איז אייך טעמפּ און פאַרמאַכט —
דאַן בלייב איך איר איינציקער שומר,
וואָס היט איבער איר און באַוואַכט.
קען איך זי פאַרלאָזן — אַז גאָט האָט
פאַרקניפּט אונז אין אייביקע בינט;
קען זי מיך פאַרלאָזן — זי איז דאָך
אַ מאַמע צו מיר, צו איר קינד.
איך בין דאָך איר האַלזבאַנד פון פערל,
איך בין דאָך איר קרוין אויפ'ן קאָפּ —
היינט ווי קענט איר זאָגן, כ'זאָל נעמען
צוריק גאָר מיין צירונג, מיין גאָב?
מיין האַרץ און מיין גליק זיינען אירע,
איר וואַסער איז קלאָר ווי קרישטאָל;
אַ ליכטיקע זון איז מיין נשמה,
וואָס וואָלקן פאַרדעקן אַמאָל.
נשמה דו מיינע, פלי העכער,
דערשלאָג זיך דורך וואָלקן צום ליכט —
באַשוואוירן בין איך נישט צו רוען,
ביז איך וועל דערזען איר געזיכט.

עלעגיע

זע, די זון איז בלוט־רויט ביים פאַרגייען,
און זי וויקלט זיך, לויכט אין פּיאַלעט;
ס'זיינען צפון און דרום צעשפּילט,
ס'זינקט די זון אין איר פייערדיקער בעט.
און די ערד בלייבט פאַר'יתומ'ט אַצינד,
האָט צום שאָטן פון נאַכט זיך פאַרטרויט;
און דער הימל פאַרציט זיך אין טרויער
אויף דעם שווערן פריצייטיקן טויט.

האַרץ איז ליידיק...

האַרץ איז ליידיק און וויסן באַגרעניצט,
קענסט בלויז אַנטאַפּן גוף — און נישט מער.

שלמה אבן-גבירול

יאגסט אומזיסט דיך נאָך ערדישע גליקן,
און דאָס לעבן פון מענטשן איז שווער.
און דער גוף, וואָס איז קנעכט, טויט זיין האַרץ,
און די דינסט פון איר האַרינטע שפּאָט ;
און דאָס שטויב קערט זיך ווידער צום שטויב,
און דער גייסט קערט זיך ווידער צו גאָט.
מיינע פריינט, כ׳האָב דאָס לעבן באַנומען,
און דערזען, עס איז גאָרנישט נישט ווערט :
ס׳איז דאָס לעבן אַ קייט בלויז פון ליידן,
און זיין סוף איז : אַ בערגל מיט ערד.

עלעגיע

אוי, קינד פון דער וועלט, פרעג דיין מאַמען,
דער וועלט : וואו דער סוף און די נוץ ?
פאַרצערט אירע קינדער, נאָך איידער
זיי האָבן פאַרזוכט פון איר גוטס.

און וואָלט דער מענטש קליגער געווען —
דאַן וואָלט ער זי חרוב געמאַכט ;
וואָלט איטלאַכער וויסן, וואָס איך ווייס, —
וואָלט ער זי באַשפיגן, פאַראַכט.

די וועלט האָט מיך קיינמאָל פאַרטראָגן,
און איך האָב פאַרהאַסט איר שאַנד ;
אַ נאַכט איז דאָס לעבן פון מענטשן,
און איך שטיי ביים קבר׳ס ראַנד.

און ס׳האַרץ מיינס איז וואַך און עס רוט נישט,
עס נעמט מיך נישט מער קיין שלאָף.
מיר צאַפּלען זיך אין אירע נעצן,
פאַר׳משפּט צו אויסשטיין איר שטראָף.

פאַרקריצט איז אויף אונזערע שטערנס
דער בלוטיקער צייכן און פלעק —

וואס ציטערן מיר פאַרן טויט נאָך,
וואס וואַרפט אונז זיין נאָמען אין שרעק ?

דער טויט איז דאָך טרייער דערלייזער,
ער פירט אונז דאָך שטיל צו זיין שלאָס ;
ניט פלוכן — מיר דאַרפן אים בענטשן,
און גליקלאַכע טרינקען זיין כוס.

פּאָלעמיש

א.

צי דיין שווערד, שטעך אַריין אין מיין האַרצן,
האָב קיין אַנגסט נישט, באַדאַרפסט מיך נישט שוינען ;
מעגסט זיין זיכער, געלאַסן און רואיק,
אַז איך וועל דיך צוריק נישט באַלוינען.

וועל די שטיינער צוריק דיר נישט וואַרפן,
און דיין פייל — וואו געפאַלן — פאַרבליבן :
האסט אַמאָל דאָך מיט גנאָד מיך באַשאַנקען,
פון דיין טיש האָב איך ברעקלאָך געקליבן.

ב.

סיהאָט דער פאָטער פון אַלע חכמים
אונז פאַרזאָגט קיין מחלוקות נישט פירן ;
אָבער דו האסט אַ פייער צעבלאָזן
און די הערצער פאַר'סמ'ט און געהירן.

פאַר מיין שפּיציקער פייל זיי אין מורא,
פאַר מיין שווערד דעם געשליפענעם ציטער.
ווילסטו שלום — בין גרייט דיר צו דינען,
זוכסטו קריג — דאַן בין איך דיין געביטער.

ג.

האָסט גע'גנב'עט מיין ליד און געלייקנט,
דו האסט אונטערגעגראָבן מיין פלויט ;
האסט געזוכט מיט מיין ליד זיך צו גרויסן,
און אַ הילף צו געפינען אין נויט.

קען אַ מענטש דען דעם הימל דערלאַנגען
און פאַרשטעלן די זון פאַר דער וועלט —
קען אַ טייך ווערן אויסגעשעפּט, טרוקן,
אויב אַ קריגעלע וואַסער אים פעלט?

ד.

דיין ענטפער זאָגט עדות: ביסט שולדיק,
דיין וואָרט אַזוי אָרעם און פלאַך.
דו האָסט מיינע פערזן גע'גנב'עט,
און ס'ציטערט דיין קני און איז שוואַך.

נאָר וואַג נישט צו גיין צום מזבח
פון ליד און געזאַנג — האָב פאַרשטאַנד:
ווי נאָר וועסט די טרעפן באַשטייגן,
וועט באַלד זיך אַנטפּלעקן דיין שאַנד.

ה.

פרידן צו דיר, גיי געזונט, זיי געזונט —
און זיי נישט פאַר'עקשנ'ט און שווער.
זיי שטיל און נישט רייד הויכע ווערטער,
און נישט וואַג מיך באַליידיקן מער.

און גיב זייער שטאַרק אַכט אויף דיין ליד,
קלייב־צו דיינע ווערטער און שלייף זיי און שניץ.
זיי וויסן: דיין מוח איז טרוקן אין ווינטער,
היינט וואָס וועט זיין זומער, אין היץ?...

דאָס ליד פון וואַסער

האָט דער ווייַן גענומען טאָגן,
האָט מיין אויג גענומען קלאָגן —
באַכן וואַסער, באַכן וואַסער.

גאָרנישט איז פון ווייַן געבליבן,
וואַסער האָט דעם ווייַן פאַרטריבן.
לידער שטומען, ס'זייַנען מיילער
פול מיט וואַסער, פול מיט וואַסער.

שלמה אבן-גבירול

קען דען עסן מיר באַקומען,
קען דען שפּייז זיין זיס צום גומען —
אַז אין בעכערס פאַר'ן עולם
גיסט מען וואַסער, גיסט מען וואַסער?

משה האָט דעם ים געשפּאַלטן,
פּרעה'ס וואַסערן פאַרשאַלטן —
נאָר דאָס מויל פון אונזער משה'ן
שפּריצט מיט וואַסער, שפּריצט מיט וואַסער.

מיט'ן פראָש בין איך איצט ברודער —
קוואַ-קוואַ-קוואַ, און מאַך געררודער.
מיין מויל ווייסט אַצינד ווי זיינער
ס'ליד פון וואַסער, ליד פון וואַסער.

זאָל ער שווין אָן וויין דאָ דאַרבן,
זאָל ער שווין אַ נזיר שטאַרבן.
זאָלן זיינע קינדער ווערן
וואַסער-טרעגער, וואַסער-טרעגער.

האָט דער וויין גענומען טאָגן,
האָט מיין אויג גענומען קלאָגן —
באַכן וואַסער, באַכן וואַסער.

נאַציאָנאַלע מאָטיוון

א.

עפן דעם טויער, באַגלויבטער,
אויפשטיי, און עפן דעם טויער;
איך בין אין טויטלאַכע אַנגסטן,
ס'האַרץ איז פאַרוויקלט אין טרויער.

הגר, די דינסט פון מיין מוטער,
שפּאָט פון מיר, לאַכט אין איר צאָרן:
אירס, איר געבעט אין דעם מדבר,
איז אַנגענומען געוואָרן.

האַלבנאַכט פון פינצטערן גלות
יאָגט מיך איר זון אויסצוראָטן;
נאָכדעם ווי דער וואַלד־חזיר, אדום,
האָט מיט די פיס מיך צעטראָטן.

ווען וועט שוין קומען דערלייזונג —
קיינער נישט קען דאָס מיר זאָגן.
ס'האַרץ גייט אַריבער פון ווייטיק,
טריב און פאַרשעמט און באַטראָגן.

ב.

קום צו מיר מיט'ן פרימאָרגן —
נעם מיך און פיר מיך ביים האַנט.
לעכצנדיק גאַרט מיין נשמה
זען שוין מיין מוטערלאַנד.

וועל אין מיין פּאַלאַץ דיר שפּרייטן
גאָלדענע בעטן, פלאַם־רויט.
וועל דאָרט אַ טיש פאַר דיר גרייטן,
וועל פאַר דיר שטעלן ברויט.

אָנגיסן וועל איך דיין בעכער
מיט געבענטשטן וויין.
טרינק מיט אַ האַרצן אַ פריילאַכס, —
לויכטן זאָלסטו אין דיין שיין.

אַט־אַזוי וועל איך זיך פרייען,
לויבן דיין נאָמען, וואָס גרויס —
פריידיק אין פרייד פון משיח,
פּרינץ פון דוד'ס הויז.

ג.

— דו רוסט צווישן שוואַרצע געצעלטן פאַרלאָזן —
אַרויף־שטייג צום כרמל, אַרויס־קוק צום בשן.

אין צעטראָטענעם גאָרטן באַקוק דיינע בייטן,
און זע נאָר, ווי האָבן באַדעקט זיך מיט קווייטן.

— וואו ביסטו, געליבטער, דו האָסט מיך געמיטן,
מיין גאָרטן, אויף גערטענער פרעמדע געביטן.

איך בעט דיך, קום ווידער, וואָס ביסטו אַנטלאָפן —
אין שויס פון שיינאויגיקער רויזן און שלאָפן.

ד.

דעם טויער פאַרשלאָסענעם עפן געשווינד,
און שיק מיר צוריק דעם אַנטלאָפענעם אינד.

וועט קומען, וועט רוען ביי מיר אויפ׳ן ברוסט,
וועל זיין מיט זיין דופט מיט דעם זיסן געקושט.

— ווי זעט־אויס דיין חתן, אָ, כלה דו פיין,
כ׳זאָל וויסן צו ברענגען צו דיר אים אַריין ?

— מיין פריינט איז שיינאויגיק און ליכטיק און קלאָר —
נעם זאָלב אים פאַר קיניג אויף אייביקע יאָר.

ה.

רוסט אין מיין פּאַלאַץ אין גאָלדענער בעט —
וואָס גרייטסטו זיך נישט פאַר משיח ? ס׳ווערט שפּעט.

וואָס שלאָפסטו, געטרייער, פרימאָרגן קומט־אָן,
און פלאַטערט און וויַיט אויף די בערג ווי אַ פאָן.

פאַרגעס אָן די פרעמדע — איך גיב זיך צו דיר,
און ברענג דעם געהאָרטן דערלייזער צו מיר.

ביי מיר אין מיין פּאַלאַץ איז צוגעגרייט פיין
דופטיקע איילן און מילגרוים און וויין.

ו.

דודים שטאַם, וואָס שטייסטו אויסגעפרוירן, שטום ?
ווינטער איז אַריבער — בלי מיט צווייג און בלום.

לאנג נאָך וועט ישמעאל אויסצערן מיין קראַפט,
און ווי לאַנג וועט אדום האַלטן מיך פאַרשקלאַפט?

טויזנט יאָר אין גלות גיי איך אָפּ מיט בלוט,
כ׳בין אַ וואַנדער־פויגל אין דעם מדבר־גלות.

קומט ווען מיין דערלייזונג פון דער שוואַרצער נאַכט?
אונטער זיבן זיגלען איז באַשייד פאַרמאַכט.

ז.

דריי שטייען מיר אַלץ פאַר די אויגן
און האַלטן דיין נאָמען פאַר מיר:

אַרויף ווען איך קוק צו דעם הימל —
איז הימל זאָגט עדות אויף דיר.

די ערד, ווען איך בויג מיך אַרונטער,
דערציילט, אַז דו האָסט זי געשמידט;

און גייסט, ווען איך קוק אַריין אין זיך —
לויב גאָט, מיין נשמה, אין ליד.

אַ סליחה

גאָט, וואָס איז דער מענטש? איז דאָך נאָר פלייש און בלוט;
איז אַ שאָטן, וואָס ציט און פאַרפליט די מינוט.
פלוצים קומט אים די שטראָף, זינקט אין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז דער מענטש? איז דאָך ערד, איז דאָך שטויב,
פול מיט זינד און באַטרוג, אומגערעכטיקייט, רויב.
שפּראָצט אַרויס אַ געוויקס אַ צעפּוילטס פון דער ערד —
נאָר באַווייזט זיך די זון, ווערט עס תיכף פאַרצערט.
און באַפעלסטו אויף אים זיין פאַרבאָרגענע זינד —
איז ווי קען ער דיין צאָרן פאַרטראָגן אַצינד?
זיי אים מוחל זיין שאַנד, דען צו שוואַך איז זיין האַנט,
פלוצים קומט אים די שטראָף, זינקט אין אייביקן שלאָף.

שלמה אבן-גבירול

גאָט, וואָס איז דער מענטש? איז פאַרזונקען אין שמוץ;
נעמט זיך איבער מיט ליגנס און ווייסט נישט פון גוטס.
אַד, צי קען מען פון אומריינס אַרויסברייננגען ריינס?
און צי קען מען פון מיאוס אַרויסקריגן שיינס?
אויב ווילסט אים באַשטראָפן פאַר לוסט פון׳ם בלוט —
איז פאַרוועלקט ער ווי גראָז אינ׳ם פעלד אין דיין גלות.
האָב רחמנות, אָ, גאָט, אין דיין גרויסן גנאָד.
פּלוצים קומט אים די שטראָף, זינקט אין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז דער מענטש? האַלט זיך גרויס ביז׳ן טויט.
עס איז גנבה זיין וואַסער און גזלה — זיין ברויט.
איז צעברויזט ווי דער ים און צעהיצט ווי דער פלאַם.
אויב דו שטראָפסט פאַר דער זינד פון דעם מענטשנ׳ס געבוירן —
דאַן גייט ער אין קאַמף אין נישט-גלייכן פאַרלוירן.
נעם זיין שוואַכקייט פאַר ליב, זיינע מעשים פאַרגיב.
פּלוצים קומט אים די שטראָף, זינקט אין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז דער מענטש? איז דאָך נישטיק און קליין;
דורכ׳ן לעבן-לאַנג — פאַלש, און זיין צונג איז געמיין.
און באַפעלסטו אויף אים זיינע זינד פון דיין הויך —
ווי אַ בגד צעפאַלט ער, פאַרשווינדט ווי דער רויך.
האָב רחמנות, פאַרגיב — מיין געבעט זיי דערהערט —
די נשמות, וואָס וואוינען אין שטיבער פון ערד.
פּלוצים קומט אים די שטראָף, זינקט אין אייביקן שלאָף.

גאָט, וואָס איז דער מענטש? אַ צעפרעסענער בוים.
און באַצאָלסטו זיין לוין אים — איז בלייבט פון אים קוים.
און פאַר אַלץ, וואָס ער האָט זיך אין לעבן געפרייט —
וועט ער וויינען און קלאָגן אין טאָג פון׳ם טויט.
און באַפעלסטו אויף אים זיין פאַרצייכנטע זינד —
איז צעגייט ער ווי אייז און צערינט און פאַרשווינדט.
און דאַרום האָב רחמנות, זיי נישט שטרענג מיט דיין קינד.
פּלוצים קומט אים די שטראָף, זינקט אין אייביקן שלאָף.

שלמה אבן-גבירול

כתר מלכות

וואונדערלאַך זיינען די מעשים דיינע,
און די נשמה מיינע ווייסט עס געווי.

א.

דיינס איז, גאָט, די גרויסקייט, שטאַרקייט, פּראַכטיקייט, אייביקייט
און גלאַנץ.
דיינס איז, גאָט, די קעניגרייך, דערהויבנקייט איבער אַלעם, און
רייכקייט און כבוד.
אויף דיר זאָגן עדות אַלע באַשאַפענע פון הימל און ערד,
אַז דו לעבסט אייביק, און זיי ווערן פאַרצערט.
דיינס איז די גבורה, וואָס אונזער געדאַנק איז צו שוואַך מיט איר סוד
זיך צו באַהעפטן,
ווייל צו מאַכטיק ביסטו פאַר אונזערע קרעפטן.
דיינס איז דאָס באַהעלטעניש פון גבורה,
פון חומר און פון צורה.
דיינס איז דער נאָמען, וואָס איז פון מענטשן פון חכמה באַהאַלטן,
און די קראַפט, וואָס טוט דער וועלט אויף גאָרנישט האַלטן,
און די קענטשאַפט יעדע פאַרבאָרגעניש צום ליכט אַרויסצושפּאַלטן.
דיינס איז דער חסד, וואָס איז גרויס און טוט פאַר אַלע באַשעפענישן
זאָרגן,
און דאָס גוטס, וואָס איז פאַר דיינע פּאַרכטיקע פאַרבאָרגן.
דיינע זיינען די סודות, וואָס שכל און געדאַנק קענען זיך צו זיי נישט
דערגראָבן,
און דאָס לעבן, אויף וועלכן פאַרניכטונג קען קיין שליטה נישט האָבן.
דיינס איז דער שטול, וואָס שטייט העכער איבער אַלע העכסטע
אויפגעהויבן,
און די וואוינונג, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די הימלען אויבן.
דיינס איז די עקזיסטענץ, וואָס פון שאָטן פון איר ליכט איז אַלץ, וואָס
עס איז דאָ, געראָטן,
פון וועלכער מיר זאָגן, אַז מיר לעבן אין איר שאָטן.
דיינע זיינען ביידע וועלטן, צווישן וועלכע דו האָסט אַ גרעניץ געשטעלט:
די ערשטע פאַר מעשים, און פאַר שכר די אַנדער וועלט.
דיינס איז די באַלוינונג, וואָס דו האָסט באַהאַלטן פאַר צדיקים און
פאַרבאָרגן —
האָסט געזען, זי איז וואויל, האָסטו זי פאַרבאָרגן.

ב.

דו ביסט איינער — דער הויפּט פון יעדער צאָל,
און גרונט פון יעדן בנין מיטאַמאָל.
דו ביסט איינער — אוןביים סוד פון דיין איינינקייט שטייען די
קליגסטע פאַרגאַפט,
דען זיי ווייסן נישט, וואס דאס איז אַזוינס, און וואו ליגט דיין קראַפט.
דו ביסט איינער — און דיין איינינקייט ווערט נישט פאַרמינדערט און פאַרמערט,
נישט צוגעקומען און נישט אַפּגעצערט.
דו ביסט איינער — און נישט ווי אַזוינער, וואס ווערט געמאָסטן און
געוואויגן,
פאַרמערונג און ענדערונג קענען דיך נישט גרייכן, נישט צונאַמען און
נישט געשטאַלט פאַר מענטשנ׳ס אויגן.
דו ביסט איינער — און דיך אין ראַמען פון געזעץ און גרעניץ
אַריינצופאַסן,
איז מיד מיין געדאַנק אומצופאַסן.
דאַרום, האָב איך געזאָגט, וועל איך היטן מיינע וועגן, ווען איך טו דיין
רום פאַרקינדיקן,
איך זאָל מיט מיין צונג נישט זינדיקן.
דו ביסט דאָ — און דיין סוד איז פאַרהוילן פאַר׳ן מענטשנ׳ס זינען,
פאַרמיטן איז פאַר דעם איינעם צו פאַלן!

ג.

דו ביסט דאָ — און דאָס געהער פון אויער און דאָס געזע פון אויג
קענען דיך נישט פאַרנעמען.
און פאַרוואָס און פאַרוועו און ווי אַזוי — קענען דיך נישט באַנעמען.
דו ביסט דאָ — פאַר זיך אַליין ביסטו דאָ —
און קיין אַנדערער מיט דיר איז נישטאָ.
דו ביסט דאָ — און איידער צייט איז נאָך געוועזן — ביסטו שוין געוועזן,
און איידער פלאַץ איז נאָך געוועזן — ביסטו שוין געשעזן.
דו ביסט דאָ — און דיין סוד איז פאַרהוילן פאַר׳ן מענטשנ׳ס זינען,
טיף־טיף איז דיין סוד — און ווער קען אים געפינען?

ה.

דו לעבסט — און נישט זינט אַ תקופה, וואָס איז באַוואוסט פון ווייט,
און נישט זינט אַ באַשטימטער צייט.

דו לעבסט — און נישט דורך אָטעם און נשמה,
דען דו ביסט די נשמה פון נשמה.
דו לעבסט — און נישט מיט אַ מענטשנ׳ס לעבן, וואָס איז צום גאָרנישט געגליכן,
וואָס טוט אין שימל און אין קויט צעקריכן.
דו לעבסט — און יענער, וואָס וועט צו דיין סוד דערגרייכן,
וועט געפינען אייביקן תענוג אין די הייכן —
וועט פאַרזוכן דיין פרוכט און וועט לעבן אייביק.

ה.

דו ביסט גרויס — און אַנטקעגן דיין גרויסקייט ווערט יעדע אַנדערע גרויסקייט פאַרלאָרן,
און פון איטלאַכער מעלה ווערט אַ חסרון.
דו ביסט גרעסער פאַר יעדער מחשבה,
און שטאָלצער פון יעדער מרכבה.
דו ביסט גרעסער פון יעדער גרויסקייט דערהויבן,
און העכער פון אַלע ברכות און לויבן.

ו.

דו ביסט שטאַרק — און נישטאָ איז קיינער צווישן אַלע באַשעפענישן דיינע, וואָס זאָל קענען באַווייזן,
נאָכטאָן די גבורות דיינע און דיינע מעשים.
דו ביסט שטאַרק — און דיינס איז די אַנטגילטיקע גבורה,
וואָס וואַרפט זיך נישט אונטער טוישונג און ענדערונג פון צורה.
דו ביסט שטאַרק — און צוליב דיין גרויסער שטאָלץ ביסטו מוחל אין צייט פון צאָרן,
און האַלטסט דיין כעס איין אויף די זינדער, זיי זאָלן נישט גיין פאַרלאָרן.
דו ביסט שטאַרק — און דיין רחמנות איז שטאַרק אויף אַלע באַשעפענישן דיינע, וואָס זיינען שטויביק —
די העלדן, וואָס פון אייביק און פון אייביק.

ז.

דו ביסט דאָס העכסטע ליכט — און די אויגן פון יעדער נשמה זעען דיך אין ליכט באַצויגן,
און די וואָלקן פון זינד פאַרשטעלן דיך פון זייערע אויגן.

דו ביסט דאָס ליכט, וואָס איז אין אונזער וועלט פאַרדעקט,
און איז אין אַ שענערער וועלט אַנטפּלעקט,
און וועט אויף דעם באַרג פון גאָט באַווייזן זיך צעשטרעקט.
דו ביסט דאָס ליכט פון דער וועלט — און דאָס אויג פון שכל גאַרט און לעכצט נאָך דיין גלאַנצן —
עס זעט נאָר אַ ברעג פון אים, אָבער נישט אינגאַנצן.

ח.

ביסט האַר פון האַרץ און דער גאָט פון געטער,
פון וועלטן אויבערשטע, און אונטערשטע געוועלטיקער און רעטער.
דו ביסט גאָט — און אַלע באַשעפענישן טוען אויף דיר עדות זאָגן,
אַז אין כבוד פון נאָמען דיינעם איז יעדער באַשאַפענער מחויב דיין יאָך צו טראָגן.
דו ביסט גאָט — און אַלע ברואים זיינען דיינע דינער און קנעכט,
און עס ווערט דער כבוד דיינער נישט פאַרשוועכט
צוליב די יעניקע, וואָס דינען געטער אַנדערע חוץ דיר,
דען די כוונה פון זיי איז צו אַלעמען צו גרייכן צו דיר,
אָבער זיי זיינען ווי די בלינדע, וואָס זייער מיין איז צו גיין מיט'ן קעניגלאַכן וועג,
און האָבן נישט געזען און אַרונטער פון שטעג.
איינער איז אין אַ גרוב געוואָרן פאַרזונקען,
דער צווייטער איז אין אַ נעץ געבליבן פאַרשלונגען;
און אַלע האָבן זיי געמיינט, אַז זיי האָבן זייער וואונטש דערוואוסט —
זיי האָבן זיך אָבער געמיט אומזיסט.
אָבער דיינע קנעכט גייען אויפ'ן גראַדן וועג מיט אָפענע אויגן,
און האָבן אויף רעכטס אָדער לינקס זיך נישט אָפּגעצויגן,
ביז זיי קומען אין הויף פון קעניגלאַכן הויז.
דו ביסט גאָט, וואָס פירט די באַשעפענישן דיינע מיט דיין געטלאַכקייט,
און שטיצסט די ברואים דיינע מיט דיין אייניקייט.
דו ביסט גאָט — נישט פאַנאַנדערצעטיילן דיין געטלאַכקייט, אייניקייט, אייביקייט און דאַאיקייט.
דען אַלץ צוזאַמען איז: איין סוד איינאַונאיינציקער, און אויב עס וועט אין צייט זיך ענדערן איין נאָמען,
טוט אַלץ דאָך צו דעם פּלאַץ צום זעלבן שטראָמען.

ט.

דו ביסט קלוג — און די חכמה, וואָס איז קוואַל פון לעבן, טוט פון דיר פליסן,

און דיין חכמה איז דער מענטש נאַריש זיך צו דערוויסן.
דו ביסט קלוג — דער קדמון פון אַלע קדמונים,
און די חכמה איז אויפגעקומען מיט דיר אינאייינעם.
דו ביסט קלוג — האָסט פון קיין אַנדערן נישט געלערנט, נישט גענומען;
און האָסט ביי קיינעם קיין חכמה נישט באַקומען.
דו ביסט קלוג און פון דיין חכמה האָסטו דעם באַשטימטן ווילן אָפּגעטיילט,
און האָסט אים ווי אַ בויער און אַ מייסטער אויסדערווײלט,
די שטרעמונג פון עקזיסטענץ פון גאָרנישט אַרויסצוציען,
ווי ס׳טוט דאָס ליכט פון אויג אַרויסשטראָמען און גליען, —
וואָס שעפּט, און אָן אָן עמער, פון דעם קוואַל פון ליכט,
און אַלץ אָן בוי־געצייג געפורעמט און איינגעריכט.
און געהאַקט און געקריצט,
און געלייטערט און געבליצט,
און גערופן צום גאָרנישט און ער האָט זיך געטאָן שפּאַלטן,
און צום „יש" — און ער האָט זיך אַריינגעשטעקט און געבליבן פאַרהאַלטן;
און צו דער וועלט — און זי האָט זיך אויסגעשפּרייט,
און האָט דעם הימל מיט זיין שפּאַן צעשפּרייט;
און זיין האַנט האָט דעם געצעלט פון די ספערן געהאַפּטן און געצונדן,
און מיט די שלייפן פון פּאַטענץ די פאַרהאַנגען פון דער וועלט פאַרבונדן;
און מיט זיין כוח אַנגערירט דעם ברעג פון אויסוווערטיקן באַשאַף —
דעם אויסוווערטיקן ערדישן באַשאַף.

בחיי בן־יוסף הדיין

פילאָזאָף, תלמודיסט און ליטורגישער פּאָעט. געלעבט אין שפּאַניע אין עלפטן יאָרהונדערט. די גענויע יאָרן פון זיין לעבן זיינען ניט באַקאַנט. האָט פאַרענדיקט זיין הויפּטווערק „חובת־הלבבות" אַרום די אַכציקער יאָרן פון יענעם יאָר־הונדערט (1080).

צו דער נשמה

נשמה מיינע,
קוק זיך צו צום וועג, אויף וועלכן דו גייסט —
אַז אַלצדינג איז געקומען פון דער ערד,

און אַלץ וועט צו דער ערד זיך אומקערן.
אַז אַלץ, וואָס ווערט געפורעמט און געבוירן —
מוז גיין פאַרלוירן.
און דאָס לעבן און דער טויט זיינען ברידער,
איינס מיט׳ן צווייטן גייען אַרומגענומענע,
באַהאַפטן, און טוען זיך נישט שיידן:
זיי האַלטן זיך אַן ביידע ברעגן פון אַ שאַקלדיקער בריק,
און אַלץ, וואָס איז באַשאַפן, גייט איבער דער בריק.
דאָס לעבן איז דער אַריינגאַנג, און טויט — דער אַרויסגאַנג,
דאָס לעבן בויט — און ס׳צעוואַרפט דער טויט,
דאָס לעבן זייט — און דער טויט פאַרוויַיט,
דאָס לעבן פלאַנצט — און דער טויט רייסט אויס,
דאָס לעבן באַהעפט — און דער טויט צעשיידט,
דאָס לעבן פאַרבינדט — און דער טויט צעשפּרייט.
און וויים און זע,
אַז דו וועסט אויך פון בעכער טרינקען,
און וועסט פון וואוינונג פון דיין גוף אַרויס;
דיין שעה, די בייזע שעה, וועט שלאָגן
און וועסט זיך אומקערן צום אייביק הויז.
אין יענעם טאָג וועסטו דיין לוין באַקומען
פאַר גאָר דיין מי, וואָס דו האָסט זיך געמיט ביים לעבן,
פאַר אַלץ וועט ווערן אָפּגעצאָלט און אָפּגעגעבן;
דעריבער זע און נייג דיין אויער צו,
פאַרגעס דיין פאָלק און פאָטער׳ס הויז,
שטיי אויף און זינג צום מלך דיינעם
טאָג און נאַכט.
שפּרייט אויס צו אים אין מורא דיינע הענט,
און בוק זיך צו אים נידעריק ביז דר׳ערד;
און זאָלן דיינע אויגן גיסן טרערן,
אפשר וועט דער מלך דיין שיינקייט באַגערן
און וועט זיך אומקוקן אויף דיר
און דיך באַגנאַדיקן.

נשמה מיינע,
גרייט זיך צו מיט שפּייז אין לאַנגן וועג אריין

כל זמן דו לעבסט, און ס׳ליגט אין דיינע הענט —
ווייל ס׳איז אַן דיר געווענדט.
ס׳איז גרויס און לאַנג דער וועג. נישט זאָג:
איך וועל זיך מאָרגן צוגרייטן,
ווייל ס׳אוונט שוין דער טאָג.
דו ווייסט נישט, וואָס עס קען נאָך היינט געשען;
זיי וויסן, אַז דער נעכטן וועט אויף אייביק שוין
זיך נישט צוריקקערן;
און אַלץ, וואָס דו האָסט דורכ׳ן טאָג געטאָן,
איז אויסגעציילט, געמאָסטן און געוואויגן.
און זאָג נישט: איך וועל אַלץ נאָך אָפּטאָן מאָרגן —
ווייל ס׳איז דער טאָג פון טויט פון איטלעכן פאַרבאָרגן!

יצחק בן-גיאת

שפּאַניע. געלעבט אין 11־טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1066 געוואָרן ראש־ישיבה אין לוצענא. האָט זיך קונה־שם געווען אַלס רעליגיעזער דיכטער.

אַ ליד

צויבערין, דו בעלת־אוב,
כשוף מיר אַ כשוף גרויס:
פון דעם טיפן שוואַרצן שאול
ברענג דניאל׳ן אַרויס!

ברענג אים אויף פאַר מיר אַ רגע —
כ׳וויל אים זען און וויל אים פרעגן,
וויל אים בעטן: „איז פאַרביי שוין
זיין פאַראויסגעזאָגטע צייט? —
כ׳בין פאַרצווייפלט שוין פון האָפנונג,
און די גאולה איז נאָך ווייט״.
ענטפערט אָפּ מיר מיין געדאַנק,
ווען איך זוך דאָס צו דערגיין,

ס׳איז אַ סוד פאַרהוילן, טיף,
ווערסט דאָס קיינמאָל נישט דערגייז!

זאָל דער פיינט, וואָס זוכט דיין לעבן,
זאָל דער פיינט דיך נישט פאַרווירן;
זינג דיין ליד, פאַרלאָז אויף גאָט זיך,
ער וועט דיך צום גוטן פירן.
ער איז גאָט, דו זאָלסט זיך מיען,
און פאַר אים זאָלסטו זיך קניען —
גיס פאַר אים אויס דיינע ליידן,
זאָלסט פאַר אים דיין האַרץ אַנטפּלעקן,
ער וועט צוהערן און שיצן
דיך פון ליידן און פון שרעקן!

ווייט זיינען די בעסטע, נאָענטסטע,
נאָענט דער שונא נאָר אַליין,
און דער פלאַם פון שווערן גלות
ברענט אין האַרץ מיר און געביין.
אַלע פיילן פון דעם אומגליק
זיינען אויף מיין לייב געצילט;
אַלע שטורעמדיקע ימ׳ען
האָבן זיך אויף מיר צעשפּילט!

קורץ מיין האַנט און אָפּגענומען —
נאָר דעם שונא׳ס האַנט איז לאַנג;
שטרענג און בלוטיק זיינע ווערטער —
און מיין וואָרט איז שטיל און באַנג.
זוכט ער אָבער בלויז מיין לעבן —
ווערסטו מיך נישט איבערגעבן:
שפּאַנט ער אַן די פיילנבויגנס —
לויף איך צו דיין רו און גוטס;
רייצט ער אַן אויף מיר די האָרדעס —
ביסטו דאָן מיין הילף און שוץ!

משה אבן-עזרא

געבאָרן אין יאָר 1070 אין גראַנאַדע. זיין רבי איז געווען דער געלערנטער און פּאָעט ר׳ יצחק בן־גיאת. צוזאַמען מיט זיינע אידישע למודים האָט ער אויך באַקומען אַן אַלזייטיקע וועלטלאַכע בילדונג. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון דער אַראַבישער פּאָעזיע און גרינטלאַך געקענט די לאַטיינישע שפּראַך.

מיט זיין דערשיינען האָט זיך אַ גרויסער שטראָם פרייד אַריינגעטראָגן אין דער העברעאישער פּאָעזיע. עס זיינען דערהערט געוואָרן אַזוינע מאָטיוון, וואָס זיינען ביז אים געווען פרעמד און אומבאַקאַנט אין אונזער אַלטער פּאָעזיע. לידער פון וויין און ליבע, פלאַסטישע ברייטע נאַטור־שילדערונגען מיט אייגנאַרטיקן חן און אָריענטאַלן פּאַרפום.

צוליב אַן אומגליקלאַכער ליבע מיט זיין ברודער יצחק׳ס טאָכטער — ווערט דער פּאָעט כמעט ווי אַרויסגעשטויסן פון דער משפחה. ער פאַרלאָזט זיין היים, די אַראַבישע שפּאַניע, און וואַנדלט אויס אין קאַסטיליע, אין דער קריסטלאַכער שפּאַניע. צו יענעם פּעריאָד פון זיין לעבן געהערן אַ סך פון זיינע סליחות און פיוטים און זיינע פּראַכטפולע מעדיטאַציעס וועגן לעבן און טויט. ער איז געבליבן געטריי צום אָנדענק פון זיין געליבטער און קיינמאָל ניט חתונה געהאַט. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1139, אויפן 69־טן יאָר פון זיין לעבן, און זיין אינגערער פריינט און חבר יהודה הלוי האָט אים באַוויינט מיט האַרציקע הספדים־לידער.

ש י י ן

סיהאָט אַ זון אין דער נאַכט פון מיין ליבע
זיך צעשטראַלט אינדערפינצטער מיט שיין.
ס׳איז דאָס מויל פון געליבטער אַ בעכער
פול מיט דופּטיקן גאָלדיקן וויין.

מיינע רויזן צעבליט אויף איר פּנים,
און מיין מירטנצווייג גרינט אין איר פּראַכט;
ווען איר אויג האָט מיין האַרץ שווער פאַרוואונדעט,
האָט איר ליפּ מיר אַ היילונג געבראַכט.

אַ רויז

איינגעהילט האָט זיך דער גאָרטן
אין אַ העמד פון גרינס געשטיקט;

משה אבן־עזרא

איטלאַך בוים צעבליט אין ווייסן,
איטלאַך אויג פון פרייד אַנטציקט.

איטלאַך בלום האָט פריש באַנייט זיך,
ציט זיך קעגן זון און לאַכט;
פאַרויס גייט די רויז, די מלכה,
אין איר קעניגלאַכער פּראַכט.

פון איר קנאָספּ האָט זי באַפרייט זיך,
און זי פלאַטערט אויפ׳ן ווינט:
ווער עס טרינקט פאַר איר קיין ווייַן נישט,
יענער טוט באַגיין אַ זינד.

אין גאָרטן

...און דער גאָרטן איז פּראַכטיק צעוואַרפן,
איז פאַרטרונקען אין העלע קאָלירן;
איז געשניטן אין ליכטיקע בייטן,
און די רויזן פילפאַרביק שעמערירן.
האָט פאַרהילט זיך אין זיידענע העמדער,
און מיט בלוי און מיט פּורפּור פאַרנומען;
און דער זומער האָט העל אויף די העמדער
געשטיקט פאַלמען און קנאָספּען און בלומען.
און דאָס ליכט פון דער זון איז אַ גאָלד־פּאָל,
און די בוימער די גרינע — אַ הימל;
און עס מורמלען און שפּריצן פאָנטאַנען,
און זיי וואַרפן אויף אַלץ אַן אַ דרימל.
און די טויב וואָרקעט שטיל צו די מירטן,
דער קאַנאַריק טוט מיד גאָר נישט ווערן;
און ער זינגט און פאַרגייט זיך אין צווייגן,
ווי פאַר׳שיכור׳ט פון ווייַנטרויבן־טרערן.
און מיט פויגלען פלייצט־איבער דער גאָרטן,
וואו אַ שפּאַלט — זייַנען נעסטן פאַראַנען;
אַ פאַר׳כישוף׳טער גאָרטן מיט פויגלען,
מיט די פאַלמען און מיט די קאַשטאַנען,
און די מאַטע און מידע דערוואַכן,

ס׳האָט די צייט איצט פֿאַרמאַכט אירע אויגן —
אויף אַ רגע גערופֿן אַ יום־טוב,
און די לייד איז צערונען, צעפֿלויגן.
רונד דער טיש ווי אַ הימל, די לבנה —
איז דער קרוג, און ווי שטערן — די בעכער;
און די רויכפֿאַנען רויכן געווירצן,
און אַ ווינטל צעפֿאַכט זיי מיט פֿעכער.
דער קרישטאָלענער בעכער — אַ שטערן,
און דער וויין אין זיין אינגעווייט — צונטער;
אַ פֿאַרליבטער מיט טרער אויף זיין פּנים,
נאָר אין האַרצן ברענט פֿלאַם־פֿייער בונטער.

אַ חתונה־ליד

איז דאָס מור, דער דופֿט, וואָס צעשפּרייט זיך,
צי דער ווינט פֿאָכט די מירטן אין היץ?
איז דאָס וואָלקן, צי ריחות פֿון ווייראַך,
שפּילט דער וויין אַזוי העל, צי דער בליץ?

יאָ, די וואָלקן זיי טריפֿן מיט בשׂמים,
און די מירט טריפֿט מיט פּערל און שטראַלט;
צי עס זינגען די בערג היינט די שטומע,
צי די זינג־פֿויגלען קלינגען אין וואַלד?

און די ערד איז אין גינגאַלד געוויקלט,
און אין זייד אין געשטרייפֿטן געקליידט;
יעדער וועג האָט זיך אויסגעגלייכט פֿריידיק,
און די בערג ליגן פֿלאַכע צעשפּרייט.

און עס זינגען די שטיבער פֿאַר שׂמחה,
ס׳זינגט אַרויס יעדער באַלקן פֿון הויז;
און פֿאַרוואָלקנטע פּנים׳ער לויכטן,
ס׳שלאָגט מיט פֿריידן פֿון מענטשן אַרויס.

און די לעפֿצן פֿון שטאַמלער, זיי זינגען, —
ס׳איז דער בנין פֿון פֿרייד אויפֿגעשטעלט;

משה אבן־עזרא

די פארבארגענע וואונדער פון צייטן
האבן איצט זיך אנטפלעקט פאר דער וועלט.

און דאס פראכטיק געצעלט איז באהאפטן,
און אין שלייף איז דער האקן געבראכט;
ס'האבן טעג זיך צוזאמענגעגאסן,
פון צוויי מענטשן — איין לייב היינט געמאכט.

און די פרייד שטייגט אלץ העכער און העכער,
פלאטערט איבער די בערג ווי א פאן;
ס'טראגן פליגל פון מארגן די בשורה,
און דער ליכטיקער וועלט זאגט־אן.

פון פארגליווערטן וואסער די בעכער
און פון פייער צעשמאלצן דער ווייַן;
טרינקט דעם ווייַן פיל איר קענט נאר פארטראגן,
עס זאל פריילאך און לוסטיק היינט זיין.

מיט דער ליבע־גאזעל, פריי זיך, בחור,
זינגט פון ליבע, וואס האט אייך באַרירט;
איר פיגור איז גראציעז ווי א פאלמע,
און איז דאך אזוי לייכט ווי די מירט.

און ווען אוונט פאלט־צו — האב נישט מורא
פאר'ן צירונג־ און הארבאנד־געקלאנג;
און נישט שרעק זיך פאר אויגן ווי טויבן,
ווי פארצויגן מיט גיריק פארלאנג.

און דיין הארץ זאל נישט ווערן דערשראקן
פאר די ארעמס אין גאלדבענד געקלעמט;
נישט אנטלויף פאר די שלאנגען, די לאקן —
זיי פארשטעלן א פנים פארשעמט.

יא, דאס ציען זיי דיך און זיי רופן,
כאטש פארשטעלט איז דאס מיידל־געזיכט;
און די ברוסטן — גראנאטן אין רויזן,
העל־צעבליטע אין ראזיקן ליכט.

משה אבן־עזרא

אַ ליבע־ליד

קיינער וויל נישט פאַרשטיין אונזער ליבע,
ס'איז אַ ביישפּיל פאַר מענטשן און וועלט;
איך באַגראָב מיינע ליידן אין האַרצן,
דו האָסט ביטער אַזוי מיך געקוועלט.

כ'האָב פאַר אַלעמען ס'האַרץ מיינס פאַרשלאָסן —
זאָלן מענטשן נישט לאַכן פון מיר.
ווייס, אַז קראַנק איז עס, קראַנק פון ליבע,
און גייט אויס אין דער פרעמד ווייט פון דיר.

אַז אַן דיר איז די וועלט ווי אַ תּפיסה,
וואָס פאַרענגט און באַדרענגט מיך שווער;
מעגן אַנדערע פּרוּוון מיך רייצן —
נאָר איך קען זיי נישט אָנקוקן מער.

פון דיין מויל פליסט מיט וואַסער פון לעבן,
נאָר מיין זעל שמאַכט פון דורשט און רופט;
און דיין אָטעם דערפרישט יעדן איינעם —
נאָר מיר פעלט אויף צו אָטעמען לופט.

ביסט דאָך קלוג און פאַרשטייסט, — איז דערקלער מיר:
ווי דעם לייב האָט געפאַנגען אַן אינד?
און דאָס לעבן פון מיר דעם פאַרליבטן
איז פאַרפאַלן, פאַרשפּילט — און אַן זינד.

און זיי ווייסן: וואָס גרעסער דיין שולד איז,
אַלץ מערער נאָך האָב איך דיך ליב —
אַז דו רוסט אין מיין האַרצן און אויגן,
און מיין האַרץ און מיין אויג זיינען טריב.

דען אין האַרצן ברענט שטענדיק אַ פייער,
און אין אויג ווערט נישט טרוקן דער גרונט;
אַז דיין צאָרן איז ליב מיר און טייער,
אַז איך וויל גאָר נישט ווערן געזונט.

בין דיר טריי כל־זמן ס׳שפראָצן די גראָזן,
און דער טוי פון׳ם הימל פאַלט;
לעב, מיין שיינקייט, ווי כ׳ווינטש דיר פון האַרצן,
כל־זמן ס׳זינגען די פויגל אין וואַלד.

אַ טויב

די טויב, וואָס נעסטלט אין גאָרטן —
נאָך וואָס זאָל זי טרויעריק קלאָגן?
דער פאַלמענבוים איז דאָך איר שאָטן,
דער וואַסערקוואַל טוט פאַר איר שלאָגן;
די טייבעלאָך אירע, זיי וואָרקן,
און גלעטן צו איר זיך און שפילן. —
באַוויין דעם באַרויבטן, פאַריאָגטן,
און טו זיינע ווייטיקן שטילן.
באַדויער, באַטרויער דעם עלנט,
פון היים און פון נענטסטע פאַרטריבן —
וואָס וועלט איז נישט ליב אים און טייער,
און וויסט איז זיין לעבן געבליבן.
באַדויער און וויין אויף זיין עלנט,
נישט זינג אים קיין ליד צו דערפרייען.
אַנטליי אים די פליגל צום פליען,
צו קושן די ערד, וואו זיי שטייען.

צו זיינעם אַ תלמיד

דו מענטש פון פאַרשטאַנד, זאָלסט דיין טרויער
און פיין פון דיין האַרצן פאַריאָגן;
דען וואָס קען דיר העלפן דיין וויינען,
וואָס העלפט אויפ׳ן מזל זיך קלאָגן?

דאָס מזל, עס טוט זיין באַגערן
אויך היינט ווי פון אייביקע צייטן;
גיי, פיר מיט׳ן מזל מלחמה,
עס זאָל זיינע וועגן דיר בייטן.

אַזוי איז זיין וועג שוין פון אייביק;
ער טוט נישט מיט כיוון באַרויבן.
מאַכט רייך דורך גאָט׳ס וואָרט און מאַכט אָרים,
דערנידעריקט און טוט דערהויבן.

זיין האַנט אויפ׳ן לעבן צעלייגט איז,
זיין וואָרט איבער וועלטן טוט פליסן;
און פונקט ווי אַ קראַנקער, טו עפּעס
פון צייט פון דער קאַרגער געניסן.

דען וועלט איז אַ דורכגאַנג, דער טויט איז
דער אָפּגרונט, און מיר זיינען שיפן;
פּרובירט ווערט דער מענטש דאָ, אויף דער וועלט,
די צווייטע — פון לעבן פון טיפן.

וואָס ער האָט געפלאַנצט — וועט ער שניידן,
די ברכות און אויך זיינע קללות — —
מיין פריינט, נעם אַראָפּ זיך אַ מוסר
פון מיר, אין מיין פינצטערן גלות.

איך דאַרשט נאָך די ווערטער פון אמת —
מיין כוס שטראָמט אַריבער מיט ליגן;
געוועזן איז דאָס מזל אַ שקלאַף מיר,
איצט טוט עס מיך ביטער באַטריגן.

אַ דימענט אין מיסט בין איך איצטער,
אַ מירט אין די וויסטעניש־גלוטן;
און ס׳האַרץ גייט מיר אויס אויף דיין טרויער,
און ווייטיקט, און הערט נישט אויף בלוטן.

קליינע לידער

א.

עס האָט גאָט אינ׳ם האַרצן פון מענטשן
איינגע׳כישופ׳ט אַ וועלט ביים געבאָרן;
ס׳איז אַ טייך, וועלכער פלייצט, ער זאָל טרינקען,

און דער מענטש ווערט נישט זאַט מיט די יאָרן.
ווי פון זאַלץ וואַלט דאָס וואַסער געוועזן,
און עס דורשטן זיין האַרץ און געפילן;
און ער טרינקט און ער שלינגט פון דעם וואַסער —
נאָר זיין דורשט לאָזט זיך אייביק נישט שטילן.

ב.

וואו די קברים פון די מענטשן,
וועלכע זיינען לאַנג געשטאָרבן?
קבר איז געהאַקט אויף קבר,
קרבן איז געלייגט אויף קרבן.
ס׳מיידט נישט אויס דעם גורל קיינער —
פּראָסטע־שטיינער, איידל־שטיינער.

ג.

די וועלט איז אַ פרוי אַ מאַסקירטע —
ס׳איז נישטיק איר שיינקייט און פרייד;
זי רעדט זיסע רייד, אָבער הינטער
איר צונג האָט זי נעצן פאַרשפּרייט.
צערייס אירע נעצן, מיין ברודער,
אַנטלויף, איידער ס׳ווערט פאַר דיר שפּעט.
לאָז־אויס יעדן צוזאָג אויף גליקן,
און וואַרף איר אין פּנים דעם גט.

ד.

זאָל דער מענטש דורכ׳ן לעבן געדיינקען,
אַז דער סוף, אַז דער טויט איז נישט ווייט;
יעדער טאָג ציט זיך לאַנגזאַם, פאַמעלאַך,
פונקט ווי שטיין וואַלט געבליבן די צייט.
ווי אַ מענטש אויף אַ שיף מיינט, ער רוט —
נאָר דער ווינט טראָגט זיין שיף מיט׳ן פלוט.

ה.

אומזיסט נאָר חנ׳דלט זיך די ערד און פּוצט זיך —
דעם נאַרן אפשר קען איר פּוץ געפעלן;
זי ווייזט זיך מילד און צאַרט, געהילט אין זיידנס,

און טוט אַ שיין אויף אים מיט ליכט מיט העלן.
זי טיילט אים איין מיט פולער האַנט די ליידן,
נאַר ווייניק פרייד קען ער פון איר פאַרלאַנגען:
זי גיט אים צו פאַרזוכן פון איר האָניק —
דערפאַר אָבער האָט זי זיין האַרץ געפאַנגען.
ווער ס׳יאָגט זיך נאָך דער וועלט, דעם מוז זיך דוכטן:
אַ גאָרטן בליט — און דאָס זיינען די פרוכטן.

ו.

גע‍בוי‍ט אויף דער ערד זיך פּאַלאַצן
פון מאַרמאָר און עלפאַנטביין;
מיט ברייטע און ליכטיקע זאַלן,
געשטיצט אויף זיילן פון שטיין.

דו קוקסט — און דער פּאַלאַץ צעפאַלט זיך;
ווערט ליידיק און וויסט און צעשטערט;
אָד, זאָג מיר, וואו זיינען די בויער,
וואו גוף און וואו גייסט אויף דער ערד?

וואָס קען דער מענטש האָבן פאַר האָפנונג
מיט אויג צו זיין ביטערן סוף?
די צייט איז דער פאַסטוך, אַ מעסער —
דער טויט, און די מענטשן ווי שאָף.

ז.

גיי אַרויס צום בית־עולם, באַטראַכט נאָר
די, וואָס שלאָפן — ווערסט בלייבן פאַרשעמט.
ווי זיי ליגן צעלייגט אונטער שטיינער,
און ס׳איז ערד זייער בעט, זייער העמד.
דאָס איז גאָר, וואָס עס איז זיי געבליבן
פון דעם לעבן דעם שווערן און טריבן.

ח.

און יענער, וואָס חלומ׳ט פון רייכקייט,
און גלויבט אין דער וועלט, אירע גליקן —
דעם יעניקן נעמט זי מיט חנ׳דלאַך,

מיט זיסינקע רייד און מיט ליגן.
איר רעכטע האַנט גיט אים איר האַניק,
מיט גיפט טוט די לינקע זיך שטרעקן —
און וואָס האָט דער מענטש פון זיין אַרבעט,
וואָס העלפן זיין מי און פאַרמעגן?

ט.

אַלטע פאַרצייטיקע קברים —
מענטשן באַרואיקטע שלאָפן;
שנאה און קנאה אַנטשוויגן,
ליבע און פיינטשאַפט אַנטלאָפן.
הערשער און קנעכט, גליק און ליידן —
האָב נישט געקענט אונטערשיידן.

י.

פרידן צו די יעניקע, וואָס רוען
אין גריבער ערד, אין פינצטערניש פון נאַכט;
ביים לעבן זיינען זיי געווען פאַרצערטלט,
אויף שענסטן און אויף בעסטן אויפגעבראַכט.
איצט האָבן זיי פון גאַנצן כבוד גאַרנישט,
בלויז בערגלאַך ערד מיט שטיינער אויפ׳ן קאָפּ;
איר, מענטשנקינדער, שטעלט זיך אָפּ, באַטראַכט זיך,
און נעמט פון זיי אַ מוסר זיך אַראָפּ.

דערוואַכונג

כיהאָב דערוואַכט פון מיין דרימל: די תאוות
פון האַרץ און פון אויג צו באַדרענגען;
פון פאַרלאָפענעם עבר געלערנט,
וואָס די צייט וועט אין צוקונפט מיר ברענגען.
מיין פאַרשטאַנד האָט מיר גרויסקייט באַוויזן,
און גאָט׳ס וואונדער געשטעלט פאַר די אויגן;
האָט אַנטפּלעקט מיר פאַרבאָרגענע סודות,
מיט מלאכים אין הימלען געפלויגן.
און דערזען האָב איך געטלאַכע בילדער,

און אַז גאָט זיצט אין מיר — בין דערגאַנגען;
וואָס זיין פּראַכט איז פאַרדעקט, נאָר באַווייזט זיך
אין די מעשים פאַר מיינע געדאַנקען.
האָט אַ ליכט אין מיין גוף אָנגעצונדן,
און פון חכמה דעם וועג מיר באַוויזן;
ס׳איז דאָס ליכט, וואָס באַליכט מיך פון יוגנט,
און ביז שפּעטיקער עלטער טוט פליסן.
וואָלט דאָס ליכט פון גאָט׳ס סוד נישט געקומען,
וואָלט עס דאָן נישט געשטאַרקט זיך מיט יאָרן;
ס׳פירט דאָס ליכט מיך אין פּאַלאַץ פון חכמה,
פלי אין הימל — און ווער נישט פאַרלאָרן.
דען מיין וועלט איז צו גאָרנישט געגליכן,
וועל ווי אַלע, וואָס ביז מיר, פאַרשווינדן;
איך וועל גיין צו די זיידעס און פאָטערס,
ס׳וועט די רו מיך די גרויסע פאַרבינדן.
ס׳וועט פאַר אַלץ מיך גאָט נעמען צום משפּט,
מיינע מעשים — די קלעגער און ריכטער;
און די וועלט איז דעריבער מיר נמאס,
פאַר איר זינד און איר רייץ בלייב איך ניכטער.
איידער זי וואַרפט דעם גט מיר — אַנטלויף איך,
איידער זי טוט פון זיך מיך פאַרשטויסן;
מעג זי שיינקען מיר זונען און שטערן,
מעג זי שפּרייטן מיר בעטן פון רויזן.
זיך באַהעפטן צו מענטשן פון חכמה
איז מיין איינציק באַגער אין מיין לעבן;
נאָר וואָס מער איך באַגער — איז אַלץ ווייטער
טוט די נעץ פון מיין זינד מיך פאַרשלעפּן
צו אַ פאַלק, וועלכעס וויל נישט פאַרשטיין מיך,
און איך זיי — וויל נישט קענען און וויסן;
ווען איך גיב זיי מיין קוש, הער איך שרייען,
אַז איך האָב מיט די ציין זיי געביסן.
כ׳האָב איין חלק: די גייסטער די גרויסע,
ס׳זיינען באַלזאַם מיר זייערע שריפטן;
זיי פאַרזיסן מיין ביטערן עלנט,
זיי פאַרטרוי איך מיין סוד מיין פאַרטיפטן.

כ׳האָב פון טיפקייט פון זייערע ימ׳ען
מיינע לויטערסטע פערל געקליבן;
און עס פרייען זיך ס׳האַרץ און די אויגן,
און צו זיי זינגען פרום מיינע ליפּן.
ליכט צום אויג, ליד צום אויער, און האָניק
צום מויל, און צום אָטעמען — בלומען;
און דורך זיי בין איך גרויס און דערהויבן,
ביז מיין שעה ביז מיין לעצטע וועט קומען.

נאַציאָנאַלע מאָטיוון

א.

איילט שנעל צוריק צום וואוינונג פון די טייערע —
די צייט האָט זיי צעשפּרייט, און וואוינונג וויסט פאַרבליבן.
אַמאָל האָבן געלעבט דאָרט אינדן — נאָר אַצינדערט
דאָרט האָבן בייזע וועלף און לייבן זיך פאַרקליבן.
איך הער דאָס שרייען פון דער אינדין, וויינט און קלאָגט זיך
פון אדום׳ס צוואַנג, און פון אַראַביער־לאַנד געפאַנגען;
זי וויינט צו גאָט, צו דעם געליבטן פון איר יוגנט,
און גיסט איר האַרץ אויס אין די צערטלאַכסטע געזאַנגען:
„לענט־אונטער, שטאַרקט מיט ווייַן דאָס האַרץ דאָס טריבע,
„דען איך בין קראַנק, גיי אויס פון ליבע״.

ב.

פאַרוואָס איז מיין געליבטער בייז אויף מיר און ווייט —
און איך — מיין האַרץ גייט־אויס צו אים און מיין געמיט?
האָט ער פאַרגעסן, ווי איך בין אים נאָכגעגאַנגען
אין וויסטעניש — הייַנט רוף איך און ער ענטפערט ניט.
און טויט ער מיך אפילו — גלויב איך דאָך אין אים,
און ווענדט ער אָפּ זיין פּנים — האָפט אויף גוטס מיין האַרץ.
זיין חסד וועט דער האַר נישט אָפּטאָן פון זיין קנעכט —
צי דען קען לויטער גאָלד זיך בייטן, ווערן שוואַרץ?

טעדזינס

א.

די גרעזער ווייזן אויף אַ שטומען לשון
דעם חסד, וואָס דער רעגן האָט מיט זיי געטאָן:

ער האָט זיי פון דער ערד אַרויסגעצויגן,
און גרויס געמאַכט זיי, און אין גרין זיי אָנגעטאָן.

ב.

וואָס זאָל איך זאָרגן, אַז איך הער די קוואַלן רוישן,
און פויגלען זינגען, און עס ברומען טויבן;
איך רו זיך אין דעם גרינעם מירטן־שאָטן,
און טעפּיכער פון גראָז מיין טריט פאַרטויבן.

ג.

אין פרייען פעלד, צווישן בייטן, מאַך דיין וואוינונג,
אין מירטן־שאָטנס קילע גיין און שטיין;
און זען די טראָפּנס טוי אויף גרינע בלעטער,
ווי קערנדלאַך קרישטאַל און דימענט־שטיין.

ד.

נעם דעם קרישטאַלענעם בעכער און זאָג:
פון לבנה־ליכט איז ער געגאָסן;
קניט ער צום קרוג זיך אַרונטער נאָך ווייַן —
ווערט זונשיין אין אים אָנגעגאָסן.

ה.

די טענצערין טאַנצט אַ צעגליטע,
די ברוסטן — גראַנאַטן באַשווערט;
און לייכט און גראַציעז איז איר טאַנצן,
ווי איבער אַ שאַרף פון אַ שווערד.

ו.

ווי אַ מירטנצווייג וויגט זיך מיין ליבע,
זי טאַנצט מיט צעפלויגענע האָר;
טרינקט־אַז מיט מיין בלוט אירע פיילן,
און ווערט נישט באַשטראָפט אויף אַ האָר.

ז.

צעגליט איז איר פּנים פון פייער,
איר בעכער, אַ פונק, גליט מיט פרייד;
פון דאָזיקן פונק צינד איך אָן זיך,
מיין האַרץ ווערט צעגליט און דערפרייט.

ח.

אין אַראַבישער טענצערינ׳ס האַנט איז מיין זעל:
מיין פלאַם אין איר בלוט איז פאַרצונדן;
איר ליפּ איז פון בלוט פון מיין האַרצן געפאַרבט,
איר אויג פון מיין אויג איז געצונדן.

ט.

גיב, שיינקייט מיינע, מיר דיין רויטע ליפּ,
און דיינע ברוסטן זאָלסט מיר נישט פאַרווערן;
און קוש מיך אויפ׳ן מויל, באַטרינק מיך מיט דיין ווייַן,
אַז איך זאָל, טייערע, פאַר׳שיכור׳ט ווערן.

י.

פאַרשיכור מיך, קוש מיינע ליפּן —
רויט דיין ליפּ, און די ציין ווייסער ביין;
און דריק זיך צו מיר מיט דיין קערפּער,
מיט׳ן קערפּער פון עלפאַנטביין.

י״א

דו טרייסל־אָפּ זיך פון די פריינט, וואָס ליבן דיך
פון זייער אייגענער הנאה וועגן —
ווען ס׳ווערט דיר ענג, דערזעסטו זייער פאַלשקייט:
צעלויפן זיך פון דיר מיט זיבן וועגן.

י״ב

וואַש־אָפּ די פאַרבן פון די האָר די גרויע,
און וואַרף די מאַסקע אָפּ פון פאַלשקייט און פון ליגן.
קומט גרויקייט — האָסטו שוין פאַרשפּילט דיין וועלטל,
און גרייט זיך אונטער בערגל ערד צו ליגן.

צו יהודה הלוי

...איך בעט, אַז קאַרג זאָל זיין די צייט און גייציק,
און צונעמען די לייד, וואָס זי האָט מיר געגעבן,
צו ווען רעדן פון פאַר ווען זיך באַקלאָגן,
אַז מיינע נאָנטסטע זיינען אָפּגעשיידט פון לעבן.

וױ קען מיר אײַנגײן גליק — אַז מײַנע טײַערסטע,
זײ ליגן אונטער בערגלאַך ערד פֿאַרשאָטן?
נאָר ביטערער איז דאָס, װאָס די פֿאַרבליבענע
באַדרענגען מיך, און האָסן מיך און שפּאָטן.
זײ זײַנען פֿאַלש, מײַן טרױער איז נישט זײערס,
זײ אַרט נישט, װאָס מײַן האָפֿנונג איז פֿאַרשװאונדן;
זײ טראַכטן נאָר װאָס שװערער מיך צו קרײַנקען,
װאָס מערער צו פֿאַרטיפֿן מײַנע װאונדן.
איך װאַנדער אין אַ פֿרעמדן לאַנד. מײַן גורל
האָט מיך אַרומגעכאַפּט און דריקט מיט צװאַנגען.
איך קען נישט רו געפֿינען. פֿרעמדע מענטשן,
מיט פֿאַלשע פֿרומע שלײערן פֿאַרהאַנגען —
זײ האָבן מיר דאָס האַרץ פֿאַר׳סמ׳ט, פֿאַרבלוטיקט,
און זײער בײזע לאַסט האָט מיך געבױגן;
מײַן פֿרײד איז זײער לײד, מײַן גליק איז זײער אומגליק,
מײַן װעלט איז טריב און פֿינצטער פֿאַר די אױגן.
די צײַט האָט װיסט געמאַכט מײַן פֿרײדיקן געצעלט,
און די באַװאױנער זײַנע איבער װעלט צעטריבן;
די יאָרן מײַנע אָפּגעקירצט, נאָר ס׳האָבן
די נעכט זיך אױסגעצױגן, שטײַן פֿאַרבליבן.
די נעכט פֿון װאַנדער האָבן זיך געצױגן,
און זײַנען מיט פֿרימאָרגן נישט פֿאַרשװאונדן;
די שטערן: זײַנען זײ צעטומלט פֿון מײַן אומגליק,
צי האָלט מײַן בײַנקשאַפֿט זײ מיט שטריק געבונדן?
איך שװײַג פֿאַרקלעמט, װי ס׳שװײַגן גרױסע גײַסטער,
װאָס טראָגן שטיל דעם גורל זײערן דעם שװערן.
װאָס זאָל איך פֿאַר די אומגליקן זיך שרעקן —
זײ מוזן דאָך צעגאַנגען און צערונען װערן.
עס האָבן װיסן און פֿאַרשטאַנד מיך אָפּגעהיט,
געפֿירט האָט מיך אין װעג מײַן פֿעסטער גלױבן.
זײ האָבן, אויף להכעיס מײַנע שונאים,
ביז צו די העכסטע שטערן מיך דערהױבן.
דער גליענדיקער בעכער איז מיר נמאס,
זײַן פֿײַערדיקער װײַן איז מיר דערװידער:
איז ער געפּרעסט פֿון װילדע װײַנטרױבן,

וואס ער איז אזוי רוי און גאליק־ביטער?
עס קען מיין הארץ קיין פרייד־געזאנג פארטראגן,
עס קען פארנעמען בלויז דאס ליד פון טרויער;
א טרייסט געפין איך נאר אין אלטע ביכער,
אין ווערק פון אייביקן און טיפן דויער,
און אין די לידער פון יהודה, ברודער מיינער,
וואס זיינען ווי דאס ריינסטע גאלד געלייטערט;
דאס איינציקע, וואס האט מיין רעכטע האנט געשטארקט,
און מיין מיד הארץ געמונטערט און געהייטערט.
זיין פערז — ווי אניקס־שטיינער אויף ברילאנטן,
ווי שווארצער וויין, וואס פרירט אויף אייז אויף ווייסן;
זיין ווארט איז טיף און וואגיק, און פאעטן,
זיי קומען קליגן זיך זיין מיין ארויסצוואווייזן.
די לידער, וואס די וועלדער גריסן רוישנדיק,
און דופטנדיקע בערג אנטקעגן טאנצן;
די לידער, וואס פארמעסטן זיך מיט שטערן,
און ווי די שטערן לויכטן זיי און גלאנצן.
דו הערסט די פערזן און דו שטייסט פארציטערט,
און פרעגסט: ווי קען א מאן די שטערן פאנגען?
די זינגער פונ׳ם תהילים, וואלטן זיי דערהערן —
זיי וואלטן זיך געגרויסט מיט די געזאנגען.
דער שטאם פון לוי איז דורך אים דערהויבן,
אנטפלעקט האט זיך צו אים די קונסט פון זינגען;
זיין ליד וועט לעבן אייביק, מיט דער זון צוזאמען,
עס וועט דער שטראם פון צייט אים נישט פארשלינגען.
נישט וואונדערט זיך אויף זיינע גרויסע זעאונגען,
די נביאים האבן זייער גייסט אויף אים געצויגן.
די שארפסטע פייל פארשעמט זיך פאר זיין פעדער,
ווען זי טוט צונ׳ם פארמעט שרייבנדיק זיך בויגן.
די פעדערס ווערן שלאנגען, און דער זינגער,
ער גלעט און שפילט מיט זיי מיט צארטע פינגער;
זיי טרינקען דורשטיקע דעם טינט דעם שווארצן,
און שפריצן אים ארויס מיט פייערדיקע צינגער.
דעם קלוגן קושן זיי מיט זייער זיסן האניק,
דעם נארן בייסן זיי מיט שארפע ציינער;

יהודה הלוי

און זע איך וואונדער — זאָג איך: זיינע וואונדער,
און הער איך דיכטונג — זאָג איך: ער איז אייגער.
דאָס איז אַ קלייגער טייל בלויז פון זיין גרויסקייט,
דאָס מינדסטע מינדסטע פון זיינע גרויסע וועגן;
קענסט מעסטן און קענסט וועגן ערד און הימל,
נאָר זיינע וואונדער — נישט צו מעסטן, נישט צו וועגן.

יהודה הלוי

יהודה בן־שמואל הלוי, דער גאון פון דער שפּאַניש־העברע־אישער גאָלדענער תקופה, איז געבאָרן געוואָרן אין טאָלעדאָ, דרום־קאַסטיליע, אין יאָר 1085. אַז דער צוקונפטיקער פּאָעט איז אונטערגעוואָקסן, האָט אים זיין פאָטער געשיקט קיין לוצענא, אין דער מחמדנישער שפּאַניע, אין דער באַרימטער ישיבה פון ר׳ יצחק אלפסי. ער קריגט אויך טיפע גרינטלאַכע ידיעות אין דער גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע און לערנט מעדיצין.

שוין מיט זיינע אינגלשע לידער ציט ער אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און באַוואונדערונג פון זיין דור. אין דער העברעאישער פּאָעזיע פון דער גאָלדענער תקופה האָט דער יונגער לוי צוגעגעבן די אייגנאַרטיקע מוזיק און כשוף פון זיין וואָרט. פאָרם און קלאַנג האָבן זיך אין זיין ליד האַרמאָניש באַהעפט. און ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואָס די חכמים און געלערנטע פון יענער צייט האָבן מיט גרויס באַוואונדערונג און פאַרערונג אויפגענומען דעם גאָט־געבענטשטן אינגל־פּאָעט.

ער האָט אָנגעהויבן מיט ווייך־ און ליבע־לידער, מיט ווידמונגען צו פריינט און באַקאַנטע פּערזענלאַכקייטן, מיט רעטענישן און שטיפערייען. מיטן גאַנג פון יאָרן האָט ער זיין עכטן אויסדרוק און אמת׳ע גאונות געפונען אין זיינע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע לידער. זיין גאַנצער מהות איז אָנגעזאַפּט און דורכגעשטראַלט מיט אַ ליכטיקער ליבע און דבקות צו גאָט, צום גאָט פון אברהם, דעם גנעדיקן און דערבאַרעמדיקן, וואָס טיילט זיין השגחה און ליבע צו אַלע באַשעפענישן. דערפון נעמט זיך זיין העפטיקע התנגדות צו דער גריכישער פילאָזאָפיע, וועלכע ער באַקעמפט אין זיין פילאָזאָפיש ווערק „ספר הכוזרי״.

אין יאָר 1140, נאָך זיין ווייב׳ס טויט, און נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן „ספר הכוזרי״, באַשליסט דער פּאָעט צו פאַרלאָזן שפּאַניע. ער רייסט זיך אַרויס פון זיין איינגעוואָרצלטער סביבה, צעשיידט זיך מיט זיין איינציקער טאָכטער

און אייניקל, און לאָזט זיך מיט אַ הייפל באַגלייטער קיין ארץ־ישראל. אַ לענגערע צייט פאַרברענגט ער אין מצרים און לאָזט זיך ווידער אין וועג אַריין צום לאַנד —

ווענעס שטיין ס'איז פארברענט פון זיין פלאַם,
ווענעס ערד ס'איז צעווייקט פון זיין טרער.

ער דערגרייכט ביז דעם מדבר־יהודה, און דאָ פאַרשווינדן פון אים אַלע שפורן. די פאָלקס־לעגענדע דערציילט, אַז ווען ער איז צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים, איז ער צוגעפאַלן צו דער ערד, זינגענדיק זיין ליד „ציון הלא תשאלי״. אַ מחמדאַנישער רייטער, וועמען ס'האָט פאַרדראָסן צוצוזען די התלהבות פון אַלטן זינגער, איז אויף אים אָנגעלאָפן און אים צעטראָטן מיט די קלויען פון זיין פערד.

דאַנק

מיין געדאַנק האַלט מיך וואַך אין דיין נאָמען
פאַר דיין איטלאַכן חסד באַזונדער;
האָסט פאַרקניפּט מיט מיין לייב אַ נשמה,
איז אין מיר, און זי בלייבט מיר אַ וואונדער.
און מיין האַרץ האָט דערזען און געגלויבט דיך,
ווי עס וואָלט ביים באַרג סיני געשטאַנען;
אין מיין וואָלקן אַראָפּ איז די שכינה
און זי איז אין מיין זעאונג פאַראַנען.
דער געדאַנק האָט פון בעט מיך געהויבן
דיך צו דאַנקען, מיין גאָט, און צו לויבן.

שלאָף נישט...

שלאָף נישט, דיין וועלט נישט פאַרשלאָף,
וואַרף זיך פון נישטיקייט אָפּ.
ווייך פון די וועגן פון מענטשן,
הויב צונ׳ם הימל דיין קאָפּ.
לויף דיין באַשאַפער צו דינען,
ווי שטערן אין הימלישן ראָד;
שלאָף נישט, גענוג דיר צו שלאָפן —
בעט, זיי מתפלל צו גאָט.

אויף, און דערזע זיינע הימלען,
זיי מיט גאָט׳ס וואונדער באַקאַנט;

זע, זיינע הויכע געצעלטן
הייגעצן אַראָפּ פון זיין האַנט.
זיינען די שטערן זיין זיגל,
אויפשריפט אין געטלאַכן רינג —
ציטער, דו מענטש, אין זיין אימה,
האָף, און ס׳וועט ווערן דיר גרינג.

גיי מיט׳ן וועג פון די גרויסע —
האַלבנאַכט אין זייערע טריט;
לויבליד צו גאָט זייער לשון,
ליכטיק איז זייער געמיט.
זייערע נעכט זיינען תפילות,
פייניקונג — זייערע טעג;
האַרץ איז אַ ליכטיקער לייטער,
ס׳פירט דיך צום הימל זיין וועג.

ס׳איז גוט און וואויל...

ס׳איז גוט און וואויל צו רוען אין דיין הויז —
דעם פאָלק, פון וועלכן ס׳לויכט דיין נאָמען העל אַרויס.

דער נאָמען, וואָס אין הויך פון וועלטן איז פאַראַן —
און לעבט אין דעם געפייניקטן און מידן מאַן.

די העכסטע הימלען אים דערטראָגן קענען ניט —
און געענידערט אויף סיני, און אין דאָרן געגליט.

ס׳איז זייער ווייט און זייער נאָנט זיין וועג —
אין אַלץ, וואָס איז דאָ, און פונזייַנעטוועג.

אין האַרצן טראָג איך דעם געדאַנק פון גאָט,
און אויף מיין צונג אַן ענטפער פון זיין גנאָד.

אַ תפילה

גרויסער גאָט, ביסט מיין איינציק באַגערן,
כאָטש איך ברייגג עס נישט קיינמאָל צום ליפּ —

בלויז איין שמייכל דיינס וויל איך איין רגע,
און דערנאָך וועט דער טויט מיר זיין ליב.
און מיין גייסט אין דיין האַנט גיב איך איבער —
צו דעם שלאָף צו דעם זיסן באַרייט:
בין איך ווייט פון דיר — שטאַרב איך ביים לעבן,
בין איך נאָנט צו דיר — לעב איך אין טויט.
נאָר איך ווייס נישט, מיט וואָס דיר צו דינען,
און מיט וואָס דיר געפעלן אַצינד —
איז באַווייז מקור, מיין מאָט, דיינע וועגן
און באַפריי מיך פון קנעכטשאַפט פון זינד.
ווייז דיין וועג, כל־זמן ס'דינען די קרעפטן,
און מיין פייניקן זיך נישט פאַרשטער;
איידער ס'פאַלט מיר דאָס לעבן צו משא,
און איין גליד אויפ'ן צווייטן פאַלט שווער.
איידער כ'ווער איבערגוואַלט אונטערטעניק,
ס'ווערט געבראָכן און אַלט מיין געביין;
און אַהיים צו די פאָטערס און זיידעס
וועל איך גיין אַזוי עלנט און קליין.
כ'בין אַ גאַסט, אויף אַ רגע געקומען,
נאָר די גרוב צו מיין היים איז די שוועל;
ס'האָט ביז היינט מיך מיין יוגנט פאַרנומען,
איז שוין צייט עפּעס טאָן פאַר מיין זעל.
דען די וועלט, וואָס איך טראָג אין מיין הארצן,
האָט מיך זוכן דעם תכלית געשטערט:
ווי אַזוי קען איך דינען מיין בורא,
אַז כ'בין שקלאַף צו די תאוות פון ערד.
און ווי קען איך פון גרויסקייטן טרוימען,
אַז אַ וואָרעם איז מאָרגן מיין פריינט?
אַז איך ווייס נישט, וואָס מאָרגן וועט ברענגען —
ווי קען איינגיין דאָס גליק מיר פון היינט?
און די טעג און די נעכט זיינען ערב,
אַז מיין לייב וועט צערינען, פאַרצערט:
אַז איין העלפט וועלן ווינטן פאַרטראָגן,
און איין העלפט וועט פאַרשלינגען די ערד.

און די לוסט פונ׳ם בלוט איז מיך רודף,
ווי אַ שונא, און גיט נישט קיין רו;
און וואס גיט מיר די וועלט, אויב כ׳האָב דיך נישט,
און וואס איז מיין גאָב — אויב נישט דו?
איך בין הויל, איך בין נאַקעט פון מעשים,
ס׳איז דיין חסד מיין איינציק קלייד.
און וואס נאָך בלייבט מיר איבער צו בעטן —
דו, מיין גאָט, ביסט מיין איינציקע פרייד.

גאָט

גאָט, וואו זאָל איך דיך געפינען —
אַז דיין פּלאַץ איז פאַרהוילן, פאַרשטעלט;
און וואו זאָל איך דיך נישט געפינען —
אַז דיין כבוד פילט־אָן די וועלט.

געפינסט זיך אין טיף פון די הערצער,
האָסט ברעגן פון ערד אויפגעשטעלט;
ביסט שטאַרקייט פאַר נאָענטע און שוץ פאַר די ווייטע,
און רוסט אין דיין הימליש געצעלט.

געלויבט פון די הערשאַפטן אויבן,
און העכער ביסטו פון לויב;
נישט גרויס זיינען ספערן דיך טראָגן —
הייגט — ווי שוין אַ טעמפּל פון שטויב?

דו האָסט איבער זיי זיך דערהויבן
אויף דיין הויכן, דערהויבענעם טראָן;
ביסט נאָענט צו זיי דאָך און אייגן,
און גייסט און לייב פילסטו אָן;
דאָס מויל זייערס זאָגט אויף דיר עדות:
דו האָסט זיי באַשאַפן געטאָן.

ווער טראָגט נישט דיין מורא אין הארצן —
דער יאָך פון דיין קעניגרייך בויט;
צי ווער טוט צו דיר נישט רופן —
אַז איטלאָכן גיסטו זיין ברויט.

דיין נאָענטקייט האָב איך געזוכט,
גערופֿן פֿון האַרצן צו דיר;
און בין איך אַרויס דיר אַנטקעגן —
האָב איך דיך געטראָפֿן פֿאַר מיר.
אין וואונדער פֿון גבורה געוויקלט,
דיין הייליקייט האָב איך דערשפּירט.

ווער איז, וואָס זאָל זאָגן, ער זעט נישט?
אַז הימל און הערשאַפֿט אָן צאָל
פֿאַרקינדיקן יעדן דיין מורא —
הגם מען פֿאַרנעמט נישט דאָס קול.

איז וואָר, אַז גאָט זיצט מיט׳ן מענטשן
און גייט צווישן אונז מיט זיין גנאָד;
און יעדער, וואָס טראַכט, וואָס זאָל טראַכטן:
אַז ערד איז דעם מענטשנ׳ס יסוד.
און דו זיצט פֿאַרהייליקט, באַערט
אין לויב און אין רום פֿון דער ערד.

מלאכים זינגען דיין וואונדער
אין הויכקייט פֿון אין־סוף;
דיין טראָן איבער זיי איז דערהויבן,
און דו האַלטסט זיי אַלעמען אויף.

פרילינג

די ערד האָט נעכטן נאָך געזויגן ווי אַ קינד
די שטראָמען פֿון דעם ווינטערדיקן רעגן —
צי ווי אַ כלה, שמאַכטנדיק נאָך איר באַגערטן,
פֿאַרביינקט נאָך זומער שווייגנדיק געלעגן.
ביז ס׳האָט דער זומער זי געקושט, געוואָרעמט,
באַלעבט איר האַרץ, וואָס האָט געקלעמט צום שטאַרבן;
ווי אַ צעפּיעשטשעט מיידל בייט זי אירע קליידער,
געהאַפֿטן און געשטריקט מיט פֿרישע פֿאַרבן.
זי קליידט זיך יעדן טאָג אין נייַע זאַכן,
און טוט אויף דאָס אַרומיקע קאַלירן ציען;

טאָג־טעגלאַך בייטן זיך איר חן און צירונג;
שמאַראַגדן גרינעם און רובינען גליען.
אַט איז זי ווייס, אַט גריז, און אַט פאַררויטלט,
ווי אין איר קוש אַ מיידל רויט געמט ווערן;
די בלומען זיינען זייער שיין, און ס׳דוכט מיר,
זיי האָבן פון קאַליר באַרויבט די שטערן.
דעם וויינגאָרטן, וואָס ליגט צעשטראַלט אין זונשיין,
האָט זי געקושט מיט פייערדיקע צונגען;
די הייגלאַך טרויבן זיינען קיל ווי שנייען,
נאָר אין זיי גליען פלאַמענדיקע פונקען.
דער וויין וועט פון דעם קרוג ווי זון פאַרלויכטן,
און וועט אין דעם קרישטאָל ווי פלאַם זיך וועקן —
איך וואַנדער אום אין שאָטנס פון די ביימער,
עס לאַכט די ערד צו דעם געוויין פון רעגן.
זי לאַכט — און ס׳שטייען טרערן אויף איר פּנים,
ווי פּערלדיקע שפּריצן פון פאָנטאַנען;
זי פרייט זיך מיט׳ן זינגפויגל, וואָס טרילערט,
מיט טויבנברום און סודות פון קאַשטאַנען.
זי זינגט פון אונטער בלעטער, ווי אַ מיידל,
וואָס טאַנצט אַהינטער פאַרהאַנגען פאַרבאָרגן.
פאַרשווימט זיך און פאַרנעמט מיט צאַרטע דופטן,
און וועקט און רעגט מיין גייסט מיט׳ן פרימאָרגן.
אַ ווינטל שפּילט זיך און צעפּאַכט די מירטן,
און טראָגט צו פריינט צו ווייטע זיסע דופטן;
די שלאַנקע פאַלמענצווייגן פאָטשן־צו
צום כאָר פון פויגל־לידער אינדערלופטן.

אַנטפּלעקונג

די נאַכט, ווען ס׳האָט מיין שיינקייט מיר אַנטפּלעקט
איר קלאָרע באַק און כוואַליעס לאַנגע האָר —
די גאָלדיק־רויטע האָר, וואָס האָבן צוגעדעקט
איר בלאַסן שטערן דורכזיכטיק און קלאָר —
געגליכן צו דער זון אין אויפגיין: וויקלט־איין
און צינדט די וואָלקן אין אַ פלאַמיק־רויטן שיין.

יהודה הלוי

צו אַ טענצערן

די צויבערין, וואָס האָט זיך אויף אַ צייט צעשיידט
און האָט פון אירע פריינט דאָס לעבן אָפּגעקירצט —
איז ליכטיק ווי אַ זון, וואָס קיינמאָל נישט פאַרגייט,
און פון איר באַק גייט קיינמאָל נישט אַראָפּ די רויז.
די לענדן אירע נעמט אַרום אַ ברייטער שלייף —
איז דין און שלאַנק און בויגיק און גראַציעז.
איר באַק פאַרשעמט די לבנה מיט איר ווייסקייט,
און שווימט פון שלייער־פאַרהאַנגען אַרויס. זי וואַרפט
די שלייערן אַראָפּ — און בלייבט נישט נאַקעט,
ווייל חן און פּראַכט און שיינקייט וויקלען זי אַרום.
אַ גרוס דיר, שיינקייט, פון איך־דיר־ביז־טויט־פאַרליבטע,
נעם־צו אַ גרוס פון איינעם פון די שקלאַפן דיינע;
איך גיב מיין נשמה אָפּ פאַר בלויז איין נאַכט,
אין וועלכער ס׳זאָל געפינען אויסלייזונג דיין שקלאַף.
דו ביסט די ערד מיט אַלע אירע גלוסטונגען —
ווי דורשט איך טרינקען פון דיין רויטער ליפּ
און זיך פאַר׳שיכור׳ן פון גליענדיקן בעכער.
די קאַרמין־ליפּן עפענען זיך צום זינגען —
זי נעמט איר האַרף, ווי ס׳נעמט אַ מאַמע איר מינדסט קינד,
זי גלעט זי מיט׳ן האַנט און בויגט זיך נאָענט,
צו הערן מויל צו מויל, וואָס ס׳קינד פאַרטרויט.
זי זינגט פון ליבע און צעשיידונג. ס׳קלאַגט דאָס ליד,
איר שטים פאַרגייט זיך רירנדיק, אַ שטיל געוויין
צערייסט איר האַרץ אויף שטיק, און טרערן פאַלן,
אַזעלכע ליכטיקע און קלאָרע, ווי די פּערל. —
וואָס איז דיר, טייערע, וואָס וויינסטו ? . . .

שפּילערייען

א.

זי :

ווען איך האָב אים אויף מיינע קני פאַרשפּילט,
און ער האָט אין מיין שוואַרצאַפּל דערזען זיין בילד —

האַט ער מיר אויסגעקושט די אויגן מײַנע ווילד —
דער אַפּנאַרער — נישט מיך, געקושט האָט ער זײַן אייגן בילד.

ב.

ער:

די וואַשט איר זײַדן קלייד אין מײַנע טרערן,
און שפּרייט עס אויף דער זון, וואָס לויכט צעשטראַלט;
זי דאַרף קיין קוואַלן נישט מיט מײַנע אויגן,
און דאַרף קיין זון — ווײַל זון איז איר געשטאַלט.

ג.

זי:

וואַך־אויף, געליבטער מײַנער, פון דײַן דרימל,
לאָז אויף דער וואָר מיר אײַנזאַפּן דײַן שײַן;
אויב עמיץ קושט אין חלום דײַנע ליפּן —
וועל איך דיר פּותר־חלום זײַן.

עפּיגראַם

אַז דער קוואַל פון געזאַנג איז פאַרדאַרבן,
קען מײַן זעל עס מער נישט פאַרטראָגן:
ווי זאָל אַנשטײַן דעם לײַב גײַן אויף וועגן,
וואו די פּיקסלאַך די קלײנע זיך יאָגן?

פויל

דו פוילענצער, שעמען זיך מעגסטו —
פאַרשלאָפסט דעם פרימאָרגן אין בעט;
ס׳קלינגט פעלקער־געשרײַ אין דײַן אויער —
דאָס דינען זיי גאָט דורך געבעט.
אַ פאָלק, וועלכעס ווייס אים נישט, דינט אים —
קענסט דו, וואָס דו ווייסט אים, זײַן שטום?
וואָס שלאָפסטו? אויף וואַך שטײַען פרעמדע,
און דו ליגסט און חלומ׳סט אַרום!

יהודה הלוי

צו משה אבן־עזרא

א.

ס'וועדט דיין יוגנט פאַרביטן אויף עלטער,
און דיין קאָפּ שוואַרצע האָר איז שוין גרוי —
און דו בייטסט נישט דיין קנעכטשאַפט אויף פרייהייט,
און דו ווייסט נאָך דיין וועג נישט גענוי.
דו פאַרנאַרסט זיך אַליין, אַז עס פּאַסט דיר
זילבער־האָר צו דיין טונקל געזיכט;
אַז דאָס ווייס אין׳ם שוואַרץ איז געגליכן,
ווי אין פינצטערער נאַכט פּאַסן ליכט.
און דיין טונקלקייט גלייכסטו צו כמאַרעס,
און דיין גרויקייט — צום ליכטיקן שיין;
נישט קיין שטענגעס פון ליכט, ס׳זיינען שלאַנגען,
וואָס פאַרפירן אין גרוב אונז אַריין.
זאָל שטאָלצירן מיט גרויקייט און עלטער
מענטש ווי דו, וועמענס ריין איז די האַנט;
וואָס איז האָר איבער זיינע געפילן,
און זיין לוסט איז געצוימט פון פאַרשטאַנד.
וואָס דיין האַנט האָט קיין אומרעכט באַגאַנגען,
ריין פון ליידנשאַפט־ווייך איז דיין מויל;
דיין געדאַנק בלאָנדזשעט קיינמאָל פון וועג נישט,
ברענט פאַר גאָט ווי אַ ליכטיקער קויל.
ביסט דער אייביקער זוכער פון אמת,
און דו צילסט, און פאַרפעלסט נישט דעם ציל;
רייסט דעם שקר אַרויס מיט די וואָרצלען,
פאַרפלאַנצסט אמת און ליכט און געפיל.
און דו זיצסט אין דעם שאָטן פון חכמה
אין דיין ליכטיק און שטראַלנדיק קלייד —
און די מענטשהייט אַרום דיר ווי נאַקעט,
אַ פאַרשעמטע, פאַרטרויערטע שטייט.
האָבן אויגן און אויערן, דוכט זיך,
און זיי זיינען דאָך בלינד און פאַרשטאַרט;
האָבן ברייטע, צעעפנטע מיילער —
נאָר דאָס האַרץ איז פאַרפירט און פאַרנאַרט.

איז דאָס דו, מיין האַר משה, דיין נאָמען,
וואָס קלינגט זיסער צום אויער, ווי גליק?
ס'איז דיין שריפט, וואָס איז שענער פון פּרויען,
און דיין שטים, ווי די פיינסטע מוזיק.
דו באַנייסט יעדן טאָג דיינע חסדים
צו דעם מענטשן, וואָס דו האָסט פאַרשקלאַפט.
צו פאַרציילן דיין ליבּ און דיין חסד
בין איך מיד און פאַרמאָג נישט די קראַפט.
פיל, גאָר פיל צו דיר זיינען פאַרשקלאַפטע,
ס'האָט פאַרשקלאַפט זיי די גנאָד פון דיין האַנט;
האָסט באַקרוינט זיי מיט טייערע שטיינער,
און דו האָסט אין דיין יאָך זיי געשפּאַנט.
דו האָסט גאָלד פולע הויפנס גענומען,
געשמידט קרוינען פאַר זייערע קעפּ;
אבער איך בין אינצווייען דיר שולדיק,
און דיין קנעכט בין איך כל־זמן איך לעב.
און ווען וועל איך זיך קענען באַפרייען —
בין פאַרקויפט צו דיר אייביק — און גאָר.
האָב געדינט דיר אין קינדהייט און יוגנט,
און אויך איצט, אין די רייפע יאָר.
קען איך טראַכטן פון אימיצן אַנדערש —
אַז ס'איז שיכור מיט דיר מיין געמיט;
אַז געוועז איז מיין ליד אַן אלמנה,
און האָסט זי ווי אַ כלה צעבליט.
ס'בליט אַ לוסטגאָרטן טיף אין דיין האַרצן,
און דאָס וואַסער פון חכמה דאָרט קוועלט;
האָסט באַגריסט מיך מיט לידער ווי פּערל,
וואָס באַליכטן, באַשטראַלן די וועלט.
נאָך דיין קוואַל, נאָך דיין וואָרט בין איך דורשטיק,
ווי נאָך רעגן די וויסטעניש דאָרט;
זאָל דיין האַנט פאַר מיר זיין נישט געשלאָסן,
און דיין וואָלקן פאַר מיר נישט פאַרשפּאַרט.
מיין געזאַנג גייט געלאָדן מיט פרידן,
ס'איז פון האַרצן געשניטן מיין ליד;
און עס פליט צו דיר, בויגט צו דער ערד זיך,

ווי אַ דינסט פֿאַר איר האַרינטע קניט.
און ווי קענען דיך ליידן באַדרענגען —
ס'איז דיין האַרץ ווי אַ פֿעסטונג געבויט;
איז עס טרויער — ביסטו דאָך פֿול פֿריידן,
איז עס נויט — ביסטו הילף דאָך אין נויט.

ב.

ווי קען איך רו נאָך דיר, פּאַעט, געפֿינען —
דו וואַגלסט, וואַנדערסט, און מיין האַרץ גייט־מיט,
וואָלט איך אויף דיין צוריקקער מער נישט האָפֿן,
פֿון אַנגסט וואָלט אויסגעגאַנגען מיין געמיט.
דו מערבֿ־ליכט, צום מערבֿ קום צוריק —
און איטלאַך האַרץ און זעל באַשטראַל, באַגליק.
די בערג פֿון דער צעשיידונג זאָגן עדות,
אַז איך בין טרערנרייך, די וואָלקנס קאַרג.
דו מייסטערוואָרט, וואָס טוסטו צווישן שטאַמלער?
ווי קומט דער טוי אויף דעם פֿאַרדאַרטן באַרג?

ג.

איך בין פֿריינט נאָך מיט וואַנדער פֿון יוגנט,
מיט'ן אוראַלטן טייך פֿון געוויין —
נאָך וואָס שטייען מיט דער צייט אין מלחמה —
און די צייט טוט קיין אומרעכט באַגייען.
די טעג לויפֿן אין ליניען אין גראַדע,
ס'איז אין הימל גערעכנט אַלץ און קלאָר;
וואָס איז ניי, אַז די וועלט איז נישט ניי שוין —
אַזוי לויפֿט זי פֿון אייביקע יאָר.
ס'איז איר וועג פֿון גאָט'ס פֿינגער געצייכנט,
און גאָט'ס האַנט ליגט אויף אַלץ, וואָס געשען;
עס האָט איטלאַכע זאַך שוין איר אורזאַך,
און וואָס נייס איז אַמאָל שוין געווען.
ס'האָט דער מענטש זיך באַהעפֿט אויף צום שיידן,
איין געדאַנק האָט דעם מענטשן באַזעלט:
פֿון איין שטאַם זאָלן אויסשטראַמען פֿעלקער,
זיך צעשפּרייטן, פֿאַרנעמען די וועלט.

גוטס און שלעכטס איז אין אַלצדינג פאַראַנען,
אי אַ היילונג, אי אַ קריינק פאַר׳ן ביין;
שעלט דער מענטש דער געפּלאָגטער זיין לעבן,
שעלט זיין טאָג און זיין פּלאָג, זיך אַליין —
און דעם אייגענעם טאָג בענטשט אַ צווייטער,
וועמענס לעבן ס׳איז ליכטיק צעשטראַלט;
איטלאַך שפּייז ביים געזונטן איז האָניק,
און ביים קראַנקן איז האָניק פאַרגאַלט.
דעם פאַרביינקטן איז שוואַרץ פאַר די אויגן,
און ער זעט נישט די זון אין זיין לייד —
ווי אויף מיר האָט אַ וואָלקן צעלייגט זיך,
ווען מיר האָבן זיךביידע צעשיידט.
קוואַל פון חכמה, וואו איך האָב געפונען
דאָס געלייטערטע, ליכטיקע גאָלד —
אונזער פריינטשאַפט, וואָס האָט אונז פאַרבונדן,
האָט פאַר אַלץ מיר פאַרגיטיקט, באַצאָלט.
איידער ס׳האָט אונז צעשיידונג צעריסן
איז די צייט געווען גאַנץ, פול מיט פּראַכט;
פון פאַרשיידענע מוטערס געבוירן —
האָט די צייט אונז אַיין צווילינג געמאַכט.
אונז דערצויגן אויף פעלדער געווירצטע
פון דער שטראַליקער חכמה און שיין;
און געזויגן פון ברוסט פון די גערטנער,
פון דעם קלאָרן באַרוישנדן ווייַן.
איך דערמאָן דיך פון בערג פון צעשיידונג,
וואו ערשט נעכטן דיין דופט האָט גערוט —
און מיין אויג איז פאַרלאָפן מיט טרערן,
און די טרער איז פאַרלאָפן מיט בלוט.
ס׳האָט די צייט דיך אויף מענטשן פאַרביטן,
מיט פאַלש האַרץ און אַ שמייכל אויף ליפּ;
אַנשטאָט געטלאַכע שפּייז — ווילדע קרייטער,
און עס איז מיר מיין לעבן נישט ליב.
און מיין כעס און מיין האַס אויף נאַראַנים,
וועלכע מיינען: זיי האָבן פאַרשטאַנד, —
און דער שקר ביי זיי איז אַ גלויבן,
און מיין גלויבן ביי זיי איז אויף שאַנד.

זיי פֿאַרזייען און שניידן די גאַרבן,
אָבער ליידיק און לער איז די זאַנג;
ריידן־צו נייע אוצרות צו זוכן,
וואָס פֿאַרטונקלען די פּערל פֿון לאַנג.
אָבער איך טראָג אַ ליכט אין מיין האַרצן,
וואָס באַלויכט יעדן קאַמער פֿון הויז;
און איך גראָב פֿון די אוצרות די אַלטע
די צעשטראַלטע ברילִיאַנטן אַרויס.
כ׳זאָג צום נאַרן, וואָס זוכט זיך צו גריבלען:
קען דער חזיר אויף פּערל פֿאַרשטיין?
קען מיין רעגן דערפֿרישן, באַלעבן
דעם פֿאַרטריקנטן, פֿעלזיקן שטיין?
מיין באַדאַרפֿניש פֿון צייט איז גאַר ווינציק,
ווי באַדאַרפֿניש פֿון נשמה צום גוף:
אויב דער גוף האַלט זי אויף — גיט זי לעבן,
אויב נישט — שוועבט זי צום הימל אַרויף.

מיט אויסגעשפּרייטע הענט

מיט אויסגעשפּרייטע הענט צו גאָט טוט תּפֿילה,
פֿאַלט מיט׳ן פּנים צו דער ערד אַנידער;
און ווענדט זיך, ווי די טויבן צונ׳ם טויבנשלאַק,
אַנטקעגן שטאָט ירושלים, ברידער.
דאָס איז דאָס הויז פֿון אייער רו און לעבן,
און אייער גלוסטיקייט פֿון האַרץ און אויגן —
גאָט ליבט די טויערן פֿון ציון זייער,
און ביז צום הימל׳ס טויער זיי דערצויגן.

אַ צושפּיל

באַדאַרפֿסט דאָך דערקענען די עלנטע שאָף —
וואָס ס׳האָט זיי דער שונא פֿאַרטריבן אין שטראָף.
צעזייט און צעשפּרייט זיי אַהער און אַהין —
דו ביסט דאָך דער פֿאָטער, און זיי — דיינע זין.
פֿאַר דיר אין די אויגן ווי יאָגט זיי דער פֿיינט?
וואו איז דיין רחמנות און ליבלאָכקייט היינט?

אויף וועמען פאַרלאָסטו דאָס ביסעלע שאָף?
דיין שאָף, מיין באַשאַפער, ביים פיינט אין די הענט;
ער שיסט אין זיי פיילן, און שניידט און פאַרלענדט;
און ס׳איז נישט קיין אַנהויב, און ס׳איז נישט קיין ענד.

ס׳איז שוואַרץ זייער פּנים און פינצטער פאַר צער;
צעשפּרייט, ווי זיי וואָלטן נישט האָבן קיין האַר.
אַ לייב איז פון פאַרנט, פון הינטן אַ בער;
דאָס פעלד איז פאַרטריקנט, געזאַלצן ווי טרער.
דאָס גראָז איז פאַרדאַרבן, און ביטער און שלעכט;
און זייערע הערשער — דער ברודער און קנעכט.
אַך, ווײ איז און ווינד צום פאַרטריבענעם קינד.
הייל־אויס מיך צוריק — מיינע דריקער צעדריק;
פיר דיין פאָלק ווי אַ שיף פון דער ברויזנדער טיף.

און טרייב־אָפּ דעם חזיר — נישט שרעקן זאָל ער;
אין פרעמדע געצעלטן צו לעבן איז שווער.
מיין זין איז פאַרווירט זינט מיין זון איז פאַרפלעקט —
און ענד פון מיין לייד איז פאַרהילט און פאַרדעקט.
אויב ניט פול איז די מאָס פון מיין שטראָף פאַר מיין זינד —
נעם זיך אָן אין דעם זכות פון יעקב דיין קינד.
פאַרגיטיק, באַלויז, קער צוריק אונזער קרויז,
און מיין פייער צעגלי, מיינע בלומען צעבלי.

וואָס זוכן מיין אומגליק, בייזוויליקע האַסער —
געברענט מיך אין פייער, געטרונקען אין וואַסער;
פאַרוואַנדלט אין חורבות די שטאָט ירושלים;
צעפּיצלט, צעבראָכן יהודה און אפרים.
און פרעג איך דעם סוד, וואָס פון אויג איז פאַרבאָרגן —
איז ענטפערן קלוגע פון היינט און פון מאָרגן;
ביז גאָט אינ׳ם הימל וועט צוזען מיין פיין —
און וועט די צעשפּרייטע פאַרזאַמלען אַריין;
ער וועט מיינע מויערן בויען צוריק;
משיח בן־דוד מיר ברייענגען מיט גליק.

יהודה הלוי

טרייסט

דו שלאָפער, מיט הארץ, וואָס פלאַטערט,
וואָס ברענט, איז צעשטורעמט פון פייער —
דערוואַך, טרייסל־אָפּ זיך, פאַרויס טרעט
אין ליכט פון מיין פּנים אַ פרייער.

שטיי־אויף, רייט אַרויס, לאָז דיר גליקן,
דיין שטערן איז אויפגעגאַנגען —
און דער, וואָס אין גרוב איז געלעגן,
טוט ביז צום שפּיץ סיני דערלאַנגען.

און זאָלן נישט פרייען זיך שונאים:
ס׳איז ציון אויף אייביק געבויגן —
דען דאָרט איז דאָס האַרץ מיינס, וואָס פלאַטערט,
און דאָרט — מיינע אויגן.

אַנטפּלעק מיך און פאַרדעק מיך,
איך צאַרן, און באַלד ווער איך לינדער;
און ווער קען זיך מערער דערבאַרעמען,
ווי איך, אויף מיינע קינדער?

ציון

באַדאַרפסט זיך פרעגן דאָך אויף דיינע קינדער,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, פרעגן.
פון מזרח, מערב, צפון, דרום — נעם דעם גרוס
פון נאָנט און ווייט, פון אַלע וואַנדער־וועגן,
און גרוס פון אים, וואָס איז פאַרביינקט צום שטאַרבן —
וואָס טוט, ווי טוי דיין חרמון־באַרג, מיט טרערן גיסן,
און גאַרט אויף דיינע בערג זיי מאַכן פליסן;
איך בין דער קלאָג־פויגל צו וויינען אויף דיין דאַרבן —
נאָר חלום איך פון דער דערלייזונג ווידער,
ווער איך די האַרף פאַר דיינע לידער.
מיין האַרץ גייט־אויס נאָך בית־אל און נאָך פּניאל,
וואו נאָר עס האָט זיך גאָט צו דיר באַוויזן;

די שכינה איז דיין שכנה דאַך געווען — און גאָט
האָט דיינע טויערן צום הימל׳ס טויער אויפגעריסן.
נישט זון און נישט לבנה און נישט שטערן —
נאָר גאָט אַליין האָט דיך מיט ליכט באַפלאָסן;
איך גאַר, עס זאָל מיין האַרץ זיך אויסגיסן, וואו ס׳האָט
זיין גייסט אויף זיינע אויסדערוויילטע זיך צעגאָסן.
דו, קעניג׳ס הויז, דו, שטול פון גאָט — ווי האָבן קנעכט
אויף טראָנען פון די פּרינצן ברייט צעשטעקט זיך!
ווי וואָלט איך וואַנדערן אין דיינע פלעצער,
וואו גאָט צו די נביאים זיינע האָט אַנטפּלעקט זיך!
וואו נעמט מען פליגל — איך וואָלט וויט פאַרפלויגן,
מיט שטיקער האַרץ אין חורבן דיינעם וואַרפן —
מיין פּנים איינגראָבן אין ערד, די שטיינער קושן,
און מיט דיין שטויב זיך אַנטרינקען אין פּיין אין שאַרפן.
אין חברון אויף די קברים פון די אבות קומען
און אַ פאַרגאַפטער, אַ פאַרציטערטער דאָרט ווערן;
זיך דורכשניידן דיין וואַלד און כרמל־באַרג,
צום באַרג עברים מיינע אויגן קערן;
דער באַרג־אויף־באַרג, וואו ס׳ליגן דאָרט פאַרגאַנגען
צוויי פירער און צוויי לערער דיינע, גרויסע זונען.
דיין לופט איז דאָך נשמה־לופט, דיין שטויב איז דופטיק
מיט האָניק טוען דיינע טייכן רינען.
ווער נאַקעט, באָרוועס אויף די חורבות דיינע שפּאַנען,
וואו ס׳זיינען די פּאַלאַצן דיינע דאָרט געשטאַנען;
איך וועל אין דיינע פלעצער זיך פאַרהאַלטן,
וואו ס׳ליגט דיין ארון און דיין הייליקייט באַהאַלטן.
קען עסן און קען טרינקען איינגיין — זעענדיק
ווי הינט די פּגרים פון די לייבן דיינע פליקן —
און ווי קען זונליכט ליב זיין פאַר די אויגן מיינע,
אַז ראָבן טוען דיינע אָדלערס פּיקן?
אוי, טרערנבעכער, האַלט זיך אָפּ איין קליינע רגע, —
האָסט מיך מיט ביטערניש געטאָן באַטרינקען:
דערמאָן איך שומרון — טרינק איך זאָט דיין צאַרן,
דערמאָן איך ציון — טו איך דיינע הייוון שלינגען.
אַך, ציון פּראַכטיקע, פול חן און ליבשאַפט,
וואו דיינע קינדער׳ס הערצער זיינען צוגעבונדן;

וואָס פרייען זיך מיט דיין נחמה, און זיי וויטיקן
פון חורבן דיינעם, און באַוויינען דיינע וואונדן.
זיי ציען זיך צו דיר פון גרוב פון טיפן גלות,
און קניען זיך פון אומעטום אין טיפן שווייגן —
זיי האַלטן זיך אָן דיר מיט אַלע כוחות,
און קלאַמערן זיך אָן דיינע פּאַלמענצווייגן.
איז דאָ אַ לאַנד נאָך איינס, וואָס קען צו דיר זיך גלייכן,
פאַרגלייכן זיך מיט דיינע הייליקייטן ?
צו וועמען גלייכן דיינע גרויסע מלכים,
די זינגער און לוויים דיינע פון פאַרצייטן ?
פאַרשווינדן וועט די פּראַכט פון אַלע היידן־פעלקער,
דיין פּראַכט און קרוין וועט אָבער אייביק גלאַנצן ;
ס'האָט גאָט דיך פאַר זיין וואוינונג אויסגעקליבן —
וואויל דעם, וואָס ער וועט אין דיין ערד פאַרפלאַנצן,
געבענטשט איז דער, וואָס וועט דערלעבן זען,
ווי ס'גייט־אויף לויכטנדיק דיין מארגנשטערן ;
זען גליק אויף דיינע פריינט, זיך פרייען מיט דיין פרייד,
ווען דו באַנייט און יונג וועסט ווידער ווערן.

אויפ'ן ים

א.

סיהאָט דער דראַנג צו מיין גאָט מיך פאַרנומען,
צו מיין אייגענער היים און ירושה —
אַז עס האָט מיר קיין צייט נישט געגעבן
מיט מיין הויזגעזונט, פריינט זיך צו קושן.
איך באַוויין נישט מיין גאָרטן פאַרפלאַנצטן,
וואָס ער האָט אַזוי שיין זיך פאַרנומען ;
איך געדיינק נישט יהודה און עזראל,
מיינע טייערסטע, שענסטע צוויי בלומען.
און מיין יצחק, וואָס איז ווי אַ קינד מיר,
די זוניקסטע פרוכט פון מיין גאָרטן —
האָב שוין באַלד מיין בית־מדרש פאַרגעסן,
און די רו, וואָס געפונען האָב דאָרטן.
און די פּראַכט פון יום־טובים און סדרים,
און דעם תענוג פון מיינע שבתים ;

כ׳האָב צו פרעמדע מיין כבוד געגעבן,
און מיין רום הינטער זיך נאָכגעלאָזן.
ס׳איז מיין פּראַכט איצט דער שאָטן פון בוימלאַד,
צווייג אין וואַלד איז מיין היים מיר געוואָרן;
אַנשטאָט איידעלע בשׂמים, איז ליב מיר
דער ריח פון ביליקן דאָרן.
איך האָב אויפגעהערט פריי זיך באַוועגן —
ס׳ליגט מיין וועג אין דעם ים דעם צעשפּרייטן;
ביז איך וועל צו גאָט׳ס פוסשטול דערגרייכן,
און דאָרט אויסגיסן ס׳האַרץ פול מיט ליידן.
כ׳וועל אַן הייליקן באַרג זיך באַהעפטן,
כ׳וועל צום טויער פון הימל זיך ציען;
ס׳וועט דער ירדן מיין בלום פריש באַלעבן,
דער שלוח — מיין בוים וועט צעבליען.
גאָט מיט מיר — כ׳האָב נישט מורא פאַר שרעקן,
ס׳טראָגט זיין מלאך פאָרויס מיינע שווערדן —
כ׳וועל אים לויבן ווי לאַנג איך וועל לעבן,
וויפיל יאָרן איך האָב אויף די ערדן.

ב.

דיין ווינט, אַ, מערב־זייט, איז אָנגעזאַפּט
מיט נאַרד און רויז און עפּל־דופט.
דו נעמסט זיך נישט פון קעניגרייך פון ווינט,
דו נעמסט זיך פון גן־עדן־לופט.
דו פאַכסט מיט פרייהייטס־פליגל און באַפרייסט,
באַגייסט מיין זעל מיט צאַרטן הויך און גלעט;
ווי גאַרט נאָך דיר דער מענטש, וואָס שווימט אין ים,
אין שיף, צעגויפגעקלאַפּט פון דיינעם ברעט.
דו זאָלסט נישט אָפּלאָזן דאָס שיף באַטאָג,
און אויך באַנאַכט, ווען ס׳טוט די זון פאַרגיין;
דעם תהום פאַרגלעט, דעם ים באַטרעט, און גלעט
די בערג די הייליקע און דאָרט בלייב שטיין.
און בייזער־אָן זיך אויף דעם מזרח־ווינט,
וואָס רודערט־אויף דעם ים, וואָס קאָכט און שרייט —
דען וואָס זאָל טון דער אונטערדריקטער שקלאַף,
וואָס האָט זיך איינמאָל שוין אַליין באַפרייט?

ביי גאָט אין האַנט איז מיין געבעט אַצינד —
וואָס ער באַשאַפט די בערג און שיקט דעם ווינט.

ג.

כוואַליעס יאָגן, כוואַליעס שלאָגן,
ברויזן, רוישן אין דעם מער;
ס׳זידט דאָס וואַסער ראָש און ראַשער,
מישט זיך, גיסט זיך טריב און שווער.

תהום׳ען קראַכן, שטראָמען לאַכן
מיט אַ דונער אין דעם קול;
באַרג און טורעם טאַנצט דער שטורעם —
ברעכט זיך באַרג און ציטערט טאַל.

כוואַליעס קומען, כוואַליעס ברומען,
ס׳ברעכט דער ווינט פון מאַסט דעם בוים;
ביז צום הימל אין געטומל
שפריצט דער ווינט מיט גרויען שוים.

ס׳זידט אַן פלאַמען, נישט צו צאַמען,
ס׳גייט אַ שיכור־טאַנץ דאָס שיף;
איז באַזויפן, גרייט פאַרקויפן
די קרבנות צו דער טיף.

דער לויתן, ווי אַ חתן,
לאַדט די וואַלפיש איין צום פעסט;
אַלץ באַצווינגען, אַלץ פאַרשלינגען
זוכט דער ים, און ברומט און פרעסט.

ד.

דיין הארץ זאל אין ים זיך נישט שרעקן,
ווען זען וועסטו כוואַליעס באַזיגן;
עס שטייען אָפּהענטיק מאַטראָסן,
דער שיפסקאַפּיטאַן איז אַנטשוויגן.

עס פליען צעריסן די זעגלען,
עס ברעכן און קראַכן די ביימען;

דער ווינט יאָגט און שטיפּט מיט די כוואַליעס,
וואָס קאָכן און זידן און שוימען —

ווי לוסטיקע שניטער מיט הויפנס
פון צייטיקע, גאָלדענע זאַנגען,
וואָס פלעכטן די זאַנגען אין גאַרבן
און שפּילן לויט זייער פאַרלאַנגען.

אַט וואַרפן זיך כוואַליעס ווי לייבן,
אַט שאַרפן זיך כוואַליעס ווי שלאַנגען.

אַט־אַט — און דאָס שיף האַלט ביים זינקען —
די זעגלען אויף שטיקער צעפּליטערט;
פאַרצווייפלטע שטייען די שיפסלייט,
און איטלאַכנ׳ס האַרץ איז פאַרציטערט.

וואָס העלפן די עצות פון זקנים?
עס ברעכט זיך דער מאַסטבוים אין ברעקלאַך;
די צעדער — געגליכן צו שפּענדלאַך,
די דעמבן — ווי דינינקע שטעקלאַך.

דער ים טוט די בערג ווי אַ זעמדל אַ הויב,
און מאָלט די גראַניטענע פעלזן אין שטויב.

און איטלאַכנ׳ס האַרץ איז צעבראָכן —
נאָר מיין האַרץ שלאָגט זיכער, אָן מורא:
דאָרט לעבן־אויף געטלאַכע וואונדער, —
דו גיסט אָפּ אַ לויב־ליד דעם בורא.

דעם גאָט, וועלכער שטילט איין די ים׳ען,
וואָס קאָכן אין צאָרן און ברומען —
דו ביסט דיינע זינד זיך מתוודה,
און ער האָט דיין תפילה פאַרנומען.

דו לויבסט אים און זינגסט זיינע וואונדער,
און ער האָט אַנטפּלעקט באַלד זיין אָרעם:
ער גיסט זאַפט אין טרוקענע ביינער,
און הויכט אַריין לעבן אין פּגרים.

און אַט איז דער ים שוין אַנטשוויגן;
די כוואַליעס, ווי שאָף ווי צעשפּרייטע;
די נאַכט — ווען די זון זינקט אַרונטער —
מיט טויזנטער שטערן פאַרזייטע.

אַ נעגערשע שיינקייט — איר שלייער
דער בלויער מיט גאָלד צוגעקליבן;
די שטערן — זיי בלאַנדזשען אין וואַסער,
ווי גרים פון היימלאַנד פאַרטריבן.

זיי צינדן אין וואַסער אַן פלעמלאַד
און צינגלען, און יאָגן זיך, שטיפן;
און ס׳זיינען דער ים און דער הימל
די צירונג פון נאַכט, גלאַז־געשליפן.

דער ים איז אין שיין גלייך צום הימל,
צוויי ימ׳ען צוזאַמענגעגאַנגען;
אַ דריטער ים, ס׳האַרץ מיינס, שלאָגט צווישן
מיט כוואַליעס פון נייע געזאַנגען.

אין מצרים

צו מצרים אַ ליב צווישן לענדער —
ס׳איז גאָט׳ס וואָרט גאָר צוערשט דאָרט אַרונטער.
ס׳איז דער ווייַנשטאָק פאַרפלאַנצט דאָרט געוואָרן,
זיינע טרויבן צעבליט דאָרט אויף וואונדער.
גאָט׳ס שלוחים דאָרט זיינען געבוירן,
חתן־כלה פאַרייניקט צוזאַמען;
ס׳האָט די שכינה געגידערט, געוויקלט
אין זיילן פון וואָלקן און פלאַמען;
דאָרט דעם קרבן געבראַכט, און געשפּרינקלט
בלוט פון בונד — איז די גאולה געקומען.
ס׳האָט זיך משה געשטעלט דאָרט אין תפילה,
און גאָט האָט זיין תפילה פאַרנומען.
און ישראל מיט מצרים און בבל
איז אַ דריילינג געקניפּט און געבונדן.

דאָרט איז אויך אַ מזבח געשטאַנען
גאָט צו ליבן פאַר גאַר זיינע וואונדער.
און די וועלט איז נאָך פול מיט'ן זכר
פון די צייכנס און ניסים פון נאָמען;
ס'איז איר ערד צום גן־עדן געגליכן,
און איר טייך פון גן־עדן טוט שטראָמען.
כ'האָב עס נאָכגעפאָרשט, ווייס פון דעם אַלעם,
נאָר מיין האַרץ לאָזט מיט דעם זיך נישט שטילן —
אויף אַ ווייל האָט גערוט דאָרט די שכינה,
ווי אַ וואָגלער אין שאָטן אין קילן —
נאָר פאַרבירגערט איז זי בלויז אין ציון,
דאָרט איז תורה און דאָרטן איז גדולה;
ס'איז דער פּלאַץ דאָרט פאַר דין און פאַר רחמים,
און פון דאָרט בלויז וועט קומען די גאולה.

פרילינג אין עגיפּטן

האָט די צייט דען איר טרויער פאַרוואָרפן,
און אין גלאַנץ און אין שיין זיך באַקליידט?
און די ערד האָט מיט בלומען באַדעקט זיך,
און פון גאָלדוועב געפלאָכטן אַ קייט.
און די פעלדער ביים נילוס זיי בליען,
אין די ליכטיקסטע פאַרבן קאָלירט;
ס'איז דער מדבר אין גרינע טאַפּעטן,
פּיראַמידן אין גינגאָלד פאַרצירט.
און די רייצנדע טעכטער מצרים'ס
מיט גאָלדענע בלעכן באַהאַנגען —
ווי בויגיקע פלינקע אינדיינען
פאַרפירעריש וועקן פאַרלאַנגען.
און דאָס לייכטזיניק האַרץ, עס פאַרגעסט זיך
און חלומ'ט פון יוגנט אויפסניי
אין גן־עדן מצרימ'ס, ביים נילוס,
וואו ס'ציען זיך אָפן און פריי
די העל־בליענדע גערטנער און פעלדער,
באַדעקטע מיט גאָלדענע זאַנגען —

דער מערב־ווינט בויגט זיי, און ס׳דאַכט זיך,
זיי לויבן דעם בורא און דאַנקען.

אַ האַרעם אין עגיפּטן

איך, זינגער, באַזינגט זייער שיינקייט,
און, שפּילער, איר זאָלט זיי באַגלייטן —
די טעכטער די שענסטע פון מזרח,
דעם חן, וואָס פון זיי טוט זיך שפּרייטן.

זיי דאַרפן צום קריג נישט קיין שווערדן,
די אָרעמס אַנטבלויזט — זייער וואָפן;
די פולע זייער בליק אויפצוהויבן —
ווי קען זיי די צירונג פאַרשלאָפן.

און וואָלט זייער בליק אַנגעטראָפן
דער זון — וואָלט פאַרטונקלען איר פּראַכט;
די מאַרמאָר־געזיכטער און לאָקן —
אַט מאַכן זיי טאָג, און אַט — נאַכט.

געוויקלט אין ליכטיקע קליידער,
באַקרוינטע מיט לאָקן אין שוואַרצן;
זיי האָבן ווי שטערן אין הימל
זיך איינגעפּאַסט טיף אין מיין האַרצן.

אַט, דאַכט זיך, פאַרבייטסטו אויף בליענדע
בוימער, די פרויען, וואָס שטראַלן;
אַריבער צוויי שניר פּערל־ציינער
פריש דופטן די ליפּן־קאַראַלן.

און ברוסטן — ווי ראָזיקע עפּל,
די פרישקייט פון רויזן — געזיכטער;
פיגורן — ווי פּאַלמען ווי שלאַנקע,
וואָס טרוימען אין שאָטנס און ליכטער.

יהודה בן-גיאת

אין וועג

די צייט האָט מיך אין מדבר פון מצרים
ווייט פאַרשלאָגן —
באַפעל דער צייט, זי זאָל מיך ווייטער, ווייטער
אַלץ פאַרטראָגן;
ביז אָנקוקן דעם מדבר פון יהודה
זאָלן מיינע אויגן —
וואו ס'ליגט מיין לאַנד, מיין וואונדערשיינס
אין גלאַנץ באַצויגן.
און דאָרטן זאָל דאָס ליכט פון גרויסן נאָמען
מיך פאַרוועבן —
און שיינען זאָל זיין הייליקטום אויף מיר
און שוועבן.

יהודה בן-גיאת

גראַנאַדע. אַרום יאָר 1100. פריינט און באַוואונדערער פון יהודה הלוי.

אַ ליד צו ר' יהודה הלוי

ווי ס'קלאָגט מיין האַרץ — אַזוי טוען די טויבן קלאָגן,
פון צווישן צווייגן טוט זיך דאָס געוויין דערטראָגן,
וואָס קלאָגט איר, טויבן, צי באַוויינט איר דאָס מיין לעבן?
צי קען געוויין מיין האַרצווייטיק אַ היילונג געבן?
איך האָב זיי נישט גערופן — און די טרערן קומען,
איך האָב זיי נישט געבעטן — און זיי האָבן אַלץ פאַרשוואומען.
אַ וואונדער איז מיין האַרץ, ווי ס'איז דער סנה פאַר משה'ן:
פאַרברענט מיך נישט און ווערט נישט פון מיין טרער פאַרלאָשן,
עס ברענט דער פייער־בראַנד, האָט אַלץ געטון פאַרווייען,
אויף קויל מיין האַרץ פאַרשוואַרצט, נאָר מיינע האָר אין שנייען.
כ'באַוויין מיין יוגנט, וואָס איז אַזוי שנעל פאַרשוואונדן,
און גאָרנישט מיר געלאָזט, חוץ האַרצווייטיק און וואונדן.
כ'האָב טענות צו דער בייזער צייט, וואָס איז פאַרפלאָסן,
און האָט איר גיפט און גאַל אין דער נשמה מיר געגאָסן.

יהודה בן־גיאת

צערונען, ווי אַ וואָלקן, זיינען מיינע בעסטע יאָרן,
און מיינע שענסטע טרוימען אַפּגעפליקט געוואָרן.
די צייט, זי שליידערט ווי אַ באַל מיין האַרץ און שליידערט,
און אַלץ, וואָס מיר איז ליב — האָט זי דערווייטערט.
מיין היים איז ענג און קליין געוואָרן מיך צו האַלטן,
אין עלנט, בענקשאַפט טוען מיר דאָס האַרץ נאָר שפּאַלטן.
איך מעסט די בערג און טאָלן פון מיר אומבאַקאַנטע לענדער,
און צובינדן זיך ערגיץ — זיינען שוואַך די בענדער.
נאָך איידער מיין געצעלט ווערט אין אַ פּלאַץ אַריינגעשלאָגן —
שוין ווערט געשפּאַנט אין שפּאַן מיין פערד און וואַנדער־וואָגן.
איך טראָג אויף זיך דעם צייכן און דעם גזר פון קין,
הגם קיין ברודער׳ס בלוט טוט פון דער ערד נישט שרייען.
אָך, ברידער, וואַנדערער און וואָגלער, כ׳וויל אייך פרעגן:
איז ערגיץ נישט פאַראַן אַ פּלאַץ פון רו פון מיינעטוועגן?
אוי, שטעל זיך אָפּ אַ רגע, שטיי, מיין וואַנדער־וואָגן,
צום הויז פון מיין געליבטן און געטרייען זאָלסט מיך טראָגן.
כ׳וועל אויפזוכן פאַר מיין נשמה דעם געליבטן פון איר לעבן,
מיין ליבע, מיין באַהאַלטענע און האַרץ וועל איך אים געבן.
כ׳וועל אפשר אָפּזוכן די היים פון לוי קענען —
און דאָרט וועל איך מיין וואַנדערשטאָק צעברעכן און פאַרברענען.
זיין ליבע וועט מיך שטאַרקן און זיין פרוכט וועט מיך דערקוויקן,
זיין וואָרט וועט פרישע כוחות געבן מיר און מיך באַגליקן.
ווער איז דער מאַן, וואָס פון קאַסטיליע קומט מיט טרוימען־בלומען?
ער האָט מיין האַרץ געריבט, ער האָט מיין האַרץ פאַרנומען.
זיין וואָרט בליט ווי אַ רויז, זיין ליד איז פול מיט גלויבן,
אים האָב איך ליב, ער איז דער פּונקט פון אַלע מיינע לויבן.
ער האָט זיין ליכט צעשפּרייט, ווי ס׳ליכט פון דעם פרימאָרגן,
און האָט צעיאָגט די וואָלקנס פון די שווערע זאָרגן.
זינט ווינטלאַך האָבן זיינע דופטן אין מיין האַרץ אַריינגעבלאָזן,
איז ער ביי מיר אין האַרצן און נשמה איינגעשלאָסן.
זיין פּנים לויכט און כשופ׳ט, זיינע פּערזן — איידלשטיינער,
זיין ליד — פון פיינסטן גאָלד געלייטערטער און ריינער.
און קלאָר — ווי ס׳איז מיין ליבע: ווי קרישטאָל — די קלאַנגען,
און ווינטלאַך פּעכערן אין האַרץ זיינע געזאַנגען.

חייא בן-אלדאודי

דאס האַרץ לעבט אויף, ווערט אַנגעפילט מיט זיינע וואונדער,
פאַרגייט זיך אין התפעלות פון זיין יעדן וואָרט באַזונדער.
זיין ליד האָט אויפגעלעבט איצט מיינע טויטע פריידן,
און האָט פון גיהנום מיך געפירט אין זיין גן־עדן.

חייא בן-אלדאודי

קאַסטיליע. געשטאָרבן ביים סוף פון 12־טן יאָרהונדערט.

ל ו י ב

די הויכקייט פון הימל איז דיין כסא־כבוד,
די ערד איז דיין בײנקל פון מלכות און כבוד,
אַט די זאָגן עדות אויף דיר און דיין כבוד,
און יענע דערציילן צו וועמען דער כבוד —
גאָט צבאות איז דער מלך־הכבוד.

די הימלען געשניטן פון פייער און ווינטן,
די ווינטן אין פייער און פייער אין ווינטן;
דער פלאַם אויף צו בליצן, דער ווינט אויף צו פליען,
די כרובים צו רייטן אויף זיי און צו גליען;
ער האָט זיי באַשטימט אים צו טראָגן און דינען.

און גרעניצן ערדישע: יבשה און ימ'ען,
איז אַ באַלעבאַטישקייט גרויסע, גערעמע;
דאָס מלכות איז גרויס פון אַלע פיר זייטן,
פון ערדישער טיפקייט און הימלשע ווייטן —
דו אויף אייביקע יאָרן,
זיי — גייען פאַרלאָרן!

די הייכן פון הימל מלאכים צעפלאַמען,
זיי שטייען פאַרן כסא־הכבוד צוזאַמען;
זיי פינקלען און לויפן און טוען זיך טראָגן
און איינער צום צווייטן טוט רופן און זאָגן:
איר, קינדער פון גאָט, גיט אָפּ צו גאָט כבוד!

אברהם אבן-עזרא

דיכטער און סאַטיריקער פון דער גאָלדענער תקופה פון שפּאַניע. געבאָרן אין טאָלעדאָ אין יאָר 1092, געשטאָרבן אין רוים אין 1167. אַ מאַן פון גרויסע פילזייטיקע ידיעות, אויסגעצייכנטער מאַטעמאַטיקער, גלענצנדער ביבל־פּאָרשער, אַסטראָנאָם און שפּראַכנקענער. געווען כל־ימיו זייער אָרעם, און געלעבט אויפן חסד פון מעצענאַטן. אַ מענטש פון אַן אומרואיקער ברויזיקער נאַטור — האָט ער אומגעוואַנדערט איבער אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע. געלעבט אין די גרויסע שטעט פון איטאַליע, פראַנקרייך און ענגלאַנד — און אומעטום געלעבט אין דחקות און נויט. מיט אויסערגעוויינטלעכער שנעלקייט געשריבן איין בוך נאָכן צווייטן אויף פאַרשיי־דענע געביטן פון וויסן: מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און רעליגיעזע פילאָזאָפיע. — באַרייכערט די העברעאישע פּאָעזיע מיט נייע עלעמענטן. איינגעבירגערט די הומאָרעסקע, לייכטע סאַטירע און פּאַמפלעט.

אַ סליחה

איך פאַל מיט׳ן פּנים צו דר׳ערד, ווייל נידעריקערס איז נישט פאַראַנען,
איך פאַל פאַר׳ן בורא אין הימל, דעם העכסטן פון אַלע הויכע.
מיט וואָס זאָל איך אים אויפנעמען — אויב נישט מיט דער נשמה?
זי איז דאָך זיינס — ער האַלט זי אין זיין גוף ביים לעבן,
און קיין בכבוד׳יקערס פון נשמה זיינער — האָט דער מענטש נישט.
זיין גרויסקייט האָט קיין אָנהויב און קיין סוף — ווי קען מיין צונג
אים גרויסן,

איז ווייט און ווייטער פון די העכסטע הימלען —
און נאָענט און נענטער פון מיין פלייש און ביין.
איך קום צו דיר, מיין גאָט, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין צווייטער, וועמ
ס׳זאָל העלפן.

ווייל אַלע ברואים פון דער ערד און הימל זיינען דאָך ווי איך באַשאַפן,
ווי קען איך זוכן ביי זיי הילף — אַז זייער הילף איז נישטיק.
נישטאָ איז פאַר׳ן קנעכט קיין רעטונג, סיידן ביי זיין האַרן,
און וואָס אַזוינס קען איך דערטראַכטן זיך צו וויסן,
אויב נאָר איך ווייס, אַז דו האָסט פון מיין טובה וועגן מיך באַשאַפן?
צו פיל זיינען די חסדים דיינע זיי צו ציילן,
און ס׳זיינען מער פון זאַמד פון ים מיינע חטאים.
ווי זאָל איך אויפהויבן צו דיר מיין בליק? אַז ס׳האָט געזינדיקט.

וואס זאלן מיינע לעפצן ענטפערן? זיי האבן פאַלשקייטן גערעדט.
מיין הארץ, מיין מוטוויליקס, האָט מיר אַזוינס געטאָן,
וואס ס׳וואָלט מיין ערגסטער שונא מיר נישט אָפּטאָן.
עס נעמט מיך אָן אַ שרעק דערפאַר, וואס איך האב ווידערשפעניקט,
דאָס בייזע בלוט האָט מיך פאַרפירט — ס׳איז נישט געווען מיין רצון,
דאָס שלעכטס אין מיר האָט מיך אַליין פאַראומגליקט,
און שלעכטס געטאָן צו מיר — און דו, מיין גאָט, באַווייז דיין חסד.
באַווייז דעם גראָדן וועג, — ווייל אַלצדינג, וואס איך ווייס, —
האָסטו דאָך מיך געלערנט און געלאָזט מיר וויסן;
אַלץ, וואס דאָס הארץ פילט, האָב איך איצט געבראַכט צו מיינע אויערן
און דו זאָלסט אין די הימלען דיינע הארכן!

אַ פּזמון

כּי בּין גערופן צו קומען ביים קעניג אין הויז,
און איך האָב געזינדיקט, מיין מורא איז גרויס —
גאָט! כ׳האָב געהערט דיין באַרוף און איך ציטער!

אוי, וואס וועסטו זאָגן, נשמה, באַטראַכט,
ווען דו וועסט אויף די וואָגשאָלן ווערן געבראַכט?
אַז גאָט האָט אַ כּלי אין האַנט דיר געגעבן,
זאָלסט קענען טון גוטס — און טוסט שלעכטס אין דיין לעבן,
דו טראַכסט נישט געגנוג און דו ווילסט נישט זיין קלוג
און דער שׂכל דיר פעלט
צו טראַכטן: צו וואס בין איך דאָ אויף דער וועלט?

דו האָסט זיך געיאָגט נאָך די תּאוות פון ערד
און האָסט פון דיין סוף נישט געטראַכט, נישט געקלערט,
ווען וועסט פון דיין גוף זיך צעשיידן אין צער
און גאָט וועט באַלוינען דיך דאָרט לויט דיין שׂכר;
עס איז דאָך אין בוד דאָרט פאַרשריבן דיין זינד —
איך ווייז דיר דעם אמת׳ן וועג דאָך אַצינד.
אין פּגר פון לייב זעסטו האַניק — ווי זיס!
דו עסט און ווערסט טמא און טראַכסט נישט: וואו איז

דער גאָט, וואָס וועט פעלקער צום משפּט פאַררופן,
און לעבעדיק מאַכט ער די טויטע גופ׳ן?
דו טראַכסט זיך אין האַרצן: לית דין ולית דיין —
כ׳וועל גיין נאָך די תאוות פון האַרץ און גערייצט.

די אויגן זיי וועלן אין גרוב דיך פאַרפירן,
די תאוות זיי וועלן פון וועג דיך פאַראירן,
זיי וועלן דיך פירן אין אַפּגרונט אַריין,
וואו דו וועסט זיך קאַרטשען און צאַפּלען פאַר פּיין;
דאָס ליכט פון דיין וועלט וועט זיך לעשן אין צאָרן
און דאַן וועסטו וויינען: כ׳בין אומריין געוואָרן!

וועגן גורל פון פאָלק

וואו איז דאָס נביאות פון די אַלטע נביאים
וועגן פאָלק צווישן אַלע פעלקער פאַרשפּרייט?
איך האָב פאַרטיפט זיך אין די אַלטע ספרים,
און אין ישעיה׳ס וואונדערלאַכע רייד,
אַז נאָענט איז הילף און וועט זיך באַלד אַנטפּלעקן —
אַ דור קומט אָן און אַ דור פאַרגייט,
און ס׳פאָלק פון גאָט איז וואונדערלאַך געפאַלן
שוין טויזנט יאָר, און טראָגט זיין פּאַק פון לייד.
און מיט אַ ביטער האַרץ טוט עס אַזוי זיך בעטן:
„אויב דו ווילסט אויסלייזן — לייז אויס, צעברעך די קייט״...

טרייסט

צו איטלאַכן וועג הויב איך אויף מיינע אויגן:
וואוהין איז פון מיר מיין געליבטער פאַרפלויגן?

פאַרפלויגן איז ער מיט זיין כבוד צוזאַמען —
כ׳וואָלט בעסער דעם טויט פון זיין האַנט באַקומען,
איידער דער פיינט האָט אין קלעם מיך גענומען
און האַלט מיך אין טרעטן און ברענט מיך אין פלאַמען.

מיין טאָג זינט דעם חורבן איז שוואַרץ און פאַרגאַנגען:
עס שווייגן נביאים און זעער — זיי שטומען,
און טאָג פון מיין גאולה איז אַלץ נישט געקומען,
אין קייטן און קלעם מיין נשמה טוט צאַנקען.

— ווער האָט דיך, אויב נישט דיין זינד, אין גלות פאַרנומען?
מיין פּאָן וועל איך אויפהויבן דיר פאַר די אויגן,
די בערג וועלן שטורמען פאַר מיר און זיך בויגן —
שטיי אויף און לייכט אויף, ווייל דיין ליכט איז געקומען!

כ׳וועל זאָגן צום צפון...

כ׳וועל זאָגן צום צפון: גיב מיינע חיילות צוריק,
צום דרום: דו טראָג מיינע קינדער אַהיים מיט גליק,
און צו גאָט׳ס רעכטער האַנט: בוי מיין הויז אין דיין גנאָד!

עס זאָל קומען צורייטן משיח פונווייטן,
און איך וועל מיט קלאַנגען פון האַרף און געזאַנגען
נאָך קומען און טון די עבודה צו גאָט!

געקומען די צייט איז פון פריידן און וועט זיך נישט אויסלאָזן מער,
פאַרשוואונדן דער טרויער, וואָס האָט מיך געדריקט און געפּרעסט אַזוי שווער,
אַט בויט ער אויף אייביקע יאָר מיין געצעלט —

זיין צוזאָג איז טייער, זיין וואָרט ברענט ווי פייער,
ער וועט וואונדער באַווייזן מיט געטלאַכע מעשים,
און אויפריכטן וועט ער מיין פינצטערע וועלט!

פאַראַן א פאָלק...

פאַראַן אַ פאָלק, וואָס אין אבלות קליידט עס זיך אין ווייסן —
איך האַלט פון זייער מנהג און טו אויך אַזוי;
און אויפ׳ן אונטערגאַנג פון מיינע יונגע יאָרן
פאַרקליידט מיין פנים זיך אין גרוי.

א ב ר ה ם א ב ן ־ ע ז ר א

מיין אונטערשריפט . . .

מיין אונטערשריפט וועט זיין דער זכר נאָך מיין נאָמען
נאָכדעם, ווי ס׳וועט פון מיר שוין גאָרנישט בלייבן —
איך שרייב און איך געדענק: די האַנט וועט לאַנג צעפוילט זיין,
נאָר איבערבלייבן וועט מיין שרייבן!

ע ל ע ג י ש

...די מאָגערע, די שלעכטע יאָרן זיינען אָנגעקומען
און האָבן די געוועזענע, די בעסערע פאַרשלונגען;
מיין וואַנדער־לעבן האָט מיך, ווי אַ רייף, אַרומגענומען,
אין עלנט און פאַרווייטיקט האַרץ אַריינגעדרונגען.
בין איך פאַרטומלט און צעקלאַפּט אין שטויב פאַר אייך געקראָכן,
פון בייזע שרעקן אויפגעציטערט און דערשלאָגן;
דער גאַנצער בנין פון מיין לעבן איז אויף שטיק צעבראָכן
און אַלץ, וואָס ליב און טייער, איז פאַרווייט, פאַרטראָגן.
ווי זאַמד פון ים, אַזוי טוען זיך די אומגליקן אַלץ מערן,
ווי זיינען זיי געשוואָומען איבער ים׳ען און זיך נישט דערטרונקען?
ווי גיסן אויף מיין פייער מיינע אויגן באַכן טרערן,
און ס׳ווערט דאָס פייער נישט פאַרלאָשן און פאַרזונקען?
מיין לייב איז אויסגעצערט און מיין נשמה איז דערשראָקן,
האָב איך געפרעגט געיאָגטע און געפּלאָגטע פון וועלט׳ס צאָרן —
אַזעלכע צרות, ווי די מייניקע, אַזעלכע פּלאָגן
זיינען נאָך נישט געזען און נישט געהערט געוואָרן!

שפּאַס־לידער און עפּיגראַמען

א.

אַרונטער פון וועג זיינען שטערן,
ווען איך בין געוואָרן געבאָרן;
ווען איך וואָלט מיט ליכט געהאַנדלט —
וואָלט קיינמאָל גאָר נאַכט ניט געוואָרן.

איך זוך אַלץ מיין גליק און געפין ניט,
פאַרבלאָנדזשעט איז הימל מיין שטערן;
וואָלט איך מיט תכריכים געהאַנדלט —
וואָלט דעמאָלט דער טויט גאָר אויפהערן.

ב.

קום איך צום גביר אין דער פרי —
איז ער גאָר שפּאַצירן געפאָרן;
קום איך אין אָוונט צום גביר —
נאָר־וואָס אַנטשלאָפן געוואָרן.

אדער ער פאָרט, אדער ער ליגט;
דעם אָרעמען מענטשן קיינמאָל ניט גליקט.

ג.

ווען מיינע טרערן וואָלטן לויט מיין אומגליק רינען,
וואָלט קיינער אויף דער וועלט קיין טרוקן אָרט געפינען;
נאָר ניט פאַר נח'ן אַליין — פאַר מיינע אויגן
האָט אויך געוויזן גאָט דעם רעגנבויגן . . .

ד.

כ'האָב אַ מאַנטל, איז ער אַלט —
האָט פאַרלאָרן זיין געשטאַלט.
ווי אַ זיפּ איז ער געוואָרן,
זיפּ דורך אים קאָטש ווייץ און קאָרן.
ווען עס ווערט פון אים געמאַכט
אַ געצעלט אין פינצטערער נאַכט —
וואָלט מען זען דורך אים אינגאַנצן
ווי די אַלע שטערן גלאַנצן.
זיינע לעכער — אַ פאַרמעג,
ווי די ציינער פון אַ זעג.
און די לאַטעס, האָב איך מורא,
זיינען מער שווין פון דער סחורה.

ליבער גאָט, אים בייט מיר אום
אויף אַ מאַנטל פאַר מיין רום!

אברהם אבן־עזרא

ה.

ניט ווער דערשראָקן פון דעם טאָג,
ווייל אַלץ, וואָס פּאַסירט, האָט קיין דויער;
ניט פריי זיך, ווען ס׳טרעפט דיך אַ גליק,
אַן אומגליק — ניט וויין און ניט טרויער.
פון טאָג פון דעם גוטן און שלעכטן
וועט סיי־ווי־סיי ווערן אַ נעכטן.

(אברהם רייזען)

דעם מענטשס לעבן

דער מענטש דאַרף זיך שטענדיק באַקלערן —
ער וועט זיך צום שטויב צוריקקערן.

* * *

צו פינף יאָר איז פול מיט אַנטציקן
דאָס אינגל מיט זוניקע בליקן.
די מוטער וועט אַלץ אים פאַרטראָגן,
דאָס האַלז פון דעם טאַטן — זיין וואָגן.

דאָס אינגל איז צען יאָר געוואָרן —
ניט מוסר׳ט אים, רעדט ניט מיט צאָרן.
לאָזט פריי זיינע יונגע געפילן,
זאָל ער מיט משפחה זיך שפילן.

צו צוואַנציק — ווי שיין איז דאָס לעבן!
ער האַלט בלויז אין טאַנצן און שוועבן.
ער לאַכט פון די לערער און טוגנט,
ס׳האָט ליבע געפאַנגען זיין יוגנט.

און זיינען אים דרייסיק פאַרשוואונדן —
איז ער מיט אַ ווייב שוין פאַרבונדן.
ער קעמפט שוין, אַזוי ווי געפאַנגען,
פאַר ווייב און פאַר קינדערס פאַרלאַנגען.

אברהם אבן-עזרא

און זיינען אים פערציק באַפאַלן —
דאַן פילט ער ביי זיך שוין געפאַלן.
צופרידן מיט פיל און מיט ווייניק —
און טראָגט שוין זיין יאָך אונטערטעניק.

און זיינען אים פופציק אַריבער —
דאַן ווערט ער שוין טרויעריקער, טריבער.
ער שפּאַט פון דעם מענטשלאַכן יאָגן
און שרעקט זיך: די שעה וועט באַלד שלאָגן.

און ווערט ער מיט זעכציק באַלאַדן —
דאַן האָט ער שוין מער ניט קיין באַדן.
ער קען שוין, אַ מידער, ניט שטרייטן
און מוז בלייבן שטיין פון דערווייטן.

דערגרייכט ער שוין זיבעציק מיט גבורה —
האָט ער ביי דער וועלט ניט קיין צורה.
קיין האַנט וועט אים קיינער ניט שטרעקן —
אַ לאַסט נאָר פאַר זיך און זיין שטעקן.

און האָט ער ביז אַכציק דערצויגן —
דאַן דינען ניט מער שוין די אויגן.
די קינדער אים ווילן ניט וויסן,
פאַר'סמ'ט איז זיין טרונק און זיין ביסן.

דערנאָך איז דער טויט אים שוין ליבער . . .
אַז וואויל איז דעם מאַן, וואָס טראַכט איבער,
און וויס, אַז דאָס לעבן איז שטויביק,
און בלויז יענע וועלט איז אויף אייביק.

*

דער מענטש דאַרף זיך שטענדיק באַקלערן —
ער וועט זיך צום שטויב צוריקקערן.

(א. ר. און נ. ג.)

יעקב בן-מאיר (רבנו תם)

רש״יס אַן אייניקל. געבאָרן אַרום יאָר 1100 און געשטאָרבן אין יאָר 1171 אין פראַנקרייך. געשריבן פיל פיוטים און אויך וועלטלאַכע לידער.

אַ סוכות׳דיגער פיוט

מיין טרויער און מיין עלנט,
מיין וואַנדער און מיין לייד;
דערמאָן איך נאָר דיין נאָמען —
ווערט פול מיין האַרץ מיט פרייד.

מיין וועג ווערט הויך און לופטיק —
צו גאָט מיין וועג זיך ציט;
איך הויב אויף מיינע טאָצן
און זינג צו אים אַ ליד.
אַ לויב־ליד — איז מיין קרבן,
די טרערן מיינע — וויין;
דאָס ברענהאָלץ — מיינע ביינער,
און פלאַם — מיין האַרץ אין שיין.

זיין גוטס — נישט צו באַנעמען,
און גרויס איז זיין גענאָד;
מיט וואָס זאָל איך באַגריסן
דעם לעבעדיקן גאָט?
ווי זאָל מיין קני נישט וואַקלען,
ווי האַלט מען הויך דעם קאָפּ —
זיין בליק פאַלט אויף מיין וועג דאָר,
די נעץ ציט מיך אַראָפּ.

ס׳איז גאָט מיין גאָלד פון זונליכט,
זיין נאָמען איז מיין ציר;
אַ קרוין איז מיר זיין חסד,
און ווער איז גלייך צו מיר?
וואָס ביסטו, האַרץ, דערשראָקן,
וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?
אויף אים בלויז לייג דיין האָפנונג,
און זוך אים טאָג־ווי־נאַכט.

בנימין בן־זרח

איז וועג פון רצון דיינעם
זאָל פירן מיך דיין חן;
און ווי דיר איז געפעלן —
אַזוי וועל איך שוין גיין.
כ׳פאַרגעס די טעג, די שוואַרצע,
כ׳פאַרגעס די נעכט פון פיין —
איך זעטיק זיך אין סוכה
מיט קאָרן און מיט וויין.

מיין טרויער און מיין עלנט,
מיין וואַנדער און מיין לייד;
דערמאָן איך נאָר דיין נאָמען —
ווערט פול מיין האַרץ מיט פרייד!

בנימין בן־זרח

פון די דייטשע בעלי־פּיוט. צוגעזען די שחיטות, וואָס דער ערשטער קרייצצוג האָט געמאַכט איבער די אידישע קהילות אויפן רהיין. 1096.

אַ תפילה

כיוועל אויסגיסן מיין האַרץ, וועט אפשר לייכטער ווערן —
איך ווער דערשטיקט פון פיין, מיין קראַפט גייט אויס;
פון אַלע אומות בין איך איינע נאָר פאַר׳משפּט
גיין טאָג אויף טאָג צוריק, און נישט אַ טריט פאָראויס.
דו האָסט אַרויסגעבראַכט מיין גזר פון דור צו דורות,
מיך נישט דערבאַרעמען אין עלנט און אין שאַנד;
דו האָסט מיך אָפּגעשטופּט מיטביידע הענט — אפילו
מקרב נישט געווען מיך מיט דער לינקער האַנט.
פאַרשקלאַפט אין בבל און דערנידעריקט אין פּרס,
געשטיקט אין רוים — און איצט אין תליונ׳ס הענט;
צי איז מיין קראַפט פון שטיין, מיין לייב פון קופּער,
די צרות אויסצושטיין און בלייבן נישט פאַרלענדט?
שוין וויפיל דורות, ווי איך בין פאַרוויסט און חרוב,
שוין טויזנט יאָר און מער פאַראומגליקט און פאַרקלעמט;

פאַרשפּאַרט אין תּפיסות, ווי אַ פעלד צעאַקערט,
אין טרויער ווי אַן אבל, ווי אַ גנב מיאוס פאַרשעמט.
פאַרשמוצט מיין קדושה, און פאַרשוועכט די קדושים,
דערנידעריקט, געפאַלן, האָב איך נישט קיין רו;
די שווערע זינד מיינע און מיינע בייזע מעשים,
זיי האָבן, גרויסער גאָט, דאָס מיטגעבראַכט דערצו.
אַ, גאָט אַלמעכטיקער, פאַר דיר איז אַלץ אַנטפּלעקט דאָך;
פאַר יעדער זינד האָב איך געצאָלט מיט טאָפּלט גרויל —
ווער ס'האָט אַ האַנט, האָט מיך געבראָכן און געשטאָכן
און מיך געפרעסן מיט'ן פולן מויל.
הער צו דעם ביטערן געשריי פון דיינע קינדער,
זייער פאַרשעמטן זיפץ און האַרצרייסנד געוויין —
איך בין פאַרמאַטערט שוין פון גלות און געפאַנגענשאַפט,
געטראָטן פון אַ מיאוס פאָלק און אַ געמיין,
וואָס האַלט אין טענה'ן: „וואו איז אייער גרויסער מלך?
„זאָל ער זיין האַנט אַנטפּלעקן און באַשיצן אייך;
„די צייט פון גאולה, וואָס איר האָט געציילט, איז שוין אַריבער,
„פון אייער האָפנונג האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך!"
מיין פּרצוף־פּנים איז אין זאַמד און שטויב פאַרגראָבן,
פון זייער זידל־וואָרט און שפּאָט — עס איז מיר שלעכט;
דיין גזר און משפּט נעם איך אָן אָן טענות,
גערעכט ביסטו דאָך און דיין משפּט איז גערעכט.
שטיי אויף, גערעכטער גאָט, און נעם זיך אָן מיין קריוודע,
און ברענג אַרויס מיין משפּט און מיין דין צום ליכט;
זע צו מיין חורבן און דעם חורבן פון מיין היכל,
אויב נישט פון מיינטוועגן — זאָלסטו דאָס טון פאַר זיך,
געדיינק דיין שבועה און די טריישאַפט פון די אבות,
דעם בונד מיט דיר געשלאָסן לאַנג, שוין לאַנג;
באַשיץ די קינדער זייערע פון דעם רוצח,
און ראַטעווע דאָס לעצטע רעשט פון אונטערגאַנג!

איך שווייג...

איך שווייג און האַלט זיך איין, דאָס האַרץ — ווי אָפּגעשטאָרבן,
בעת איך זע, ווי מיינע שונאים מערן מיינע פּלאָגן;

בנימין בן־זרח

כ׳האָב אויף מיין מויל געלייגט אַ שלאָס, ס׳זאָל שטומען, שווייגן —
נאָר ס׳האַרץ, דאָס האַרץ אין מיר טוט ביטער קלאָגן!

די האַנט פון דעם באַדריקער האָט זיך שווער געלייגט אויף מיר,
עס רייסט מיך גליד פאַר גליד און פליקט דער שלעגער;
כ׳ווער ווי אַ פּגר אַ צעטראָטענער אַרומגעשליידערט —
און נאַכט אין נאַכט ווערט נאָס פון טרערן מיין געלעגער!

האָסט מיך געמאַכט ווי זאַמד, וואָס יעדער איינער טרעט אים,
מיין גוף — צעקיילט־צעביילט און אויסגעפליקט די באַקן;
איך קוק אויף רעכטס, אויף לינקס, און קיינער קומט צוהילף נישט —
עס וואַקלען זיך די קני און ס׳ברעכט מיין נאַקן!

איך טראַכט און טראַכט און ס׳ווערט מיין האַרץ מיט בלוט פאַרלאָפן:
זיי זיינען איינגעפלאַנצט און ס׳נעמט זיי קיין געוויטער.
און איך ווער אומגעגאָסן פון איין כלי אין דער צווייטער —
איך האָב געהאָפט אויף פרידן און צום סוף — איז ביטער!

איך זינק און טרינק זיך אין דעם זומפּ, צעביסן און צעריסן,
פאַרלאָזן איז מיין היים, צעשפּאָלטן און צענומען;
דער לייב און בער, זיי האָבן מיך אין פינצטערניש געטראָפן —
אין פייער און אין וואַסער זיינען מיר געקומען!

צו גרויס די שאַנד און דאָס פאַרברעכן אין זיך צו דערשטיקן,
צו גרויס דער ווייטיק און דער פייערדיקער צאַרן;
מיין נחלה איז פאַרברענט, פאַרטריקנט און פאַר׳חרוב׳ט —
די שטעט אָן איינוואוינער, די ערד איז וויסט געוואָרן!

ס׳האָט אדום מיך צעשטורעמט און מיך אויסגעוואָרצלט,
און צאַפּט מיין בלוט און זוכט מיך צו פאַרשניידן;
ווי לאַנג נאָך וועסטו צוזען בלוט און אומרעכט און אַלץ שווייגן?
דיין רחמים אויף דיין פאָלק זאָלסטו נישט פאַרמיידן!

זיי האָבן אויפגעעפנט זייער מויל, ס׳איז זייער האַלז אַ קבר,
זיי שניידן מיך פון יעדער זייט און פרעסן אויף מיין לעבן;
איך שריי פון האַרצווייטיק: וואָס שפּעטיקט זיך מיין גאולה?
און טענה: ווער וואָלט פליגל מיר געגעבן!

קלונימוס בן־יהודה

געפאַלן און געבראָכן איז מיין מוט, דאָס האַרץ — צעריסן,
פון דרוק פון פרעמדע און פון לאַסט פון שונאים;
נעם אָן זיך, גאָט, מיין קריג און קריוודע פון נשמה —
זאָלסט אָפּווענדן פון אונזער זינד דיין פנים!

איך רוף צו דיר — דערהויבענער, פאַרהוילענער, אַנטפּלעק זיך,
דיין אויער זאָל פאַר אונזער יאָמער און געשריי זיין אָפן;
אויף דיר איז אונזער האָפענונג, זאָלסט אונז נישט פאַרשעמען —
ישראל וועט צו גאָט ביז אייביק האָפן!

קלונימוס בן־יהודה

איינער פון די בעסטע דייטשע בעלי־פּיוט. זיין קינה: „מי יתן ראשי מים" איז אַריינגענומען געוואָרן אין די קינות לתשעה־באב. דאָס איז אַ וויי־געשריי אויפן חורבן פון די אידישע קהילות אין דייטשלאַנד אין יאָר 1096.

אַ קינה אויף די הרוגים פון שפּייער, וואָרמס און מאַינץ

ווער וואָלט פאַרוואַנדלען מיין קאָפּ און מיינע אויגן אין באַכן טרערן,
וואָלט איך וויינען אַלע מיינע טעג און נעכט, נישט אויפצוהערן,
אויף מיינע גע׳הרג׳עטע עופה׳לאַך און פאַראַכטיקע זקנים —
און איר זאָלט ענטפערן: „וויי אוןווינד און וויי!" אַלע אינאיינעם,
און וויינט און קלאָגט אַ גרויס געוויין און שווער
אויפ׳ן הויז פון ישראל, געפאַלן דורכ׳ן שווערד!

כ׳וועל גיין צום פעלד פון געוויין און מיינע אויגן פליסן,
באַוויינען די לעבנס, וואָס זיינען צעפליקט און צעריסן,
די שיינהייטן־מיידלאַך און ליכטיקע קינדער,
וואָס זיינען געשלעפּט געוואָרן צו דער שחיטה ווי רינדער;
איידעלער פון פּערל, סאַפּירן און טייערסטע שטיינער —
אין שמוץ פון די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט זייערע ביינער;
„אַוועק, איר טמאים!" — האָבן זיך קולות געהערט, —
אויפ׳ן הויז פון ישראל, געפאַלן דורכ׳ן שווערד!

קלונימוס בן־יהודה

זאלן די אויגן פליסן טרערן, איך טו ווייגען און קלאגן,
שיט אַש אויף די קעפּ, און זעק זאלט איר טראגן —
כ׳האב געזען די שענסטע פון טייערסטע זאכן,
דעם כבוד, וואס רוט אין פאַרבאַרגעניש, טרייסט פון דעם שוואַכן,
כ׳האב געזען זי צעריסן, צעטראָטן, באַשפּיגן —
תורה, משנה, אגדה אין שמוץ טוען ליגן.
באַקלאָגט און באַוויינט, פרעגט מיט ציטער און מורא:
וואו איז דער תלמיד און זיין רבי און די תורה?
דאָס פּלאַץ איז דאָך געוואָרן חרוב און צעשטערט —
און דאָס הויז פון ישראל געפאַלן דורכ׳ן שווערד!

אין מיינע אויגן זאלן זיך עפענען אַלע באַהאַלטענע קוואַלן
אויף די הרוגים, וואס זיינען אין אשפּירא געפאַלן;
אין טאָג פון רו, אין אַכטן טאָג פון צווייטן חודש,
איז אויפגעגאַנגען אויפ׳ן בראַנד מיין שבת קודש.
עס זיינען אומגעקומען יונגע בחורים און פּראַקטיקע זקנים,
וואס האבן אפּגעגעבן זייערע לעבנס אַלע אינאיינעם,
מיט פרייד און גבורה פאַר דער אייניקייט פון גאָט׳ס נאָמען,
גבורים צו פאָלגן זיין וואָרט, אַ רגע נישט צו פאַרזאמען,
זיינען אַלע צוזאַמען, אַלטע און יונגע, אומגעקומען.
אין מיין ביטערן טרויער פון פּיין טו איך ברומען,
ווען איך טו די הריגה פון די הייליקע קהלות דערמאָנען:
די אויסגעפּרואוטע, אויסדערוויילטע ווערמייזער קהלה,
גאונים פון דער וועלט, די גבורים פון תורה און תפלה,
צוויי מאָל האבן זיי מיחד געווען גאָט׳ס נאָמען אין מורא,
דעם דריי־און־צוואַנציקסטן אין חודש סיון, פאַר׳ן בורא,
און אין דעם דריטן חודש, אינמיטן פון די הלל־געזאַנגען,
זיינען זייערע נשמות צום הימל אין גרויס ליבע אויפגעגאַנגען.
איבער זיי גיסן זיך מיינע ביטערע געוויינען
און מיט קרענק פון מאַרטירער טו איך זייערע קעפּ באַקרוינען.
און אויף דער קהלה פון מאַגענצא וויל איך מיין קלאָג אויפהויבן,
פון אַדלערס פלינקער, שטאַרקער פון לייבן,
וואס זיינען אומגעקומען פאַר זייער גאָט און גלויבן;
אויף מיינעביידע מקדשים, וואס ליגן חרוב און צעדראָשן,
און אויפ׳ן חורבן פון מיין ביסל הייליקייט, מיינע בתי מדרשים.

דער דריטער פון דריטן חודש איז מיר היינט צוגעקומען —
אַ טאָג פון חורבן און פון טרערן און פון ברומען.
אין טאָג פון מתן תורה, ווען איך האָב געהאָפּט אויף פרייד,
האָט זי, די תורה, זיך מיט אונז געטאָן צעשיידן —
געטאָן צום הימל, אין איר וואוינונגס־פּלאַץ, פאַרשוועבן,
צוזאַמען מיט איר שייד און קלייד, דעם תלמיד און דעם רבי׳ן;
נעמט זייער טויט צום האַרצן דורך טרערן און דורך טרויער,
ווי דער חורבן בית המקדש, ירושלים און איר מויער.
דאַריבער טו איך היינט מיין קלאָג־ליד און מיין הספד זאָגן,
און טו פון מיין פאַרביטערטער נשמה קלאָגן,
מיין זיפץ איז פון פרימאָרגן ביז אין אוונט שווער —
אויפ׳ן הויז פון ישראל, געפאַלן דורכ׳ן שווערד!

אויף דעם טו איך וויינען און מיין האַרץ פאַרגייט זיך אין ברומען,
איך וועל די קלעגערינס רופן און זאָלן זיי קומען;
און זאָלן זיי קלאָגן, זיך שלאָגן אין האַרצן און טענה׳ן:
צי איז וואו אַן אומגליק ווי מיינס דען פאַראַנען?
פון דרויסן דער שווערד, און פון אינעווייניק — שרעקן.
די הרוגים אין גאַסן זיינען נאַקעט געלעגן,
פאַר הינט און חיות הפקר זייערע לייבער,
דער זקן און זויגלינג, קינדער און ווייבער,
אויף שאַנד און אויף שמאַד צו די ביטערע שונאים;
זיי לעסטערן, זידלען און שפּייען אין פּנים:
„וואו איז זייער גאָט — טענה׳ן זיי — וואָס זיי האָבן זיך אים איבערגעבן.
זאָל ער קומען און זיי צוריקברייגגען צום לעבן”.
דו שטאַרקער גאָט, וואָס איז מיט דיר אין טאָג פון שטראָף געוואָרן?
דו שווייגסט, דו האַלטסט זיך איין, און צינדסט זיך נישט אין צאָרן
פון זייער שפּאָט: „אויב ער איז גאָט, זאָל ער זיך אננעמען אויף דר׳ערד
פאַר׳ן הויז פון ישראל, וואָס איז געפאַלן דורכ׳ן שווערד!”

די טרערן רינען, טרויער זיינען מיינע געזאַנגען,
געוויין — מיין האַרף, עס טרייסטן נישט, עס קילן נישט די קלאַנגען.
נישטאָ ווער ס׳זאָל באַדויערן, מיר שטילן די יסורים,
אַ פייער איז אין מיר אַריין, אַ טויטנדיקער שטורעם,
דער בייזער שונא רייסט און בייסט מיט שאַרפע ציינער,
ער האָט צעבראָכן און צעפּיצלט און צעברעקלט מיינע ביינער,

האט אויסגעלייגט מיינע גבורים, האט אַ פייער אָנגעצונדן
און אַז אַ רפואה אייטערן מיינע וואונדן;
נישטאָ קיין היילונג, נישטאָ ווער ס׳זאָל מיך שוינען —
דעריבער זאָג איך: „גייט אַוועק, און לאָזט מיך וויינען,
און זאָל מיין פּנים שמאַרצן פון דער פלאַמענדיקער טרער
אויפ׳ן הויז פון ישראל, געפאַלן דורכ׳ן שווערד!״

משה בן־יוסף הכהן

געלעבט אין דייטשלאַנד און צוגעזען די הריגות פון יאָר 1096.

אַ תפילה

דאָס זיינען די ארבע אבות נזיקין:
דער וואָלף, דער לייב, דער בער, מיט זייערע קינדער,
דער וואַלד־חזיר מיט זיי און טיגער דער געשווינדער —
זיי האבן מיך געטאָן צערייסן און צעפליקן.

זיי שטויסן מיך אין גרוב, וואָס זיי האבן געגראָבן —
דאָס אומגליק זאָל דערגרייכן זיי און יאָגן,
ווי זיי האבן דאָס אומגליק אין מיין היים אַריינגעטראָגן,
און האבן מיך באַשאָטן און באַגראָבן.

דיין וואָרט זאָל נישט פאַרשפּעטיקן און קומען,
זאָלסט שלעכטס און רשעות פון דער ערד פאַרטרייבן,
זאָל קיין געדעכעניש אויף דער וועלט פון זיי נישט בלייבן —
דערפאַר, ווייל זייער פייער האט מיך היינט פאַרנומען.

וואָס איז מיין קראַפט, כ׳זאָל בלייבן לעבן פון די וואונדן —
זיי האבן אומצובריינגען מיך זיך איצט פאַרנומען;
איך הער דאָס קול פון שרעק און מורא׳דיקן ברומען,
און זע דאָס פייער, וואָס זיי האבן אָנגעצונדן.

זע צו דעם פיין פון דעם, וואָס ליגט אין שטויב צעטראָטן,
און ראַטעווע פון שענדער און פון האַסער;
דערבאַרעם זיך אויף מיר, איך גיי דורך פייער און דורך וואַסער,
ווענד אָפּ דעם טויט, וואָס זיי האבן אויף אונז געראָטן.

מנחם בן־יעקב

זיי האָבן אונז, ווי וועלף, מיט פולן מויל געגעסן,
און הילף איז ווייט, מיר ווערן דאָ אין שטויב צעריבן,
און גאָרנישט איז אונז מער אין לעבן נישט געבליבן —
קום ראַטעווע און העלף, וואָס האָסטו אונז פאַרגעסן?

דאָס האַרץ איז שכור מיר פון פּיין, ס׳איז גרויס דיין צאָרן,
כ׳האָב אויסגעקוקט אויף הילף אומזיסט די אויגן;
אויף מיינע ליפּן איז אַ שלאָס פון שווייגעניש פאַרצויגן,
איך האָב נישט מער קיין וואָרט, ס׳איז אַלץ פאַרלאָרן.

ווי נידעריק איך בין געפאַלן, גאָט גערעכטער!
בייטאָג בין איך נאָר אויף געוויין און קלאָגן,
ביינאַכט טוט טריקעניש און קעלט מיך שלאָגן
אינאיינעם מיט די זין מיינע און מיינע טעכטער.

מנחם בן־יעקב

האָט געלעבט אין דייטשלאַנד אין צווייטער העלפט פון 11־טן יאָרהונדערט. האָט צוגעזען דעם חורבן פון די אידישע קהילות אויפן רהיין אין יאָר 1179.

אַ קלאָג־ליד

וויי איז צו מיר, אַז טויט, חורבן און אלמנה׳שאַפט
זיינען אין איין רגע מיר אָנגעקומען!
ליידיק און פּוסט בין איך געבליבן, הונגעריק און נאַקעט,
דאָס בעסטע איז פון מיר געוואָרן אָפּגענומען.

דער אויפגעבראַוזטער האָס האָט איבער מיר געשטאַרקט זיך,
עופה׳לאַך פון וויגן צעטראַמפּלט און צעטראָטן;
אָ, גרויסער גאָט, דיין בייזער גזר האָט מיך געטראָפן —
האָסטו דאָס לעצטע רעשט באַשלאָסן אויסצוראָטן?

מנחם בן־יעקב

די שטאַרקסטע מיינע און די העלדישסטע געפאַלן,
עס וואַלגערן זיך קדושים פון דער ערד אויף אַלע וועגן;
און איך בין קינדערלאָז, פאַרוויסט־פאַרצאַגט געבליבן —
פון אינעווייניק דער שווערד, פון דרויסן — שרעקן.

די ריינסטע מיינע און די חשוב׳סטע — דער׳הרג׳עט,
געפּרוווט געוואָרן און דעם נסיון בייגעשטאַנען;
גאָט האָט אין זיין גאָרטן אויסדערוויילט די שענסטע בלומען,
די רויזן און די ליליען, וואָס וועלן קיינמאָל וויאַנען.

דורך כל המינים טויטן זיי גענומען ס׳לעבן,
די גופים נישט פאַרשאַרט אפילו אין קיין גריבער;
פאַרצוקט פון ווילדע חיות און פון ראָבן —
דאָס בייזע וואַסער איז איבער׳ן קאָפּ אַריבער.

ס׳האָט זייער האָב־און־גוטס און רייכקייט נישט געהאָלפן
אין טאָג אין ביטערן פון ברענענדיקן צאָרן;
דער טאָג איז פינצטער און די זון האָט זיך באַהאַלטן,
די לבנה איז פאַרוואַנדלט אין בלוט געוואָרן.

אַ, גאָט, צי איז פאַראַנען נאָך איינער, ווי דו, אַ שטומער? *)
דו האָסט זיך איינגעהאַלטן, גאָט, און שטיל־געשוויגן!
זיי האָבן דיין היכל אונטערגעגראָבן — און קיין וואָרט נישט,
און דיינע קינדער האָבן זיי צעטראָטן און פאַרשפּיגן.

געקומען זיינען מיר אין פייער און אין וואַסער,
זיי האָבן אונז פאַרשטיינט, אויף קרייצן אונז געהאַנגען;
און מיר זיינען אין יעדן אומגליק דיר געטריי געבליבן,
און ליכטיקער איז אונזער ליבשאַפט אויפגעגאַנגען.

מיט אַלע מינים פון פאַרניכטונג זיינען מיר געשלאָגן,
זיי האָבן ווי דעם ווייַן אין קעלטער אונז געטראָטן;
אין גיהנום לעבעדיקערהייט זיינען מיר אַרונטער —
מיר קומען אום און ווערן אויסגעראָטן!

*) מי כמוך באלים — האָבן זיי געליינט „באלמים".

אלעזר בן-יהודה

א, דו אל קנא ונוקם — וואו איז דיין קנאה און נקמה?
זע, ווי זיי האָבן פאַר דיינע אויגן דיך דערצאָרנט!
דעם טאַטן מיט זון גע׳שחט׳ן אין דיין נאָמען —
און דו האָסט זיי אפילו נישט געוואָרנט!

א, שווערד, דו בלוטיקער, וואָס האַלטסטו זיך אין דרייען,
וואָס פלאַקערסטו און ברענסט, ווי לאַנג נאָך וועסטו שוועבן?
ביז צו די אינזלען פונ׳ם ים האָסטו דערגרייכט שוין, **)
אוי, שווערד פון גאָט, ווען וועסטו שוינען שוין מיין לעבן?!

**) אַ רמז אויף די בריטישע אינזלען.

אלעזר בן-יהודה

געבאָרן אין מאַינץ אַרום 1170 און געשטאָרבן אין וואָרמס 1238. האָט דורכגעלעבט אַ פערזענלאַכע טראַגעדיע: אין יאָר 1196 האָבן זיך אַריינגעריסן ביי אים אין הויז צוויי קרייצפאָרער און געהרגעט זיין ווייב און זיינע צוויי טעכטער. זיין באַרימטסט ווערק איז דער ספר „הרוקח״. האָט אויך זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע קינות און פיוטים.

גאָט אונזער האַר

גאָט אונזער האַר! ס׳איז דאָך מאַכטיק דיין האַנט, ביסט געווען אונז, אַזוי ווי אַ מויער,
דערציילט האָבן אונזערע פאָטערס, דו האָסט זיי געענטפערט אין צייטן פון ליידן און טרויער!
ווי לאַנג שוין דו האָסט אונז פאַרהאָסט, ווי אַ קראַנקע פרוי זיינען מיר געוואָרן —
איבערגעענטפערט צום גלות, צו רויב און רציחה, צו אדום און ישמעאל׳ס צאָרן —
דער מאַכט בלבולים, דער רעדט מיט זלזולים, דער רויבט, דער צעשטויבט, און דער טויט —
וואָס שטייסטו פונווייטנס, באַהאַלטסט זיך אין צייטן פון נויט?

גאָט אונזער מאַכטיקער האַר! זע די רשעות פון אונזערע שונאים —
זיי טרעטן, צעטרעטן דיין נחלה און שפּעטן און שפּייען אין פּנים.

אלעזר בן־יהודה

זיי נעמען אַוועק אונזער בלוטיקע פּראַצע און טוען נאָר שלעכטס אויף אונז קלערן,

זיי יאָגן און שלאָגן און פּלאָגן און טוען די לופט אונז פאַרווערן.

דער בינדט, און דער שינדט, מיין בלוט רינט, און דער לאָזט מיך אָטעמען פּאַר געלט —

וואָס האָסטו אויף אייביק פאַרגעסן אַז אונז אויף דער בלוטיקער וועלט?

גאָט אונזער האַר! מיר רופן צו דיר פון יסורים און אַנגסטן פאַרלענדט —

מיט קרעכצן און וויי, מיט אַ ביטער געשריי, מיט פאַרבראָכענע הענט.

דיין האַנט האָט אויף אונז זיך געלייגט, אונז צו שטרויכלען און מאַכן אונז פאַלן.

עס וואַרפן איין פּנים אונז שונאים: „ווען וועט אייער ליכט זיך צעשטראַלן?"

דער שטיקט, און דער דריקט, און דער פּליקט, גאָר אָן שיעור און אָן ברעג —

וואָס האָסטו צעבראָכן מיין צוים און מיך טרעט יעדער פוס אויפ׳ן וועג?

גאָט אונזער האַר! האָב רחמנות, באַשיץ אונז פון אומגליק און לייד —

דער שונא דער אכזר ציט ווידער זיין שווערד פון דער שייד.

מיר גייען אויף קדוש־השם, יונג און אַלט, קינד־און־קייט ווערן פאַרלענדט,

צעריסן, צעפליקט איז דיין הייליקע תורה, אין פייער געברענט.

אונזער מקדש איז חרוב און וויסט, און פון אומריינע פיס צעטראָטן —

און ווי קענסטו איינהאַלטן זיך, אונזער וועכטער און שאָטן?

ווי לאַנג וועסטו קוקן און שווייגן, ווען וועסטו אונז אויפברייינגען פון תהום?

דאָס וואַסער דערלאַנגט שוין צום האַלז, עס פאַרשווייכט אונז דער גרויזאַמער שטראָם.

דער בעכער פון גיפט און פון גאַל גייט שוין איבער די ברעגן,

ס׳איז מיאוס דאָס לעבן פון שאַנד און פון ווייטיק און שרעקן —

דער קויפט, דער פאַרקויפט, דער פאַרזויפט אונז, דער זאָגט: אונזער סוף איז געקומען!

פאַרוואָס, זאָג, באַהאַלטסטו דיין פּנים, און דו האָסט אונזער פיין נישט פאַרנומען?

אלעזר בן־יהודה

אַ קלאָג־ליד אויף זיין ווייב דולצע, זיין עלטערע טאָכטער באָליטא און זיין קליינע טאָכטער חנה

(15טן נאָוועמבער, 1196).

וועד קען אַן אשת־חיל, קרוין פון איר מאַן, געפינען?
אַ פרוי אַ פרומע, פול מיט מעשים־טובים, געווינען?

דאָס גאַנצע הויז האָט זי אויף אירע פּלייצעס געטראָגן,
אַז איר מאַן זאָל אין בית־מדרש גאָט׳ס ווארט קענען זאָגן.

האָט ציצית געשפּונען פאַר רייך און פאַר אָרים,
און פעדים געוועבט אויף צענויפנייען ספרים.

פאַר תפלין און ספר־תורות האָט זי אָדערן געגרייט,
מיט די אייגענע הענט פּערציק ספר־תורות צענויפגענייט.

פלעגט שטיין אין קיך פאַר׳ן הויז און תלמידים קאָכן,
געגרייט דעם טיש און ברויט פאַר אַלעמען געבראָכן.

פלעגט מיט געשמאַק די כלות צו דער חופה גרייטן,
און די תכריכים פלעגט זי נייען פאַר אַ טויטן.

פלעגט נייען און פאַרריכטן אָרימע תלמידים׳ס העמדער,
פון איר פּראַצע פלעגט געניסן דער אייגענער און פרעמדער.

דעם אָרימאַן פלעגט זי אַרויסלאָזן פון הויז מיט פולן,
פלעגט קנויטן ציען פאַר בתי־מדרשים און שולן;

און קויפן חלב, גיסן ליכט, צו לערנען תורה —
און טאָג ווי נאַכט געטאָן דעם רצון פון איר בורא.

דאָס דאָווענען אָפּגעהיט צוויי מאָל אַ טאָג מיט פריידן,
די ערשטע אויף צו קומען, און די לעצטע — זיך צו שיידן.

אלעזר בן-יהודה

יום־כפור פלעגט זי זינגען תפלות, זיך פון פלאַץ נישט רירן,
שבתים און יום־טובים באַשיינען און באַצירן.

געווען געניט אין אַלע דינים, געקענט פאַרענטפערן אַ קשיה,
שבת פלעגט זי אויסהערן אין שול איר מאַנ׳ס דרשה.

מלמדים פלעגט זי, פון די בעסטע, פאַר די קינדער דינגען —
ווער קען דען אַלע מעלות אירע דאָ באַזינגען?

מבקר חולה זיין די קראַנקע, זיי צו מאַכן לינדער,
השגחה געגעבן אויפ׳ן למוד פון די קינדער.

האָט קיינמאָל נישט איר מאַן געבראַכט צו כעס, אים קריינקען —
זאָל גאָט די מעשים־טובים אירע איר געדיינקען.

אין אייביק ליכט זאָל איר נשמה ווערן אנגענומען —
דער שכר פאַר אירע מעשים זאָל איר אַנטקעגנקומען!

כ׳וועל דערציילן, וואָס מיט מיין טאָכטער באַליטאַ איז געשען:
צנועה׳דיק ווי אַ כלה, דרייצן יאָר איז זי אַלט געווען.

געקענט פון איר מאַמע אַלע תפלות און געזאַנגען,
פרום און ליב און קלוג זיך מיט מענטשן באַגאַנגען.

דאָס מיידל איז געגאַנגען אין איר מאַמע׳ס וועגן,
פלעגט מאַכן מיין בעט אַלע נאַכט, געטאָן אַלץ פון מיינעטוועגן.

בלויז אמת גערעדט, פון שקר זיך אָפגעהיט, אַנטרונען,
געטאָן אַלע אַרבעט, געהאָפטן, גענייט און געשפונען.

גאָטספאַרכטיק, געטריי צו איר הימלשן בורא,
פלעגט זיצן און זיך צוהערן, ווי איר טאַטע לערנט תורה.

אלעזר בן־יהודה

אינאײנעם מיט איר מאַמע און שוועסטער אומגעקומען —
אין נאַכט פון צוויי־און־צוואַנציקסטן כסלו זײַנען אַרײַנגעקומען

צוויי רוצחים, ווען מיר זײַנען בײַם שבת־טיש געזעסן,
געזונגען זמירות און געהאַלטן אין עסן —

די מאַמע און די טעכטער גע׳הרג׳עט פֿאַר מײַנע אויגן,
און מיך און זון און תּלמידים פֿאַרוואונדעט — און אַפּגעצויגן.

כ׳וועל דערציילן, וואָס מיט מײַן קליינע טאָכטער, חנה, איז פֿאַרלאָפֿן:
האָט יעדע נאַכט געלייענט קריאַת־שמע פֿאַר׳ן גיין שלאָפֿן.

זעקס יאָר איז זי אַלט געווען, פֿלעגט שטריקן און נייען,
געזונגען ווי אַ פֿויגעלע, פֿלעגט מײַן האַרץ דערפֿרייען.

ווי איז מיר פֿאַר מײַן ווייב און ווינד פֿאַר מײַנע טעכטער, —
מײַנע זינד האָבן מיך דערגרייכט, גאָט, דו גערעכטער!

ווי איז מיר אויף מײַן בראַד, מיט יסורים בין איך געשלאָגן,
אַז הילף איז פֿון מיר פֿאַרפֿלויגן און פֿאַרטראָגן.

ווי וועל איך פֿאַר גאָט זיך פֿאַרענטפֿערן קאָנען —
ווען ער וועט פֿאַר זיי דין וחשבון בײַ מיר מאָנען?

זייער בלוט זאָל שפּילן פֿאַר אים, ער זאָל נעמען נקמה,
אין בונט פֿון לעבן זאָל ער פֿאַרוועבן זייער נשמה.

זאָל ער רחמנות האָבן אויף די, וואָס זײַנען געבליבן,
זיי זאָלן די מצוות פֿון דער תּורה היטן און ליבן.

געלויבט און געאַכפּערט זאָל בלייבן זײַן הייליקער נאָמען,
און געבענטשט אויף אייביק און אייביק. — אָמן!

משה בן-אליעזר הכהן

געלעבט אין דייטשלאַנד און דורכגעלעבט די שווידערלאַכ־
קייטן פון צווייטן קרייצצוג. 1146.

אַ קלאָג־ליד אויפן חורבן פון די אידישע קהילות אין דייטשלאַנד

איז דאס אַ קול פון שאָף, וואס דערגרייכט צו מיין אויער?
ניין, דאס איז יעקבס דאס קול און זיין יאָמער פון טרויער.
מיט אַ האַרץ אַ צעווייטיקט און מיט ביטער געוויין
קלאָגן מיר אַ קינה, וואס קען רירן אַ שטיין:
גאָט אין הימל! מיט וואס זיינען מיר אַנדערש אַליין נאָר,
איז אונזער לייב פון קופּער, אונזער כוח פון שטיינער,
צו קענען די לאַסט פון אונזערע צרות פאַרטראָגן?
און נישט אויף דיר האָבן מיר תרעומות און טוען זיך קלאָגן,
נאָר אויף זיך אַליין און אונזערע בייזע מעשים,
דעריבער טוען מיר די האָר פון קאָפּ אויף זיך רייסן,
און דעריבער זיינען מיר אַלע פאַרפאַלן,
און פאַר די נידערטרעכטיקע רוצחים געפאַלן.
געמיינע קנעכט טוען איבער אונז שאַלטן און וואַלטן,
און וואס זאָל איך זאָגן און ריידן, אַז פון גאָט קען מען זיך נישט באַהאַלטן,
דעריבער האָט ער אונז איבערגעענטפערט צו רויב און רציחה און האַס,
און דער טויט און דער יאָמער שפּאַצירן אין אונזער גאַס.
אַן משפּט זיינען אומגעקומען מיינע גוטע און פרומע לייט,
און פאַרשניטן אונזערע עופה'לאַך און קינדער פאַר דער צייט.
ערד! ערד! דו זאָלסט נישט אונזער בלוט פאַרדעקן,
קיין אָרט, וואו ס'זאָל זיך אונזער געשריי פאַרשטעקן!
מיט געשרייען אויף אונזערע שכנים זיינען מיר אַנגעלאָדן,
אויפ'ן צר און צורר, וואס האָט זיך אין אונזער בלוט געבאָדן.
מיר זיינען זאַט מיט מערער שאַנד פון שאַנד און מיסט,
זיי האָבן אונז געמאַכט צונישט, פון דער ערד אונז אָפּגעווישט.

משה בן־אליעזר הכהן

דער בער און אויך דער לייב האט דיינע קנעכט געשלאגן,
דער פלינקער טיגער האט אונזער געביין צעטראגן,
די שלאנג די גיפטיקע האט אן א היילונג אונז געביסן —
אבער דער וואלד־חזיר, וואס האט אונזער לייב געריסן,
האט ערגער נאך געטאן פון זיי, האט אלע איבערטראפן —
מיט ריטער און מיט דערנער אונז געטאן באשטראפן.
און מיר געפינען אויף קיין רגע נישט קיין מנוחה פון זיין האנט,
שוין טויזנט צוויי הונדערט דרייסיק יאר זינט ער האט חרוב געמאכט מיין לאנד,
און אויסגעשטרעקט איז אלץ די האנט אונז צו פאריאכן,
מיט לייד אויף לייד, מיט בראך אויף בראך האט זי אונז געבראכן,
מיט כל־המינים מיתות אונז געזוכט אונטערצוברייינגען,
מיט שווערד, פייער און וואסער פון דער ערד אראפצושווייקען.
און דאס זיינען די פארברענטע און גע׳הרג׳עטע פאר אונזערע זינד:
אונזערע גרויסע און קליינע, אונזער ווייב און אונזער קינד,
אונזערע זקנים און אינגלאך, אונזערע זין און טעכטער,
אונזערע בחורים און מיידלאך, צו שפאט און געלעכטער,
די שענסטע, די בעסטע, גע׳שחט׳ן פאר אונזערע אויגן,
און איצט שטיי איך ליידיק איבער מיינע קוילן געבויגן.
אונזערע ספר־תורות האבן זיי מיט שמוץ פארשאטן,
געריסן און געפליקט, באשפיגן און צעטראטן.
אויף דעם אלץ טו איך וויינען און שוואך איז מיין האנט,
און דאס גאנצע הויז פון ישראל זאל באוויינען דעם בראנד!

פרעגט זיך נאך און זעט, איר אלע איינוואוינער פון דער ערד,
אויב עפעס אזוינס איז אן אנדער אומה באשערט,
ווי גאט, דער באשאפער פון דער וועלט, האט געטאן צו מיר אצינד?
אז מיין נשמה איז ביז צו דר׳ערד געפאלן, וויי און ווינד!
מיטוואך, דעם דרייצנטן אב, בין איך פארגאנגען אין יסורים,
אין טאג פון גרויסער הריגה, געפאלן מויער און טורעם.
די טייערע, ערלאכע ווירצבורגער קהלה,
די שיינע פארצערטלטע שטאט פון תורה און גדולה,
פארוועלקט איז געווארן איר בלום און געפאלן אן תקומה,
די ערשטע און שענסטע פון שטעט, די קרוין פון מיין אומה —
מאמע אין ישראל, שיין ווי די זון אין הימל און איידל,
וויי אויף די ליכטיקע קינדער, בחור און מיידל,

משה בן-אליעזר הכהן

די ריינע יונגפרויען מיט די הערלאַכע געטאַקטע גלידער,
און בחורים שלאַנק און הויך ווי דעם לבנונ׳ס צעדער.
לומדים אין תורה און משנה, אין ליכט און אין וויסן,
די קייט פון יחוס, וואָס איז ביז היינט נישט איבערגעריסן —
זיינען אין איין רגע, ווי סדום, איבערגעקערט געוואָרן,
גע׳הרג׳עט, פאַרברענט און דערטרונקען אין רציחה און צאָרן.
איבער זיי וועל איך קלאָגן און וויינען פאַרביטערט,
איך וועל דעם טרויער רופן און יאָמערן דערציטערט.
די שטערן זאָלן פינצטער ווערן, ווי מיינע לײדן,
אַנשטאָט אַ בגד וועל איך אין אַ זאַק זיך קליידן;
אין אַש וועל איך זיך וואַלגערן און פון ווייטיק ברומען,
און זאָל אויף מיינע אויגן מער קיין שלאָף נישט קומען.
כ׳וועל לעקן שטויב און אויף מיין אַבל׳דיקן קאָפּ עס וואַרפן,
איך וויל נישט הערן מער קיין קול פון זינגען, קלאַנג פון האַרפן;
מיין אויג טוט אַז אַן אויפהער אויף מיין מכה פליסן,
זיי האָבן אונז צעקיילט, צעביילט ,די אָרעמס פון די פלייצעס אויסגעריסן!
ווי צו אונז, אַז ס׳האָט אויסגעבראָכן און צעשפּילט זיך דאָס פייער
און פאַרברענט די שטייענדיקע תבואה אַזוי גוט ווי דעם שייער.
צעטראָטן מיין נחלה און חרוב געמאַכט מיין ירושה,
און איך ליג צעבראָכן, צעשטאָכן פאַר חרפה און בושה,
אַז דאָס פלאַץ פון מיינע עלטערנ׳ס קברים איז געשענדט אין רואינען,
אַז פאַר זיי, דאָס אייזל־פלייש, קען מען קברים געפינען,
און מיינע הרוגים איז נישטאָ ווער ס׳זאָל באַגראָבן
און ס׳איז הפקר זייער לייב פאַר שאַקאַלן און ראָבן,
אַז אין מיין ביסל הייליקייט, פלאַץ פון תפלה און תחינה,
האָבן זיי אַריינגעבראַכט די צרה און די גרויסע שנאה.
איך האָב נישט די קראַפט זיך אָפּצואָווערן — נאָר מיט דיין גרויסער האַנט
זאָלסטו אויסגיסן אויף זיי האַס און גרימצאָרן און שאַנד,
דערפאַר און דערפאַר, ווייל צו גרויס איז זייער פאַרברעכן,
דערפאַר און דערפאַר, ווייל זיי האָבן מיך געטאָן שטעכן און ברעכן.
משפט און נקמה זאָלסטו פאַר מיר, גאָט פון נקמה, נעמען
און דעם צער פון יעקב׳ס פאַרברענטע און געשענדטע זאָלסטו פאַרנעמען,
זייער לייב זאָל זיין אַנגעלייגט, ווי אַ קרבן אין דיין האַנט —
און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל זאָל באַוויינען דעם בראַנד!

פאַרזאַמלט זיך, יעקב׳ס קינדער, הערט מיך אויס, איך וועל קלאָגן
און שרייען ווינד־און־וויי, צעבראָכן און צעשלאָגן,
און אַז אויפהער וועל איך טאָג ווי נאַכט נישט שווייגן,
אויף חורבן־ראַטענבורג וועט מיין געשריי אַלץ שטייגן!
די שפּילעוודיקע שיינע יונגפרוי, אַז דעם מינדסטן מום,
פול מיט מעשים־טובים, ווי אַ מילגרוים, באַשיידן און פרום.
וויי, אַז ס׳איז געגעבן רשות צו די מלאכי חבלה
און ס׳האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונז די בייזע קללה.
פון מיינע בתי מדרשים האָבן זיי אַנגעהויבן אָן רחמנות,
און מיינע בעסטע זיינען פאַר אונזער זינד געוועזן די קרבנות.
די גרויסע גבורים פון גייסט, וואָס האָבן געלויכטן ווי שטראַלן,
זיינען געשטרויכלט געוואָרן, און זיינען געפאַלן.
דריי מאָל זיינען די רוצחים אונז באַפאַלן אין שטראַף,
און בלוט האָט אַנגערירט בלוט, אָן אָנהויב, אָן סוף,
ביז צום טויט מיך פאַרבלוטיקט מיט׳ן דרייאיקן שווערד
און פון ברעג ביז צו ברעג האָט דער שווערד מיך געגעסן, פאַרצערט,
דער שווערד פון מיינע בייזע שכנים, מיך פאַרטיליקט ביז צום גרונט.
וויי אויף מיין גרויסן בראָך און מיין געפערלאַכער וואונד!
דאָס וואַסער האָט מיך פאַרפלייצט, דער ים מיט זיין ברומען,
דעם פערצנטן תמוז האָט ער זיך צו מיר גענומען
און פיר־און־פופציק נפשות זיינען צוערשט גע׳הרג׳עט געוואָרן,
און דעם צוועלפטן אב איז די גאַנצע עדה אומגעקומען.
זיי האָבן פאַרגרעסערט דעם פייער מיט ווילדע געשרייען פון צאָרן,
אַ פייער האָט געברענט אין יעקב׳ן און אַלעמען פאַרנומען —
פון יונג ביז אַלט, פון קינד ביז פרוי, אַלע אין פלאַמען,
אוי ברודער, אוי שוועסטער, אוי קינדער, אַלע צוזאַמען!
ווער קען הערן און ניט טרערן אין אימה און ציטער?
טאָפּלט בין איך צעבראָכן, דאַריבער וויין איך ביטער,
אויף עופה׳לאַך, וואָס וואַלגערן זיך אין בלוט אויף אַלע וועגן,
אויף זקנים, וואָס זיינען ווי מיסט און נבלה געלעגן;
איך וויל נישט הערן מער קיין וואָרט פון טרייסט און באַדויער —
כ׳וויל ליבערשט שוין אין קבר מיטנעמען מיין טרויער!
פינצטער און ביטער איז מיר באַרימטע ראַטנבורג, דו קרבן,
פאַרשטערט איז יעדע פרייד און פריילאַכקייט איז אָפּגעשטאָרבן!
איר מענטשן, קוקט זיך צו צום וואונדער, גרויס און אומגעהייער —

מיינע קינדער גייען טאַנצנדיק און זינגנדיק צום פייער!
אויף קדוש השם פאַר'ן בורא און זיין נאָמען צו גרויסן,
געוואָרפן זיך שנעל אין די כוואַליעס פון פייער, וואָס ברויזן,
מאַמעס האָבן די קינדער צו זיך צוגעבונדן אין ליידן,
זיי ווערן געשלעפּט, קומען אום, נישט פאַנאַנדערצעשיידן.
די כלות פון מיין פאָלק, צייטיק פאַר דער חופּה, האָבן געזונגען,
אַליין געצונדן דעם פייער און אַהין אַריינגעשפּרונגען.
איר, אברהם און חנניה און חברים, ווערט פון פריידן באַנומען,
אַז אייערע קינדער האָבן, ווי איר, אין טויזנטער זיך צענויפגענומען,
אָן אַן עקידה אַוועק מיט די פייער־שטראָמען,
כדי נישט צו ווערן פאַרשמוצט און נישט צו פאַרשוועכן גאָט'ס נאָמען.
שלמה האָט טויזנט קרבנות געבראַכט אין איין טאָג פאַר אַ קרבן —
און איך אַרום צוואַנציק טויזנט אין גלות, אין מיין חורבן.
איך בעט דיך, גאָט, מיין נשמה זאָל נאָך זען אַ נקמה און אַ קללה
אויפ'ן פאָלק, וואָס האָט איבער ישראל געטאָן אַזאַ נבלה.
מיינע שוואַנגערע פרויען צעשפּאָלטן, מיינע גבורים טויט־געשלאָגן!
אויף יעדן פּלאַץ ווערט געדעמפּט אַ מנחה, צו גאָט צוגעטראָגן,
די פאַרברענטע, וואָס האָבן מקריב געווען פאַר אים זייער לעבן,
און ס'זאָל דעם פאָלק ישראל ווערן זייער זינד פאַרגעבן,
דו זאָלסט זיי צונעמען מיט רחמים אין דיין גרויסער האַנט —
און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל זאָל באַוויינען דעם בראַנד!

דער פינפטער חודש, זאָל אין אים קיין געזאַנג זיך נישט הערן,
ער האָט מיר געבראַכט טרויער אויף טרויער, אבלות און טרערן!
דו גרויסער גאָט, וואָס בלויז מיט רעכטפאַרטיקייט טוסטו שאַלטן,
דו זעסט דאָך אַלץ און קיין זאַך איז פון דיר באַהאַלטן;
נישט פון מיינעטוועגן נעם זיך אָן — גייערט פאַר דיין גרויסן נאָמען.
דעם טרויער פון דער עלנטער עגונה און אירע ליידן
זאָלסטו פאַרוואַנדלען אין כבוד, אין גדולה און פריידן,
און זאָל מיין פיינדין זען און בושה זאָל זי פאַרשטראָמען,
מיט זייער מאָס זאָלסטו זיי אָפּצאָלן איינגיכן,
זאָלן פאַלן און נישט אויפשטיין, די אויגן פון קאָפּ זאָלן זיי קריכן,
און איך, זיין קנעכט, זאָל במהרה בימינו, אויפגעריכט ווערן,
אליהו הנביא זאָל איילן און מיינע אויערן זאָלן הערן:
שטייט אויף, גייט אויף אויפ'ן באַרג, וואָס קוקט אַריבער דיין לאַנד.
און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל זאָל באַוויינען דעם בראַנד!

אלחנן בן-יצחק

דייטשלאַנד. אומגעקומען אין יאָר 1184.

דיין פרוי...

דיין פרוי די יוגנטלאַכע און באַליבטע
פאַר'קנס'ט אין רייכקייט און אין גוטס —
ווי זיצט זי היינט אַן עלנטע, באַטריבטע,
פאַרלאָזט, פאַר'מיאוס'ט און פאַרשמוצט.

וואָס דו האָסט זי אַמאָל געלאָזט פאַרצירן,
ווען דו האָסט זי געבראַכט צו זיך אין בונט —
ווי לאָזטו קלאָפּן זיך אין אַלע טירן,
זיך וואַלגערן אין מיסטן, ווי אַ הונט?

זי פלעגט אַרויסשיינען פון ליין און זיידנס,
באַרימט געוועזן אַמאָל פון לאַנד צו לאַנד —
ווי האָסטו היינט זי אָפּגעשטופּט פונוויטנס
אויף לייטנס בייזער פלוד און שפּאָט און שאַנד?

די פרוי, וואָס דו האָסט אויף די הענט געטראָגן,
די פליגל דיינע איבער איר פאַרשפּרייט —
היינט טוט זי אין די בערג די פיס צעשלאָגן,
די קינדער אירע זוכנדיק אין לייד.

אַך, גרויסער גאָט, פון איר זיך נישט דערווייטער,
דו זעסט דאָך: זי איז דיינע, דיינע בלויז —
פאַרלאָזט זיך נישט אויף כח, נישט אויף רייטער,
נאָר אויף דיין חסד, וואָס איז גרויס.

יהודה בן-שלמה חריזי

געבאָרן בערך 1165 אין באַרצעלנא, שפּאַניע. געווען אין דרום־פראַנקרייך, געלעבט אין מאַרסעל, לונעל און אַנדערע שטעט. אַ גלענצנדער סטיליסט אין העברעאיש — האָט ער אויפן פאַרלאַנג פון די פראַנצויזישע קהילות איבערגעזעצט דעם רמבמ׳ס „מורה נבוכים” פון אַראַביש אין העברעאיש.

יהודה אלחריזי

— אין זיינע לידער האָט ער זיך ניט אויסגעצייכנט. ער האָט אימיטירט מער, ווי געשאַפן. ער איז געווען אַ לייכטער שרייבער, שאַרפזיניק, מיט וויציקע איינפאַלן. באַרימט איז ער פאַר זיין ספר „תחכמוני". דאָס בוך איז געשריבן אין אַ קלאָרער שפּראַך, מיט אינערלאַכע גראַמען. — אויף זיינע עלטערע יאָרן איז אלחריזי צוריקגעקומען אין שפּאַניע און איז געשטאָרבן אין יאָר 1225.

מיידלשע הענט

אין די מיידלשע הענט זינגט די האַרף,
און איר קול איז לויטער און שיין;
ווי אַ קינד וויינט אין מאַמע'ס שויס,
און זי זינגט און פאַרשפּילט זיין געוויין.

גיהנום

די חנ'עוודיקע שיינקייט, וואָס איר פּנים
טוט ווי אַ פּערל ליכטיק שטראַלן;
און ווי דער בליאַסק פון פאַכנדיקע שווערדן
די בליקן פון די אויגן אירע פאַלן.
די רויטע ליפּן אירע פליסן האָניק
און ס'בלאַנקען אירע ציין ווי די קרישטאַלן;
זי איז די פרייד און גליק פון מיינע אויגן —
קיין גרעסער גליק נישט אויסצומאָלן.
נאָר אין איר אַלץ־פאַרצערנדיקן פייער
טוט מיין נשמה גאָר אַן אויפהער ברענען;
די אויגן מיינע זעען דעם גן־עדן,
נאָר ס'צאַפּלט זיך מיין האַרץ אין גיהנם.

אַ תּפילה

אָ, גאָט אַלמעכטיקער, אַנטפּלעק דיין אָרעם,
ווי קענסטו זיך פון אונז פאַרהוילן?
איך חלום פון דיין הילף אין גרוב, אין טיפער,
דערלייזט צו ווערן פון די אַלע גרוילן!

אפרים בן־יעקב מבונא

איך פרעג, ווען קומט דער קץ — נישטאָ קיין ענטפער,
ווי ס׳וואַלט אַ בלינדער פרעגן ביי אַ שטומען;
שוין טויזנט יאָר, ווי כ׳וואַרט און גאָר נאָך גאולה —
אַ, גאָט, זאָל אויף דיין פאָלק די גאולה קומען!

אפרים בן-יעקב מבונא

כראָניקער פון די שחיטות און חורבן פון צווייטן קרייצצוג
אויף די אידישע קהילות אין דייטשלאַנד. האָט אַלס 13־יעריק
אינגל איבערגעלעבט די שרעקן פון יענעם קרייצצוג. 1146.

אַ סליחה

פאַר וועמען ווײ, פאַר וועמען ווינד און פאַר וועמען צרות?
פאַר וועמען וואונדן און חרפות־בױשים און גזרות?
פאַר וועמען רױטע אויגן פון וויינען און קלאָגן?
פאַר יענע, וואָס טוען דעם יאָך פון גלות טראָגן,
פאַר יענע, וואָס האָפן אויף פרידן — און ווערן פאַרלענדט,
פאַר׳משפּט אויף כל׳ערליי טויטן, פאַרשטיינט און פאַרברענט,
וואָס לויפן פון פייער אין וואַסער און ווערן דערטרונקען,
וואָס מאַכן אַ זבח־משפּחה: טאַטעס און מיידלאַך און יונגען,
און שחט׳ן זיך אויס מיט אַ ברכה אַלע צוזאַמען —
דאָס איז דער קרבן פאַרצערט אין די פלאַמען!

ווײ איז צו אונז, אַז מיר האָבן געזינדיקט!
מיר זיינען נישט אפילו ווי זעלנער צו אונזער הימל׳שן טאַטן.
דער מקדש איז פאַרברענט און צעדראַשן און צעטראַטן!
נבוכדנצר האָט אונז צעקלאַפּט און צעשלאָגן און צעביסן,
טיטוס, אספּסינוס און אדרינוס האָבן אונז אויסגעריסן.
האָסט אונז אויסדערוויילט צו ברכה — און אַ קללה איז געקומען.
אונזער לעבן איז חרוב און פאַרלוירן און אָפּגענומען!
מיר ווערן געשעדיקט, פאַרשניטן און אויסגעראַטן,
אין וואַסער דערטרונקען, אין פייער געבראָטן.
אַלט און יונג, קינד און קייט, אַלע צוזאַמען —
דאָס איז דער קרבן פאַרצערט אין די פלאַמען.

אפרים בן־יעקב מבונא

ווי איז מיר, מאַמע, וואָס דו האָסט מיך געבוירן אויף ליידן,
אַז די אנשי־סדום האָבן מיין הויז אַרומגערינגל'ט;
אָנגעהויפּנט בינטלאַך מיט צווייגן מיט געשרייען פון פריידן,
און פייערדיקע שלאַנגען האָבן שיפּנדיק געצינגלט.
צוויי און דרייסיק קרבנות זיינען אין פלאַם אויפגעגאַנגען,
קימפּעטאָרינס האָבן זיך געריסן פאַרברענט צו ווערן
און אינאיינעם מיט די עופה'לאַך פאַרלוירן געגאַנגען —
אַ קרבן פון שעפעלאַך צאַרטע, אויף זיי מיינע טרערן.
גרויס איז געווען יענער טאָג מיין האַרץ צו באַטריבן,
איז אויף אייביק ביים אומגליקלאַך פאָלק אַ תענית געבליבן.
געדיינק מיך צום גוטן, מיין גאָט, געדיינק מיינע ליידן,
אַז בלויז דער טויט קען צווישן אונז פאַנאַנדערשיידן —
דאָס איז דער קרבן פאַרצערט אין די פלאַמען!

ווי איז צו מיר, אַז מיין נשמה איז מיד פאַר די קוילער!
ווי איז צו מיר, אַז גאָט האָט פאַרטיפט מיין טרויער און ווייטיק!
ווי איז צו מיר, אַז מיין האַרץ איז פאַרשטומט און אַנטשוויגן!
ווי, אַז אין האַנט פון מיין בלוטיקן פיינט טו איך ליגן!
ווי, ווער קען לעבן, אַז גאָט האָט אַקערער אויף מיין רוקן געשטעלט,
און איך בין צעריסן, צעפּיצלט, באַ'גזל'ט אויף דער וועלט!
„ווי איז צום פאָטער, וואָס האָט זיינע קינדער פאַרטריבן אין פּיין:
„כ'האָב געשוואָרן און נישטאָ ווער ס'זאָל מיין שבועה מתיר זיין.
„ווי, וואָס כ'האָב חרוב געמאַכט מיין הויז, און ס'איז וויסט געבליבן,
„און ווי צו די קינדער, וואָס זיינען פון מיין טיש פאַרטריבן!"
ווי צו דער שיף, וואָס האָט איר קאַפּיטאַן פאַרלאָרן!
ווי אויף מיין פינצטערן מזל און ווי מיינע יאָרן!
ווי צו דער בושה, וואָס מיין באַשולדיקער האָט מיך פאַרשעמט,
ווי פון אינעווייניק און ווי פון דרויסן, אין צוואַנגען פאַרקלעמט!
ווי צו מיינע בייזע מעשים, וואָס פאַרשוואַרצן מיין וועלט,
און ווי איז מיר פון מיין בורא, וואָס האָט מיך צום דין געשטעלט!
ווי, איך זאָל ריידן און מהרהר זיין אויף גאָט'ס דרכים,
און ווי, זיך נישט אַראָפּריידן פון האַרץ, פון צעבראָכן.
ווי, אַז מיין טאָג פון גוטס איז אין כף־הקל פאַרשליידערט,
אַז יעדער קרוב און גואל איז פון מיר דערווייטערט!
צו וועמען מיך פאַרגלייכן און דער פאַרגלייך זאָל האַלטן?

אלעזר בן-יעֶקב הבבלי

וואו נאָך אַ פֿאָלק פֿון אַלע פֿעלקער, וואָס טוען איבער מיר שאַלטן,
וואָס האָט געזינדיקט, און איז דערפֿאַר, ווי איך, באַשטראָפֿט געוואָרן?
אויף מיר בלויז האָט זיך אויסגעגאָסן גאָט׳ס גרימיקער צאָרן!

איך ווער צעגלידערט און צערעדערט פֿון דעם תּליון!
איך ווער פֿאַרברענט און געשענדט פֿון דעם תּליון!
איך ווער צעשטאָכן און צעבראָכן אויף שטיקער,
איך ווער צעדריקט און דערשטיקט פֿון די קריגער!
איך ווער דערשלאָגן און צעטראָגן ווערן מיינע ביינער,
איך ווער צעביסן און צעריסן פֿון לייב׳ס ציינער!
איך ווער געבונדן און געשונדן און געהאַנגען,
ס׳פֿליסט מיין בלוט, ס׳ברעכט מיין מוט, ס׳האַרץ צעגאַנגען!
כ׳בין געיאָגט און געפּלאָגט אין מיין נויט,
כ׳ווער געקעפּט און געשלעפּט — ס׳קומט דער טויט!

אלעזר בן-יעקב הבבלי

באַגדאַד. געלעבט אין אָנהייב פֿון 13־טן יאָרהונדערט.

אַ תּפֿילה

כ׳האָב דיין גרויסקייט געזען פֿאַר די אויגן,
ווען דו האָסט מיך גערופֿן אין סיני;
און דו האָסט קיין געשטאַלט נישט חלילה,
און צו קליין איז די וועלט פֿאַר דיין שכינה.

מיט אַ ריינער נשמה מיך באַשאַפֿן,
און איך האָב געטאָן זי פֿאַרפֿלעקן;
דו האָסט גאָר מיין באַגער מיר געגעבן —
און איך גיי אויף אומריינע וועגן.

כ׳האָב געזינדיקט — און דו האָסט פֿאַרגעבן,
כ׳האָב דערצאָרנט — און דו טוסט מיין ווילן;
ווען מיין האַרץ איז פֿון גוטס זיך מיאש —
טוסטו אים מיט דיין חסד פֿאַרהילן.

ענן בר־מרינוס הכהן

ליבע אין זומער

אַז אַ מענטש איז פאַר׳שיכור׳ט פון ליבע —
אין ווי לאַנג וועט איר אים אַלץ באַקריגן?
און פאַרוואָס זאָלט איר גלויבן די שונאים,
ווען זיי האָבן בלויז אַנגערעדט ליגן?

און ווי קענט איר מיך הייסן נישט טרינקען —
אַז עס צייטיקן זיך די טרויבן;
און די ערד ליגט צעבליט און צעפּרוכפּערט,
הייס צעגליט פון דעם זונליכט פון אויבן?

און פאַנאַנדערגעבליט זיינען רויזן —
גאָלדיק־רויט, גרין און ווייס די קאָלירן;
און באַשאָטן מיט טויען־קרישטאָלן,
וועלכע לויכטן אין פרייד און שעמערירן.

און עס פלעכטן זיך צווייגן אין ליבשאַפט,
און זיי פּרעסן זיך איינער אין צווייטן;
און די טויבן אויף שפּיצן פון ביימער
וואָרקן ליבע אַרונטער אויף בייטן.

ס׳קוועלן שטראָמען צווישן די בייטן,
און דאָס וואַסער — ווי לויטערע ליבע;
גיב, מיין פריינט, מיר דעם בעכער דעם פולן,
צו דערקוויקן מיין האַרץ מיר דאָס טריבע.

ענן בר־מרינוס הכהן

געלעבט אין דרום־איטאַליע אין צווייטער העלפט פון 11־טן יאָרהונדערט.

אליהו הנביא

אליהו הנביא, אליהו התשבי —
וואָס פאַרזאַמסטו זיך צו קומען?

ענן בר־מרינוס הכהן

ס׳קוקט דיין קינד זיך אויס די אויגן,
האַלט אין וואַרטן אויף דיין קומען!
קום אינגיכן, קום אינגיכן
מיט משיח׳ן צוזאַמען!
— ער וועט קומען, ער וועט קומען,
וועט זיך לאַנג שוין נישט פאַרזאַמען!

צייט צו ריידן, צייט צו שווייגן —
אָבער דו האַלטסט אין איין שווייגן —
טויזנט יאָר איז שוין אַריבער,
און דו האַלטסט אַלץ אין איין שווייגן;
און די שלאַנג און עקדיש בייסן
און מיין אומגליק האַלט אין שטייגן.

אין מוצאי יום מנוחה
טוען מיר פון דיר אַלץ ריידן;
אויף אַ ברית און צו די סדרים
טוען מיר אַ שטול דיר גרייטן —
דו באַהאַלטסט אָבער דיין פּנים
און פאַרזעסט אונזערע ליידן!

עמרם׳ס זון האָט זיך געווייגערט,
ווען דאָס וואָרט האָט אים געטראָפן:
„וואָלט איך זיין דער לעצטער גואל,
וואָלט איך לויפנדיק געלאָפן!״
און הגם ער׳ט נישט פאַרדינט זיך,
האָט ער איינגעשטעלט זיך אָפּן.

גאַרטל אונטער דיינע לענדן,
לויף צו ישי׳ס זון און זאָג אים:
אַז מיר שטייען אַלץ אין תפלה,
און מיר ווערן אַלץ געשלאָגן —
אפשר וועט ער אונטעראיילן,
און באַשיצן אונז פון פּלאָגן.

שמואל בן־קלונימוס

מיר, וואס האפן אויף דיר, טראגן
בלויז איין ווארט אויף ליפן שטילע:
„וואס האט ער זיך אפגעלאזן
און ער טוט פאר אונז קיין תפלה,
אפשר, ווען ער וואלט געבעטן,
וואלט געקומען שוין די גאולה?"

קום אינגיכן, קום אינגיכן
מיט משיח'ן צוזאמען.
— ער וועט קומען, ער וועט קומען,
וועט זיך לאנג שוין נישט פארזאמען!

שמואל בן-קלונימוס

דייטשלאַנד. געלעבטביים סוף פון 12־טן יאָרהונדערט. הגם ס'איז ניט גענוי פעסטגעשטעלט, אַז ער איז דער מחבר פון „שיר היחוד". מאַנכע פאָרשער זיינען מיט דער מיינונג, אַז דער מחבר פון דעם רעליגיעזן שיר איז ר' יהודה החסיד'ס פאָטער, און אַנדערע האַלטן, אַז דאָס האָט געשריבן טאַקע איינער מיטן נאָמען שמואל בן־קלונימוס, חזן פון ערפורט, אַ בן־דור פון ר'יהודה החסיד. יעקב רייפמאַן האַלט, אַז באַזונדערע טיילן פון „שיר היחוד" זיינען פאַרפאַסט פון פאַרשיידענע מחברים, אַרום יענער צייט.

„שיר היחוד"

א.

איך וועל מיין גאָט און דעם גאָט פון מיין פאָטער לויבן,
מיין פעלז און דערלייזער באַשיינען, דערהויבן.

דעם גאָט פון לעבן, וואָס באַשאַפן אונז האָט ער,
דער גרויסער גאָט יעקב'ס, אונזער אַלעמענס פאָטער.

מיין ליכט און מיין הילף און די גבורה פון לעבן —
צו אים טו איך האָפן, צו אים טו איך שטרעבן.

דער גאָט מיין באַשאַפער, מיין האַר און געביטער,
דער פירשט פון מיין יוגנט, מיין שאָטן און היטער.

שמואל בן־קלונימוס

באַשאַפער פון אַלץ און מיין ליכטיקער גואל —
געבענטשט ביז אויף אייביק דער גאָט פון ישראל.

איז שטאַלץ, און באַלוינט די שטאַלצע, ווי זיי פאַרדינען,
די הויכע, דערהויבענע טוען צעריבען.

אַ גבור, ווען ס׳טוט זיך זיין צאָרן דערוועקן —
פון זיין פראַקטיקער שטאַלץ ווער פאַלט נישט אין שרעקן?

ער איז אונזער שאַרפע און שטאַלציקע שווערד,
וואָס פירט מיין מלחמה פאַר אונז אויף דער ערד.

ער געדיינקט דעם בונד מיט די אבות געשלאָסן —
טויזנט יאָר, ווי דער נעכטיקער טאָג, וואָס פאַרפלאָסן.

דאָס איז אונזער גאָט און צו אים טוען מיר האָפן,
און דאָס ליד צו גאָט — אונזער הילף, אונזער וואָפן.

דער גאָט, וואָס לעבט אייביק, איז מיין חלק אין לעבן,
צו אים און זיין הילף זיינען מיר איבערגעגעבן.

גוטסקייט און שיינקייט פון אים טוט זיך ציען,
אונזערע אויגן זאָלן זען, ווען ער קומט צוריק נאָך ציון.

ער קומט ווי אַ העלד ,ווי אַ מאַן פון מלחמה,
צאָלט אָפּ מיינע שונאים מיט כעס און נקמה.

אַזוי ווי אַן אָדלער אויף מעכטיקע פליגל,
טראָגט ער זיינע קנעכט און גלייכט אויס באַרג און היגל.

ווי אַ לעמפּערט און לייב, ווי אַ בער אַ צערייצטער,
זיין גייסט, ווי אַ מעכטיקער טייך אַ צעפלייצטער.

ער קומט ווי אַ טיגער אַ פלינקער צעפליען,
זיין וואָרט ווי אַ מאַנדל־צווייג וועט זיך צעבליען.

שמואל בן־קלונימוס

אזוי ווי אַ צעדער אין גרויסקייט און חשיבות,
אזוי ווי אַ גרינער ציפּרעס אין עניוות.

ווי אַן עפּלבוים אין בלי טוט זיין ליבשאַפט דופטן,
זיין שטאָלץ אונז אַריבער פלאַטערט אין לופטן.

די שונאים פאַרניכט ער מיט דונער און בליצן,
וועט ווי פליענדיקע פויגלען זיין שטאַט באַשיצן.

ער וועט קומען צו אונז ווי אַ באַלעבנדער רעגן,
ווי שפּריי און ווי טוי, און צום לעבן אונז וועקן.

ווי אַן אדלער, וואָס טוט איבער די עופה׳לאַך שוועבן,
און אונטער די פליגלען באַשיצט ער מיין לעבן.

צו אַ הירש און אַן אינד איז מיין געליבטער געגליכן —
זיין חסד וועט איבער מיר זיך שפּרייטן אינגיכן.

דער כוס פון מיין לעבן און פעלז פון מיין הארצן —
מיין לייב און מיין זעל נאָך דיר טוען שמאַכטן.

דער מלך פון יעקב איז שוץ פאַר אונז אַלע,
אין אים און דורך אים ווערן מיר נתעלה.

וואלסטו אַ ברודער געווען מיר אין טאָג פון שרעקן —
אַ, העלף! נישט קורץ איז דיין האַנט זיך אויסצושטרעקן!

די האפענונג פון ישראל, פון לעבן די קוואַלן,
וועל איך נישט פאַרלאָזן, צו אים וועל איך פאַלן.

דער פאַנצער פון הילף און מיין שווערד פון נקמה,
נאָך דיין זכר און נאָמען לעכצט מיין נשמה.

באַגלויבט איז ישראל׳ס אייביקייט, מיר וועלן האַרן,
וואויל די, וואָס האָפן, ער וועט אונז נישט נאַרן.

די אייביקייט פון ישורון איז גאָט דער באַגלויבטער,
יהודה איז נאָך נישט פון זיין גאָט קיין באַרויבטער.

מיין לאָמפּ איז גאָט, וואָס טוט איבער מיר שטראַלן,
זיין וואָרט — מיין ליכט, טוט צעפוסנס מיר פאַלן.

איז ווייט דאָך פון אַלץ און זעט אַלץ מיט די אויגן,
איז הויך, און זעט אַלץ, וואָס איז נידעריק געבויגן.

אַז גאָט איז מיין פּאַסטוך — וואָס נאָך טוט מיר פעלן?
אַז גרויס איז זיין חסד אין ליכט אין זיין העלן.

דערבאַרמיק איז גאָט און היילט אַלעמענס וואונדן,
צעבראָכענע הערצער מיט רחמים פאַרבונדן.

מיין גאָט און מיין קעניג, מיין זון־ליכט און גלויבן —
הללויה, נשמה! זיין נאָמען צו לויבן!

ב.

דו ביסט דער באַשאַפער פון אַלץ, פון לייב און פון גייסטער,
און ווי קען מען גלייכן דאָס ווערק צו זיין מייסטער?

צו קליין זיינען אַלע לענדער דיך אויפצוהאַלטן,
און אויך דער הימל קען דיך נישט אויפהאַלטן.

דאַן האָבן אויפגעציטערט די לעבעדיקע קוואַלן
פאַר דיין פּנים, גאָט, וואָס בלענדט מיט שטראַלן.

די ערד האָט אויפגעשטורעמט און אַנטלאָפן איז דאָס וואַסער,
און ס׳האָבן די הימלען געטריפט מיט וואַסער.

דו האָסט פאַרצויגן דעם הימל, ווי אַ קלייד,
די ערד איבער׳ן וואַסער אויסגעשפּרייט.

האָסט אַלץ, וואָס דו באַגערסט, אַליין באַנומען,
און ביסט צו קיינעמ׳ס הילף נישט אַנגעקומען.

שמואל בן־קלונימוס

קיין שטיצער, וואָס זאָל שטיצן דיך, איז נישט געווען,
דורך דיר און דײַנע הענט איז אַלץ געשען.

ווי דײַן כּוח דענסמאָל איז דײַן כּוח הײַנט,
און אייביק דײַן כּבוד, וואָס לויכט און שײַנט.

האָסט זיך נישט אָנגעשטרענגט און זיך נישט געמיט,
און אין דײַן אַרבעט האָסטו זיך נישט אײַנגעמידט.

ווײַל אַלע באַשאַפענע זײַנען געוואָרן דורך דײַן וואָרט,
און דורך דײַן זאָג איז אַלץ געקומען אויפ׳ן אָרט.

קיין זאַך נישט פאַרשפעטיקט, קיין זאַך נישט געאײַלט,
געפורעמט אַלץ וואויל און געשליפן, געפײַלט.

פון גאָרנישט און גאָרנישט האָסטו אַלץ באַנײַט,
און אָפּגעטאָן אַלץ, אָן געצײַג, אין דער צײַט.

און אויף אַן־אַ־יסוד אַלץ געגרונטפעסטיקט, געשטעלט,
און בלויז אויף דײַן רצון אָנגעהאָנגען די וועלט.

די אָרעמס פון וועלט טראָגן אַלצדינג באַהיט,
פון אָנהויב ביז סוף, און זיי ווערן נישט מיד.

ביי דיר אין די אויגן איז קיין זאַך נישט שווער,
ס׳האָט אויפגעבליצט אַלץ פון דײַן וואונטש און באַגער.

מען קען דיך צו דײַנע באַשאַפענע נישט גלײַכן,
קיין בילד נישט צוגעבן, ס׳איז נישט צו דערגרײַכן.

און פריער איז קיין אַרבעט, ווי דײַן אַרבעט, נישט געווען,
פון דײַן חכמה האָט אַלץ זיך געשטעלט און געשען.

נישט געפעדערט, נישט פאַרשפעטיקט אַלץ אויף דער ערד,
לויט דײַן וואָרט, נישט געמינערט און אויך נישט פאַרמערט.

שמואל בן-קלונימוס

דיין מינדסטן פאַרלאַנג נישט פאַרגעסן, פאַרשטעלט,
קיין איינציקע זאַך האָסטו נישט פאַרפעלט.

האָסט גאָרנישט פאַרפעלט און האָסט גאָרנישט פאַרמערט,
און קיין זאַך באַשאַפן, וואָס האָט נישט קיין ווערט.

אַז דו גיסט זיי לויב, — ווער קען טאַדלען אין זינען?
דעם מינדסטן פעלער אין אַלץ נישט צו געפינען.

מיט חכמה האָסטו אָנגעהויבן אַלץ אויסצוגיסן,
און אַלץ פאַרענדיקט מיט פאַרשטאַנד און וויסן.

פון אָנהויב און ביז צום סוף האָסטו אַלץ געמאַכט
מיט אמת און יושר און גוטסקייט און פּראַכט.

און נאָך איידער דו האָסט געפורעמט די מעשים פון דיינע הענט,
האָסטו שוין דיין חסד אויף זיי אָנגעווענדט.

ווייל דיין דערבאַרעמונג און חסד, דורך טעג און דורך נעכט,
זיינען פון אייביק און אייביק אויף דיינע קנעכט.

ווייל איידער לעבן איז געווען, איז שוין אַלץ געווען גרייט,
האָסט עסן פאַר׳ן עסער געהאַט שוין פאַרשפּרייט.

לויט יעדנס באַדאַרפעניש אַ וואוינונג און עסן,
דאָס מינדסטע פון איטלאַכנס גויט נישט פאַרגעסן.

די ערשטע דריי טעג פון באַשאַף אין דיין פרייד,
האָסטו פאַר די לעצטע דריי טעג צוגעגרייט.

האָסט, ווי מיט אַ קלייד, זיך אין ליכטער געהילט,
אין פּראַכטיקע פאַרבן, געשימערט, געשפּילט.

און פריער, פאַר׳ן באַשאַף, האָסטו דיך געגרויסט,
און נאָכ׳ן באַשאַף ביסטו נאָכמער געגרויסט.

שמואל בן־קלונימוס

און אַז אַ לבֿוש, האָט ער אין פּראַכט זיך געצירט,
ביז גאָט דער וועבער האָט אין שטאָלץ שעמערירט.

ווי מיט אַ הילע האָט ער זיך אין שיין געהילט,
דעם הימל, ווי אַ פּאַרהאַנג, צעשפּרייט און צעשפּילט.

געלייגט אינ׳ם הימל פאַר ליכטער אַ וועג,
זיי לויפֿן, זיי קומען און גייען אַוועק.

צווישן וואַסער און וואַסער פאַנאַנדערגעשיידט,
ווען דו האָסט פאַרוואָרפֿן דעם הימל־פאַרשפּרייט.

אַ וואוינונג און שפּייז פאַר׳ן וואַסער־געווימל,
פאַר פויגלען, וואָס פליגלען אונטער׳ן הימל.

די ערד האָט מיט גראָז און מיט פלאַנצן געשטרעקט זיך,
מיט עסן פאַר חיות און בהמות געדעקט זיך.

אין אַ ווינקל אַ פּעטן פאַרפלאַנצט אַ גאָרטן,
דער מענטש, דיין באַשאַפענער, וואוינען זאָל דאָרטן.

דו האָסט אים אַ ווייב, אַ געהילף, אים געגעבן,
זאָל האָבן אַלצדינג, וואָס עס פעלט אים צו לעבן.

און אַלץ, וואָס באַשאַפֿן, אים געגעבן אין האַנט,
געלייגט צו די פיס אים, ס׳איז זיינס גאָר דאָס לאַנד.

מיט חכמה האָסטו אויך זיין האַרץ אויפגעשטראַלט,
און האָסט אים געפורעמט אין דיין אייגן געשטאַלט.

קיין זאַך נישט פאַרמיטן פון מענטש אויף דער ערד,
זיין יעדעס באַדאַרפעניש באַטראַכט און באַקלערט.

דיינע מעשים זיינען אַלע גרויס און דערהויבן,
דיין נאָמען, גאָט, טוען זיי אַלע לויבן.

געבענטשט און געאָכפּערט איז זיין הייליקער נאָמען,
און מיר ווע̇לן אַלע אים דאַנקען. אמן!

ג.

דו באַשאַפסט — און אַליין נישט באַשאַפן געוואָרן,
דו פורעמסט — און אַליין נישט געפורעמט געוואָרן.

דו טויטסט — און דו לעבסט אַלע ברואים אַריבער,
און וועסט די טויטע אַרויסברענגען פון זייערע גריבער.

ביסט באַגלויבט, די געשטאָרבענע ברענגען צום לעבן,
האָסט דורך דיינע נביאים דיין וואָרט אונז געגעבן.

פאַרזייסט און געבירסט — און דו ביסט נישט געבאָרן,
פאַרוואונדיקסט און היילסט — און ביסט קראַנק נישט געוואָרן.

קיין טויט און קיין ווייטיק — פאַר דיר נישט פאַראַנען,
פון דרימל און שלאָף טוסטו קיינמאָל נישט אָנען.

דו ביסט גאָט פון לעבן פון אייביקע צייטן,
און ווערסט נישט געענדערט, און טוסט זיך נישט בייטן.

און ביז אייביק און אייביק וועסטו אַנדערש נישט ווערן,
און דו וועסט פון דיין געטלאַכקייט מינדער נישט ווערן.

נישט אַלט און נישט ניי, נישט קיין טאָג און קיין יאָרן —
באַנייסט אַלץ — אַליין נאָר באַנייט נישט געוואָרן.

עס רוען אויף דיר נישט קיין עלטער און יוגנט,
קיין פרייד און קיין טרויער, קיין אומרעכט און טוגנט.

דער דמיון פון מענטשן קען דיך נישט באַגרייפן,
דיך קען מען צו קיין שום גוף נישט פאַרגלייכן.

ווייל אַלע באַשאַפענע האָסטו אין אַ גבול איינגעשלאָסן,
עס קומט זייער צייט און זיי ווערן פאַרפלאָסן.

שמואל בן-קלונימוס

נאָר פאַר דיר און דיינע טעג — קיין גבול נישט פאַראַנען,
אַ סוד, וואָס קען אייביק נישט ווערן פאַרשטאַנען.

דער אָנהויב און סוף זיינען אין דיינע הענט געצונדן,
ביסט אין זיי און זיי זיינען מיט דיין גייסט פאַרבונדן.

דאָס ערשט און דאָס לעצט און דער אויפבלי און צאַנקען,
אַלע מענטשלאַכע מעשים און רייד און געדאַנקען.

פון אָנהויב ביז סוף ווייסטו יעדן באַזונדער,
און דו ביסט ביי זיי און אין זיי אויף וואונדער.

קיין זאַך איז פון דיר נישט פאַרהוילן, פאַרבאָרגן,
אַלץ שטייט פאַר דיר אָפן מיט זיין היינט און זיין מאָרגן.

נישטאָ קיין אָנטרינונג, קיין פינצטערע שפּאַלטן,
וואוהין צו אַנטלויפן, וואוהין זיך באַהאַלטן.

און וואָס נאָר דו זוכסט מיט דיין וואונטש, טוט באַלד ווערן,
באַדאַרפסט גאָר אפילו צו דעם זיך נישט קערן.

ווייל אַלץ מיט אַמאָל טוען זען דיינע אויגן,
טוסט אַלץ מיט אַמאָל, ס'ווערט קיין זאַך נישט פאַרפלויגן.

וועגן איינצלנעם, ווי וועגן פעלקער צוזאַמען,
באַשליסט אין איין רגע און טוסט נישט פאַרזאַמען.

פאַרנעמסט אין איין רגע די שטימען פון תפילה,
געשריי און געוויין און די זיפצן די שטילע.

באַגרייפסט מיט'ן קוק זייער גלויבן און האָפן,
ווייל אַלעמענס הערצער פאַר דיר זיינען אָפן.

דו דאַרפסט לאַנג נישט טראַכטן, זיך פיל נישט באַראַטן,
דיין ראַט און דיין זאָג קומט אינאיינעם מיט טאַטן.

שמואל בן־קלונימוס

און אַלע מיט אמת און יושר טוען קומען,
נישט פאַרמערט און אויך גאַרנישט אַוועקגענומען.

די יכולת פון גאָט איז פאַרקניפּט מיט זיין רצון,
קיין זאַך נישט פאַרשפּעטיקט אין וועלכן און שפּראַצן.

נישטאָ גאָר קיין זאַך, וואָס פון דיר איז פאַרבאָרגן -
אַנטפּלעקט פאַר דיר שטייען דער נעכטן און מאָרגן.

די זאַכן, באַשטימטע פון אייביקע צייטן,
אַלץ אין דיר, דו אין אַלץ, און ס׳איז נישט צו פאַרבייטן.

ער רינגלט אַרום אַלץ און טוט אַלץ אָנפילן,
ווען אַלץ איז דאָ — ביסט אין אַלץ מיט דיין ווילן.

נישטאָ קיין מראה און געשטאַלט צו דיין איינקייט,
נישטאָ קיין גוף און רוקן צו דיין אייביקייט.

נישטאָ, וואָס ס׳זאָל פאַנאַנדערטיילן דיך אינמיטן,
נישטאָ דער קלענסטער פלאַץ פון דיר פאַרמיטן.

קיין צופאַל און קיין ענדערונג קען נישט געמאָלט זיין,
נישט צייט, נישט עפּעס וואָס, וואָס האָט געזאָלט זיין.

עס קען קיין וויסנשאַפט דיך נישט דערגרייכן,
באַנעמען דיך — דער שכל טוט פאַרבלייכן.

דיין חכמה לויט דיין מאָס, לויט דיין גרויסקייט — דיין וויסן,
דאָס לעבן און חכמה פון דיר טוען פליסן.

און אויסער דיין חכמה איז קיין חכמה פאַראַנען,
און אויסער דיין וויסן איז קיין וויסן פאַראַנען;

און אויסער דיין קראַפט איז קיין קראַפט נישט פאַראַנען,
און אויסער דיין גבורה איז קיין הילף נישט פאַראַנען.

שמואל בן־קלונימוס

דאָס כּבֿוד און גוטס פֿון דײַן האַנט טוען פֿליסן,
צו דעם, וועמען דו האָסט דײַן חסד באַוויזן.

ביסט געווען, אײדער אַלץ איז געוועזן געבאָרן,
און אָנגעפֿילט אַלץ, ווען אַלץ איז געוואָרן.

דײַנע שאַפֿונגען האָבן דיך נישט אײַנגעדריקט, נישט פֿאַרנומען,
נישט אָפּגערוקט, נישט געמינערט און נישט פֿאַרשוואומען.

באַשאַפֿן אַלץ און זיך נישט אָפּגעשיידט פֿון מיטן,
פֿון גוף פֿון דײַן אַרבעט האָסטו זיך נישט פֿאַרמיטן,

ווען דו האָסט באַשאַפֿן דעם הימל,
די ערד און דעם וואַסער־געווימל —

דיך נישט דערנענטערן, נישט דערווײַטערן האָבן זיי געקענט,
עס קענען נישט צעטיילן דיך קיין שטאַרקע ווענט.

דאָס וואַסער קען דיך נישט פֿאַרפֿלייצן מיט זײַן ברויזן,
דער שטאַרקער ווינט קען דיך נישט פֿאַרשטויסן.

נישטאָ קיין קלענסטע פּגימה אין דײַן דאָאיקייט,
נישטאָ קיין איבעריקס אין דײַן אײַניקייט;

און ווי געווען — אַזוי וועסטו זײַן אין אײביקייט,
נישטאָ אין דיר קיין ווינציקייט און איבעריקייט.

אַז דו ביסט געווען — טוט דײַן נאָמען עדות זאָגן,
דו ביסט און וועסט — און אין אַלץ טוסטו שלאָגן.

ביסט דאָ — און אין אַלץ טוסטו זיך אײַנגעפֿינען,
אַז אַלץ איז דו, און פֿון דיר טוט אַלץ אַרויסרינען.

אויף דעם אַלץ זאָגט עדות דײַן הייליקער נאָמען.
אין פּראַכט און אין אײביקער טײַערקייט. — אָמן.

בנימין בן-אברהם הרופא

ברודער פון משה בן־אברהם. פּאָעט און פּאַמפלעטיסט.
געלעבט אין איטאַליע אין 13־טן יאָרהונדערט.

די געלע לאַטע

מיר זעען נאָך אַלץ נישט קיין צייכן פון ישועה —
מיר טוען נאָך די פייערן פון שנאה שפּירן;
זיי טראַכטן בלויז, ווי פון דער וועלט אונז אומצוברענגען
און נייע גזירות איינצופירן.

טאָג־טעגלאַך בייטן זיך צו שלעכטס זייערע געזעצן —
מיר שטייען אַפּהענטיק, פאַרציטערט און פאַרלאָרן;
און וואו איז, גאָט, דיין גבורה און די גרויסע וואונדער,
דיין צייכן און דיין אויסגעשטרעקטער אָרעם?

געדענק נאָר דאָס: זיי האָבן אונז אין יעדער גאַס און געסל
מיט גאווה און בזיון אונז געטאָן דערגרייכן.
זיי טענה׳ן: „וואו איז אייער גאָט? זאָל ער זיך איינשטעלן,
וואָס מיר האָבן געלייגט אויף אייך דעם צייכן!"

טאָג־טעגלאַך שרייבן זיי אויף מיר די שאַנד־געזעצן,
מיין קליידונג איז אויף שאַנד, און ס׳טוט דער צייכן ברענען;
כ׳בין אַנגעקליידט אין מורא פאַר די שרעקן זייערע,
ס׳זאָל קינד און קייט אַן צייכן מיך דערקענען.

אָך, גרויסער גאָט, ווען וועסטו נעמען זיי צו דין און משפּט,
נקמה פאַר מיין טרויעריק בלוט זאָלסטו באַווייזן;
פאַרשטער די בלוטיקע און מורא׳דיקע עצה זייערע,
און צאָל זיי אָפּ פאַר זייערע מעשים!

עס לויפן צייטן און עס שווינדן דורות —
ווען וועסטו שוין אַראָפּקוקן פון דיינע הייכן
און איינשטילן זייער געברויז און ווילדן ליאַרם,
זיי זאָלן מורא האָבן פאַר דיין צייכן!

זאָלסט אַנקליידן מיט שאַנד די שונאים בלוטיקע,
און מיך — מיט הילף, גערעכטיקייט זאָלסטו באַקליידן;
מיין וועלט זאָל ווערן אויפגעלויכטן פון דיין צייכן,
און איך זאָל אויפגיין אין גאָט׳ס הויז מיט פריידן.

און שטומען זאָלן אַלע לעסטערער און שענדער —
צעברעך מיין יאָך און מיין געבעט זאָלסטו פאַרנעמען;
אַנטפּלעק דיין שטאַרקן אָרעם, דו, מיין הילף אין נויטן,
אַ צייכן גיב, און זאָלן זיי זיך שעמען!

משה בן-אברהם

געלעבט אין איטאַליע ביים מיטל פון 13־טן יאָרהונדערט.

אַ סליחה איבער צעריסענע ספר־תורה׳ס

פאַטערס פון דער וועלט, וואָס איר שלאָפט אין דער מערת־המכפלה,
וואָס שווייגט איר? עס קומט דאָך אויף אייערע קינדער אַ סוף!
הייבט אויף אַ געזאַנג און געוויין אין די הימלען —
און זאָל אייך נישט נעמען קיין שלאָף!

שטאַמען פון יעקב, צוועלף הייליקע שבטים פון אומה,
טוט תפילה צו אים אין זיין היכל מיט טרערן אין קול,
ער זאָל מאָנען זיין דין פון דעם שונא, וואָס איז אין אים מורד, —
און גיט אים קיין רו נישט צומאָל.

האָט דאָך דער הירט דער געטרייער פאַרהאַלטן זיין צאַרן —
באַקומען די לוחות, גאָט׳ס קדושה, ביי אים פון די הענט,
היינט ווי האָבן אויסגעכאַפּט זיי און צעבראָכן, געשענדט,
די הענט, עשו׳ס הענט?

תורה, תורה, גאָט׳ס שפּילצייג און ליבלינג פון אייביקע דורות,
טו אָן זיך אין טרויער, פון קאָפּ וואַרף אַראָפּ דיין קרוין —

משה בן-אברהם

און בעט טאָג און נאַכט דיין באַשאַפער, צו פאַרמיידן
דיין אויג פון טרערן, דיין קול פון געוויין.

מלאכים אין הימל, איר דינער פון גרויסן און פורכטבאַרן בורא,
שטעלט איין זיך פאַר אונז, און אַזוי זאָלט איר בעטן מיט ציטער:
געכאַפּט האָט דער רשע זיין תורה, די ערד זאָל נישט שווייגן —
די מלאכים וויינען ביטער!

דו הויז פון ישראל, פאַרזאַמלט זיך אַלע אינאיינעם,
און קלאַפּט זיך ביי אים אין די טירן, מאַן און ווייב און קינד:
דער צורר האָט דאָס טייערסטע פאַרשפּיגן —
פאַסט און בעט גאָט אַצינד!

ווי קען איינגיין דאָס לעבן דעם איבערגעבליבענעם רעשטל
אַן זעאונג, אָן אַ נביא, און זיין מקדש און פאַרברענט?
פרעמדע האָבן זיך צענויפגענומען מיט רשעות און רציחה
און די ספר־תורה געשענדט!

ביי־זוויליק האָבן זיך באַראָטן די דינער פון מולך,
צו שמוצן, צעטרעטן די תורה פון ליבע און גנאָד;
פינצטער איז מיר, צוצעזען די שטיקער פון דיין תורה
אין חרוב־געוואָרענעם היכל, גאָט!

אַמאָל האָבן זינדיקע אין ציון זיך געשראָקן פאַר דיין צאָרן —
ס׳איז צייט, זאָלסט באַווייזן דיין קראַפט, ווי זיי האָבן פאַרדינט;
פאַרנעם מיין געשריי נאָך נקמה פאַר דיין תורה —
דיין כוח זאָל געגרויסט ווערן אַצינד!

שטיי אויף, און נעם זיך אָן דיין קריג פון דיינע שונאים,
מאַך שוואַך זייערע לענדן, פיל אָן זייערע פּנים׳ער מיט שאַנד;
פאַרברען זיי מיט דיין פייער, פאַרוויי זיי מיט דיין שטורעם
און גיב זיי הארצווייטיק און שרעק אין זייער לאַנד.

באַטרינק זיי מיט דיין כוס פון צאָרן, פאַר׳שכור זיי מיט ווייטיק,
גיב איבער זיי צום שווערד, צו רויב און שאַנד —

מאיר בן-יחיאל

אז אַלע זאָלן זען דיין כבוד פאַר די אויגן,
אַז דאָס האָט אויפגעטאָן דיין האַנט!

צאָל אָפּ זיי זייער שכר און מיר זאָלן דאָס צוזען,
אַנטבלויז פאַר אונז דיין שטאַרקן אָרעם אין דיין גנאַד;
און אַלע וועלן זינגען לויב און זאָגן אויף דיר עדות:
נישטאָ נאָך אַזאַ גאָט, ווי אונזער גאָט!

מאיר בן-יחיאל

האַלע, זאַקסן. אין 13־טן יאָרהונדערט.

ארזי הלבנון...

צעדער פון לבנון, מעכטיקע ריטער פון דער תורה,
געפּאַנצערטע העלדן פון משנה און גמרא,
שטאַרק אין דער לויטערער מי אין דער תורה —
זייער בלוט איז פאַרגאָסן און אויסגעריסן זייער גבורה.
דאָס זיינען די קדושים, די צען הרוגי־מלכות,
און אויף זיי טו איך וויינען און די אויגן רינען.

דאָס ווען איך דערמאָן זיך טו איך ביטער שרייען:
הייליקע כלים, קרוין און צירונג פון ישראל,
די ריינע הערצער זיינען מיט אַ האַרבן טויט געשטאָרבן!

געוואָרפן גורל, ווער צום קלאָרן שווערד דער ערשטער.
ווען ס'איז דער גורל אויסגעפאַלן אויף רבן שמעון —
האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַלז און געוויינט אויף דער גזרה.
צו רבן שמעון האָט דער הגמון זיך געקערט
מיט בייז־האַרץ אים צו הרג'ענען.
האָט רבי ישמעאל כהן גדול זיך איינגעבעטן
דעם זון פון מלכים צו באַוויינען:
האָט ער גענומען זיין קאָפּ אויף זיינע קניען,
אויגן אויף אויגן, מויל אויף מויל, אין אַ גאַנץ ליבשאַפט,
און האָט אויסגעשריען און געזאָגט:

דאָס מויל, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג געשטאַרקט זיך אין דער תורה,
ווי קומט אויף אים דער גזר צו שטאַרבן
מיט אַזאַ משונה׳דיקן, הארבן טויט!
דער הגמון האָט באַפוילן אַפּציען די הויט
פון רבי ישמעאל׳ס קאָפּ מיט אַ שאַרף מעסער;
ער האָט מקיים געווען מיט זיין הויט די ווערטער פונם נביא:
בויג זיך איין און מיר וועלן איבער דיר טרעטן.
ווען דער רשע, דער שינדער, איז געקומען צום פּלאַץ פון תפילין —
האָט רבי ישמעאל אויפגעשריען און די וועלט האָט אויפגעציטערט
און די ערד האָט זיך גענומען ברעקלען.

נאָך אים האָט מען געבראַכט רבי עקיבא׳ן,
וואָס האָט געקענט רייסן בערג און זיי צעמאָלן מיט זיין סברא —
געקאַמט און געריסן זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען,
איז אַרויס זיין נשמה אין „אחד״,
און אַ בת־קול האָט אויסגערופן:
וואויל איז דיר, רבי עקיבא,
דיין גוף איז ריין מיט כל המינים ריינקייט!

נאָך אים האָט מען געבראַכט רבי יהודא בן בבא
מיט אַ האַרץ אַ צעבראָכנס,
גע׳הרג׳עט געוואָרן, אַ זיבעציק־יעריקער זקן,
דורך די הענט פון דער פאַרשאָלטענער מלוכה;
ער איז געזעסן אין תענית, אַ ריינער, אַ פרומער,
אַן איבערגעגעבענער צו זיין הייליקער אַרבעט.

רבי חנינה בן־תרדיון נאָך אים,
וואָס האָט פאַרזאַמלט זאַמלונגען אין די טויערן פון ציון —
ער איז געזעסן און גע׳דרשנ׳ט און אַ ספר־תורה מיט אים,
האָבן זיי אים אַרומגערינגלט מיט טרוקענע צווייגן;
האָט דער הגמון אין די צווייגן פייער אָנגעצונדן,
אין דער ספר־תורה אים איינגעוויקלט,
שוואָמען פון נאַסן וואָל אים געלייגט אויפן האַרצן,
כדי ער זאָל גיך ניט שטאַרבן.

מאיר בן־יחיאל

דעם צדיק, רבי ישבב הסופר,
האָט דאָס נידערטרעכטיקע פאָלק גע׳הרג׳עט —
זיי האָבן זיין גוף פאַר הינט געוואָרפן
און ניט געלאָזט אים קומען צו קבורה;
איז אַרויס זיין נשמה מיט די ווערטער „ברא אלקים״,
ער האָט ניט אויסגעלאָזט קיין איינציקע מצווה פון דער תורה!

און נאָך אים רבי חוצפית איז טאָג פון צאָרן —
פויגל, וואָס זיינען איבער אים דורכגעפלויגן,
ווען ער איז געזעסן און געלערנט תורה,
זיינען פון בראַנד פון זיין מויל פאַרברענט געוואָרן.

דער צדיק רבי אלעזר בן שמוע איז דער לעצטער
דורך אַ שטאָך פון שווערד דער׳הרג׳עט געוואָרן.
ס׳איז געווען ערב־שבת, די צייט פון קידוש,
האָט ער קידוש געמאַכט און געהאַלטן אינמיטן —
האָבן זיי דעם שווערד געצויגן און ניט געלאָזט אים ענדיקן —
איז אַרויס זיין נשמה מיט די ווערטער „ברא אלוהים״,
דער וואָס פורעמט און מאָלט אויס אַ צורה.

נאָך און נאָך מער אַזוי פיל האָבן די נידערטרעכטיקע
געפייניקט און גע׳הרג׳עט מיט זלזולים און געשרייען.
פאַרשטיינט, געברענט, גע׳הרג׳עט און געוואָרגן —
ווער קען דאָס אַלץ משער זיין?
די רעשטלעך פון צעשפּרייטער שאָף —
האָבן די טיגערס אויפגעפרעסן;
דער ברוסט און שענקל האָבן לייב און לייביכע פאַרצוקט.
זאָל גאָט פאַרגיטיקן און מער שוין אונז ניט שטראָפן.
שטאַרק די קניען, וואָס זיינען געשטרויכלט,
גאָט איז דער חלק, וואָס יעקב האָט זיך אויסגעקליבן,
און זיין העלפער אין צייט פון אומגליק.
ער זאָל זאָגן: די טעג פון טרויער האָבן זיך אויסגעלאָזט.
צו זיין ליכט וועלן מיר זיך ציען און גיין!

משולם בן-שלמה דאפּיאירה

געלעבט אין פראַנקרייך ביים אָנהייב פון 13־טן יאָרהונדערט. זעט אויס לויט זיין שרייבן, אַז ער האָט אָפּגעשטאַמט פון שפּאַניע.

ליבע

א.

און נאָך איידער דער האַרבסט ציט זיין וואָלקן
און ער טוט אין די נעפּלען זיך דעקן;
און נאָך איידער דער דונער צעברילט זיך
און ס׳צעגיסט זיך אין שטראָמען דער רעגן —
איצט, ווען ס׳שפּילט נאָך דער זומער אין פאַרבן,
ס׳בליען רויזן אין ליכט און אין שאָטן;
ס׳גרינען מירטן אין גאָלדיקן זונליכט,
יעדער צווייג איז מיט פרוכטן באַלאָדן;
און אַ פּערלדיק וואָלקענדל, ראַזיק,
טוט זיין דורשט מיט׳ן זילבער־טוי שטילן;
און אַ ווינטל אַ לייכטס און אַ שטיפעריש
אויפ׳ן פּנים פון וועלט טוט זיך שפּילן;
און צווישן די פלאַנצן געווירצטע
קלינגען פייגל און זינגען אין פריידן —
קום, מיין פריינט, לאָמיר ביידע אַנטלויפן
אין די בערג, אין געווירצטן גן־עדן!

ב.

ווען אַלע מיינע מאָרגענשטערן זינגען,
עס ווערט די שוואַרצע נאַכט פאַרשוואונדן;
דאָס פינצטערניש פון נאַכט ווערט אויפגעהויבן
און ס׳ווערט דער מזרח העל־געצונדן.
ווען מיין געדאַנק דערוואַכט פון טיפן דרימל,
פון שלאָף דערוואַכן אַלע מיינע גלידער —
באַגריס איך דעם פרימאָרגן מיט געזאַנגען,
דעם יונגן טאָג — מיט קלינגענדיקע לידער!

ג.

זאָל די צייט היינט איר פאָן מיר צעשפּרייטן
און זי זאָל ביז עק וועלטן מיך פירן;

מיר אַריינפּאַכן אומרו אין האַרצן,
און צום וואַנדער און וואָגל מיך פירן.

איך זאָל ציען דורך בערג און מדבריות,
זאָל זיך שפּרייטן די וועלט פאַר מיר אָפן;
כ׳זאָל נישט קומען, ווען אַלץ איז פאַרפאַלן,
ווי דער מאַן, וואָס האָט שניט־צייט פאַרשלאָפן.

איך בין יונג און מיין גוף איז פול כוחות,
ס׳שלאָגט די גבורה אַרויס פון די גלידער;
איידער עלטער זי לעשט אויס מיין יוגנט,
און עס ווערן אַנטשוויגן די לידער —

זאָל איך זיין ווי דער לייב, וועלכער וואַרפט זיך
פון זיין ווילד־וואַלד דעם אָקס אויפ׳ן רוקן;
זאָל איך זיין ווי דער אָדלער דער פרייער,
וועלכער טראָגט זיך זיין רויב צו פאַרצוקן.

ד.

שטיפן מיידלאַך מיט אויגן צעבליצטע —
אָדער וואָרקען דאָס ליכטיקע טויבן?
מחנות טויבן מיט פליגלען געשפּריצטע,
גאָלד און בלוי טוט אין שימער זיך הויבן?
שוועבן, פלאַטערן איבער די בייטן,
ווען עס שפּאַלטן אַרויס זיך די פלאַנצן;
ווען די ערד טוט זיך צירן אין קווייטן,
און דאָס בליעכץ פון פרוכטן אין קראַנצן.
היינט, ווען ס׳פעכערט דאָס ווינטל מיט גרוסן,
ס׳זיינען רעגנס און שנייען פאַרטריבן —
מיידלאַך שיקן אונז וואַרעמע קושן
דורך דעם ווינטל־שליח דעם ליבן —
נעם דיין כלה און פיר זי אין חדר
דורך די גערטנער צעבליטע, צעשטראַלטע;
ס׳דופטן פרילינגדיק אונזערע קליידער
און די וועלט ליגט אַ ליכטיק צעפּראַלטע.

שם־טוב בן־יוסף פלקירא

ס׳זיינען צווייגן פון מירטן אונז צאַמען,
און אַ פאַרהאַנג — די פלעכטן פון רויזן;
טרייער פריינט, זאָלסט דער שעה נישט פאַרזאַמען,
קום אַרויס צו דעם יום־טוב דעם גרויסן!

שם־טוב בן־יוסף פלקירא

פאָעט און מעדיקער. געבאָרן אין שפּאַניע אין יאָר 1225 און געשטאָרבן 1290. גרינטלאַך באַקאַנט מיט דער גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע. געשריבן אַ גאַנצע ריי ווערק איבער פילאָזאָפיע און פסיכאָלאָגיע.

אַ איד

ווי אַזוי קען דער איד גאָר זיין פריילאַך —
אַז זיין לעבן איז פינצטער, פול זאָרגן;
אַז אויב רייך איז ער היינט אומגעהייער —
איז ער נאַקעט און אָרעם אויף מאָרגן.
און ווי קען ער זיין משפט געווינען —
אַז זיין שונא איז ריכטער און קלעגער;
און ווי קען ער זיין קאָפּ גאָר אויפהויבן —
אַז זיין קאָפּ איז צעקלאַפּט פון די שלעגער.
גרויסער גאָט! ריכט שוין אויף דעם גערעכטן
און פאַרהייליק דיין נאָמען פאַרשוועכטן!

אויב אומגליק...

אויב אומגליק איז שטיין — דאַן בין איך ווי אַ האַמער,
און וואַסער בין איך — אויב די לייד איז אַ פייער;
אין ליידן טוט ס׳האַרץ זיך אַלץ שטאַרקן, ווי די לבנה
צעשטראַלט זיך ביינאַכט אַזוי ליכטיק און טייער.

אַפאָריזמען

א.

אַ מענטש, וואָס האַלט אַ נבזה טייער
צוליב זיין אויסזען אָדער קליידונג — איז געגליכן

צו איינעם, וואָס גיט כבוד אַפֿ אַ טויטן בלויז דערפֿאַר,
וואָס מען באַגראָבט אים אין טייערע תכריכים.

ב.

האָסט פֿיינט אַ מענטשן — האָב אים פֿיינט
אָן פֿאַלשע שטיק, נאָר אָפֿן, נישט געמיין —
און האָסטו ליב אַ מענטשן — זאָל דיין ליבע זיין
געלייטערט, קלאָר, פֿון יעדן פּסולת ריין.

רבי נחום

קיין פּרטים פֿון זיין לעבן זיינען ניט באַקאַנט. מען איז זיך משער, אַז ער האָט געלעבט אַרום יאָר 1300 אין שפּאַניע, אָדער צפֿון־אַפֿריקע. בלויז 6 שירים זיינען דערגאַנגען צו אונז פֿון דעם דאָזיקן דיכטער, זיי צייכענען זיך אָבער אויס מיט זייער שטאַרקן פּאַעטישן געפֿיל און מיט זייער ליב־טיקער שיינקייט.

גאולה

נעגעלאַך און זאַפֿראַן שפּראָצן אין מיין גאָרטן,
אויסגעוואָרצלט, אויסגעראָטן איז דער דאָרן;
אויף די קלאָרע, אויף די בלויע וואַסערשטראָמען
צייטיק איז די גרינע מירט געוואָרן!

בוימער האָבן קלייד פֿון טרויער אָפּגעוואָרפֿן
און פֿאַרפּוצט זיך אין די גרינסטע פֿאַרבן;
אויפֿגעלויכטן האָט די וועלט, צעשטראַלט זיך,
אויס, אַ סוף צום וועלקן און צום שטאַרבן.
זינגפֿויגל האָבן אין גליק צעשאַלט זיך,
אין אַ ברוזיקן געצוויטשער זיך פֿאַרגאַנגען:
ס'איז אַ ליבע־ליד צו דעם וועלט־באַשאַפֿער,
פֿריידיק אין געזאַנגען און געקלאַנגען.
פֿון די ווערבעס, צווישן ליכט און צווישן שאָטן,
האָבן זיי מיט פֿרייד און טרייסט געשאָטן!

און עס נעמט די רויזנבייט זיך וויקלען
אין אַ רויטלאַך־ווייסן טיול און צערטלאַך גליען;

שלייערן פון דינסטן לייך, פאַררויטלט,
נעמט אויף זיך דער מילגרוים־צווייג איצט ציען.
הערצער פרייען זיך מיט די קאָלירן,
אויגן ווערן ליכטיק אויפגעריסן;
וועקט זיך, רעגט זיך אויף אַ צפון־ווינטל,
הויבט דער דופטנדיקער טוי אָן פליסן.
טוי, די מידע, שוואַכע אויפצולעבן,
טוי, וואָס טוט זיי פרישע כוחות געבן!

פאַר די אויגן מיינע, פונ׳ם ווייטן מזרח,
איז דאָס זונליכט איצטער אויפגעקומען;
פון די בוימער פון די גערטנער מיינע
האָט אַ פרישע פלאַנץ זיך איצט פאַרנומען.
עמיץ, הער איך, שרייט מיר אין מיין אויער:
דוד׳ס שטאָם האָט אויפגעבליט דערוואַרמט!
גאָט האָט צוגעזען מיין עלנט, מיינע ליידן,
האָט זיך אויף זיין לאַנד און שטאָט דערבאַרמט!
ס׳שטראַלט די גאולה מיינע, ניי־געבאָרן —
איך, דער שקלאַף, בין אויסגעלייזט געוואָרן!

נעגעלאַך און זאַפראַן שפּראָצן אין מיין גאָרטן,
אויסגעוואָרצלט, אויסגעראָטן איז דער דאָרן;
אויף די קלאָרע, אויף די בלויע וואַסערשטראָמען
צייטיק איז די גרינע מירט געוואָרן!

זונשיין

דער ווינטער איז געקומען —
האָט טרויער מיך פאַרנומען;
דער פרוכטבוים שטייט און צוויט —
האָט זיך מיין האַרץ צעבליט.

בלומען און געוויקסן בליען,
טוען זיך צום זונשיין ציען;
שטייט מיין גאָרטן אַ צעבליטער,

אַ צעשטראַלטער, אַ צעגליטער;
לינדע ווינטלאַך גייען, ווייען,
נעמען זיך די הערצער פרייען.
קער זיך אום צו מיר, געטרייער,
מיין געליבטער, מיין באַפרייער,
קום צוריק אין זונענשיין —
טרינק מיין מילך און טרינק מיין וויין!

פּיין און טרויער זיי צערינען,
ווען די בייטן שעמערירן;
ווען די יונגע מירטן גרינען
אין געפלעכט פון פּראַכט־קאַלירן.
ווערט פאַרשוואונדן מיינע זארגן,
אין דעם ליכטיקן פרימאָרגן.
סנאָפּעס ליכט און קלומבעס בלומען
האָבן מיך מיט דופט פאַרשוואומען;
ס'האָט דער נוסבוים גרין און גרייט
איבער מיר זיין צווייג פאַרשפּרייט.

ביימער וויגן זיך און וויגן,
זינגען מיר אַ שטילן ניגון;
נעמט מיין האַרץ פון שמחה ברויזן,
לינקס — די פּאַלמען, רעכטס — די רויזן.
גלימצערט דאָס קרישטאַל פון בעכער,
ווען איך הויב צום ליכט אים העכער,
רויטלט זיך דער וויין — רובינען —
טוט זיך אין קאַלירן מיניען;
איך פאַרגעס אַז אַלע פּלאָגן,
וואָס אין האַרצן טו איך טראָגן!

וואָס האָט דיך, מיין פריינט, פאַרדראָסן,
פריינט מיין ליכטיקער, צעהעלטער?
וואָס האָסטו מיין שטאָט פאַרלאָזן
און אַוועק אין וויסטע וועלדער?

מאיר בן־ברוך פון ראָטנבורג

קום צו דיין געליבטער ווידער —
כ׳וועל דיך איינוויגן מיט לידער.
זאָלסט דיין מערבֿ־ליכט מיר צינדן,
פריינט מיין זוניקער, געטרייער,
זאָל מיין פינצטערניש פאַרשווינדן
און זאָל אויפגיין העל מיין פייער!

מאיר בן-ברוך פון ראָטנבורג

געבאָרן אין 1215, געשטאָרבן אין יאָר 1293.
געשטאַנען בראש פון אַ באַוועגונג, אויסצואוואַנדערן קיין ארץ־ישראל — דערפאַר האָט מען ר׳ מאיר׳ן פאַרשפאַרט אין ענציסהיימער פעסטונג. די אידישע באַפעלקערונג האָט געוואָלט געבן אַ גרויסע סומע געלט אויסצולייזן דעם גאון — אָבער ר׳ מאיר האָט ניט מסכים געווען. ערשט 14 יאָר נאָך זיין טויט האָט מען אויסגעקויפט זיין טויטן קערפּער און אים געבראַכט צו קבורה אין וואָרמס.

אַ קלאָג־ליד

שאלי שרופה באש ...

אָ װענד זיך און פרעג, דו פאַרברענטע אין פייער,
אויף דיינע אבלים, וואָס דו ביסט זיי טייער.
פרעג נאָך, וואָס עס מאַכן, פרעג נאָך, וואָס עס טוען
די אַלע, וואָס גלוסטן אין הויף דיינעם רוען.
וואָס וואַרפן אין שטויב זיך מיט הערצער פול וואונדן,
אויף דיינע עץ־חיים׳ס אין פלאַמען פאַרשוואונדן.
וואָס וואַנדלען אַרום ווי די שאָטנס און זיינען
מיט האָפענונג פול, אַז די זון וועט נאָך שיינען.
און פרעג אויך אויף יענעם, געבויגן אין דרייען,
וואָס הערט גאָר ניט אויף אויף דיין אומגליק צו שרייען.
וואָס קלאָגט ווי אַ סאָווע ביינאַכט אין דער מיטן,
וואָס קיינער פון זיי האָט זיין שטראָף ניט געליטן,
ווען דו ביסט אין פייער געוואָרן געטריבן,
און זיי זיינען גאַנץ, אומבאַשעדיקט געבליבן.

ידעיה הפניני

האַט גאָט דען מיט דיר זיך געדאַרפט צו אונז ווענדן,
אַז ער זאָל דערנאָך דיך אין פייער פאַרלענדן?
באַרג סיני, האָט גאָט דיך דערפאַר אויסגעקליבן,
ער זאָל דיך דערהויבן און נאָכדעם באַטריבן?

כ׳וועל לאַנג אַזוי וויינען און גיסן מיט טרערן,
ביז וואַנען אַ טייך פון די טרערן וועט ווערן,
און וועלן דערגרייכן צו דיינע צוויי האָרן,
וואָס ליגן אין הור־ההר — משה ואהרן.
און איך וועל זיי פרעגן, די ליבע, די טרייע,
צי האָבן זיי גרייט דען אַ תורה אַ נייע?
צי ביסטו אינגאַנצן שוין איבעריק געוואָרן,
און גאָט האָט דערפאַר דיך פאַרברענט מיט גרויס צאָרן?

ווי קען דען דאָס עסן זיין זיס צו מיין גומען,
ווען איך האָב געזען, ווי מען האָט דיך פאַרנומען
אין ערגעץ אַ געסל, דורך פינצטערע וועגן,
און האָבן פאַרשעמט דיך, פאַרברענט גאָטס פאַרמעגן!

עס וועט דיך נאָך טרייסטן דער שעפער פון אויבן,
די שבטים אויפקלייבן, געפאַלענע — דערהויבן.
דו וועסט זיך פאַרצירן, אין זיידנס באַקליידן,
אַ פויק וועסטו נעמען און טאַנצן אין פריידן.
און שטאָלץ וועל איך ווערן, ווען גאָט וועט אַנצינדן
זיין ליכט אויף דאָס ניי — און די נאַכט וועט פאַרשווינדן.

(אברהם רייזען)

ידעיה הפניני

פּאָעט, פילאָזאָף און מעדיקער. געבאָרן אין יאָר 1270 און געשטאָרבן אין 1340. מחבר פון באַרימטן ספר „בחינת־עולם״.

דעם מענטשנ׳ס לעבן

די וועלט — אַ צאָרנדיקער ים,
אַ טיפער און אַ ברייטער;
די צייט — אַ שאַקלדיקע בריק
איבער׳ן ים פאַרוואָרפן.

די בריק ליגט צוגעבונדן מיט די שטריק פון גאַרנישט,
און איז געוועזן נאָך פריער פונ׳ם ווערן;
איר ענדציל: צו דער שיינקייט אייביקער,
צו לויכטן אין דעם ליכט פון מלך.
די ברייט פון בריק — אַ מענטשנ׳ס שפּאַן —
און האָט נישט קיין פּאַרענטשן.
און דו, דו מענטשן־קינד,
— וואָס לעבט איבערגעוואַלט —
האַלטסט תמיד אין איין גיין איבער דער בריק,
זינט דו ביסט מענטש געוואָרן.
אַז דו באַטראַכטסט די קורצקייט פון דעם גאַנג,
אַז ס׳איז קיין פּלאַץ נישטאָ זיך אַפּצוגויגן
אויף רעכטס אָדער אויף לינקס —
קענסטו זיך איבערנעמען מיט דיין גבורה, אָדער נאָמען?
זעסט, אונטערגאַנג און טויט פוןביידע זייטן —
וואָס וועט דיר העלפן מוטיקייט און שטאַרקער אָרעם?
קענסטו באַרימען זיך מיט דיינע גיטער,
מיט רייכקייט אָבגעהיטער,
וואָס דו האָסט דורך דיין לעבן לאַנג צענויפגענומען?
האָסט אויסגעקעמפט זיי מיט דיין פּיילנבויגן,
מיט נעצן פון דעם תהום אַרויסגעצויגן.
וואָס וועסטו טון אַצינט אין ברויזנדיקן שטורעם,
אין אויפברויז פון דעם ים און ברומען,
ווען ער צעהוליעט זיך אין ווילדן קאָכן,
און ס׳ווערט דיין הארבעריק
צעשטאָכן און צעבראָכן?
ס׳איז גרויס דער ים דער דאָזיקער,
אין וועלכן דו געפינסט זיך:
קענסטו זיך איבער אים באַרימען,
קענסטו זיינע חיילות איינשטילן?
פּרוביר נאָר, האַלט מיט אים מלחמה!
אפילו דו וועסט קעמפן מיט די לעצטע כוחות,
פון ווייַן פון שטאָלץ פאַר׳שכור׳ט און פאַרפירט —
ווי נאָר —

דו גיסט זיך בלויז אַ שאָקל אויף צוריק —
פאַרלוירן ווערסטו אין די וויסטע טיפענישן
און קיינער וועט פון זיי דיין בלוט נישט זוכן.
דו גייסט פאַרלוירן אין די תהום׳עז,
דו ווערסט פאַרשלונגען פון די שטראָמען,
און קיינער זאָגט זיי נישט: גיט אָפּ צוריק!

די נשמה רעדט

דו האָסט צעגויפגעשטעלט דעם מענטש פון בראשית אָן
פון נידעריקן גוף און נאַרישן, וואָס זינקט אין תהום פון קללה און נקמה,
און ליכטיקער נשמה, וועלכע ווייסט, וואָס גוט איז,
פון כסא הכבוד אויסגעשניטן, שוועבט צום הימל הויך,
און שטראַלט אין ליכטיקייט.
גאָט, מיין גאָט! איך איינשטעלן און אין פאַרמירן דאָס געשטאַלט
פון אַלע מיינע גלידער — ביסטו הויך דערהויבן,
וואונדערלאַך זיינען דיינע מעשים פאַר דער נשמה, וואָס באַגרייפט!
דו האָסט די דאָזיקע נשמה אונז באַשאַפן,
אַראָפּגעבראַכט פון קעניג׳ס פּאַלאַץ רוען אין געצעלטן,
פון העכסטע הויכן אין דער טיפסטער נידער, רויז פון טאָלן.
דו האָסט אַ פּלאַץ באַשטימט אין פינצטערניש צו וואוינען,
אַ קורצן אויסשפּרייט אין מיין ברוסט, פאַרשוואַרצט, פאַר׳חושכ׳ט;
האָסט אויפגערוימט דאָס הויז,
געשטעלט אַ שטול פאַר איר צווישן מיינע ריפּן,
אין נאַסקייט און צעפוילטקייט, איינגעטיילט ווי מיט אַ שנור,
אַ ראַנד אַ פויסט די דיק אַרום איר;
דו האָסט זי צוגעדעקט מיט פינצטערניש און אָפּפאַל — ווי אַ שערבל
מיט ליים און פעד פאַרשמירט.
דאָס איז דער כבוד פון אַ מלכ׳ס טאָכטער אינעווייניק,
דערמאָנט זיך אָן דער פּראַכט פון איר משפחה און איר פאָטער׳ס הויז,
און ווייסט נישט, ווער עס האָט זי גאָר אַהער געבראַכט.
זי האָט בלויז איין געדאַנק אין איר באַהעלטעניש און דראַנג,
זיך שטאַרקן טאָג און נאַכט אין תפיסה־צעל פאַרמאַכט,
עס זאָלן מאַנגל און פאַרלענדונג זי נישט שרעקן,
און ווי אַ כלה זאָל זי זיך אין פּראַכט באַקליידן.

און ווען זי באַטראַכט זיך,
מ׳האָט זי געשיקט פון רו צו צאַרן און די ערד צו גראָבן,
אַרויסגעטריבן פון דעם קעניג׳ס הויף אין פעלד צו קלייבן,
צו זוכן איר חיונה אין שווייס פון איר פנים,
פאַרשוואַרצט צו ווערן — אירע ליכטיקע שטערן,
זיך זעטיקן מיט שאַנד און צאַרן — דורך אירע ערדישע יאָרן,
זיצט זי אין טרויער, וואָס איר פאָטער האָט זי פאַרשעמט,
זי וויקלט זיך אין שלייער פון אלמנה׳שאַפט, פאַרקלעמט.
וואָס אַזוינס האָט גאָט צו איר געטאָן,
אויסצורייסן איר געצעלט — פון איר אייביקער וועלט,
זיך אויפצעהאַלטן צווישן פרעמדע, וואָס זי קען נישט,
די אינדיין פון די הימלען צום עזאזל וואַרפן,
וואָס איז נישט אייגעוואוינט גאָר אויף דער ערד צו טרעטן?
אויב גאָט, וואָס האָט איר געשאָנקען לעבן,
האָט אין דער פרעמד זי איבערגעגעבן;
אויב ערד איז איר ברויט, מיט לייד און מיט נויט,
און ס׳האָט גאָט זי דערצאָרנט — דאַרף זי דאָך זיין געוואָרנט,
באַדאַרף זי דאָך זיך שעמען —
און אויב איר פאָטער האָט אין פנים איר געשפיגן,
באַדאַרף זי דאָך זיך צום האַרצן דאָס נעמען.
אַזוי צי אַזוי, באַדאַרף זי דאָך זיך שרעקן —
און דאָס וויסן, אַז זי איז אומריין, דאַרף זי באַוועגן
אַזוי צו טראַכטן:
אויב איך בין פון פלאַץ פון שלמות און כבוד גע׳גנב׳עט געוואָרן,
און אויך דאָ האָב איך גאָרנישט געטאָן צו פאַרריכטן מיין חסרון,
וואָלט שוין בעסער זיין, אינגאַנצן נישט ווערן געבאָרן.
מיט אַלע מיינע כוחות וועל איך דינען גאָט, וועל אויפגיין
צום פאָטער מיינעם מיט׳ן רויך פון קטורת, מיט זיין ריח;
מיט אַלע כוחות וועל איך זיך גלייכן צום אויבערשטן,
זיך אַנכאַפּן אַן אויסשטראַלונג פון דער הנהגה
וואָס קומט אַרונטער דורך די שטערן פון זיין הימל.
איך ווייס, אַז גאָט האָט מיך געשיקט צו די באַוואוינער פון דער ערד,
אום זיי ביים לעבן צו דערהאַלטן —
ווייל אַלע זיינען זיי נישט מער, ווי טויטע פגרים.
נישט, אַז די חכמה האָט געהאַט די כוונה מיך צו טויטן,

ידעיה הפניני

נייערט זיי צו געבן לעבן;
און נישט מיין כבוד צו דערנידעריקן — נייערט זיי צו געבן כבוד.
און אויב גאָט׳ס ווינט האָט מיך פאַרטראָגן און אין טאָל פאַרשליידערט,
וועט ער מיך נאָך אין כבוד אויפריכטן.
ווייל גרויס איז נאָך דער טאָג, און ווען מיין שיינקייט ווערט אין שמוץ
פאַרזונקען,

פליסט ווי דער טוי גאָט׳ס כבוד אַרום מיינע מחנות
און לייכט אויף מיינע אויגן.
אין גרוב פאַרמויערט — זע איך דאָך אַ ליכט־שטראָם,
אַ שטראָם פון ליכט פילט אָן מיך ביז די ברעגן,
גענוג — אויף די אַרומיקע מיט ליכט צו גיסן;
ביז איך קען איינגעוואוינען אויך מיין גוף, צו מיר דער נענטסטער,
ער זאָל נישט לאָזן זיך פאַרפירן, און נישט טאָן קיין מלאכה,
סיידן עס באַפעלט דער שכל, ס׳זאָל געהאָלפן ווערן מיט הצלחה.
צו יעדן איינעם האָב איך איינגעטיילט מיט כבוד לויט זיין אויפנאָם,
זיי האָבן זיך מיט מיינע בשמים אָנגעזאָפּט,
און האָבן זייערע כלים אָנגעפילט;
און ווען זיי פוילן זיך צו הילף מיר קומען,
פאַרפירט פון תאווה, ערדישע תענוגים,
און לאָזן וואוילגיין זיך אין דופּטנדיקע גערטנער,
און פיטערן דעם פלאַטערדיקן גייסט אויף תאווה־פלאַמען —
דאַן רייד איך צו זיי ווערטער אמת׳דיקע,
זיי זאָלן נישט נאָך די צעשטערער מיינע נאָכגיין,
און זאָלן זיך דערווייטערן פון די פאַרוויסטער.
איך בין צווישן אייך ווי פריש־געשוירן וואָל,
וואָס ליגט אויף אַ פאַרדאַרטן גרונט;
ווען ס׳קומט אַ שטראָם פון טוי אַרונטער — וואָרהאַפטיק,
דער טוי איז אויפ׳ן וואָל און אויפ׳ן גרונט איז טרוקן;
נאָכדעם, ווי טראָפּנס טרייסלען זיך פון וואָל אַרונטער,
באַקומט אַביסל פייכטקייט אויך די ערד;
אָבער אַז דער וואָל איז טרוקן מיט זיין ווייכקייט און זיין שוואָמיקייט,
ווי זאָל זיך איינגעפינען טוי אויך אויף דער מידער ערד?

עמנואל הרומי

עמנואל בן־שלמה הרומי, דער באַרימטסטער דיכטער, וואָס דאָס איטאַליעניש־עדע אידנטום האָט אַרויסגעבראַכט, איז געבאָרן געוואָרן אין רוים אין 1268. דער יונגער עמנואל האָט באַקומען אַ גלענצנדע דערציאונג. זיך פיל אָפּגעגעבן מיט נאַטור־וויסנשאַפט, מעדיצין און גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע. ער איז געווען דער ערשטער אַריינצוברענגען אין העברעאיש די פאָרעם פון סאָנעט, מיט וועלכער ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך צו באַנוצן. זיינע לידער, וואָס גרייכן אין די הונ־דערטער, זיינען גראַציעז, שטיפעריש און שטאַרק עראָטיש. געווען אַפילו אַ צייט, וואָס אויף זיינע לידער איז געלייגט געוואָרן אַ חרם.

מערקווירדיק איז, וואָס די גאָלדענע תקופה פון דער העברעאיש־שפּאַנישער פּאָעזיע האָט אויף אים קיין השפּעה ניט געהאַט. ער איז געשטאַנען אינגאַנצן אונטערן איינפלוס פון דער איטאַליענישער פּאָעזיע פון זיין צייט. ער איז געווען דעם באַרימטן איטאַליענישן דיכטער׳ס, דאַנטע אַליגיערי׳ס, אַ בן־דור, און ווי מען זאָגט, זיינען זיי אַפילו געווען באַפריינדעט.

ער האָט אויך געשריבן אַ צאָל סאָנעטן אין איטאַליעניש. דורך עמנואל׳ס לידער האָט זיך אַריינגעריסן אין דער פאַר־צאָגטער העברעאישער פּאָעזיע פון זיין צייט אַ פרישער לעבנספרייד־יקער שטראָם.

עמנואל איז געשטאָרבן אין יאָר 1328.

צו משיח׳ן

(סאָנעט)

משיח, קום שוין, קום! וואָס האָסטו זיך פאַרהאַלטן?
עס שרייען דאָך צו דיר די פליסנדיקע טרערן;
פון בלוט און טרערן טוען דאָך שוין טייכן ווערן,
דאָס האַרץ גייט אויס און לעכצט צום ליכט צעשטראַלטן.

מיט ווינקלשנור אין האַנט דיין לאַנד זאָלסטו געשטאַלטן,
צו די פאַרוואָגלטע זאָלסטו נאָך גליק באַשערן;
די שונאים בלוטיקע זאָלסטו פאַרוויסטן און צעשטערן,
און בלייב מיט אונז — מיר קענען שוין דאָס נישט דערהאַלטן.

דערוואַך, משיח! קום צערייטן אויף אַ פערד
אַ פלינקן, קאַכיקן — זאָל ברענען אונטער אים די ערד!
אין מיר איז יעדער גליד צעבראָכן, יעדער ביין!

אויב אויף אַן אייזל קומסטו — מעגסטו שלאָפן גיין!
איך בעט דיך, האַר־משיח, פון אַן אָפענער נשמה:
קום, ברייננ דעם קץ מיט זיין ישועה און נחמה!

אַ ליבע־ליד

וואָס אַזוינס קענען די שטערן מיר טון?
וואס, אויב די זון וויל נישט געבן איר שיין?

אַז מיין געליבטע באַלויכט מיר מיין וועלט —
ציטער נישט, פלאַטער נישט, האַרץ מיינס, אין פיין!

קומט זי — אַנטפּלעקט זיך ביי מיר אין געצעלט —
ליכטיק ווערט — צינדט זיך די זון אין איר פּראַכט,
דעקט זי זיך איין — פאַלט אַרונטער די נאַכט.

גיהנום און גן־עדן

(סאָנעט)

שוין ליבערשט גיהנם, איידער דער גן־עדן —
האָב איך אַריינגענומען זיך אין זינען;
דאָס בעסטע קען מען דאָך ביי דיר געפינען,
די שענסטע פרויען און די צאַרטסטע פריידן.

וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט גן־עדן?
פּאַרזוענישן בלויז מיט אויגן, וועלכע רינען,
און באָבעצעס מיט בראָדעווקעס נאָר דרינען —
ס'איז נודנע־לאַנגווייליק, נישטאָ גאָר וואָס צו ריידן.

אָ, דו גן־עדן! האָסט צענויפגענומען
אַלץ, וואָס איז אַלט, געפּעלערט און נישט שיין —
דאַריבער ווילט זיך מיר צו דיר נישט קומען!

דו גיהנם! ציסט מיך צו מיט ליבע און מיט חן,
דאָרט שפּילן יונגפרויען אין פּראַכט און ציר —
דאָס שענסטע טוט געפינען פּלאַץ ביי דיר!

עמנואל הרומי

אַ פרוי רעדט:

צוויי יאָר שוין, ווי איך האָב אַ מאַן גענומען —
ער לעבט נאָך אַלץ, און כ׳קען אים נישט פאַרטראָגן;
וואָלט אים אַ דונער אין דער ערד אַריינגעשלאָגן,
וואָלט איך צום לעבן אפשר נאָך געקומען.

גערופן האָב איך טאָג־איין־טאָג דעם טויט דעם שטומען —
ווייל איך באַגער שוין לאַנג אַ נייעם נאָמען טראָגן;
איך ווייס נישט, וואָס דער סוף וועט זיין פון מיינע פּלאָגן,
כ׳פאַרשעלט דעם טאָג, וואָס איך בין אין זיין הויז געקומען.

מיין שכנ׳טע, אין איינע דרייסיק מאָנאַט צייט,
האָט שוין דריי מאַנען אין דער ערד אַריינגעטריבן,
און אַלע ווייבער זאָגן: ס׳איז איר גוט און וואויל!

זי האָט די מאַנען אירע שוין געמאַכט פאַר לייט,
האָט ווי אַ לייביכע פאַרצוקט זיי און צעריבן,
און אויפגעהאָדעוועט איר יונגוואַרג אין דעם לייבן־קנויל.

אַ הונט

דער פריינט דער יעניקער, וואָס קומט צפליען ווי אַ פויגל,
בעת איך קום אים העלפן אין זיין נויט;
ווי נאָר אָבער איך רוף אים מיך באַהילפיק זיין אין אומגליק,
פאַרשטעלט ער זיך פאַר שטום און בלינד און טויט —
איז גלייך צום הונט, וואָס האַלט זיך אויף אין דער שמידאַרניע,
אין ענגן ווינקל זיינעם דאָרט אַריינגעטאָן:
ער שלאָפט און דרימלט אונטער׳ן געבריאַזג פון האַמער,
און כאַפּט זיך אויף צום עסן צו דעם קלאַנג פון צאָן.

דער מענטש

זיי האָבן מיך געפרעגט: וואָס איז גוט אין דעם מענטשן?
האָב איך געענטפערט: אין זיין שכל, וואָס אַלצדינג באַהעלט;

און אויב נישט דאָס, האָב איך געענטפערט, איז מיט זיין רייכקייט,
מיט זיין צירונג און קליידונג און געלט;
און אויב נישט דאָס, האָב איך געענטפערט, איז מיט זיין ווייב,
וואָס פאַרדעקט זיינע פעלער און פאַרשטעלט;
און אויב נישט דאָס, האָב איך געענטפערט, איז מיט שווייגן,
זיין שלעכט האַרץ צו באַהאַלטן פון דער וועלט;
און אויב נישט דאָס, האָב איך געענטפערט, מיט זיין קבורה
אויפ'ן וויסטן און טויטן פעלד.

אַ שפּאַס

בין איך מיר אין וועג געגאַנגען,
צו אַ גאָרטן צוגעקומען;
באָדט אין זונשיין זיך דער גאָרטן,
אַ פאַרוויקלטער אין בלומען.
האָב איך דאָרט דערזען אַ מיידל,
בויגיק, זוניק, צאַרט און איידל.
אין דעם טאָג, אין דעם געבענטשטן,
ווען עס האָט זי גאָט געפורעמט,
האָט ער מיט קיין אַנדער אַרבעט
יענעם טאָג זיך נישט פאַרנומען.
נאָך אַזאַ איז נישט געוועזן,
נאָך אַזאַ וועט שוין נישט קומען.
אין דעם טאָג פון איר געבוירן
האָבן בערג אין פרייד געשטורעמט.
אויף איר פּנים — אַלע ליכטער
פון דעם הימל שעמערירן;
שפּיל פון בלוט און שפּיל פון פייער
טוט אין יעדן גליד זיך שפּירן.
אירע אויגן — שאַרפע שווערדן
טוען אַלץ אַרום באַצווינגען;
מיין געדאַנק און מיינע אויגן
צילן זיך אין אירע בליקן —
ווילן פאַרשן, ווילן דרינגען,
צי זיי זוכן מיך פאַרטרייבן,

צי זיי רופן מיך פֿאַרבלייבן.
כ'הויב אָן גלויבן, איך וואָלט שווערן,
אַז זיי זאָגן: קום צו נענטער!
שטיי איך פֿאַר איר אַ פֿאַרגאַפּטער,
אַ צעפּלאָמטער, אַ צעברענטער.
זאָג איך צו איר: „טייער מיידל,
ווער קען דיינע מעלות ציילן?
אויב די אויגן דיינע וואונדן —
זאָלן דיינע הענט מיך היילן.
האָב רחמנות, מיין ליב לעבן,
דו זאָלסט מיר דיין ליבע געבן!"
האָט דאָס מיידל אויפגעלויכטן,
ס'האָבן זיך צעשפּילט די אויגן,
און געענטפערט: „קרוין פון חכמה,
האָסט דיין גורל איצט געצויגן:
כ'וועל מיין גוף אויף צוויי צעטיילן,
און דו מעגסט איין טייל זיך ווילן;
שנור פון טאַליע — איז די גרעניץ,
וואָס צעטיילט די ביידע טיילן.
כ'גיב די ברירה צו דיר איבער:
נעם דעם טייל, וואָס דיר איז ליבער".
הערנדיק די ווערטער — האָב איך
נישט געוואוסט, ווי זיך צו קערן;
מיינע אויגן שיסן פונקען,
ס'גייט דאָס האַרץ אויס פון באַגערן.
נאָר צום סוף האָב איך געענטפערט:
האָסט מיך היינט געטאָן פאַרשעמען,
כ'האָב ביז איצט גאָרנישט פאַרשטאַנען,
נישט געטאָן ביז היינט באַנעמען,
אַז דו קענסט דיין האַנט פאַרמאַכן,
אַז דו קענסט דיין לוסט פאַרשליסן,
פון דיין טרייען און דיין ליבן
מענטשן וועלן שפּאָטן, לאַכן,
וואָס איך בין צום נאַר געבליבן;

אַז מיט מיר אַזוינס זאָל טרעפן —
טוט מיין האַרץ זיך ביטער קלעמען;
פון דיין כבוד וועגן, וועל איך
מיר דעם אויבער־חלק נעמען״.
ווען די מיידל האָט דערהערט עס,
איז זי אויפגעלייגט געוואָרן
און געשוואָרן: „ביי מיין ליבע,
וואָס האָט מיר פאַרקירצט די יאָרן,
ווייל דו האָסט קיין שלעכטס אין זינען,
און ביסט גרויסמוטיק און איידל,
שווער איך, כ׳וועל דעם שנור פאַרוואָרפן
מיר צעפּוסנס, נישט צו גרייכן,
און וועסט זיין דער האַר און הערשער
פון דיביידע קעניגרייכן״.
דאָן בין איך מיט איר געגאַנגען,
ס׳האָט איר קאַמער אונז פאַרשלונגען,
זיך געזעטיקט מיט איר האָניק,
פון איר זיסן וויין געטרונקען.
איצט האָט מיך די צייט פאַרמאַטערט,
מיך פאַרעלטערט און גע׳פּטר׳ט.
גאָלד פון באָרד און לאָקן האָט זיך
שוין אין זילבער אומגעביטן;
אַלע שוואַכקייטן פון עלטער
האָבן מיך נישט אויסגעמיטן,
שיינע מיידלאַך מאַכן חוזק,
שיטן זאַלץ אויף מיינע וואונדן;
יאָג איך זיך נאָך איינער — ווערט זי
מיט אַן אַנדערן פאַרשוואונדן.
טוען מיך שוין נישט באַגערן,
ווילן גאָר מיין קול נישט הערן;
ס׳וואָלט אפילו זיי נישט רירן,
ווען כ׳זאָל פּלוצים גאָר קראַפּירן!

אַ מיידל רעדט:

(סאָנעט)

די ברוסטן מיינע שטייף, געדיכט די לאָקן —
און איך בין אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן;
אַ מאַנספּאַרשוין האָט מורא מיך באַגריסן,
זיץ איך אַליין און טו מיין לידל קלאָגן:
וואָס זאָל איך ריידן און וואָס זאָל איך זאָגן,
קיין פּרוטה נישט פאַראַן און ברויט — קיין ביסן;
און כ׳האָב דריי שוועסטער עלטערע, באַדאַרפט איר וויסן,
היינט גיי געפין אַ בעלן אַזאַ יאָך צו טראָגן.

אַז אויסגערונען זיינען אַלע מיינע פריידן,
כאַטש נעם שטעל אָפּ די צייט; וואָס איז די פּעולה,
אַז ווי אַ היישעריק צעפליען זיך די יאָרן —

און מענטשן האַלטן נאָך דערצו אין איין באַריידן:
אַ פרוי, מישטיינס געזאָגט, וואָס שטאַרבט אַ בתולה —
פון דער וועלט און פון יענער וועלט פאַרלאָרן!

צו אַ מיידל

דאָס האַרץ אין מיר איז אומרואיק־צערייצט —
אַ שטראָם אַ מעכטיקער פון לוסט האָט אים פאַרפלייצט;
אַנטרונען פון דיין בייזן צאָרן און דיין כעס —
האָט אים צעלעכערט היינט דיין פייל פון האָס.
אַ, האָב אויף מיר רחמנות אין מיין טאָג פון נויט —
מ׳זאָל נישט זאָגן: אַ פרוי האָט אים געטויט!

סאָנעט

איך טראַכט: אויב ס׳וואָלט אַ מענטש פון פלייש־און־בלוט
זיך צוקוקן צו מיינע מעשים און פאַרשטיין,
און צוגעזען, וואָס פאַלש איז און געמיין,
און אויסגערעדט מיר, אַז איך טו נישט גוט —

וואָלט איך געוויס געפאַלן דאַן פון מוט,
איך וואָלט זיך אָנגעשטרענגט צו ווערן ציכטיק, ריין,
איך וואָלט זיך אויספּיינען געוואָלט צו האַנדלען שיין —
דאָס צו דערגרייכן וואָלט איך נישט גערוט.

הײַנט וואָס זאָל איך שוין זאָגן, אַז דאָס אויג פון גאָט
קוקט אין מיין האַרץ אַריין, זיין האַנט האָט מיך פּאַרוועבט,
פּאַרשריבן איז אין בוך, וואָס איך האָב אָנגעגרייט —

ער האָט פון גאָרנישט פעסטגעשטעלט דער וועלט׳ס יסוד,
פאַר אים איז אָפן ס׳האַרץ פון אַלץ, וואָס לעבט —
אַז אַלץ פּאַרגייט דאַך, נאָר זיין וואָרט באַשטייט.

מעדיטאַציע

עס צערינט און פּאַרשווינדט באַלד דאָס לעבן,
און נישט ציכטיק דאָס האַרץ נאָך, נישט ריין;
עס קומט נענטער דער טויט, יעדע רגע —
און עס וויל נישט דעם אמת פּאַרשטיין.
עס וואָלט וועלן צו גרויסקייט דערלאַנגען,
נאָר עס רוקט זיך אין גרוב מיין געביין;
רק עס מיינט, אַז עס נאַרט אָפּ דעם צווייטן,
ווען עס נאַרט גאָר, פּאַרנאַרט זיך אַליין.
עס וויל בלינד מאַכן לייטישע אויגן —
איז אַליין אָבער בלינד און געמיין.
עס פּאַרגעסט, וואָס ס׳איז זיכער און אייביק,
גייט נאָך „טאָמער" און „אפשר" און „ביין" —
און דערפאַר בלייבט עס הונגעריק־דורשטיק,
ביז אין פינצטערער גרוב וועט עס גיין.

סאָנעט

ווען מענטשן קלייבן זיך צו פאָרן איבער ים׳ען —
איז טוען זיי אַ לאַנגע צייט פאַר דעם זיך גרייטן;
זיי נעמען שפּייז מיט זיך און טוען זיך באַקליידן

דניאל בן־יהודה הדין

פאַר גאַר דער צייט זיי וועלן אויף דער שיף זיך זאַמען.
און מיר — וועט מאָרגן אויסקומען צו גיין פונדאַנען,
די נשמה מיינע וועט זיך מיט׳ן גוף צעשיידן,
און גיין מיט אַלע זינדיקע צום טאָל פון ליידן —
זיך צוגרייטן מיט עפּעס — האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

וואו איז דאָס גוטס, די תבואה פון מיין פעלד און שניט,
אין וועג פון טויט, אויף וועלכן כ׳וועל זיך לאָזן,
וואָס זאָלן מיך פון הונגער און פון דורשט פאַרמיידן?

וואו איז מיין בונד מיט גאָט, וואָס איך זאָל האָבן אָפּגעהיט,
און וואו די פרומע לייט, כ׳זאָל מיך אויף זיי פאַרלאָזן —
ווער האָט דאָס פעלד געזייט, אַז איך זאָל שניידן?

עפּיגראַם

היט זיך פאַר דער קנאה־שנאה פון קליין מענטשל,
און פון דעם גאָרנישט זאָלסטו לויפן לויפנדיק;
איך האָב אַ סך מאָל שוין געזען אין לעבן —
אַ מענטש אַ ריז דערווערגט זיך מיט אַ פליג.

דניאל בן־יהודה הדין

איטאַליע. אין ערשטער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט. „יגדל״ איז איינס פון די שענסטע פּערלען אין דער רעליגיעזער העבּ־רעאישער פּאָעזיע.

יגדל...

געגרויסט, געלויבט זאָל זיין דער לעבעדיקער גאָט —
איז דאָ, און אויסער צייט זיין דאָאיקייט.
איז איינציק און ניטאָ אַן איינציקייט ווי זיינע,
פאַרהוילן, און עס האָט קיין סוף זיין איינציקייט.
ער האָט קיין אויסזען פון אַ גוף, איז ניט קיין גוף,
ניט אָפּצושאַצן איז פאַר אונז זיין הייליקייט.
דער קדמון, איידער ס׳איז אַ זאַך געוואָרן,
דער ערשטער, ס׳האָט קיין אָנהייב ניט זיין ערשטיקייט.

דער האַר פון וועלט איז ער, ער לערנט זיין באַשאַף,
זיין גרויסקייט און זיין קיניגטום און מעכטיקייט.
ער לאָזט די שפע פון נבואה זיינער שטראָמען
אויף מענער אויסדערוויילטע פון זיין מעכטיקייט.
ניט אויפגעשטאַנען אין ישראל איז נאָך איינער
אַ נביא, וואָס זאָל ווי משה זען זיין ענלעכקייט.
ס׳האָט גאָט אַ תורת־אמת צו זיין פאָלק געגעבן
דורך אים, דעם אָנפאַרטרויטן פון זיין הויז און ליכטיקייט.
ער וועט ניט ענדערן זיין תורה דורך אַן אַנדערן,
און אויף אַן אַנדערער איז זי ניט צום פאַרבייט.
ער זעט אונז דורך־און־דורך, ניטאָ פאַר אים פאַרבאָרגעניש,
ער זעט דעם סוף פון זאַך אין אָנהייב פון דער צייט.
באַלוינט דעם גוטן מיט זיין חסד וועדליג זיין פאַרדינסט,
און גיט דעם רשע שלעכטס לויט זיין פאַרדאָרבנקייט.
ער שיקט משיח׳ן צו אונז אין רעכטער צייט,
צו די וואָס וואַרטן אויף ישועה און גערעכטיקייט.
ער וועט די טויטע אויפלעבן אין גרויס גענאַד —
געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען ביז אין אייביקייט.

(א. ש. שוואַרץ)

יחזקאל הכהן

געלעבט אין די מזרח־לענדער אין אָנהייב פון 14־טן יאָר־הונדערט.

כ׳האָב געזאָגט

כיהאָב געזאָגט צו די שטיינער, כ׳האָב געזוכט זיי צו רירן:
גיט מיר קראַפט, וועל איך אפשר נאָך פילן און שפירן,
ווייל דער פיין האָט פאַרצערט מיך, אויסגעטריקנט מיין זאַפט —
איז מיין לייב דען פון קופּער, פון שטיין אונזער קראַפט?

כ׳האָב געזאָגט צו די אָדלערס, וואָס שוועבן אין די הויכן:
נעמט מיך מיט, וועל איך זוכן מיין פריינד צו דערגרייכן,
ווייל מיין נשמה איז קראַנק, ס׳איז געבראָכן מיין מוט —
ווער וואָלט געבן מיר פליגל, וואָלט איך געפלויגן און גערוט!

יחזקאל הכהן

כ׳האָב געזאָגט צו די בערג, וואו די הירשן טאַנצן:
נעמט זיך נישט איבער מיט אייערע דופּטיקע פלאַנצן,
אויך מיינע הענט טריפן מור צו מיין פריינט, וואָס איז שיין —
און ער האָט מיט שטיין מיר צעבראָכן מיינע ציין!

כ׳האָב געזאָגט צו די וואָלקנס, וואָס ווילדערניש באַגיסן:
קומט צושוועבן און זעט, ווי מיינע אויגן פליסן,
אַ בליץ האָט זיי אויסגעברענט, מיין האַרץ איז צעריסן —
עס שטילט זיך דאָס אויג נישט און הערט נישט אויף פליסן!

כ׳האָב געזאָגט צו די לייבן און טיגערס, וואָס יאָגן:
אַנטלייט מיר אייער קראַפט, כ׳קען מער נישט דערטראָגן,
אַז מיין האַרץ איז צעגאַנגען פון ווייטיק און פלאָגן —
איך בין אָרעם און עלנט און דאָס האַרץ איז דערשלאָגן!

כ׳האָב געזאָגט צו די בלעטער פון ביימער, זיי באַשוואָרן:
באַהאַלט מיך פון פלאַמיקער היץ און איר צאָרן,
מיין געצעלט איז צערויבט און ס׳איז חרוב מיין וועלט —
קיין קינד נישט געבליבן צו בויען מיין צעלט!

כ׳האָב געזאָגט צו דעם מדבר׳ס פעלזיקע שפּאַלטן:
איר זאָלט פון די קעלטן פון נעכט מיך באַהאַלטן,
כ׳בין געוואָרן ווי אַ הירש, וואָס אַנטלויפט מיט׳ן לעבן —
ווער וואָלט מיר אַ האַרבעריק אין מדבר געגעבן!

כ׳האָב געזאָגט צו די שיפן, וואָס שניידן דעם ים׳ס טיפן:
נעמט מיך מיט זוכן באַלזאַם אויף מיינע וואונדן צו טריפן,
ווייל מיין לייב איז צעריסן פון די אייזערנע קאַמען —
וואָס בין איך — אַ ים? אַז דו זוכסט מיך צו צאַמען!

כ׳האָב געזאָגט צו מיין דור, וואָס שוואַכט אָפּ מיר מיין אָרעם:
באַצייכנט דעם וועג, וואו כ׳האָב מיין פריינט פאַרלאָרן,
איך וואַנדער אום צווישן בערג, קען דעם וועג נישט דערוויסן —
ווי אַ פאַסטוך־געצעלט איז מיין דור אויסגעריסן!

כ׳האָב געזאָגט צו די קלאָגערינס, זיי זאָלן באַלד קומען,
און זאָלן ווי טויבן אויף מיין אומגליק ברומען:
איך גלוסט הערן אייער קול, אייער קלאָג און באַדויער —
ווייל מיין האַרף איז געוויין און מיין פידל איז טרויער!

יוסף אלבּרדאַני
געלעבּט אין די מזרח־לענדער אין אָנהייב פון 14־טן יאָר־הונדערט.

קריעת ים־סוף

מיין קינד (מיין ערשט־געבוירן) וועל איך פירן,
איבּער רואיקע וואַסערן וועט ער שפּאַצירן;
איך וועל אים צום ים מאַכן טרעטן
אויף אַ וועג אויף אַ גלייכן, געבּעטן.
ער רופט — און איך ענטפער אים באַלד!

— וואָס שרייסטו וועגן פאָלק אין טרויער —
אַז איך בין זיין שוץ און זיין מויער;
זיין געשריי איז צו מיר שוין דערגאַנגען,
און ליב זיינען מיר די געזאַנגען.
צום ים וועל איך פירן זיי שטיל דורך אַ טאָל.
דאָס וואַסער בלייבּט שטיין ווי אַ וואַנט —
דערהויבן איז גאָט׳ס רעכטע האַנט!

— משה, וואָס שרייסטו אין צער,
וואָס רופסטו אין מורא און ציטער?
פאָראויס טרעט, ווייל איך, גאָט דער האַר,
בין באַפרייער, דערלייזער און היטער!
אויף דער רעכטער זייט גייט מכאל,
אויף דער לינקער זייט גייט גבריאל,
פאָראויס גייט די שכינה אין גנאָד
און הינטער זיי גייט רפאל;
איך וועל זיי פירן צום אריאל,
צו דוד און שלמה׳ס שטאָט.

עס דרימלט נישט און שלאָפט נישט
דער שומר פון ישראל.

אליעזר אזקרי

וואס שרייסטו פונוועגן מיין פאלק —
אַז איך האָב אים אַליין באַפרייט?
איך וועל מיין ים פאַר אים שפּאַלטן
און פירן אויף דער צווייטער זייט.

איך צאָרן זיין פיינט אין מיין צאָרן —
זיין שונא זאָל ווערן צעשטערט!
איך ענטפער אים באַלד פון מיין הימל,
און גרויס זיין נאָמען אויף מיין ערד!

אליעזר אזקרי

געלעבט ביים סוף פון 14־טן יאָרהונדערט.

ידיד נפש...

האַרצנס-געליבטער, דערבאַרעמדיקער פאָטער,
זאָלסט צוציען דיין קנעכט צו טון דיין רצון —
דיין קנעכט זאָל ווי אַן אינד אַ פלינקער לויפן
און צו דיין גרויסער פּראַכט זאָל ער זיך קניען.
דיין ליבשאַפט זאָל אים זיסער זיין פון האָניק,
פון פליסנדיקן האָניק און פון בוימל.

ס׳איז וואונדערלאַך דאָס ליכט פון וועלט און פּראַכטיק,
און קראַנק איז מיין נשמה נאָך דיין ליבשאַפט —
איך בעט דיך, ליבער גאָט, דו זאָלסט זי היילן!
ווען דו וועסט איר דיין ליכטיקייט באַווייזן,
וועט זי זיך שטאַרקן און געַנעזן ווערן —
און קומען וועט אויף איר די פרייד די אייביקע!

אַ, גאָט! זאָל דיין רחמנות זיך דערוועקן!
באַשיץ אברהמ׳ס קינד, דיין וואוילגעליבטן.
אַ, לאַנג שוין, ווי איך האַלט אין איין באַגערן
צו זען די פּראַכט און שיינקייט פון דיין גבורה —
דאָס גאָר נאָך וואָס דאָס אָרעם האַרץ טוט לעכצן.
רחמנות האָב — און זאָלסט זיך נישט פאַרהוילן!

שלמה בן־ראובן באָנפיד

אַנטפלעק זיך, ליבער, צי אַריבער מיר
די סוכה פון דיין רו און פריידן און באַשירעם!
די ערד זאָל פון דיין כבוד אויפלויכטן,
און מיר זאָלן מיט דיר זיך פרייען, יובלען.
געשווינד, האָב ליב — ס'איז שוין די צייט געקומען
און ווי אין יאָרן די אַמאָליקע באַגנעדיק!

שלמה בן-ראובן באָנפיד

דיכטער און פּאַמפלעטיסט. איינער פון די לעצטע העברעאישע פּאָעטן אויפן שפּאַנישן באָדן. דאָס דאָזיקע ליד איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1391, אין דער צייט פון רעליגיעזן וויכוח צווישן די קאַטוילישע גייסטליכע און די אידישע פאָרשטייער אין טאָרטאָזאַ.

אַ לויב־ליד צו דאָן ווידאַל בן־לביא

די זון די ליכטיקע האָט זיך געזעצט אין אונזער מערב —
פאַרוואָס באַווייזט זי זיך נישט מער אין אונזער מזרח?
צי האָט איר אַקס פון איר געשטעל זיך אָפּגעריסן,
צי ליגט זי אין די כמאַרעס אונזערע באַהאַלטן?
מיר זעען טאָג און נאַכט אין גרויסער וועלט טאָג־טעגלאַך —
ביז וואַנען נאָך וועט אונזער נאַכט זיין אָן פרימאָרגן?
ווי לאַנג נאָך וועל איך אומגיין אַ פאַרקלעמטער, אַ געדריקטער,
און יעדע פּראַכט און שיינקייט ווערט פאַר מיר פאַרשוואונדן?
וואָס יאָגן זיך נאָך מיר די צרות, ווי די בייזע קרעפטן, —
צי האָבן זיי פאַרשוואוירן זיך מיך אומצוברענגען?
ווי קען איך האָפן שוין אויף ליכטיקייט און פריידן, אַז איך זע נאָר,
ווי יעדער טאָג ברענגט נייע אומגליקן, אויף פּלאָגן און אויף ווייטיק.
דאָס לייב איז אויסגעמאָגערט, הויט און ביין געבליבן,
אַז ס'איז אַ פויגלנעסט געוווג פאַר אים זיך צו פאַרשטעקן.

שלמה בן־ראובן באַנפיד

מיר האָבן טענות צו דער צייט — און ס׳גיט קיין שונא נישט
קיין גרעסערער פון אויג און האַרץ — און ווי זאָלן מיר קעמפן?
דאָס אויג און האַרץ זיי טרינקען אַן זיך מיט די גרויסע ליידן, —
און כאָטש זיי פאַלן נישט אַריין אין קיין פאַרצווייפלונג —
באַנייען זיי דאָך טאָג אין טאָג אונזערע ווייטיקן.
פאַרוואָר, אַביסל גיט אונדז טרייסט דער אַנטייל זייערער:
די שטילע טרער פון אויג און ציטער־צער פון האַרצן.
ביז איצט איז קלוג געווען די צייט, צו אָפּטאָן רשעות,
נאָר היינט באַטראַכט אונזער געדאַנק איר פּאָר אַ נאַר:
האָט אויפגעוועקט און אַנגעבראַכט אַ טומל און געפּילדער,
דער שטאָלץ פון דער נשמה אָפּצואווישן און פאַרדאַרבן,
און מיט איר לייד און שטרויכלונגען אונדז צו באַטריבן.
צענויפגעטריבן אַלע קענער פון געזעץ און גלויבן —
נאָר צווישן זיי געפינט זיך דער, וואָס האַלט אונדז אויף ביים לעבן,
דאָס ליכט, וואָס טוט באַלויכטן דאָס פאַרהוילעניש פון חכמה,
און דאָס פאַרטיפטע און פאַרבאָרגענע פון מענטשנ׳ס שכל.
וואָס נאָך קענען די צרות און די ליידן טון? אַז זיינע קוואַלן,
זיי וועלן אויסלעשן די בייזע פייערן אַרום אונדז;
און וועמען גייען אַן די שווערע און געדיכטע נעבלען —
אַז ס׳וועט זיין ליכט צעיאָגן אַלע שוואַרצע שאָטנס?
זיין וואָרט — אַ פּאַנצער און אַ שוץ, זיין פען אין האַנט — אַ שפּיז,
די מחנות פון די שונאים און פאַרלוימדער אָפּצעשטויסן.
דערוואַך, פאַרשטומטע פליט, דו זינגעוודיקע האַרף, וואָס איז אַנטשוויגן,
פאַריאָג די שוואַרצע קראַפט פון אונזער פּיין און טרויער.
דערוואַך, וועק אויף די זיסע זינגער און די שפּילער,
וועמען צער און לייד האָבן מיט זיך פאַרנומען.
בינד אויף דיין קול און זאָלן זיך די כרובים אויפהויבן,
און קלינג אויס פאַר דער וועלט דאָס וואָרט פון טרייסט און גלויבן.
דו סוד פון פּראַכט, דו מאַן פון ראָט, מיין פירער און רעגירער,
מיט פרידן קום, און לאָמיר אַלע גיין פאַראויס אין ליכטיקייט
פון קלאָרער זון, וואָס האָט זיך איצט געזעצט אין אונזער מערב!

יהודה אַבּרבּנאל

זון פון דאָן יצחק. געבאָרן בערך 1460. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער מיט זיין פאָטער דאָן יצחק אַנטלאָפן פון ליסאַבאָן. צוזאַמען מיט זיין פאָטער האָט יהודה באַזעצט זיך אין קאַס־טיליע. אין גירוש פון 1492 האָבן זיי פאַרלאָזן שפּאַניע. ער האָט אויך געשריבן אין איטאַליעניש. זיינע „דיאַלאָגן וועגן ליבע" האָבן שטאַרק אויסגענומען.

עלעגיע

ס'האָט די צייט מיט איר פייל מיך געטראָפן
און מיין האַרץ און מיין לייב דורכגעשטאָכן;
און מיין וואונד איז געפערלעך, איז טויטלעך,
און מיין גוף איז אין שטיקער צעבראָכן.
און עס לאָזט זיך ניט שטילן מיין ווייטיק,
און דער פיין האָט פאַרברענט מיינע בלוטן;
ס'האָט די צייט, ווי אַ לייב, מיך צעריסן
און פאַר'סמ'ט מיינע טעג און מינוטן.
נישט גענוג, וואָס זי האָט מיך פאַרוואָרפן,
נע־ונד מיך געמאַכט און פאַרשליידערט,
האָט מיך וואַקלען געמאַכט, ווי אַ שיכור,
און פון אַלץ, וואָס מיר ליב איז, דערווייטערט;
שוין אַוועק זיינען צוואַנציק יאָר לעבן,
און איך האָב אַלץ קיין רו ניט געפונען,
איך האָב ים און יבשה געמאָסטן —
און דערווייל איז מיין יוגנט צערונען;
האָט דערווייטערט די נאָנטסטע און ליבסטע,
און האָט איטלעכן פריינט מיר פאַרטריבן,
און מיין פאָטער און מוטער און ברידער —
ס'איז מיר קיינער אין נויט נישט געבליבן;
זי האָט איינעם פאַרוואָרפן אין צפון,
דעם — אין מזרח, אין מערב — דעם דריטן,
ס'זאָל מיין בענקשאַפט זיך קיינמאָל ניט שטילן,
און די רו זאָל פון מיר זיין געמיטן;
ווען געווענדט איז צום מזרח מיין פּנים,
טוט די בענקשאַפט אין רוקן מיך שטעכן;

יהודה אבּרבּנאל

די פיס וואַקלען און האַרץ איז אין וואַנדער,
און איך ווייס נישט, וואוהין כ׳זאָל מיך ברעכן —
האָט די צייט נאָך מיין האַרץ מיר צעשפּאַלטן,
אָן רחמנות צעריסן, צעשלאָגן,
ס׳איז אַ נעסט פול מיט זיפצן און שרעקן,
צעראַבירט, און געפאַנגען, באַטראָגן.
און דאָס אַלץ איז נאָך ווינציק געווען איר —
האָט געזוכט צו פאַרלעשן מיין פייער;
כ׳האָב צוויי ליכטיקע קינדער געבוירן,
כ׳האָב צוויי זין געהאַט, איידל און טייער,
כ׳האָב דעם יונגערן שמואל גערופן,
האָט די צייט זיך אויף אים געטאָן צילן,
צו פינף יאָר אים גענומען דאָס לעבן —
און מיין האַרץ קען זיך אייביק ניט שטילן.
און דעם עלטערן יצחק גערופן,
אַברבּנאַל, ווי זיין ליכטיקן זיידן,
ווי בן־ישי, דאָס ליכט פונם מערב,
וועלכער האָט אונז אין פּראַכט געטאָן קליידן.
איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיין געבוירן,
אַלץ, וואָס גוט איז, אין אים צו פאַרפלאַנצן,
גאָר דאָס וויסן פון זיידן און פאָטער
ווי אַ קרוין זאָל זיין קאָפּ אים באַקראַנצן —
נאָר די צייט, מיין באַטריגער און שונא,
האָט אין עלטער פון יאָר אים פאַרנומען —
אין דעם גירוש פון אידן אין שפּאַניע
איז דער גזר פונם קיניג געקומען,
אַז איך זאָל נישט אַרויס פון זיין מדינה,
האָט געזוכט פון מיין קינד מיך באַרויבן —
ס׳האָט דער קיניג געוואָלט אים דערציען
אינם שויס פונם קריסטלאַכן גלויבן.
נאָר ס׳האָט איינער, אַ פריינד מיט אַ טרייער,
מיר בשתיקה געטאָן דאָס אַנטפלעקן;
און אין איינער אַ נאַכט אין אַ שוואַרצער,
בגנבה, מיט האַרץ פול מיט שרעקן,

יהודה אברבנאל

האָב נאָך פּאָרטוגאַל איבערגעשיקט אים —
האָט געקיניגט אַ מלך דאָרט איינער,
אַ מיאוס׳ער, בלוטיקער אַכזר,
אַ געלטגייציקער הונט, אַ געמיינער.
ווען זיין ברודער האָט מורד געווען
און געזוכט אַט דעם נפש צו טויטן —
האָט מיין פאָטער צעשטערט זיינע פּלענער,
און באַהילפיק געווען אים אין נויטן.
ער איז דאַן קיין קאַסטיליע אַנטלאָפן,
ס׳איז מיין פאָטער אַרויס אים אַנטקעגן,
ער האָט אַלץ, וואָס כ׳פאַרמאָג, צוגענומען,
מיינע אוצרות און גאַנצן פאַרמעגן.
און אַצינד, ווען ער האָט נאָר דערוואוסט זיך,
אַז מיין קינד אין זיין גבול איז באַהאַלטן —
האָט דער דאָזיקער קיניג באַפוילן,
מיין קינד, מיין פאַרוואָגלט פאַרהאַלטן.
האָט די שענסטע און בעסטע פון אידן
בייטן זייער אמונה געצוואונגען;
ס׳האָבן פיל זיך דאָס לעבן גענומען,
און פיל זיינען געוואָרן פאַרשלונגען.
און מיין קינד איז פאַרנומען געוואָרן
און גע׳שמד׳ט אין דעם טאָג פון צאָרן;
צוועלף יאָר איז ער אַלט שוין אַצינדער,
ניט געזען האָב איך אים אַלע יאָרן.
און איך האָב אַלץ צו זיך אַליין טענות,
און זיי טוען מיין לעבן פאַר׳סמ׳ען;
כ׳האָב פון פאַסטקע אין נעץ אים געוואָרפן,
כ׳האָב פון פייער געשיקט אים אין פלאַמען.
און איך האַלט זיך אין נאַרן מיט האָפנונג:
וואָס פאַרזאַמסטו זיך, ליבער, געטרייער?
וואָס צעברעכסטו דאָס האַרץ פון דיין פאָטער,
און פאַרברענסט מיך אין העלישן פייער?
און דער טאָג ווי די נאַכט איז מיר פינצטער,
און איך זע ניט קיין ליכט פאַר די אויגן;

יהודה אַבּרבּנאל

אַז די זון און לבנה און שטערן
זיינען שוואַרץ, מיט אַ וואָלקן פאַרצויגן,
אַז עס פאַלט ניט קיין שיין אין מיין וואוינונג,
און קיין שטראַל טוט צום פענצטער ניט קומען;
און עס בליט ניט קיין רויז אין מיין שרון,
און עס פאַלט ניט קיין טוי אויף די בלומען,
און עס נידערט קיין שלאָף אויף די ברעמען,
גיי אַרום ווי צעטומלט, דערשלאָגן;
איך געפין ניט קיין טעם אין מיין עסן,
איך בין מיד שוין מיין אומגליק צו טראָגן.
און איך מיש מיין געטראַנק מיט די טרערן
און דאָס האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער;
ס׳קומט קיין ווייַן ניט ביי מיר אויף די ליפּן,
נאָר אַן ווייַן, בלויז פון פּיין, בין איך שיכור.
אָבער חלום איך פון דיין צוריקקער
און איך זע דיין געשטאַלט אין מיין חלום —
ווערט מיר ליכטיק און קלאָר פאַר די אויגן
און איך מאַך מיטן לעבן באַלד שלום.
און מיין שלאָף ווערט געלייטערט אין פריידן
און דיין נאָנטקייט איז ליב מיר און טייער —
נאָר געדענק איך, אַז דו ביסט פאַרלאָרן,
נעמט דאָס האַרץ ווידער ברענען אין פייער.
ווייל אַן דיר איז דאָס לעבן אַ משא,
און מיין מוט איז צעבראָכן, פאַרגאַנגען;
און איך האָב מיינע פידלען צעשמעטערט,
אויף אַ ווערבע מיין האַרף אויפגעהאַנגען.
און מיין טויב איז אַ ראָב מיר געוואָרן,
איך וויל לעבן אַליין אין מיין קומער —
עלנט קינד מיינס, דיין בראָך טוט מיך ברעכן,
האָט אַ נעץ געטאָן שפּרייטן אַרום מיר.
האָט אין האַרצן געגאָסן מיר מורא,
מיט צעפוילטקייט געטריפט אין די ביינער,
ווען איך הער, ווי טאָג־טעגלעך דיין מאַמע
האַלט אין ווייַנען און קלאָגן: „מיין שיינער,

יהודה אַבּרבּנאַל

„אַ, ווער האָט פון מיין שויס דיך גע׳גנב׳עט
„און וואו ביסטו געוואָרן פאַרטראָגן?״
איך האָב מער ניט דעם פיין געקאָנט דולדן
און די לייד ניט געקענט מער פאַרטראָגן.
כ׳האָב דיין מוטער דאָן איבערגעלאָזן,
אין דער פרעמד אויסגעוואָנדערט פאַרציטערט;
צווישן היציקע פעלקער פון אדום
נע־ונד, וואָגל אום איך פאַרביטערט.
און ניטאָ פאַר מיין וואונד קיין רפואה,
שטופּט די צייט מיך אין פינצטערע גריבער,
און די טעג און די נעכט זיינען נמאס
און דער ביטערער טויט איז מיר ליבער.
פאַרן מענטש, דעם געיאָגטן־געפּלאָגטן,
איז דער טויט שוין פיל בעסער פון לעבן;
ווייל וואָס קען איך זיך ריכטן אויף בעסערס
און וואָס קען שוין די צוקונפט מיר געבן?
רעד איך ווידער צום קינד צו מיין איינציקס:
כ׳בעט דיך ,קינד, זאָלסט מיין האַרץ שוין ניט קלעמען;
אַז דו שטאַמסט פון חכמים ווי נביאים,
זאָלסטו וויסן זיין, קינד, און באַנעמען.
און די חכמה איז דיינס אַ ירושה,
זאָלסט אומזיסט נאָר די צייט ניט פאַרלירן;
זע, מיין קינד, דו זאָלסט גלוסטן צו לערנען,
לערן תורה, זי וועט דיך באַצירן.
לערן משנה און תלמוד און פסוק,
דו זאָלסט קענען, מיין קינד, און זאָלסט וויסן —
נאָר אַזוי ווי מיט מעסערס אין האַרצן,
שטעכט דער פיין און דאָס האַרץ ווערט צעריסן.
וועמען לאָזן מיין וויסן בירושה
און צו וועמען מיין וויין געבן טרינקען?
נאָך מיין טויט ווער וועט עסן די פרוכטן
און ווער וועט מיין ליד נאָך מיר זינגען?
ווער באַנעמט דאָן דעם סוד פון די ספרים,
וואָס מיין פאָטער דער גרייז האָט געשריבן?

יהודה אַבּרבּנאל

פון זיין קוואַל ווער וועט שעפּן דאָס וואַסער
און ווער וועט נעמען אין דורשט צו די ליפּן?
און ווער וועט מיינע בלומען דאָן קלייבן
און געניסן פון פּרוכט פון מיין וויסן?
און ווער וועט מיינע ווערק צענויפזאַמלען
און ווער וועט מיינע אויגן מיר שליסן?
אויב ניט דו, מיין באַליבטער, מיין יורש,
דו, מיין קינד, דו, מיין יורש מיין יונגער —
נאָך דיר דורשטן מיין לייב און נשמה,
מיט דיר שטיל איך מיין דורשט און מיין הונגער.
פאַר דיר פּאַסן מיין חכמה און וויסן,
וואָס איין העלפט איז פון פאָטער בירושה;
אויף דער צווייטער העלפט האָב איך געמיט זיך
און געאַרבעט אין טהרה און קדושה.
ווי קומסטו צווישן אומריינע הערצער,
זאָלסט אין טומאה ניט ווערן פאַרלאָרן;
צווישן זיי לייכט דיין קלאָרע נשמה
ווי אַ רויז צווישן ווילדגראָז און דאָרן.
לויף צו מיר, ווי אַ הירש פון די יעגער,
ווי אַ אינד, וואָס אַנטלויפט מיטן לעבן,
צו דיין פאָטער, וואָס האָט דיך געבאָרן —
גאָט זאָל כוח און גבורה דיר געבן.
און ער, גאָט, זאָל אַ וועג פאַר דיר באַנען,
און דער וועג זאָל דיך פירן אין פריידן;
און מיין פינצטער געמיט זאָל זיך אָפּטאָן,
כ׳וועל דיר געבן די ברכות פון זיידן.
כ׳וועל דאָן זינגען אַ ליד צו מיין בורא,
כ׳וועל אים פריידיק אַ לויבגעזאַנג זינגען;
כ׳וועל מיין קינד אין זיין האַנט איבערגעבן,
איך וועל דיך אַ מתנה אים ברענגען.
ער וועט ציון מיר נאָכאַמאָל וויזן
איינגעפאַסט אין שמאַראַגדן, אָפּאַלן —
די צוויי ליכט: אליהו און משיח
זאָלן העל איבער מיר זיך צעשטראַלן.

יוסף בן־שמואל צרפתי

געלעבט אין איטאַליע, געשטאָרבן אין יאָר 1527.

ליבע־לידער

א.

ווייל איך לעב — ביי דיין הויז וועל איך וואַכן,
און וואָס גייען מיר אָן לייטנ׳ס בליקן?
איך האָב ליב דיינע טירן, און גרייט זיך
דיר צו דינען און דיך צו באַגליקן.
מיט מיין וואָרט וועל איך וועקן די טויטע,
מיט מיין ליד וועל איך וועלטן אַנטציקן —
ביז דו וועסט מיין געבעט נאָך פאַרנעמען,
און איך וועל צו מיין האַרצן דיך דריקן.

ב.

און הגם דו ביסט וווייט פון מיין וואוינונג —
ביסט נענטער ווי נאָנט אין מיין ציטער;
מענטשן מיינען, אַז איך בין אַ פרייער —
נאָר דיין וואָרט איז מיין האַר און געביטער.
און אויב ברייט איז מיין פוסטריט און זיכער —
מיר איז ענג אָבער, האַלטסט מיך געפאַנגען.
דו אַליין גיסט מיר טויט און גיסט לעבן,
דו באַהערשסט מיך לויט דיינע פאַרלאַנגען.

ג.

שלאָפסט אין רו, ווען איך וואַנדער און וואַגל
ביי דיין הויז, און עס נעמט מיך קיין דרימל;
זיס דיין שלאָף, ווען מיין ווייטיק פאַרפינצטערט
די לבנה און שטערן אין הימל.
דיין געשטאַלט יאָגט מיין שלאָף פון די אויגן
און עס גיט מיר קיין רגע קיין פרייע —
בלויז אין דיר — מיינע אַלע געדאַנקען,
און זיי שמעלצן, ווי וואַקס, אין דיין פייער.

ד.

גאָר דעם חן, וואָס די צייט האָט געשענקט דיר,
וועט זי צונעמען, מער דיר נישט געבן;
און דיין שטאָלץ, וואָס דו מיינסט, עס לעבט אייביק,
וועט פאַרשווינדן, ווען ס׳עקט זיך דיין לעבן.
און דיין שטריק, וואָס זי האַלט מיך געבונדן,
וועט די צייט מיט איר מעסער פאַרשניידן;
צייט דערנידריקט, צייט טוט דערהויבן
און באַצאָלט פאַר׳ן מענטשלאַכן ליידן.

ה.

עס איז ביטער און פינצטער די עלטער,
און באַלאַדן מיט פיין און מיט שרעקן;
אַ געשטראָפטע מיט כל׳ערליי קראַנקהייט
ווינקט די פינצטערע גרוב איר אַנטקעגן.
אָבער יוגנט איז ליכטיק און פריידיק,
צויבערט גליקן און כשופ׳ט באַגערן —
דריק דיין בחור מיט פרייד צו דיין האַרצן,
כל־זמן יוגנט נאָך לויכט אויף דיין שטערן!

שמעיה

איטאַליעניש־העברעאישער דיכטער. מען איז זיך משער,
אַז ער האָט געלעבט אין אָנהייב פון 16־טן יאָרהונדערט.

אַ פרימאָרגן־תפילה

צו גאָט, וואָס פאַרשט מיין האַרץ, מיין לויב טוט קלינגען,
ווען אַלע מאָרגנשטערן זינגען...

האָט די נשמה אייערע אין זינען,
זי האָט בריליאַנטן, פערל און רובינען,
און ליכט, וואָס נאָר אַ גרויסע זון קען שפּינען —
זיבנפאַכיק מער פון מאָרגנליכט.

פון כסא־כבוד אויסגעשטראַלט פון ריינעם,
אַ גאַסט אין וויסטן קערפער און געמיינעם

שמעיה

צו ראַטעווען זי פון די פייערן פון גיהנם —
זי לויכט אין שיין, ווען אויס איז מאַרגנליכט.

דערוואַכט, ווייל יעדע נאַכט די זעל טוט שוועבן,
טוט שטייגן אינם הימל, אָפּצוגעבן
אַ קלאָרן דין־וחשבון פון איר לעבן
פאַר אים, וואָס מאַכט אי נאַכט, אי מאַרגנליכט.

געפינט ער זי אין זינד אַן אויסגעשמירטע,
פון שמוץ פון לעבן אַ צעטומלטע, פאַרוווירטע,
אַ דינסט אַ שפּל'ע און אַ פאַרפירטע
שטייט זי פאַר אים אין מאַרגנליכט —

ווערט זי מיט טלית און מיט תפילין אַ באַשיינטע,
אַ ציכטיקע, אַ ליכטיקע, באַ'חנ'טע,
אַן אויסגעפּוצטע כלה, אַ באַקריינטע,
זאָל ער זי זען אין מאַרגנליכט.

דער נאמן, אָפּצוגעבן וואָס גענומען —
ער שיקט זי אָפּ צוריק אין גוף אין שטומען,
און קיינער איז נאָך פאַר זיין זינד ניט אומגעקומען —
פאַרביי איז נאַכט, ס'קומט מאַרגנליכט.

לעבט אויף, איר לייט, די עלנטע, די איינע,
די כשר'ע, אומשולדיקע און ריינע;
און ווער ס'איז זיך אַליין אַ שונא —
ווי קען ער אויסקוקן אויף מאַרגנליכט?
(א. ש. שוואַרץ)

ישראל נאגארה

געבאָרן אַרום יאָר 1560 אין דמשק ,וואו זיין פאָטער איז געווען רב. אַ שטיק צייט געווען מיטגליד פון בית־דין אין עזה. געפירט אַן אומרואיק לעבן פון אַ וואַנדער־זינגער. דורך זיינע וואַנדער־יאָרן זיך באַקאַנט מיט די פאָלקסלידער פון אָריענט, אין טערקיש, אַראַביש, שפּאַניש, נייגריכיש און איטאַליעניש, און געשאַפן זיינע העברעאישע און אַראַמעאישע לידער לויטן ריטם און ניגון פון די אויבנדערמאָנטע פאָלקסלידער. זיינע לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער גאָלדענעם קלאַנג, האַר־ציקייט און אינטימיטעט. איין־איינציק איז געווען זיין מאָטיוו: און דאָס איז: דאָס לעכצן נאָך גאולה. דער דאָזיקער מאָטיוו חזר׳ט זיך איבער אין הונדערטער וואַריאַציעס. דער אר״י הקדוש פלעגט זאָגן, אַז דעם נאגארה׳ס נשמה איז אַ ניצוץ פון דוד המלכ׳ס. אין 1605, ווען ס׳איז דערשינען זיין בוך „זמירות ישראל״, איז נאָך דער דיכטער געוועןביים לעבן.

גלות און גאולה

א.

דאָס הארץ וואַרט אויף ליכט — און עס קומט נישט,
פאַרשפּעטיקט זיך האט מיין פרימאָרגן;
מיין גאָט האט די נאַכט אויסגעצויגן,
דאָס ליכט פון מיין טאָג איז דערוואָרגן.

כ׳האָב געהאָפט, מיין באַגליבטער וועט קומען
באַזוכן זיין גאָרטן פאַרדאָרטן —
און כאָטש ער האט לאַנג זיך פאַרהאַלטן,
האָב איך אַלץ נישט אויפגעהערט וואַרטן.

איך טראָג דעם יאָך רואיק, געדולדיק,
און שרעק זיך נישט אָפּ פאַר׳ן שפּעטן
פון בייזן און בלוטיקן שונא,
וואָס האַלט מיך אין שטיקן און טרעטן.

דער שונא האָט קריינק מיר געגעבן,
און זאָגט אַלץ: גאָט האט מיך פאַרלאָזן;

ער האָט, ווי אַ לייב, מיך צעפּיצלט,
זיין פּנים מיט פּעטס איז פאַרגאָסן —
דאָך האָף איך צו גאָט אונטערטעניק,
און וואַרט אַלץ און וואַרט אויף מיין קעניג.

ב.

ווי אַ פּאַלמע זאָל הילף זיך צעוואַקסן,
מיין פאָלק זאָל זיך ווידער צעבליען;
זאָל גאָט אַלע זינד אונז פאַרגעבן,
און איינזאַמלען אונז אין ציון.

איך האַלט איין מיין אָטעם אין שווייגן —
ס'האַרץ טוט צום געליבטן זיך ווענדן:
ער האָט דאָך זיין וואָרט מיר געגעבן,
ער וועט מיך נישט לאָזן פאַרלענדן.

ווי די פרייד פון אַ חתן מיט זיין כלה,
וועט מיין פרייד אַזוי זיך באַנייען —
איך וועל אַן מיין טרויער פאַרגעסן,
ווען ער וועט מיך קומען באַפרייען.

נעם אַן זיך מיין קריג און לייז אויס מיך,
ביי דיר איז קיין אָפּהאַלט פאַראַנען —
משיח בן־דוד זאָל קומען
און זאָל מיך פאַרנעמען פונדאַנען.

ג.

אויף דער שטומער פאַרוואָגלטער טויב
ברומט מיר דאָס האַרץ, ווי אַ פלייט;
פאַריאָגט וואו די וועלט האָט אַ ברעג נאָר,
קלאָגט זי און קלאָגט זיך פון לייד.
אירע אויגן פליסן מיט טרערן,
זי קען זיך נישט שטילן אין פּיין,
ביז ער וועט זי אויסלייזן ווידער,
דער גואל, געוויקלט אין שיין.

זי זיצט צווישן די פעלקער —
האָט רו נישט געפינען געקענט;
און זי איז פאַרטרויערט, באַדויערט
איר נעסט, וואָס איז צוויי מאָל פאַרברענט.
איר פוס איז אין קייטן געפּענטעט,
אירע קינדער זיינען פאַרקלעמט.
מען רודפ׳ט זיי: „ווייטער גייט, טמאים!"
און זיי זיינען בלוטיק פאַרשעמט.

און פעלקער זיי קומען צום ווייַנשטאָק
און שטעלן אים נאַקעט און הויל;
און איטלאַכער דורכגייער פליקט אים
און לייגט זיינע פרוכטן אין מויל.
אוי, גאָט! זאָלסט פאַרטרייבן די חיות,
וואָס האָבן מיך באַלד שוין פאַרצערט;
און שטעל אָפּ די האַנט פון דעם מערדער,
וואָס שרעקט מיך מיט שפּיז און מיט שווערד!

ד.

עס פליסט פון דיין ליפּ מיט האָניק,
ביסט קלאָר ווי די לבנה און באַנג;
עס זיינען מיר ליב דיינע לידער,
דו זינגט מיר אַצינד דיין געזאַנג.
איך וועל פאַר דיר בייטן די צייטן,
און יונג וועסטו ווערן פון אַלט;
דיין פרייד, ווי אַ רויז, וועט זיך גרויסן,
אַ רויז צעבליט און צעשטראַלט.

ביסט זאַט מיט וואָגל און וואַנדער,
דורך וויסטעניש טרוקן און דאַר;
אין ערגעץ קיין רו נישט געפונען,
געטריבן פון עלנט און צער.
דו ביסט מיין געליבטע פון טעכטער,
דו ביסט צווישן דערנער אַ רויז;
זיי האָבן ביז טויט דיך געוויַיטיקט,
גע׳רודפ׳ט, געיאָגט דיך פון הויז.

דערזען האָב איך איצט דיינע טרערן,
וואָס פליסן פון פּנים אַראָפּ;
דיין וואונד וועל איך געבן אַ היילונג
און רו — דעם פאַרמאַטערטן קאָפּ.
איך האָב פאַר דיר טרייסט און האָפנונג,
וועסט אומקערן זיך צו דיין שטאָט —
און יענער, וואָס זוכט דיין אומגליק,
וועט ווערן צו שאַנד און שפּאָט.

צום לאַנד, וואָס דיין האַרץ טוט באַגערן,
אויף וואונדער און ציר געבויט —
וועל איך דיך צוריק נאָך ברענגען
פון וואוינונג פון טיגער און טויט.
דאָרט וועל איך צווישן דיר רועה,
ווי יאָרן אַמאָל און דיין לויב —
און מער וועל איך דיך נישט פאַרלאָזן,
מיין טרויעריקע, עלנטע טויב!

ה.

הער אויס, דו עלנטע, ארימע,
וואָס איז שכור, און נישט פון וויין —
געשווינד לייז איך אויס דיך פון גלות,
דיין שונא פאַרגייט אין פּיין.
מיין שיינקייט, געגנוג שוין געליטן,
אין דיין טרער זאָל זיך צינדן אַ שטראַל;
זאָלסט שעפּן דיין וואַסער מיט פריידן
פון הילף פון ליכטיקן קוואַל.

זאָל קלינגען דיין ליד מיט כוח,
דאָס ליד, וואָס מיט ליבע טריפט,
ווייל כ'האָב פון דיין האַנט צוגענומען
דעם בעכער פון גאַל און גיפט.
איך וועל צו דיין פיינט אים געבן,
וואָס האָט מיין היים פאַרוויסט;
זאָל ער מיט דעם סם ווערן שכור
און פאַלן און ווערן צונישט.

ו.

דו, מיט די שיינע אויגן,
האָסט אַלעמענס הערצער געפאַנגען —
דיינע ליפּן טריפן מיט האָניק,
אויף דיין פּנים איז ליכט אויפגעגאַנגען.

דו זינג אַצינד האַרציקע לידער
צו גאָט דעם געטרייען, דיין מלך,
און ער וועט דיין תּפלה דערהערן, —
מיין קינד, מיין באַליבטע, זיי פריילאַך!

דיין טאָל וועט זיך וויקלען אין תּבואה,
און דיין וואַלד וועט האָפערדיק ברומען;
טו אָן דיין בריליאַנטענע צירונג —
לויכט אויף, ווייל דיין ליכט איז געקומען!

ז.

דיין לבנה וועט פינצטער נישט ווערן,
און דיין זון וועט שוין מער נישט פאַרגיין —
מיין האַרץ טוט דיין נאַנטקייט באַגערן,
דאָס פייער פון ליבע ברענט ריין.
דיין ליכט וועט אין פינצטערניש העלן,
ווי אַ זון, אַזוי לויטער און קלאָר —
ווער ס'זעט דיך, וועט זילבער נישט וועלן,
אויף גאָלד זיך נישט אומקוקן גאָר.

דיין קאָפּ וועט אין גאָלדיקייט שפּילן,
און דיין פּנים וועט לויכטן פאַר פרייד;
דיין וואָרט וועט ווייטיקן שטילן,
ווי אַ טייך, וואָס פליסט פרידן און גייט.
דיין חן וועט דעם פרייען באַצווינגען,
פאַר'ן שקלאַף וועט עס ריידן געבעט;
ס'וועט דיין ליפּ טריפן האָניק און זינגען
און ס'וועט רימען דיך יעדער, וואָס זעט.

ח.

זיין רעכטע האַנט טוט מיך האַלדזן,
און זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ —
צי אַרויס מיך פון זומפּ פון דעם גלות,
פון קנעכטשאַפט באַפריי און היט אָפּ.

כ׳האָב געוואַרט אויפ׳ן ליכט פון פרימאָרגן,
אָבער לאַנג איז און פינצטער מיין נאַכט;
און דער שונא דערשטיקט יעדע האָפנונג,
און איך וואַרט אויף דער גאולה און שמאַכט.

ס׳האָט דער שונא ביז בלוט מיך גע׳רודפ׳ט,
און ברעכט מיר דאָס האַרץ מיט זיין קול;
נאָר וואָס מער ער פייניקט מיך, ווער איך
אַלץ מער און אַלץ שטאַרקער אין צאָל.

ער ווייס נישט, דער נאַר, אַז נישט תמיד
דער פלינקער דעם וועטלויף געווינט —
איך וועל זיך נאָך איבער אים שטאַרקן,
ווען גאָט קומט צוהילף מיר געשווינד!

ט.

דיינע טריט זיינען שיין, פרינצעסין,
מיין חנ׳עוודיק קינד און פאַרצאָגט;
דאָס ליכט אויף דיין פנים טוט שטראַלן,
ווי די ליכטיקע זון, ווען עס טאָגט.
איך געדיינק דאָך דיין כלה׳שאַפט־ליבע,
און דער וועג איז דאָך אויך מיר באַקאַנט,
ווען דו ביסט מיך נאָכגעגאַנגען
דורך דעם מדבר׳ס וויסטן לאַנד.

שטיל אין דיינע כוואַליעס פון טרויער,
קער ווידער צו מיר זיך אין פרייד;
פאַרוואַרף דיינע קייטן פון קנעכטשאַפט,
ציר אויס זיך אין גילדערנער קייט.

ס'איז ליב מיר דײַן נאַנטקייט, דײַן ליבשאַפט,
מײַן ליליע פון שרון, מײַן רויז —
דו קום אין דער שטאָט אין דער פעסטער,
און רו אין געמויערטן הויז!

י.

מײַן האַרץ קלאַפּט זיך אַן אין דײַן טויער
און האָפט נאָך אויף רחמים און גנאָד;
עס גליט נאָך אַ קויל אין מײַן טרייער,
אַז ס'וועט אונז דערנענטערן גאָט.

טאָג־טעגלאָך ווײַנט ס'האַרץ און טוט גאָרן,
זאָלסט אײַנטיילן אונז פון דײַן גלאַנץ;
איך בין ווי אַ דעמב, וואָס טוט דאָרן —
מאַך ווידער מיך פריש און מאַך גאַנץ.

נעם טוליע מיך צו צו דײַן האַרצן,
כ'זאָל ווידער נאָך ווערן דערפרייט;
דער פײַנט טוט מײַן לעבן פאַרשוואַרצן
און האַלט מיך געשמידט אויף אַ קייט.

זײַ מציל פון הינטישע צײַנער
מײַן נשמה, צעריסן און קראַנק;
שיק אויסצערונג זײַ אין די ביינער,
און ווייטיק און שמאַך זײַ דערלאַנג.

קוק צו זיך, ווי איך בין געבויגן,
פאַרטרויערט און שווער מײַן געמיט —
ווי לאַנג וועל איך זען פאַר די אויגן
מײַן שונא איז שטאַרק און צעבליט?

ווי לאַנג וועסטו האַלטן אין שנײַדן
דעם פּראַכטיקן צווײַג פון מײַן בוים?
ניט טו דײַן רחמנות פאַרמײַדן,
און פיר מיך צוריק אין דײַן היים!

י״א

איך האַלט דיך פאַרזיגלט אין האַרצן
און וועל אייביק דיך געדיינקען;
איך באַהאַלט דיין ליבע אין נשמה,
נאָך דיין ליכטיקייט טו איך בייַנקען.
כ׳האָב פאַרזוכט דיינע זיסע ליפּן —
ס׳איז ווי האָניק צו מיין גומען;
קום און באַשיץ דיך אין מיין שאָטן,
אין מיין חדר זאָלסטו קומען!

מיין נשמה גייט אויס נאָך דיין שיינקייט,
וואָס לויכט, ווי די פולע לבנה;
דיין ליכטיק געשטאַלט איז געגליכן
צום שלאַנקן צעדער פון לבנון.
ווענד אָפּ דיינע אויגן פון מיין פּנים —
כ׳וועל דיין בליץ נישט אויסהאַלטן קענען:
פאַר דער ליכטיקער זון און קלאָרער
האָסטו זיך נישט וואָס צו שעמען.

באַווייז דיך צו מיר מיט דיין מראה —
דו ביסט צו אַ רויז געגליכן;
דיינע ליפּן — אַ פּאָדים אַ רויטער —
טאָ קום זשע צו מיר איינגיכן!
ווער עס זעט נאָר איינמאָל דיין שיינקייט,
וועט מער שוין נישט קענען שלאָפן;
עס שיסן דיינע אויגן מיט פיילן —
זיי האָבן אין האַרץ מיר געטראָפן!

י״ב

שיק צו מיין האַרצן די רפואה —
און דאָס איז: אליהו, דער שליח.
במהרה בימינו זאָל ער קומען,
צוזאַמען מיט׳ן מלך המשיח.
ער איז גוט און זיין בשורה איז גוט,
צום פאַרוואונדיקטן האַרץ זאָל ער ריידן:
אַז גאָט האָט דערבאַרימט די צעשפּרייטע שאָף
און ס׳נעמט שוין אַ סוף צו די ליידן.

אין אַ גרויסן שופר וועט ער בלאָזן,
די פאַרשטויסענע צענויפנעמען —
ער וועט מיינע שונאים צעשפּרייטן,
און זייערע עצות פאַרשעמען.
און מיין ליכט זאָל זיך העל צעשיינען,
ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן;
איך זאָל נאָך מנוחה געפינען
און אויפגעריכט זאָל איך נאָך ווערן.

די ווייטע דערנענטערט זיין אָרעם,
מאַכט שלום צווישן טאַטעס און קינדער;
וועט איינשטילן אַלע מחלוקות,
וואָס ברויזן אין פאָלק אַצינדער;
זאָל אַננעמען זיך מיינע קריוודעס,
זאָל קומען אויפ׳ן פיינט די מפלה;
און איך זאָל נישט דאַרפן מער ציילן
די פינצטערע יאָרן פון גלות.

צום פאָלק זאָל ער ברענגען די בשורה,
אַז גאָט האָט געקיניגט אין ציון;
דעם גוטן באַוואַסערטן גאָרטן
זאָל ער הייסן זיך צעבליען.
און אויפהויבן זאָל ער זיין היכל,
וואָס ליגט צו דער ערד צעטראָטן —
זע, דיין מלך איז געקומען,
קום און באַשיץ דיך אין זיין שאָטן!

י״ג

מיין האַרץ הויבט זיך אויף ווי אַן אָדלער
צום הימל פון האָפנונג און גלויבן,
ביז גאָט וועט מיר וואונדער באַווייזן
און וועט מיט זיין הילף מיך דערהויבן.

כ׳בין מיד שוין פון וואַנדער און וואָגל,
אין בלאָטיקע זומפּן דערטרונקען —
עס האָבן אכזריות און רשעות
מיין לייב און מיין לעבן פאַרשלונגען.

א, גאָט, זע, ווי עלנט מיר זיינען,
געבליבן איז גאָרנישט חוץ האָפן —
צעבראָכן מיינע קייטן פון קנעכטשאַפט,
און טויער פון תפיסה מאַך אָפן!

י״ד

איך שפּרייט אויס די הענט אין תפילה,
מיין נשמה נאָך דיר איז מיד;
א, ליכט פאַר די לעכצנדע אויגן,
הער צו און פאַרנעם מיין ליד.

פאַר דיר לייג איך ס׳האַרץ מיינס אָפן
און זינג דיר אַ ניי געזאַנג;
מיט׳ן זינגען פון מאָרגנשטערן
דיר גיב איך מיין לויב און דאַנק.

די טויב פון איר נעסט איז פאַרפלויגן,
פאַרציטערט, פאַרבלוטיקט, געפּרעסט;
ביים רויבערשן אָדלער און שפּאַרבער
האָט זי געמאַכט זיך איר נעסט.

פאַר ווערמען מיין אומגליק דערציילן
און ווער וועט מיך היילן פון לייד,
אויב נישט דו, מיין געטרייער, געליבטער,
דו פעלז פון מיין האָפנונג און פרייד?

ט״ו

דאָס האַרץ איז פאַר חרפּה צעבראָכן,
אין יאָך פון דעם גלות געשפּאַנט.
עס וואַרט יעדן טאָג פאַר אַ טרייסטער,
נאָר אייזן און שטאָל איז די וואַנט.

זאָל גאָט, וואָס לעבט אייביק, אונז טרייסטן,
אַרויסציען אונז פון דער גרוב;
דיין צאָרן גיס אויס אויפ׳ן שונא,
וואָס האָט חרוב געמאַכט מיין שטוב.

יוסף בן-משה גאַנסאָ

זאָל גאָט אונז שוין אויסלייזן ווידער,
ווי פון לאַנד פון מצרים אַמאָל, —
ער זאָל אונזער יאָך צעברעכן
און צעשמעטערן אייזן און שטאָל!

יוסף בן-משה גאַנסאָ

געבאָרן אין טערקיי אין ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונ־דערט, געשטאָרבן אין ירושלים. אין זיין פּאָעזיע איז ער אַ טרייער תלמיד פון דעם נאַגאַרה.

תפילות

א.

ווען שלעכט איז מיר — זיי מיט מיר, פאָטער געטרייער,
מיין רעכטע האַנט שטאַרק, ווען איך ברען אינ׳ם פייער —
ראַטעווע, גאָט!

און נישט גיב מיך איבער אין האַנט פון די שונאים,
וואָס לייגן און זאָגן פאַלש־עדות אין פּנים —
ראַטעווע, גאָט!

נישט לאָז מיך דאָ ווערן צעטראָטן, צעריבן,
קום העלף מיר, ווייל איך בין איצט איינזאַם געבליבן —
ראַטעווע, גאָט!

נעם צו מיין געבעט און באַוויליק מיין ליד,
מיין האַנט זאָלסטו שטאַרקן און היטן מיין טריט —
ראַטעווע, גאָט!

ב.

גאָט, מיין נשמה דורשט נאָך דיר און מיין לייב טוט צערן,
באַשאַפער פון זון און לבנה און שטערן!

מיין נשמה שמאַכט נאָך דיר אין צייט פון מיין נויט —
שטיי אויף, גאָט, און העלף
פון בייזע, בלוטיקע וועלף!

דערפריי זי מיט דיין חסד, אויף דיר איז איר האָפנונג,
און ווערן זאָל זי ווידער אַ דערוואַרעמטע —
דערבאַרעם, גאָט, די נישט־דערבאַרעמטע!

פון אדום זאָל צעשטראָלן זיך דיין ליכט און קום צוהילף מיר!
די חורבות פון דיין שטאָט ריכט אויף און פורעם
אין טאָג פון שטורעם!

ג.

מיין גאָט, דאָס האַרץ אין מיר טוט ווי אַ פידל ברומען,
אַז אדום און ישמעאל האָבן זיך אויף מיר פאַרנומען
צו טראַכטן שלעכטס בלויז אויף דיין פאָלק.

עס שווינדן מיינע טעג, פאַרפליען ווי אַ שאָטן,
און דו זיצט צווישן אונז, און ס׳איז נישט געראָטן,
אַז דו זאָלסט ראַטעווען דיין פאָלק.

ווי לאַנג נאָך וועלן זיין דערהויבן אונזערע שונאים,
און ביז ווי לאַנג וועסטו פאַרבאַרגן, גאָט, דיין פנים,
און וואָס ביסטו אין צאָרן אויף דיין פאָלק?

מיר טוען איצט אונזער געבעט פאַרמערן,
אַז דו זאָלסט אונזער תפלה אין דיין הימל הערן —
פאַרגיב די זינד פון פאָלק!

און אויפשטראַלן פאַר אַלע אויגן זאָל דיין שכינה,
און ביי איר ליכט פאַרשווינדן זאָל אומזיסטע שנאה —
קום, ראַטעווע דיין פאָלק!

דעם קץ פאַרהוילענעם זאָלסטו אַנטפּלעקן,
און זאָלסט אונז איצט אַ האַנט פון הילף אויסשטרעקן —
העלף, גאָט, דיין פאָלק!

ד.

צו אַ הירש איז גלייך מיין געליבטער,
צו אַן אינד, וואָס איז יונג און שיין;

זיינע האָר — ווי אַ טשערעדע ציגן,
ווי אַ טשערעדע שאָף — זיינע ציין.
און דאָס ליכט אויף זיין קאָפּ איז ווי גינגאָלד,
און דאָס האָר פון זיין קאָפּ איז געלאָקט;
און פון אים טוט שטראָמען דאָס לעבן,
אַ קוואַליקער ברונעם, וואָס שלאָגט.

און צו אים טו איך שיקן מיין תפלה,
אַז זיין האַנט זאָל זיך שטרעקן מיט גליק,
די האַנט פון דערלייזונג, וואָס ער האָט
ביז איצט אַלץ געהאַלטן צוריק;
האָט צוגעזאָגט אונז צו דערלייזן,
און מיר זיינען אַלץ נאָך פאַרשקלאַפט;
עס יאָגן און טרייבן אונז שונאים
און אויסגעצערט ווערט אונזער קראַפט.

אַוועק זיינען האַרבסט און ווינטער,
דער רעגן איז אויך שוין פאַרביי —
און מיר זיינען אַלץ נישט געהאָלפן,
און משיח איז אַלץ נאָך נישט פריי.
און די צייט פון געזאַנג איז געקומען —
איך בין זיינע און ער איז מיין;
איז באַשמעקט מיט געטלאַכער יראה
און ער שטאַרקט זיך אין גבורה און שיין.

מיין געליבטנס פרוכט איז מיר טייער,
און זיין וואָרט איז זיס און צאַרט;
און דער ריח פון זיינע קליידער,
ווי דער ריח פון מור און נאַרד.
ער וועט אין זיין לאַנד אונז פאַרפלאַנצן
און פירן פון גלות אַרויס;
און מיר וועלן אויפבליען ווידער,
פאַרפלאַנצטע ביי אים אין הויז!

ה.

עס וואונדערן זיך מענטשן: וואו איז מיין הילף פאַרפלויגן?
און ס׳חידוש׳ן זיך פעלקער: פאַרוואָס בין איך געבויגן?
אַ, העלף מיר, גאָט, און זאָלסט מיך נישט פאַרשעמען —

יוסף בן-משה גאנסאַ

צו דיר שיק איך מיין תפלה, זאָלסט מיין געשריי פאַרנעמען!

אַ, זע, מיט האַק און האַמער האַלט דער שונא מיך אין שלאָגן,
„אוועק, איר טמאים!״ — שרייט ער און האַלט מיך אין איין יאָגן.
זאָלסט קומען און מיך פירן ווייט אַוועק פונדאַנען —

און פיטער דיינע שאָף אויף ברייטע גרינע לאָנען!

איך רוף צו דיר, ווען ס׳האַרץ איז שווער געדריקט פון ליידן,
דו זאָלסט דיין טרייען פליגל איבער מיר פאַרשפּרייטן,
ווייל דו האָסט מיך באַשאַפן, גערופן מיך צום לעבן —

דו ווייסט מיין האַרץ און נשמה, מיין האָפן און מיין שטרעבן!

ז.

זאָל קומען אליהו התשבי
און מיך פירן צוריק צו מיין לאַנד;
וואָס טוט ער ווי אַ ווינט אַנטלויפן,
וואָס שטרעקט ער נישט אויס זיין האַנט?

זאָל ער בויען די שטאָט, די פאַרוויסטע,
זאָל אויפגיין דאָס ליכט, וואָס שיינט;
זאָל ער געבן דעם שוואַכן כוחות,
און מיך ראַטעווען פון מיין פיינט!

פון טיפער גרוב פון גלות,
אַ, קום און צי מיך אַרויס —
און שיק דיינע פיילן אין שונא,
וואָס איז מעכטיק, שטאַרק און גרויס.

יוסף בן-משה גאנסא

אַ גרויסער גאָט אין הימל,
זיי באַהילפיק מיר אין מיין שטרייט —
ס'זאָל פריי און ליכטיק ווערן,
קום זעץ זיך ביי מיין זייט!

(אויף אַ מאָטיוו פון שיר השירים)

שיין איז דיין ליבע, מיין שוועסטער,
דיינע לעפצן — אַ רויטער שנור!
דיין אָטעם שמעקט ווי עפּל,
דיינע אויגן — הימל'ס לאַזור.
לאָזט מיר דאָס האַרץ דערכאַפּן,
ווייל איך בין פון ליבע קראַנק;
ווענד אָפּ פון מיר דיינע אויגן —
באַוועלטיקט איז מיין געדאַנק!

דו ביסט באַקראַנצט מיט רויזן,
ווי אַ פּאַלמע — דיין געשטאַלט;
דיינע ברוסטן, ווי העגלאַך טרויבן
אין ליכט און שיין צעשטראַלט.
דיין קאָפּ איז גלייך צו דעם כרמל
און דו ביסט געבאָדן אין שיין —
איך פיר אין מיין מאַמע'ס הויז דיך,
ביי מיר אין מיין גאָרטן אַריין!

עפן, מיין שוועסטער, מיין טרייע,
ס'קלאַפּט זיך מיין האַרץ אויף דיין טיר;
דאָס האַרץ גייט אויס נאָך דיין ליבע,
דאָס האַרץ ווערט צעשפּרונגען שיער;
ווייל ס'האַרץ פאַרלאָזט זיך אויף דיין חסד,
פאַרגייט זיך פון ליבשאַפט און פּיין —
איך וועל דיר געבן צו טרינקען
פון פיינסטן מילגרוים-וויין!

שבתי צבי

געבאָרן תשעה־באָב 1626 אין סמירנע, טערקיי. אין 1665 האָט ער זיך אָפן דערקלערט אַלס משיח. אין 1666 ווערט ער אַרעסטירט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויפן באַפעל פון גרויס־וויזיר. 5 חדשים ווערט ער געהאַלטן אין אַבידאָס פעסטונג. דעם 14־טן סעפּטעמבער 1666, ווען מען האָט אים געבראַכט צום פאַרהער פאַרן סולטאַן, האָט ער אָנגענומען דעם מחמדאַ־נישן גלויבן. געשטאָרבן אין 1676.

מעליסעלדאַ

טאָכטער פון אַ מלך גרויס —
לויכט אין וואַסער ווי אַ רויז —
מעליסעלדאַ!

פונם וואַסער גייט זי אויף,
שנייאיק ווייס און ריין איר גוף —
מעליסעלדאַ!

אירע ליפּן — רויט קאָרעל,
און די פינגער־שפּיצן העל —
מעליסעלדאַ!

אינם שטאָלץ און ליכט פון ערד
שיינט איר פּנים ווי אַ שווערד —
מעליסעלדאַ!

אויפגעשטיגן אויפן באַרג,
זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל —
דער פּרינצעסין מעליסעלדאַ
האָב דערזען איך מיטאַמאָל!

שלום שאַבאַזי

דער גרעסטער און וויכטיקסטער פון אַלע תימנ׳ער העברע־אישע פּאָעטן. מיסטיש־סימבאָליש. געשריבן פלאַם־פייערדי־קע לידער לכבוד שבתי־צבי. געבאָרן 1619 אין צענא, פּערסיע, און געשטאָרבן אין 1679.

גלויבן

א.

ווער האָט מיך געקושט און איך בין פאַרשמוצט און פאַרגעסן,
אין געצעלט פון ישמעאל, וואָס טוט דאָס שענסטע צעפרעסן?
מיט׳ן ווייַן פון פייַן בין איך שכור, און שרעק איז מייַן נשמה
אין יאָך פון דער צייַט, וואָס דריקט מיך, מאַכט ס׳לעבן מיר טמא.
זאָלסט באַווייליקן, גאָט, און מייַנע זינד זאָלסטו פאַרדעקן,
ווייל מייַן זעל אין זינקענדיקן גוף האַלט זיך אין שרעקן.
יאָ, מייַנע זינד אין תימן טוען אַלץ זיך שטאַרקן און מערן
און מייַן נשמה קוקט אַרויף צו דיר מיט חן דורך טרערן.
דו זאָלסט נישט, מייַן האַרצנס־געליבטער, אונזער זינד אַנטפּלעקן,
ווייל אונזער האַרץ און געדאַנק טוען בלויז צו דיר זיך שטרעקן.
מייַן האַרץ איז אין תימן, אָבער מייַן נשמה שוועבט מיט די ווינטן
צום הייליקן לאַנד און זי לעכצט, ווי נאָך וואַסער די אינדן.
דייַן שפע פון חסד זאָל אויף די פאַרוואַגלטע שטראָמען
און קילן דעם פייער פון שטן, וואָס קומט פון די תהום׳ען.
אין זכות פון מייַנע אבות, די מענטשן פון ליבע, די באַקרוינטע,
זאָל מייַן זינדיקע נשמה אין דייַנע אויגן זייַן אַ געשווינטע.
איך וועל אין דעם שאָטן פון באַרמהאַרציקן פאָטער זיך שיצן,
וואָס זייַן חסד און פחד טוען אין מייַן האַרצן זיצן.
מאַך פעסט מייַנע טריט און מייַנע אויגן זאָלן זען דעם כבוד
און די הערלאַכע פּראַכט פון מייַן משיח בן־דוד.

ב.

ווער האָט מיך געקושט און איך בין געפּייניקט, דערשלאָגן,
געיאָגט און געפּלאָגט פון ישמעאל דעם קנעכט און דערשראָקן?
שטאַרק מייַנע אָרעמס און דייַן שייַן זאָלסטו אויף מיר ציען
פון דעם ליכטיקן פייער, וואָס טוט אין דיר גליען.
כ׳וועל גיין צום געליבטן, ווען מייַן נשמה האָט פאַרנומען,
אויף טאַפּעטן פון זיידנס געשטיקטע מיט בלומען.

ער האָט געשטעלט אַ טאָג, ווען איך זאָל צו זיין באַרג קומען,
און אויסגעפּרובט די כלה, זי זאָל ווערן אָנגענומען.
צום היכל פון סוד פון יעדן יסוד, וואָס גליט אין שטראַלן,
צי אַרויף מיין נשמה, וואָס האַלט אין איין פאַלן.
ער האָט גערייניקט די הויכע נשמות, זיי זאָלן זיין עדות,
ווען מיין ליבסטע איז געקומען אין וואונדער און סודות.
ער איז אַרונטער אויפ׳ן סיני, געוויקלט אין פייער,
און איך האָב אַ פרייגדיקן געפונען, געלייטערט און טייער.
פון שיין פון איר כבוד האָבן נשמות זיך אָנגעצונדן,
און די צוועלף שבטים האָבן אין איין פאָלק זיך צעזויפגעבונדן.
די טויערן פון הימל האָבן געטריפט מור מיט איר קומען,
און דאָס הייליקע פאָלק האָט זיין תורה באַקומען.
דער גרימיקער כוח פון שטן איז געוואָרן אָפּגענומען
און אדום, מיין פרעסער, איז זיך פאַרגאַנגען אין ברומען.
ביז די טויערן פון ציון האָבן מיינע טריט געקלונגען,
צום קוואַל פון לעבן, וואָס האָט געפלייצט און געזונגען.
קוק אַרונטער, געליבטער, פון הימל און האָב רחמנות
אויף מיין עלנטער נשמה, וואָס געפינט זיך אין סכנות,
זי וואַרט אויפ׳ן טאָג, ווען דיין הילף וועט קומען צושוועבן,
ווייל בלויז אויף דיין חסד איז איר האָפנונג אין לעבן.
דערפריי די פאַרלוירענע אין גלות און דערוואַרעם,
דיין פאָלק, דאָס צעשטויבטע, קלייב אויף און דערבאַרעם!

יעקב בן־דוד פראַנסיס

געבאָרן אין מאַנטואַ, איטאַליע, אין יאָר 1615 און געשטאָרבן אין יאָר 1667. פּאָעט און פּאַמפלעטיסט. האָט ביטער באַקעמפט דעם פאַלשן משיח שבתי־צבי.

אַ טרייסט־וואָרט!

(סאָנעט)

וואָס שילטסטו, מענטש, דעם טאָג פון דיין געבאָרן,
וואָס רייסטו זיך דיין האַלז, פון וויי־געשריי באַנומען;
וואָס ווינטשסטו זיך, דער טויט זאָל אויף דיר קומען —
און ביסט אויף לייטנס שפּאָט און שאַנד געוואָרן!

יעקב בן־דוד פראַנסים

וואָס זידלסטו די צייט און וואַרפסט אויף איר דיין צאָרן,
וואָס טרויערסטו און האַלטסט איין זיפצן און אין ברומען —
ווייל ס׳האָט אַ ווילדער נאַר דיין ווייב אַוועקגענומען? —
דו וויסטער שוטה, אַד און ווי צו דיינע יאָרן!

מיד האָט די פאַלשע צייט ביי איר איין נעץ געפאַנגען:
איך האָב אַ ווייב אַ מכשפה, אַ שטיק שאַרבן,
און כ׳וועל זיך מיט דער דודע אייביק האַלטן —

זי וועט די צייט אפילו בייקומען און שאַלטן
פאַר מיינע שווערע זינד, און וועט נישט שטאַרבן,
מען זאָל איר מיט אַ האַק אין קאָפּ דערלאַנגען!

פּאָלעמיש

(וועגן שבתי צבי)

ווער האָט דעם יעניקן געמאַכט פאַר האַר און ריכטער,
וואָס איז אין אונזער שטויב געווען צעטראָטן?
דער מענטש, וואָס האָט באַהאַלטן זיך אין שאָטן פון אַ ביימל,
ווי ער איז היינט געוואָרן אונזער שאָטן?
דער מענטש, וואָס זיצט פונקט ווי אַן אָף אויף מענטשנ׳ס שולטער,
ווי קענען מיר אים אָנפאַרטרויען אונזער לעבן?
דער מענטש מיט דעם צעטומלטן געדאַנק און לשון,
וואָס קען ער אונז אין אונזער אומגליק געבן?
דער מענטש, וואָס האָט באַדאַרפט אין שפּאַן גיין, ווי אַן אייזל,
ווי קומט ער אונזער יאָך נאָך שווערער מאַכן?
ווי קען ער האַלטן אונז אין שרעק און ציטערניש, אַז נעכטן
איז ער געווען ביי אונז אַ וויץ צום לאַכן?
ווי זאָל דער עלעמענט פון פינצטערניש אַ ליכט זיין,
וואָס זאָל באַלייכטן אונז דעם וועג, דעם שווערן —
און ווען מען דאַרף אַ שוץ־וואַנט פאַר׳ן בייזן שונא,
ווי קען אַזאַ מין מענטש די פאָן אונז ווערן?
ווי איז דאָס אויסגעוואַקסן אין אַ לייב גאָר פּלוצים
דער מענטש — דער פוקס, וואָס קען נישט ברייגנען נוצן —
ווי זאָלן מיר אים מיט אַ קרוין דעם קאָפּ באַצירן,
און איז נישט ווערט ביי אונז די שיך צו פוצן?!

עמנואל פראַנסיס

אַ סאָנעט וועגן שבתי צבי

קום, אשמדאי, דערוואַד און זאלסט שטאָפּעטן שיקן
צו אַלע לענדער פון דער וועלט און אויך צום גיהנום;
זיי זאלן איינהאַנדלען גענוג געהילץ צום ברענען
און פעד און שוועבל, גאַז, וועלכע שטיקן.

שטעל נוגשים איבער זיי, וואָס זאַלן טרייבן, דריקן,
צענויפצוזאַמלען די משרתים אין לעגיאָנען —
ס'איז היינט אַ טאָג פון צאָרן און פון מאַנען,
דו מוזט דעם ביטערן און בייזן מאַן באַזיגן.

זאלסט, אשמדאי, אַ בראַנד אויף אים פאַרצינדן, —
אויב דו וועסט איינזען האבן און אַ פונק רחמנות,
דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעפילט דיין גיהנום מיט קרבנות —

געדענק, אויב דו וועסט אים פאַרברענען ניט באַוויזן,
אויב ער וועט לעבעדיק פון דיינע הענט פאַרשווינדן,
וועט ער דיין קרויז פון קאָפּ אַרונטעררייסן!

עמנואל פראַנסיס

ברודער פון יעקב. געבאָרן אין יאָר 1618, געשטאָרבן אַרום יאָר 1710. פון די צוויי ברידער דער מער טאַלאַנטירטער. באַקעמפער פון שבתי־צבי. האָט ליב געהאַט, אַזוי ווי די מערסטע איטאַליעניש־העברעאישע פּאָעטן, זיך אויסצודריקן אין סאָנעטן־פאָרם.

סאָנעט וועגן שבתי־צבי

(וועגן די ידיעות וואָס זיינען אָנגעקומען פון ווין, אַז שבתי־צבי איז געקרוינט געוואָרן פון סולטאַן)

אויב קלאַנגען זיינען פון עק וועלט צו אייך דערגאַנגען,
אַז שבתי צבי, אייער משיח, איז געקרוינט געוואָרן
דורכ'ן סולטאַן, און ער און אַלע זיינע מיניסטאָרן,
זיי פאַלן צו די פיס אים, גיבן נאָך זיינע פאַרלאַנגען —

נישט גלויבט און לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון די קלאַנגען:
ער איז נישט אונזער האַר־משיח, אונזער שטאַרקער האַרן —
איר האָפט אויף גאָט׳ס חסדים, וואָס אין לויף פון יאָרן
וועט ער דעם אמת׳ן משיח אונז ברענגען מיט געזאַנגען.

איך ווייס, אַז ס׳וועלן מענטשן פיל מיט מיר זיך שפּאַרן:
„דער אפּיקורס איז נישט ווערט גאָט׳ס הילף פון אויבן,
„ער וועט נישט זען קיין טרייסט, פאַר אים איז אַלץ פאַרלאָרן״.

איך לאַך פון זיי און ענטפער אָפּ: „איר וויסטע נאַרן,
ווי זאָל איך צוהערן צו אייך און ווי זאָל איך אייך גלויבן,
אַז אַלץ, וואָס איר פאַרמאָגט, האָט איר געלייגט אויפ׳ן הירש׳ס האָרן״.

צו אַ פּאָעט

ווער האָט דיך פאַר׳ן שומר פונ׳ם פרעמדן ליד געמאַכט,
און צערטלסט, היטסט אים אָפּ ווי ס׳אויג אין קאָפּ?
דו האָסט דעם גאָרטן פון דיין אייגענער שפּראַך פאַרלאָזט,
וואָס איז פון אייביק אַן דיין נחלה און דיין גאָב.
דיין פּראַכט, מיט וועלכער גאָט האָט דיך באַשאָנקען,
ווי האָסטו זי פאַרוואָרפן אויפ׳ן מיסט?
דו האָסט אַ גרויסן נאָמען אין געצעלט פון שם —
וואָס האָסטו אים פאַרטאַכלעוועט אומזיסט?
וואָס גייט דיר, דיכטער, אַן פּעגאַזוס, העליקאָן, —
חדקל איז דיין טייך און פרת דיין שטראָם.
פאַרשוועכט געוואָרן איז דיין שכל אין די שטראָמען,
ווי סיסראַ׳ס חייל אין דעם טיפן שטראָם.
וואָס האָסטו מיט דער פרעמדער שפּראַך און ליד צו טאָן —
און ליד פון די לוויים איז דיין ליד?
אַנשטאָט די מירט איז גאָר אַ דאָרן אויפגעגאַנגען,
אַנשטאָט דעם צעדער — ווילד געוואוקס, וואָס בריט.
ווי קענסטו דאָס געזאַנג פון לערך און נאַכטיגאַל
פאַרבייטן אויפ׳ן גרילץ פון ווילדן שטרויס?
וואָס האָסטו זיך אין פרעמדער פרוי פאַרליבט,
און ווילסט זיך צוטוליען צום פרעמדן שויס?

דערוואַד, מײַן האָר, מײַן ליבער, פון דײַן דרימל,
אויב זי איז דלילה — זײַ קײַן שמשון נישט;
דו זינג אונז דאָס געזאַנג פון פאָלק, פון ציון,
און גיב נישט אָפּ זיך מיט קײַן אַנדער ליד.

אַ סאָנעט

גצוזעלן, אין די האָר, וואָס שימערן אין שטראַלן,
אַ נעץ פאַר אונזערן אַ ברודער ליגט באַהאַלטן;
ווער עס פאַרפלאָנטערט זיך אין וואַלד אין דעם צעשטראַלטן,
וועט זיך נישט ראַטעווען — איינמאָל אַרײַנגעפאַלן.

דער שניי איז אין איר ברוסט און פײַערן, וואָס קנאַלן,
אַ גליענדיקער פלאַם — מיט שניי מיט קאַלטן;
ווער האָט אַזוינס געזען, אַז שניי מיט פײַער זאָלן האַלטן,
אַז קויל מיט אײַז — זאָל איינס דעם צווייטן נישט באַפאַלן?

אין שײַן פון אירע בליצנדיקע אויגן —
האָט אַנגעשפּאַנט די לוסט איר פײַלנבויגן,
פאַרוואונדיקט אַלע העצער ביז צום טויט.

דאַרום, געזעלן, היט זיך, נאָענט זיך נישט צו בויגן
צו אירע ברוסטן, האָר און פלאַם פון אויגן —
ווײַל נעץ און פײַל און פײַער שפּילן אויף איר הויט.

עפּיטאַפּיעס

א. אַ הויקער

נישט געננוג דיר, מזל, וואָס דו האָסט מיר געגעבן
אַ הויקער אומצוטראָגן אַ גאַנץ לעבן —
ביסטו אַ שונא אַ אפילו נאָכ'ן טויט:
דו האָסט אַ שטיין מיר אויפ'ן רוקן אויפגעבויט.

עמנואל פראַנסים

ב. אַ פעטע פרוי

דאָ ליגט אַ פעטע פרוי, די ווערים האָבן
כמעט שוין אויפגעהערט איר לייב צו פרעסן;
נישט אויסצומייקן, וואָס זיי האָבן אויפגעגעסן —
זאָלט איר אַ טעפּל זענעפט דאָ פאַרגראָבן.

ג. אַ רופא

אַ, לייענער, גיב אָפּ צו גאָט אַ לויב,
וואָס ר'האָט דיך נישט אין רופא'ס האַנט געגעבן;
וואָלסט איצט די אויפשריפט נישט געלייענט, גלויב,
ווען ער — דיין רופא וואָלט געווען ביים לעבן.

ד. אַ קאַרליקל

דאָס פלאַץ איז פון אַ קאַרליקל אַ קליינס פאַרנומען,
דאָ האָט מען אים געלייגט און אָפּגעזונגען;
און ווי ער איז נאָר אין זיין רו־פלאַץ אַנגעקומען,
האָט אים אַ וואָרים אין איין ביסן איינגעשלונגען.

ה. אַ שיין מיידל

דאָ ליגט אַ מיידל אַ פאַרשויז, פאַרפאַלן,
פון אַלע די געליבטע אירע — נישט צו קריגן
קיין איינציקן, וואָס וואָלט געווען אַ בעלן
מיט איר זיך שפּילן און מיט איר צו ליגן.

די תקופה פון השכלה

(1892—1707)

משה חיים לוצאַטאָ

פּאָעטער פון דער ניי־העברעאישער פּאָעזיע. געבאָרן אין פּאַדואַ, איטאַליע, אין יאָר 1707. בעל־מקובל, למדן, פּאָעט פון גרויסן פּאַרנעם און וויזיאָנער. האָט זיך באַטראַכט פאַר משיח און גואל. אין די יאָרן 1728־29 האָט ער פאַרפאַסט אַן אייגענעם ספר־תהלים, אין 150 מזמורים. ווען די רבנים האָבן זיך דערוואוסט פון זיינע „סודות" — האָבן זיי אָנגעהויבן רודפ'ן דעם יונגן לוצאַטאָ. דער ענין „שבתי צבי" איז נאָך געווען פריש אין זייער זכרון און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ נייעם משיח. אין חשון פון יאָר 1734 האָבן זיי געלייגט אַ חרם אויף יעדן איינעם, ביי וועמען ס'וועלן זיך געפינען לוצאַטאָ'ס שריפטן. לוצאַטאָ אַנטלויפט פון איטאַליע און באַזעצט זיך אין אַמסטערדאַם. ער ווערט דאָרט פיין אויפגענומען פון די פירער פון דער שפּאַנישער קהילה. ער ווערט אַ שלייפער פון דימענטן, כדי מפרנס צו זיין זיין משפחה, און שרייבט זיינע פילאָזאָפיש־עטישע ספרים. אין 1740 דרוקט ער זיין עטיש ווערק „מסלת־ישרים". אין יאָר 1743, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעלעבט 8 יאָר אין אַמסטערדאַם, פאָרט ער קיין ארץ־ישראל. פון זיין לעבן אין ארץ־ישראל איז ווייניק באַקאַנט. אין יאָר 1746 איז ער, זיין ווייב און זיין זון געשטאָרבן פון דער כאָלערע, וואָס האָט דענסטמאָל געבושעוועט אין ארץ־ישראל.

זיינע דראַמאַטיש־אַלעגאָרישע ווערק, פאַר וועלכע ער איז באַרימט אין דער העברעאישער פּאָעזיע, זיינען: „מגדל־עוז" און „לישרים־תהלה", ווי אויך „מעשה שמשון", אַ ביבלישע דראַמע, וואָס ער האָט געשריבן אַלס אינגל פון 17 יאָר.

מאָנאָלאָג פון „לישרים תהילה"

איך גיי אַרום און האַלט אין פאָרשן,
באַנעם די וואונדער פונ'ם וויסן,
וואָס האָבן גאָר קיין שיעור און ברעג נישט,
און וואָס דער בורא עולם האָט באַוויזן,
באַקאַנט געמאַכט צו יעדן איינעם,
וועמענס אויג ס'האָט טעמפּקייט נאָר נישט בלינד געמאַכט,
צי פוילקייט — נישט פאַרדאַרבן —
די וואונדער פון אַ פלאַנץ איבער דער גאָרער ערד,
אין פעלד און וואַלד.
ווי טיף עס זיינען די געדאַנקען זיינע,

ווי גרויס עס זיינען אַלע זיינע מעשים,
וואָס שטייגן איבער יעדער מענטשלאַכער השגה!
באַטראַכט נאָר גוט די וואָרצלען, אַט די דאָזיקע:
זיי האָבן מיילער אָפענע גאָר אָן אַ שיעור,
ווי דיינע אויגן זעען;
דאָס שעפּן זיי און זויגן פון דער ערד
איר זאַפט, וואָס גיט זיי חיות דורך דער צייט,
וואָס זיי געפינען זיך ביים לעבן.
זיי פירן דורך די זאַפט דורך די קאַנאַלן פון דעם שטאַם,
פון אונטן ביז אַרויף, דורך יעדן צווייג און ריטל —
אַז אַלע זיי זאָלן באַקומען נאַרונג.
און זי, די זאַפט, בעת זי קומט אַרויס
פון טראַכט פון מאַמע־ערד, קומט אויסגעמישטערהייט,
האַלט אויף אין זיך אין נישט־צעשיידטער פאָרם:
ערד, אייל, שוועבל, זאַלץ
און אַלע אַנדערע עלעמענטן,
וואָס בויען אויף אַ חומר.
וואָס שנעלער ס׳נעמט באַוועגן זיך די זאַפט
און האַסטיקער צו צירקולירן
דורך אַלע קאַריטעס פון שטאַם —
אַלץ גיכער ווערט זי, ווי דער וואַקס, צעשמאָלצן,
און גיסט זיך, ווי אַ וואַסער, פריי פון אומעטום,
וואו זי האָט פריער ערשט געשטעקט פאַרגליווערט.
און דורכ׳ן משך פון דער צייט, וואָס האַלט אין לויפן,
דורך טעג און נעכט, דורך היץ און קעלט און ווינטן,
ווערט אויך איר אויסזען אומגעאַנדערשט —
און מיט׳ן נאָמען פון דער פלאַנץ,
דורך וועלכער ס׳ווערט די זאַפט געטריבן,
ווערט זי באַצייכנט שוין אַצינד.
איצט זע, באַמערק די אַלע אָדערלאַך,
וואָס ציען זיך איבער דעם גאַנצן בלעטל
און זיינען דינער פונ׳ם דינסטן שפּינוועבס —
דורך זיי, אָן רו, אָן פוילקייט און אָן אָפּהאַלט
האַלט אַלץ די זאַפט אין צירקולירן. ס׳קאָכט און זידט
אין היץ פון זון בייטאָג, און עפּעס פון איר גוס

פאַרגליווערט ווערט אין קעלט פון נאַכט;
פון וואָס די בינען זויגן מיט די מיילכלאַך,
און ווערט אין זייער אינגעווייד פאַרוואַנדלט
אין האָניק אויסגעמישט מיט וואַקס.
דו קוק נאָר אַז די בליעכצן — ווי שיין זיי זיינען!
דו אָטעם זייער זיסן דופט אַריין —
אונטער דער פאָרם און קאָליר פון בלום,
און פון די פיין־געטאַקטע בעכערלאַך — וואָס זעסטו?
די בלעטלאַך קומען ערשט זיך צוצעבליען —
און ווי נאָר אָפּגעבליט — צעפליען זיי,
די בליאונג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פרוכט.
באַמערק נאָר, ס׳שטייען פעדימלאַך, ווי זיילן,
וועלכעס פון זיי טראָגט אַ היטל אויפ׳ן קאָפּ
און וועלכעס נישט — נאָר אַלע זיי אינאיינעם,
מיט איטלאַך בלעטל, העלפן איינס דעם צווייטן —
דורך זייערע קאַנאַלכלאַך פירן זיי די זאַפט
צו האָדעווען די פרוכט, זי זיס צו מאַכן.
און איצט באַטראַכט גאָט׳ס וואונדער נאָר און שטויז,
באַגרייף דעם וואונדער פון די זאמען,
וואָס יעדער מין פון פלאַנצן און פון גראָזן
האַלט אין זיך איינגעשלאָסן.
עס ליגט די עמבריאָ פאַרוויקלט אין אַ זעקל,
צי מער, צי ווייניק, קענסט עס שילדערן אַזוי:
דער גרעסטער אוצר פון דער פלאַנץ — איז אייל,
מיט וועלכן די נאַטור האָט ברייט פאַרזאָרגט זי,
אַז איטלאַך ביינדל, גליד און אָדערל
זאָל ווייך געוואַשן ווערן, כדי צו זיין עלאַסטיש.
אינעווייניק, אין פלאַנץ, גייט אום אַ ווינט,
אַ שאַרפער ווינט, וואָס שוועבט, באַוועגט זיך,
אַ לעבעדיקער און אַ קרעפטיקער.
דער ווינט שטעלט איין דאָס לעבן פון דער פלאַנץ
און ברייינגט דאָרט אָרדענונג, ווי ס׳געהער צו זיין.
און פון די פלאַסטן אייל — נאָכדעם, ווי ס׳האָבן
די זון און ווינטן זיי פאַרטריקנט —
פאַרמירט זיך אַרום איר אַ פאַנצער־קלייד,

וואָס שיצט די פּלאַנץ פון אַלדאָס בייז.
דער ווינט שטייט אויף דער וואַך, גייט אום
און שטעלט זיך, ווי אַ מאַן פון קריג, אַנטקעגן
אויסצערונג און פוילעניש.
דאָס זיינען בלויז די מינדסטע פון גאָט׳ס דרכים,
און נאָכמער וואונדער זיינען אויף דער וועלט פאַראַנען,
נאָך גרעסערע פון די — נישט אויסצערעכענען.
די יעניקע, וואָס זוכן — וועלן זיי געפינען
אין אַלץ, וואָס לעבט, און אַלץ, וואָס שפּראָצט,
אין אַלץ, וואָס האָט קיין לעבן נישט אינגאַנצן;
אין אַלץ, וואָס אויף דער ערד,
אין אַלץ, וואָס איז אין וואַסער;
אין אַלץ נאָר, וואָס דעם מענטשנ׳ס אויג
שטעלט אָפּ זיך צו באַטראַכטן.
וואויל יענעם, וואָס געפינט אין חכמה — פרייד,
וואויל יענעם, וועלכער רעדט צום מענטשן, וואָס פאַרשטייט!

מאָנאָלאָג פון „מגדל־עוז״

הוי, בערג איר אייביקע, באַהעלטעניש
פון פריידנס־וואוינונגען, וואָס פעסטע
הויבט איר זיך אויף אין איינזאַמקייט צום הימל —
ווי טייער זיינען מיר די חופּות
פון אייערע לינדן־בוימער —
אַ פרייד פאַר דער נשמה פונם מענטשן.
וואָס האָבן אַ באַטרעף די רייכע הייזער,
פּאַלאַצן קיניגלעכע,
און שטעט געראָמע און באַפעסטיקטע?
אַז וואָס מער גאָלד — אַלץ גרעסער איז דער שונא,
וואָס שפּרייט אויס זיינע נעצן, שטילט זיך נישט,
כדי די שטעט די דאָזיקע באַצווינגען.
ס׳איז אָבער נישט אַזוי מיט אייך, איר בערג,
אין אייער שטילקייט אין דער רואיקער —
דער קלאַנג פון קריגערישן וואָפן,

דאָס קול פון קריג און וואונדן בלוטיקע,
זיי זיינען ווייט פון דאַנען.
אַז ס׳ווערט אים שווער, דעם מענטשן, אויפן האַרצן,
איז ווי ער שטרעקט זיך אויס אונטער אַ בוים —
פון שטילן ווינטל, וואָס עס ווייעט
און גייט און קלעטערט אין די צווייגן,
ווערט אויפגעלעבט זיין גייסט; די לייד פאַרפליט,
זיין אָרימקייט פאַרוואַנדלט זיך אין רייכקייט.
די גראָזן און די פלאַנצן, וואָס אַרום,
זיי זיינען דאָך אַ חלק פון גן־עדן,
וואָס גאָט האָט אין דעם אָנהייב פון דער וועלט געפלאַנצט.
דאָס איז דעם מענטשנס גליק דאָ אויף דער ערד
אַז אַלע זאָרגן צו פאַרגעסן, רואיק ליגן
אין גראָז, אין שאָטן פון זיין פייגנבוים —
און ס׳פרייט זיך שטיל זיין האַרץ.
ווייל וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט גאָלד און רייכקייט,
דעם ריכטערס שטול און קרוין פון מלך?
ווייל רייכקייט איז ניט מערער ווי אַ תפיסה,
אין מענטשנס האַרץ, עס ליגט דאָרטן פאַר׳חתמ׳עט,
וואוהין ער קערט זיך נאָר און ווענדט זיך,
סיי ווען ער שלאָפט און סיי ווען ער וואַכט.
אַפילו ווען אַ קיניג? וואָס מיינט הערשן —
אויב ניט אַ שווערער און אַ דריקנדיקער יאָך
פון לענדער און פראָווינצן.
דער מלך אויף זיין טראָן — איז איינער
וואָס מוז שטיין אָפן, גרייט פאַר יעדן איינעם —
ווער ס׳טוט זיך פאַר אים קניען חניפה׳דיק,
און ווער עס האָסט אים ביז צום טויט!
דער פאַסטוך אָבער, וועלכער פיטערט זיינע שאָף —
ווי גוט און וואויל איז אים!
ער גייט אום צווישן זיינע טשערעדעס,
ער לויפט אַהין און לויפט צוריק, אַ גליקלעכער,
אַ פרייד ליגט אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים,

משה חיים לוצאַטו

אַ פרייד שפּילט אין זיין האַרצן.
ער ציט זיך אויס אין שאָטן, ווי אַ מלך —
אָרעם איז ער — אָבער פריילעכער!
אים פּייניקט נישט די גייציקייט נאָך גאָלד,
ער יאָגט זיך נישט נאָך כבוד און נאָך גדולה.
און האָט ער נישט קיין אַנדער זאַך צום עסן
חוץ גרינס און קרייטעכער — איז אויך גוט,
ווייל אויפגעלייגט און פריידיק איז זיין האַרץ.
אויף זיין אָרימען געלעגער אין די נעכט
געפינט ער רו, באַנייט די כוחות זיינע,
ווי עס באַנייט דער אָדלער זיינע פעדערן.
צי זיינען פעלדער גרין, צי אויסגעברענט,
צי זיינען הימלען שוואַר־פאַרוואָלקנט,
שלאַקס־רעגן גייען און עס שטורעמט —
זיין האַרץ איז רואיק, ציטערט נישט פאַר פחד,
ער האָט פאַר קיינעם נישט קיין מורא,
ס׳וואַרפט קיינער אים קיין בלבול אונטער —
אָרים איז ער — אָבער מונטער!
אַ מיידל וואָס געפעלט אים, וואָס ער ליבט זי,
אַ מיידל וואָס האָט ליב דעם פאַסטוך־אינגל,
מיט איר איז פול זיין האַרץ און פריידיק —
זיי ביידע וויסן נאָר פון פריידן.
זיי לעבן איינער פאַרן צווייטן
און רואיק זיינען זיי און גליקלעך.
און ווערט ער אויסגעמידיקט פון דער אַרבעט,
פאַרגעסט ער ביי איר ברוסט פון אַלע שווערקייטן,
דאָס ליכט פון פּנים אירן און איר שמייכל
מאַכט אים אַז אַלע צרות זיך פאַרגעסן
און אים איז בעסער פון דעם גרעסטן מלך —
אָרים איז ער — אָבער פריילעכער!

משה חיים לוצאַטו

אַ ליד וועגן די וואַרעמע קוואַלן פון טבריה

פון שפּיצן בערג די אייביקע און ריזיקע
הויבן זיך די זיילן פון הימל; שניי, האָגל, גליווער
פּאַרדעקן זייערע קעפּ; מיט מורא׳דיקן אייז
אויף זייערע רוקנס.

דער אָדלער האָט זיך פון זיין נעסט דערווייטערט,
קיין פּיצל גרינס, קיין גראָז איז ניט פאַראַנען;
דאָס לעבן דאָרט מיינט: טויט. איטלאַך באַשעפעניש
האָט אויסגעוואַנדערט לאַנג פון דאָרטן; פויגלען —
פאַרשטומט אויף אייביק.

אפילו לילית קומט אַהין ניט רוען;
דער ווילדער הונט און פוקס, הירש, יאַזש און פּענגווין,
זיי ווילן דאָרט ניט וואוינען; ס׳קומט קיין מענטש ניט
זיך אָפּצורוען פון אַ לאַנגען ווייטן וועג
אין וויסטן טויטן לאַנד.

קיין שאָף און רינדער קומען דאָרט ניט הויערן,
ניטאָ קיין קלאַנג, ניטאָ דאָס שרייען פון די טשערעדעס;
דאָס דריילינג: פּוסטקייט, וויסטקייט, שטילקייט —
קעניגט אויפ׳ן חורבן.

די טוי־טראָפּנס פאַרגליווערטע — זיי זיינען
אַ קרוין אויף בערג־שפּיצן; דער צעפּטער — האָגלשטיין;
קאַליר — פון רעגנבויגן; זייער פּוסנבענקל —
שמאַראַגד און דימענט.

אָט די פּאַלאַצן אייביקע און מורא׳דיקע,
זיי טראָגן אויף זיך אויך גאָט׳ס קללה;
ווער קען זיין צאָרן אויסהאַלטן? ער צעברעכט זיי
ווי אַ כלי פונ׳ם טעפּער. פון זיין געשריי —
ווערן זיי צעשמעטערט.

פונצווישן פעלזן־שפּאַלטן און פונדאַמענטן
פון זייערע פּאַלאַצן — שפּאַרן זיילן רויך;
פייער און שוועבל פאַרגרעסערן די פלאַמען,
און וואַסער־שטראָמען ברויזן, שטורעמען —

פון טיפקייט שפּאַרט אַ קוואַל, אַ זידנדיקער טאָפּ,
וואָס לויכט אין זון מיט שטראַלן זיבנפאַכיק;
די הרודעס פונ׳ם טאָל זיי זיינען זיס אים,
אַ ברייטער און גראַמער פלאַץ זיך אפצורוען
פון לאַנגן וועג.

געוויש פון שטאַרקע וואַסערן, וואָס פלייצן
אַרונטער פון לבנון; שטראָמען מעכטיקע
פאַרמישן זיך מיט זיי, פון שפּיצן בערג געשטויסן,
און רייסן זיך פון זייער קייט און פלייצן
אַריבער זייער ברעג.

פון זייער קאָכן ווערט די ערד צעמאָלן,
די כוואַליעס שלאָגן, איין וואַל שרייט צום צווייטן;
און איינער שטויסט דעם אַנדערן און שטורעמט,
ניט אָפּצומעסטן מיט אַ מענטשנ׳ס אויג —
ניטאָ קיין אָפּהאַלט.

אַ מורא׳דיקער רעש און ליאַרעם; ס׳קען דאָס אויער
דאָס ניט פאַרנעמען; פון ברענענדיקע ווינטן
ווערן זיי געטראָגן, אין כף־הקל געשליידערט,
אין דער טיפעניש.

נאָר אויך אין טיפסטער טיפעניש דערגרייכט
זיי דאָרט גאָט׳ס האַנט — געפינען ניט קיין רו דאָרט;
ער האָט באַפוילן זיי, צו בייטן זייער טעם און ריח,
עס ווערט אַ ניי באַשעפעניש געבאָרן — פייער
מאַכט וואַסער בלעזלען.

זיי שטעלן אַפּ זיך אין די וואוינונגען פון זינק און בליי,
און אויפ'ן גרונט פון שוועבל, קרייט, קאַלך -- ווערן זיי צעהיצט;
זיי ווערן דורכגעברענט, ווען זיי זעצן אַפּ זיך
פון לאַנגן וואַנדער.

זיי קומען אין באַזעצטן לאַנד, וואו זיס איז זונשיין,
זיי האָבן מיטגענומען פונ'ם באָדן: שוועבל
און זאַלץ און פּאַטאַש, קאַלך און אייזן;
דער גרויסער, וויסנדיקער, קלוגער גאָט האָט זיי
אין אַ געקעכטס פאַרקאַכט.

עס ווערט געזונט און פריש, ווער ס'באָדט זיך אינ'ם וואַסער,
דאָס וואַסער דרינגט אַריין ווי זאַלב אין זיינע ביינער;
געזונט געפינט דער קראַנקער און פאַרווייטיקטער,
אַ ביטער האַרץ ווערט אויפגעזונגען ווי פון ווייַן —
אַ לויב צו גאָט!

די הייסע קוואַלן אַט די דאָזיקע —
אַ צייכן זאָלן זיין פאַר אַלע שונאים אונזערע,
וואָס האָבן יעקב'ס גאָט פאַר'מיאוס'ט, זיין פאָלק געפּייניקט,
און האָבן אונז צעטראָטן און צו שאַנד געמאַכט.

זיי האָבן אויף די לענדן אונז אַ דרוק געגעבן,
פון אונזער נחלה אונז פאַרשטויסן און פאַרטריבן,
פון אונזער גרעניץ אונז דערווייטערט,
כדי אָפּצעווישן אונזער זכר פון דער ערד;
נאָר מיר — מיר וועלן ווי אַ פעלז אינמיטן ים
זיך אויפהויבן!

די היילונגס־קוואַלן האָבן אויך פון זייער פּלאַץ געוואַנדערט,
זיי האָבן אונטער ערד געריסן זיך דורך שטיין און אייזן,
מיט גבורה האָבן זיי דעם שוועבל און דעם בליי צעריבן
און זייער טעם און ריח אומגעביטן — אין אַ היילונג
זיך פאַרוואַנדלט.

אַזוי וועט ער פאַרמערן הילף און טרייסט צום פאָלק,
וואָס איז נאָך ניט קיין אלמן פון זיין גאָט!
זיי זיינען זאַט מיט וואַנדער און מיט פּלאָגן,
זיי האָבן אויסגעמישט זיך צווישן פעלקער,
זיי זיינען אין דעם טיפסטן תהום געקומען —
און זייער אויסזען האָט געענדערט זיך.

זיי זיינען, ווי מען ברענט דעם קאַלך, געברענט געוואָרן,
געלייטערט, ווי מען לייטערט זילבער פונ׳ם פסולת;
איצט זיינען זיי די זאַמן ריכטיקע, אַ וויינשטאָק,
וואָס וועט צעבליען זיך אויף וואונדער, גאָט און מענטשן
אויף צו דערפרייען; זיין שאָטן — אַ דערפרישונג,
זיין פרוכט — ווי דער לבנון.

ער וועט זיין שוצוואַנט מער פון פאָלק ניט צונעמען,
זיין בלעטער־קאָפּ וועט ניט צעבראָכן ווערן;
צענויפגעפּאַרטער מיט׳ן וויינשטאָק פונ׳ם פעלד
וועט ער שוין מער פון שלעכטס ניט וויסן, ס׳וועט
זיין פרוכט ניט אויפהערן פון זעט און ברכה,
זיין בלאַט — פון היילונג.

צו זיין אַ היילונג פאַר אַ וועלט, וואָס איז פאַר׳אבל׳ט,
פאַר פעלקער — טרייע פּאַסטוכער אויף גרינע לאָנען —
דאָס איז די נחלה פונ׳ם לעצטן רעשט פון יעקב,
ביז ס׳וועט זיין צירונג־קרוין זיך ווידער אומקערן
און קומען וועט אויף ציון די גאולה!

נפתלי הערץ ווייזעל

געבאָרן אין האַמבורג אין יאָר 1725, געשטאָרבן אין יאָר 1805. זיין בוך „שירי־תפארת״ איז אַ פּאָעמע אין פערזן וועגן משה רבנו׳ס לעבן.

יוכבד צום קינד

כיהאָב געמיינט, ביסט צו העלפן דיין פאָלק אויף דער וועלט געקומען,
נאָר אומזיסט, וועסט ניט אויסמיידן קענען דעם טויט דעם שטומען —
די בייזע מצרים לויערן אויף דיין לעבן;

מיין וואונדערלעך קינד! אַז וואו זאָל איך דיך באַהאַלטן,
אַז דאָס רשעות שפּאַרט מיט גוואַלד דורך אַלע שפּאַלטן —
צום קראָקאָדיל פון נילוס וועלן זיי דיך געבן!

אפשר אין זון־פאַרברענטן מדבר דיך טראָגן דורך סכנות,
אפשר וועט אַ ווילדע חיה אויף דיר האָבן רחמנות,
וועט דיך דערנערן מיט איר מילך און שפּייזן?
וייל די חיות פון וואַלד זיינען פון די מצרים בעסער,
ווייל דאָס רשעות פון מענטשן איז פון חיה׳ס גרעסער —
קיין סוף צו זייער רשעות טוט זיך ניט באַווייזן.

אבער ניין! נישט גוט איז מיין עצה, כ׳האָב נישט געטראָפן.
אויב איך אַנטלויף פון שלעכטס — בין איך צו ערגערס געלאָפן,
בעסער דאָס ערגסטע, איידער גאָרנישט ניט וויסן;
אָך, האַרץ מיין האַרץ, וואָס ביסטו פאַרציטערט און דערשראָקן,
כ׳האָב דערמאָנט זיך אַן אַמאָל און נייע כוחות געקראָגן,
זאָל ס׳קינד נאָר לעבן און גאָט וועט אים שטיצן.

איך דערמאָן, ווי די וועלט אַמאָל איז ניצול געוואָרן,
גאָט׳ס באַפעל צו נח׳ן אין די אַמאָליקע ערשטע יאָרן:
„גיי אַריין אין דער תבה, דו און דיינע מענטשן!״
אַ, קינד מיין טייערס, דו וועסט אויך אין אַ קעסטל שווימען,
זיי האָבן די וועלט געראַטעוועט, דו וועסט דיין פאָלק געפינען —
און ס׳וועט דיין פאָלק דורך דורות אייביקע דיך בענטשן!

מרים

דאָס מיידל מיטן טרייען האַרץ, ווי גאָלד געלייטערט,
מרים, די שוועסטער פון קינד, איז געשטאַנען פונווייטן;
צוגעקוקט זיך, ווי די מאַמע באַנעמט מיטן קינד זיך,
און ווי זי פאַרמאַכט אים אין הילצערנעם קעסטל,
האָט זי געטראַכט זיך: ברודער, מיין ליכטיקער ברודער,
דו קרוין פון יצירה — ביסטו נאָר אומזיסט און אומנישט
אויף דער וועלט דאָ געקומען, און איז דאָס דער רצון
פון גאָט, דעם באַשעפער פון ערד און פון הימל?

שמואל אהרן ראָמאַנעלי

דו לעבסט נאָך דערווייל דאָ, נאָר דו ביסט געגליכן
צו דער בלודנער פאַרלוירענער שאָף! דאָך קלאַפּט נאָך
דער דופק פון האָפנונג ביי מיר אין נשמה,
און כ׳וועל ביז דער לעצטער מינוט ניט אויפהערן גלויבן,
אַז עפּעס אַ נס וועט געשען מיטן קינד, מיט מיין ברודער.
דאָ אויפן פלאַץ וועל איך שטיין, זיך ניט רירן,
זען, וואָס וועט ווערן מיט אים: אפשר וועט קומען
אַ ווינט, און ער וועט אים אין ווייטקייטן ווייטע פאַרטראָגן,
ביז ס׳וועט אַריבער דער בייזער, דער בלוטיקער צאָרן?
אפשר וועט עמיץ פאַרבייגיין, וועט האָבן רחמנות
און, ווי אַ טאַטע זיין קינד, אין זיין היים אים פאַרנעמען?

שמואל אהרן ראָמאַנעלי

געבאָרן אין מאַנטואַ, איטאַליע, אין יאָר 1757. געלעבט אין
בערלין, ווין, לאָנדאָן; געשטאָרבן אין יאָר 1814.

דער ים איז שטיל...

דער ים איז שטיל. עס רונצלט זיך אין בלוי די טיף,
דער ווינט בלאָזט אָן די זעגלען שטיל און גוט;
עס טראָגט זיך ווי אַ פויגל שנעל די שיף,
דער קאַפּיטאַן איז זיכער, שלאָפט און רוט.

נאָר פּלוצים טוט דער ים זיך ווילד אַ ריס,
ווערט אויפגעזאָדן ווי אַ קאָכעדיקער טאָפּ;
דער קאַפּיטאַן דערזעט דעם אָפּגרונט פאַר די פיס,
דער שטורעם וואַרפט זיין שיף אַרויף, אַראָפּ.

ער ווערט דערשראָקן. ציט אַראָפּ די פאָן,
שניידט אָפּ דעם מאַסטבוים, שטעלט אַלצדינג אין קאָן —
מיט נסים קוים דערשלעפּט ער זיך צום ברעג.

געראַטעוועט — נאָר ווי? געפונען קוים זיין וועג,
ווי פלעווע פון׳ם שייער, שפּאָן — פון בראַנד,
פאַרמאַטערט, שוואַך, עס הויבט זיך ניט קיין האַנט.

זיין איינציקער געדאַנק:
פונוואַנען וועט זיין הילף קומען אין בראָד,
אויף וואָס און ווען זאָל ער האָפן נאָך?

אַזוי בין איך איצט קראַנק:
איך בין צעבראָכן פון דעם שוואַרצן טאָג,
און אויף מיין אומגליק יאָמער איך און קלאָג.

אליהו הלפן הלוי

געבאָרן אין דייטשלאַנד, 1760, געשטאָרבן אין פּאַריז, 1828.
אַ לויב־געזאַנג צו נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע.

דער שלום

מיין פאָלק, כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל אַז צער און לייד היינט פאַרגעסן,
געמיינט, ווען די זון וועט אַרויס, ווי דער פויגל אין וואַלד וועל איך זינגען,
ווען ס׳לייכט אויף די זון פונם פרילינג אויף צווייגן און שטאַמען;
געמיינט, ווי דער שיפסקאַפּיטאַן וואָס ווערט ניצול פון שטורעם און ים׳ען,
פון דונערן, בליצן און כוואַליעס — אַזוי וועט מיין ליד זיך צעקלינגען.

פאַרגאַנגענע צייט, פאַרוואָס מאַכסטו פון ביטערן בעכער מיך טרינקען?
פאַרוואָס־זשע געדיינק איך ביז היינט נאָך די טעג פון פאַרראַט און פאַרברעכן,
דורך וועלכע פאַרשקלאַפּט האָט דער שונא מיין פאָלק און מיין לאַנד און פאַרטרויערט?
ווען דו ביסט געבאָרן געוואָרן, מיין מוזע, וואָס האָסטו דיין פּנים פאַרשלייערט
אַזוי ווי אַ זונה, וואָס זיצט אויפן שיידפּונקט פון אָפענע וועגן?

אַ, טעג אַז אַ שיעור האָבן זון און לבנה געבאָרן, און פראַנקרייך
געווען איז אַזוי ווי אַ שאָף ווי אַ שטומע אין שעכטהויז באַהאַנדלט;
דאָס רשעות אַ קרוין אויף איר קאָפּ, אין די הענט אירע גיפטיקע פיילן,
דער פריידיקער פּאַלאַץ פאַרטרויערט, צעשאָטן זיך האָבן די זיילן,
אַ לאַנד אַ גן־עדן — אין וויסטן בית־עולם פאַרוואַנדלט.

מיין פריינט, אויב דו ווילסט מיט די שרעקן פון ביטערער צייט זיך באַקענען —
אַרויס קום אין פינסטערער נאַכט צווישן שטיינער פון קברים;
ווען ס׳הויערט דער הימל אַז שיין, אַז קאַלירן — די גרונטן,
עס פוילן די שטאַמען פונאויבן און ס׳וועלקן די בלעטער פונאונטן,
עס וויינען שאַקאַלן אין וואַלד און עס קלאָגן די סאָוועס אין צאַרן.

אליהו חלפן הלוי

ווי צאַרנט דער הימל פונאויבן און כוואַליעס אין ים טוען ברומען
און ס׳זיפּצן די שרצים פון וואַסער אין אַאיר פון ברעג און זיי קלאָגן;
דער צפון־ווינט גייט דורך די קעפּ פון די ווערבעס אין טרויער,
דאָס שאַרכן פון שרצים וואָס קריכן — סקעלעטן־טאַנץ איז אין דיין אויער,
עס שרעקט דיך דער קלאַנג פון אַ בלעטל און טוט אינם טויטשרעק דיך יאָגן.

און אויב אין דעם דאַזיקן חורבן, אַ שרעק פאַרן אויג און פאַר אויער,
איז שיכור פון פּיין דיין נשמה, דיין האַרץ איז פאַרווירט און פאַרלאָרן,
דו ציטערסט אויף יעטווידע רגע אין אימה און גרוילן פאַרטרונקען,
אַז אַט ווערט דאָס גאַנצע באַשאַף אין דעם תהו־ובהו פאַרזונקען —
איז דאַן מעגסטו זאָגן: אַט דאָס איז פון פראַנקרייך געוואָרן!

אַ, ווער זיינען, ווער, אַט די קריגסלייט, די העלדן וואָס קומען אַנטקעגן,
אַזוי ווי אַ טייך אַ צעפלייצטער, וואָס רייסט זיך אַרויס פון די ברעגן?
אַ האַרכט, ווי עס קלאַפּן די פּויקן, וואָס רופן די מחנות צוזאַמען,
דער הילך פון קאַנאָן, ווי אַ דונער, וואָס רייסט זיך אַרויס דורך די פלאַמען,
דאָס בליצן פון פּאַנצערס דורך נעפּלען און וואָלקנס און רעגן?

הייבט אויף אייער בליק צונם הימל: די זון אינדערהייך איז פאַרנעפּלט
פון פינצטערע כמאַרעס, פון שטויביקן בליי און פון רויכן און פייער;
אַ פרייַנט לעבן פרייַנט, פוס־איך־פוס, אין מאַרשרוט אויסגעפורעמט,
פאַלט צו דר׳ערד ווי אַ שטיין; ס׳וויגט די ערד זיך צעטרייסלט, צעשטורעמט
טיף אונטער דער משא פון טויטע און מענטשנבלוט פלייצט אומגעהייער.

צעפליקט אַלע צאַמען פון טויט און מלאכי־חבלה צעלאָפן
ס׳האָט אַשמדאַי, אַלע די אונטערשטע טירן פון גיהנום צעבראָכן;
צעריסן די בינט, זיך באַפרייט, אויף דער וועלט אַנגעקומען,
און יעטווידע פרייד אָפּגעווישט, און דאָס לעצט ביסל טרייסט צוגענומען,
און עלנט און פּיין און פאַרצווייפלט געוויין אויף דער ערד אַנגעקראָכן.

אַ, ווער איז דער מאַן, וועמעס האָר איז מיט שנייען פון עלטער באַשאָטן,
די אויגן אין קאָפּ איינגעגראָבן, פון צרות צעקנייטשט און פאַרוויאַנעט?
און וואָס וויינט די אַלטיטשקע איבערן שטעקן, פאַרהונגערט, פאַרפראָרן?
אַוועק אייער זון און ניטאָ אים, סאיז יעטווידע האָפנונג פאַרלאָרן,
ער ליגט אין דער נאַסער און פינצטערער גרוב, ווייט פון דאַנעט.

שיינאויגיקע יונגפרוי, זאָלסט וויינען — באַוויינען דיין האַרצנסגעליבטן,
און, יוגנט־ווייב, קלאָג אויף דיין ליבע פאַרשניטן אין פרילינג פון יאָרן;
אַ שוועסטער, באַדויערט פאַרטרויערט דעם טויט פון די לייבלעכע ברידער,
באַוויינט און באַקלאָגט און צוזאַמען מיט אייך וועל איך מיטוויינען ביטער,
ביז אויפברעכן ווידער וועט ליכטיקער טאָג צווישן שטיינער און קברים.

זיי זאָגן: עס האָבן די דאָזיקע שאָף איבער זיך ניט קיין האַרן,
ניטאָ איז קיין פוטער אין שפּייכלער, ניטאָ איז קיין זריעה אויף פעלדער,
קיין שווערדן ניטאָ פאַר די זעלנער, קיין פערד ניט פאַראַנען צו רייטן,
קיין גאָלד איז ניטאָ אויף צו מינצן, קיין פּרוטה ניטאָ אויסצובייטן,
קיין בגד און שוך אויף צו אָנטאָן, און טרוקן דער וויין אינם קעלטער.

עס איז זייער אַדל צעלאָפן, די איבערגעבליבענע — שוואַכלינגס,
זיי האָבן פאַרלאָרן דעם מוט און זיי זיינען דערשראָקן ווי האָזן,
ווי נאָר ס׳טוט אַ שווערד צי אַ שפּיז זיך פונווייטנס באַווייזן;
מיר וועלן דאָס לאַנד אַן דער מינדסטער געפאַר באַלד אויף שטיקער צערייסן,
ווי פלעווע פאַר ווינט וועט באַלד ווערן דאָס חייל פון פראַנקרייך צעבלאָזן.

אַ שעמט זיך, איר שונאים פון פראַנקרייך, מיט אייערע העלדן אינאיינעם,
באַהאַלט זיך אין מויער פון פעסטונג, וואָס איר האָט געבויט דאָרט, און ציטערט;
פאַרטאָפּלט די וואַך פון די פעסטונגען, בויט נייע מויערן,
די מחנות, וואָס איר האָט פאַרהאַסט, זיינען נאָענט שוין ביי אייערע טויערן,
אַ פאָלק, פריי און מוטיק, דערנענט זיך און אַלץ אין זיין וועג ווערט צעשפּליטערט.

אין האַרצן די ליבע פאַר היימלאַנד, אַ שווערד אין זיין האַנט אויף צו קעמפן,
איז מורא׳דיק, שטאַרק, ווי אַ לייב און איז פלינק ווי אַ פייל אויסן בויגן;
זיין שטעלונג אין שלאַכטפעלד — אַ וואַנט אויסגעגאָסן פון אייזן,
און אייערע רייטער און פערד פאַלן אָפּ און זיי ווערן צעפלויגן,
און ציטערן שטומע ווי שאָף, ווי אַ לייב וואָלט זיך פלוצים באַוויזן.

קיין אָפּשטעל פאַר אים ניט פאַראַנען, ווי רוישיקע ים׳ען אין שטורעם,
ער פּלייצט און פאַרפלייצט שטאָט און מויער אין אימפּעט אין שטאַרקן;
ער טוט איבער טייכן אַ בריקן, אַזוי ווי אַ קלאַפּערשלאַנג, ציען,
ער גייט און ער קומט באַרג־אַרויף, באַרג־אַרונטער, אַן אַדלער אין פליען,
ער שפּאַנט איבער מעכטיקע אַלפּן מיט אייביקן שניי אויף די קאַרקן.

און אייערע עלטסטע זיי שטייען פאַרציטערט און רייבן די אויגן:
אַ, ווער האָט די דאָזיקע מהנות געפירט און דערבראַכט אַזש ביז דאַנען?
צי האָבן מיר מער ניט קיין זעלנער, צי האָבן מיר מער ניט קיין שווערדן?
אַרונטער פון אייערע פלעצער, פאַרבויגט זיך מיט אייערע געהערדן,
איר קומט, גיט אָפּ כבוד דעם מאַן, וועלכער טוט פאַר די מחנות דאָ שפּאַנען!...

שלום הכהן

1805—1773

דוד צו ברזילי הגלעדי:

— וואויל איז דיר, ברזילי, ביסט רייכער פון די רייכע,
דיין גורל איז טייערער פון קיניגס אין זיין פּאַלאַץ:
אין דיין געצעלט, אין ערלעכן געצעלט,
ביסטו איינזאַם, אָבער זיכער.
אַרום דיר ליגט אַ רואיקייט צעשפּרייט:
ביי דיר, צווישן די פיר ווענט, איז שלום,
קיין קנאה, חניפה, טוט דיין רו ניט שטערן.
גערעכטיקייט — דיינע פאַרהאַנגען,
ערלעכקייט און יושר — דיינע טאַפּעטן.
וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דאָס גאָלד פון אופיר,
די איידלשטיינער פון לאַנד תרשיש,
אַז דו באַגערסט זיי ניט אינגאַנצן?
די בייטן די געציילטע פון דיין גאָרטן,
דיין שטיקל פעלד,
דאָס זיינען די מדינות פון דיין הערשאַפט,
און די געצעלטן דיינע — דיינע וועלטן.
דיין אַקעראייזן איז דיין קיניגלעכער צעפּטער.
דיין ווייב, די קינדער דיינע, דיינע שאָף —
דיין פאַלק, וואָס האָרכט אויס דיין באַפעל,
זיי זיינען תמיד דיר געטריי.
ס׳איז דאָס געזאַנג פון פליענדיקע פויגלען
דיר ליבער, טייערער, פון דעם געזאַנג
פון פיינסטע זינגער און פון זינגערינס.

שלמה לעוויזאָן

געבאָרן אין אונגאַרן אין יאָר 1788 און געשטאָרבן אין 1821. געלערנטער און פּאָעט. ווייניק לידער פון זיין פּעדער זיינען צו אונדז דערגאַנגען. נאָר פונ׳ם ביסל וואָס ס׳איז פאַרבליבן, זעט מען, אַז מיר האָבן אין אים אַ דיכטער פון ערשטן ראַנג. צוליב אַן אומגליקלאַכער ליבע איז שלמה לעוויזאָן געווירט געוואָרן פון זינען, און אין עלטער פון 33 יאָר געשטאָרבן.

די פּאָעזיע

אַז גאָט האָט באַפוילן דעם תוהו:
ווער ערד! און דעם בוהו געזאָגט, ס׳זאָל ווערן
אַ וועלט — האָט ער אויך דער שיינקייט אָנגעזאָגט,
וואָס האָט פון אייביק זיך געשפּילט ביים כסא הכבוד,
צו געבן איר פּראַקטיקע צירונג דער ערד — דאָן
האָבן פעלדער מיט זאַפטיקן גרינגראָז באַדעקט זיך,
און הרודעס פון לאַנקעס האָבן זיך פאַרוויקלט
מיט גרינע טעפּיכער; די צווייגן אויף בוימער
האָבן זיך מיט בליאַכצן פאַרשאָטן, און פון שטויב
פון ערד זיינען אויפגעקומען פלאַנצן; דער ליליע
האָט מען געהייסן וויקלען זיך אין פּורפּור, און דער רויז
האָט מען פאַרזאָגט צו וויקלען זיך ווי מילך
פון מוטער׳ס ברוסט; פלאַמפּיירדיק האָט אויפגעבליצט
דער וויינטרויב אויפ׳ן שטאָק, און ס׳האָט אַ גאָלדן ליכט
געלויכטן איבער פעלדער. אין דער פינצטער
פון איינגעווייד פון ערד, דאָרט האָט דאָס זאַמד
צום פיינעם גאָלד זיך צוגעפּרעסט, און פון
די פלאַסטן שטויב האָט זיך דאָס זילבער אויסגעגאָסן.
פון נירן פון דעם ליים האָט זיך באַוויזן
דאָס רויט פון קופּער און די שוואַרצע שטיינער
באַקומען האָבן שטראַלן ליכט; ווי שיין פון שטערן
דאָרט האָבן אויפגעבליצט רובינען און שמאַראַגדן,
מיט ראַזקייט פון דעם זומערדיקן זון־אויפגאַנג
האָט זיך געראַזיקט דער בריליאַנט, ווי הימל־בלוי
אין העלן טאָג געבלויט האָט דער סאַפּיר,
און דער קרישטאָל האָט זיך ווי שניי געווייסלט.

אויך האָט מען אַלע בעלי־חיים איינגעטיילט
אַ פּיינעם חלק: הירשן פון די בערג
האָבן זיך אויסגעפּוצט מיט שטאָלצע הערנער,
און שרצים פון דער ערד מיט אויסטערלישע פאַרבן.
דער אָדלער האָט זיין פּראַכט־געשטאַלט באַקומען
און פליגן טויטלאַכע — די פליגלען גילדערנע.
אַ שטאָלצע גאווה ליגט צעגאָסן אויפ׳ן שטאַרקן פערד
און מיט דער פּראַכט פון פעדערן און פליגלען
די שטרויסן חנ׳דלען זיך. אין ווייסע מאַנטלען
פאַרוויקלען זיך די שעפעלאַך אין פעלדער,
אויף ווארקעדיקע טויבן ליגט אַ חן צעגאָסן.
דער בלוט־דורשטיקער לעמפּערט האָט אַרויפגעצויגן
אויף זיך זיין שיינע פעל, און אויפ׳ן מערדערישן לייב
האָט זיך די מורא׳דיקע פּראַכט צעלייגט.

...און דיר, דעם אויסדערוויילטן פון גאָט׳ס חסד,
דער שענסטער אויסדרוק פון דער פּראַכטיקייט און חן,
צו דיר, דו מענטש, איז דאָך דער גרעסטער פאַרצוג
איינגעטיילט געוואָרן: דו ביסט שענער דאָך
פון אַלע ברואים אויף דער וועלט, און ווי אַ מלך
אין שטאָלץ און שיינקייט גייסטו אום
צווישן אַלע ברואים אויף דער ערד.
דיינס איז די שטאָלצע הויך און קלאָרע הויט
פון גוף; ס׳ליגט אויסגעגאָסן שיינקייט
אויפ׳ן הויכן שטערן דיינעם, און אַ חן און ליבקייט
אין אַלע שטריכן פון דיין פּנים; רויזן־ליפּן —
זיי פליסן מיט׳ן פיינעם וואָרט, און פונקען
פון ליבע און דער בליץ פון שטאַרקן גייסט
צעשטראַלן זיך פון דיינע קלאָרע אויגן.
די פרייד, אַז זי צעזינגט זיך אין דיין האַרצן,
שיקט פון דיין מויל אַרויס אַ זיסן שמייכל;
אַז עס צעשטורעמט זיך די שמחה אין דיין גוף,
דאַן טועך טרערן, ליכטיקע ווי פּערל,

שלמה לעוויזאָן

פון דיינע אויגן פליסן. און גרעסער נאָך
פון אַלע שיינקייטן פון גוף, איז גרויס
די שיינקייט פון נשמה דיינער, און די פּראַכט פון גייסט
איז שטאַרקער פון דער פּראַכט פון לייב.

און צו דער שיינקייט (הערט, איך וועל דערציילן)
האָט גאָט אַזוי געזאָגט: „די שענסטע פּראַכט
האָב איך געגעבן צו דער ערד;
און ווי אַ מלך גייט דער מענטש אַרום
צווישן אַלע שיינקייטן פון ערד און וועלט;
גיי אויך אַרונטער אויף דער ערד, און זאָלסט
דעם מענטשנ׳ס ליבלינג זיין, איך וועל דערפאַר
דיך מאַכן פאַר דער הערשערין
פון זיין געדאַנק; כ׳האָב אים געמאַכט פאַר הערשער
פון אַלץ, וואָס איז באַשאַפן אויף דער ערד, און דו
זאָלסט הערשן איבער אים און אַלע זיינע דורות״.

פון דאַן ביז היינט —
בין איך די הערשערין פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט,
און ס׳איז ניטאָ קיין ברעג צו מיין ממשלה.
כ׳וועק אויף אַ ים פון לוסט אין מענטשנ׳ס הערצער
און איך באַרואיק אויך געמיטער אויפגעברויזטע.
איך טרייב דעם מענטשנ׳ס טריט, צו יאָגן זיך
נאָך גרויסקייט, און צוים די נידעריקסטע אינסטינקטן,
זיי זאָלן ניט די וועלט פאַרפלייצן; ווייל
ווער קען זיך אַנטקעגנשטעלן צו מיין וואָרט,
און ווען איך זינג מיין האַרציק ליד אַרויס —
ווער וואָגט צו קומען קריגן? — ווי די שטראָמען
פון וואַסער מעכטיקע, וואָס רייסט זיך
פון בערג פון אייביקע אַרונטער
און טרייבן שטורעמדיק די כוואַליעס זייערע —
ווער קען זיך קעגנשטעלן זייער שטאַלצן אויפברויז,
און איינשטילן דאָס קאָכן פון די כוואַליעס?

איך וועק צום גוטן אויף אַ גרויזאַם האַרץ,
דערוועק דערבאַרעמונג אין אים — דאָס האַרץ

שלמה לעוויזאָן

דאָס אייזערנע, וואָס רירט זיך ניט פון טרערן,
ווערט פון מיין פלאַם צעגאַנגען ווי אַ וואַסער,
ווי דער פרימאָרגן־אייז, וואָס ווערט פון זון צעשמאָלצן.
צעגייט עס אין די פלאַמען פון מיין וואָרט; אַ האַרץ,
אין וועלכן ס׳האָט קיינמאָל נאָך ניט די פלאַנץ
פון רחמים אויפגעבליט — בליט פּלוצים זיך פאַנאַנדער
און ווערט באַדעקט מיט בלומען פון גרויס ליבשאַפט;
פונקט ווי די זון, וואָס שטראַלט און שיסט מיט פונקען
אין שווערן צודעק פונ׳ם אייז,
וואָס טוט דעם פּנים פון דער ערד באַדעקן
מיט פלאַסטן אייז פאַרשטיינערטע פון פראָסט;
און ברענגט פון האַרטע הרודעס ערד אַרויס
די שענסטע פרוכטן און די איידלסטע, מיט וועלכע
עס פרייען זיך די מענטשנקינדער פון דער ערד
און האָבן תענוג.

איך פלאַם די פונקען אויף פון מוט און גבורה
אין שוואַכן מענטשן, און מיין פייער,
וואָס דרינגט אַריין אין הערצער, טוט פאַריאָגן
די אימה און דעם שרעק.
פון מיינע פלאַמעדיקע ווערטער — אַז אַ האַרץ
דערוואַרעמט זיך און גייט אַרויס צום קאַמף,
איז גאָרניט ניט ביי אים דאָס שמוצערן פון קוילן,
און ס׳שרעקט ניט אַפּ אים דאָס געבריל
פון די קאַנאָנען; אַז ס׳ברענט פאַנאַנדער זיך
די לוסט פון קריג ביים מענטש אין האַרצן —
דאַן שפּאַנט ער מיט געזאַנג אין פעלד פון שלאַכט,
און אין דעם ברויזן און דעם רוישן פונ׳ם קריג
געפינט ער רו; דער קלאַנג פון שווערדן
איז ווי דער קלאַנג פון האַרפן, און פון צאָרן
פון פליענדיקע קוילן ציטערט ניט דאָס האַרץ;
פונקט ווי אַ באַרג פאַרוואָרצלט אין דעם בויך פון ערד,
מיט קאָפּ פאַרשטעקט אין וואָלקנס, הערט ניט צו זיך
צום דונער, וועלכער זעצט אין שוועבלדיקע וואָלקנס,

און פונקען פונ׳ם בליץ, וואָס זייגען אַנגעזאַפּט
מיט שוועבל, טוען אים ניט שרעקן; ווי אַ פעלז
אין האַרץ פון ים, וואָס הויבט זיך איבער תהום׳ען —
ער האָט קיין מורא ניט פאַר שטורעם, ווען
ער וואַרפט צערייצט זיך אויף די ווילדע כוואַליעס,
און פאַר׳ן ברום פון וואַלן ריזיקע,
וואָס שלאָגן מיט אַ ווילדן כעס איבער זיין קאָפּ,
האָט ער קיין מורא ניט.

איך וואָרצל אויס
די שנאה פון איין מענטשן צו דעם צווייטן;
און דורך מיין וואָרט — אַ שונא מיט אַ שונא
זיי פאַלן צו זיך קושן ווי אַ ברידער־צווילינג;
אַז די נשמה פון אַ שונא לעכצט נאָך בלוט
און קירעוועט דעם מענטשנ׳ס האַנט צום מעסער,
וואַרף איך די מיאוס׳ע און מערדערישע כלי
אַרויס פון האַנט אים; אַ בייזע פיינטשאַפט
אַז ס׳קאָכט און בלעזלט אין אַן אויפגערעגטער זעל —
טרייב איך איר הערשאַפט פון דער זעל אַרויס,
און דורך מיין וואָרט, הייסט איין געדאַנק דעם צווייטן:
„האָב ליב!״
ווי דער אויפטרייסלענדיקער דונער, ווען ער ברומט
מיט רוגזה פונ׳ם הימל צו דער ערד אַרונטער,
פונ׳ם באַהעלטעניש פון שוואַרצע וואָלקנס
אויף פעלקער און אויף לענדער — אַ רגע שפּעטער,
אויף גאָט׳ס באַפעל, פאַרשווינדט דער וואָלקן,
אַ ליבע קלאָרע שטילקייט קוקט אַרויס,
אַ ליכט אַ פּראַכטיקס און אַ וואונדערלאַכס דערשיינט,
אַ חן, אַ קלאָרע אויסשפּרייטונג פון איין ברעג הימל
און ביז דעם ווייטסטן צווייטן ברעג אַנטפּלעקט זיך.

איך הייל דעם מענטשנ׳ס שווער־געפּייניקט האַרץ,
דאָס האַרץ, וואָס איז געטראָפן פון גאָט׳ס פיילן;
די זעל, וואָס איז פון צאָרנדיקן בעכער
אַנגעטרונקען — ווערט באַרואיקט

שלמה לעוויזאָן

פון זיסער טרייסט; מיין טרייסט־ליד, וואָס איך זינג —
פאַרהאַלט די טרערן קוואַלן אירע
און זיי באַרואיקן און שטילן דאָס געברום
פון אירע זיפצן; פון קלאַנג פון מיין געזאַנג
ווערט אויפגעלעבט דער מענטש, און זיין געדאַנק
ווערט אויפגעמונטערט; אַנשטאָט ביטערניש —
באַקליידט ער זיך מיט פרייד; און ווי פון פרישן רעגן
ווערט אויפגעבליט דער בוים דער טרוקענער,
פון הימל׳ס פייכטקייט ווערט ער פריש און גריין
אין טעג פון עלטער, איטלאַך אויג קוועלט אַז
פון זיין פרוכט, און שאָטן פון די צווייגן
דערקוויקט, באַגליקט דעם מידן מענטשן.

איך רו אין אַלע ברעגן פון דער וועלט —
מיין פלאַץ — פון איין ברעג ערד און ביז דעם צווייטן:
אויף אייז־בערג, וואָס אין קאַלטן צפון,
אין דעם געברום פון בייזן שטורעם
ברומען מיינע לידער; איך בין אין פייערדיקן זאַמד
פון הייסן דרום־לאַנד, און ווי די זון,
וואָס פליסט מיט פלאַם, איז מיין געזאַנג. איך שוועב
איבער דעם זונאויפגאַנג אין עק פון מזרח,
און מיט קלאַנגען פון מיין האַרף דערוועק איך
דעם ליכטיק־רויטן מאָרגנשטערן.
איך נעכטיק אין דעם ברעג פון ווייטן מערב
אויף שוואַרצע בערג, און מיט מיין קול
רוף איך דאָס פינצטערניש פון נאַכט אַרויס
פון שוואַרצע קאַמערן; און איבער תהום׳ען
טו איך מיך וויגן מיט די רייזנדע פון ימ׳ען,
וואָס ווערן אויף די פליגלען פונ׳ם ווינד געטראָגן
פון איין ברעג ים און ביז׳ן צווייטן.
און אויך די יעניקע, וואָס שניידן דורך
מדבריות ווילדע — טו איך ניט פאַרלאָזן;
דער טאָג זאָל ניט צו לאַנג זיך אויסציען
אין מורא׳דיקן לאַנד. אין שטאָט אין רוישיקער —

שלמה לעוויזאָן

דאָרט פליסט מיין וואָרט; צווישן שטילע פעלזן
און בערג פון רו — צועפן איך די ליפּן
פון איינזאַמען; אין שאָטנדיקן וואַלד
אינ׳ם באַהעלטעניש פון די געדיכטע צווייגן —
דאָרט זוכן מיך די יעניקע, וואָס ליבן מיך,
און זיי געפינען מיך, צווישן בלומען
און אין די רויזן־פעלדער גיס איך אויס
מיין גייסט אויף מיינע אויסדערוויילטע.
מיר זיינען ליב די גרינע ברעגן פון אַ טייך,
דאָס ברומען פון די שטאַרקע וואַסערן
דערוועקט מיין פּראַכטיק קול; איך פריי מיך
מיט דער באַשיידנקייט פון שטילן וואַסער,
און אויפ׳ן ברעג פונ׳ם טייך דעם פרידלאַכן
פאַרפלאַנץ איך מיין געצעלט. אויף אַ בית־עולם
בין איך אַן אָפטער גאַסט און קום דאָרט זינגען,
און אויף די ליפּן פון אַ מאַמע, אַ באַרויבטער,
הויב איך אויף געוויין און קלאַג. איך הויער
איבער אַלע טרינקפלעצער פון טשערעדעס
און זינג פון רו און זיסיקייט פון ליבע.
כ׳גיי מיט׳ן זייער אין זיין פעלד אַרויס
און ברענג די גאַרבן מיט געזאַנג אין שייער.
איך קלעטער, קריך, צוזאַמען מיט׳ן פלאַנצער
אויף אַלע הויכן פון די ווייגערטנער,
און קער זיך אום אויף נאַכטלעגער אין דאָרף
צוזאַמען מיט די קלעטערער פון בערג. עס רופן מיך
די אַלע, וועלכע פרייען זיך ביים גלעזל וויין;
איך גיי בראַש פון פריידיקע פּראַצעסיעס;
אויך מיט די יעניקע, וואָס שמאַכטן, איינגעשפּאַרט
אין תפיסות פינצטערע, אין קייטן איינגעשמידט,
פאַרגעסן פון דער וועלט, טו איך מיך פריינדלען.
ווייל ס׳האָט מיין פּראַכטיקייט קיין אָפּהאַלט ניט,
און אומעטום צעגיס איך מיינע פלאַמען.
די ערד צעברענט זיך פון די פאַקלען אירע,
און ס׳פלאַקערן די ברייטקייטן פון ימ׳ען.
אַ שיינקייט גאַלדיקע באַדעקט די בערג,

שלמה לעוויזאָן

און שיסט מיט פיילן־שטראַלן אין די וואַסערן
פון יעדן טייך; פון אירע בליצן
פאַרוואַנדערן די שרעקן פונ׳ם וואַלד;
זוכט אויס די טיפע באַסע זומפּן,
באַלויכט און היילט זי מיט איר שיין.

און ווי ס׳איז גרויס מיין הערשאַפט איבער וועלט,
אַזוי איז גרויס די פּראַכט, מיט וועלכער
מיינע פאַרערער טוען זיך באַקרוינען;
ווייל איך האָב ליב די יעניקע, וואָס פאַרשן מיך,
צו מיינע אויסדערוויילטע טו איך געבן
אַ נאָמען אייביקן: די מענטשן פון געדאַנק,
וואָס ווערן מיט׳ן טויט פאַרגעסן — לעבן אויף
דורך זייער וואָרט; און ווי ס׳איז זיס דאָס זונליכט —
אַזוי איז זייער וואָרט; די העלדן פון אַמאָל,
אַז ס׳ווערן זייערע אויפטוען פאַרגעסן —
דאָס וואָרט פון באַרדן מאַכט זיי לעבעדיק,
זיי בלייבן שטיין, ווי לאַנג עס שטייען
די פונדאַמענטן פון דער ערד; ווי אינזלען..
וואָס גאָט האָט איינגעפלאַנצט אין האַרץ
פון טייכן שטראָמיקע! זיי שטייען אייביק
אין שטראָמען פון די שטאַרקע וואַסערן,
וואָס טרייבן אַלע שיפן פון די פעלקער;
און פון דעם שטאַרקסטן שטראָם,
וואָס וואַרפט אום ווי אַ שפּאַן די שיף די מעכטיקסטע —
ניט אויסגעריסן ווערט דאָס אינזל. איצט,
איר מיינע נאָכפאָלגער, הערט אויס מיין לערע,
באַנעמט מיינע געזעצן, ווייל ס׳איז גוט
זיי אָפּצוהיטן; אויף די ליפּן אייערע —
זיי זאָלן אייביק לעבן.

רחל מורפורגו

איטאַליע. 1790—1875.

פון טאָל

דו טאָל, פאַרהילט אין גרויע שווערע נעפּלען,
ווי לאַנג וועסטו מיך האַלטן, ווי געשמידט אין קייטן?
שוין בעסער טויט, אין אייביקן און שוואַרצן שאָטן,
ווי זיצן דאָ אַן איינזאַמע, אָן ליכט און פריידן.

פונוויטן זעט מיין בליק די בערג די אייביקע,
און בלומען טוען פון די נירן פון דער ערד זיך וועקן;
איך הייב די אויגן צו דער הויך, ווי אַדלער־פליגל,
צום ליכט פון הימל טוט דאָס האַרץ זיך שטרעקן.

אָ הימל, ווי דו האָסט זיך וואונדערלעך צעוואָרפן,
און פרייהייט אייביקע צו מיר טוט ווינקען;
ווי זיינען זיס די פרייע ווינטן פון די הייכן!
ווער קען דיין שיינקייט און דיין פּראַכט באַזינגען?

אברהם דוב לעבענזאָן

אד״ם הכהן, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן אין דער ליטע, בערל מיכאַלישקער, איז געבאָרן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1794. איינער פון די ערשטע פּאָעטן אין רוסלאַנד. אין יאָר 1848 אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס הויפּט־לערער פון העברעאיש און אַראַמעאיש אין דער ווילנער ראַבינער־שולע. געשטאָרבן אין יאָר 1878.

דער פרעגער

— טעפּער, דו טעפּער, ס׳איז שיין בנאָמנות
די וואַזע, וואָס דו האָסט געפורעמט אַצינדער —
פאַרוואָס האָסטו נישט אויף דיין ווערק קיין רחמנות,
פאַרוואַנדלסט זי ווידער אין ליים — ס׳איז אַ וואונדער!
— ביי דיר איז עס שיין? און ביי מיר איז עס מיאוס,
אַט מאַך איך אַ שענערע וואַזע אַן שהיות!

אברהם דוב לעבענזאָן

— בעקער, דו בעקער, דאָס ברויט איז געראָטן,
דער לאַבן איז שיין, אַ מחיה צו קוקן —
פאַרוואָס האָסטו ווידער אים איבערגעקנאָטן?
ס'איז נאַריש אומזיסט זיך צו ברעכן דעם רוקן!
— דו וואַרט נאָר אַ רגע, דו האָסט נישט באַנומען,
ס'וועט בעסער פון ערשטן דאָס ברויט זיין צום גומען!

ווייל ס'איז דאָך נישט מעגלאָך, אַז לייב און נשמה,
זיי זאָלן צערינען אומזיסט מיט'ן לעבן;
דער גאָט, דער באַשאַפער איז גוט, פול נחמה,
וועט אַלץ מיט אַ האַנט מיט אַ ברייטער אָפּגעבן.
דאָס שלעכטע צום גוטן פאַרבייטן באַווייזט ער,
און לייב איז ווי ליים, און ווי טייג זיינען גייסטער.

עלעגיע

(אויפ'ן טויט פון זיין זון, דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם פּאָעט, מיכה יוסף)

ווער האָט פון מיין נעסט מיר מיין פויגל פאַרטריבן,
ווער האָט פון מיין הויז מיין געזאַנג מיר צעריבן,
צעבראָכן מיין האַרף און פאַרוואַנדלט אין קלאַג?
דאָס שענסטע און בעסטע פון לעבן צעדראָשן,
מיין ליכטיקסטע האָפנונג צעטראָטן, פאַרלאָשן,
און פינצטער געוואָרן מיין וועלט אויף זיין זאָג?

„דו לעב און דו זע, ווי עס לעשט זיך זיין לעבן,
„פאַרקניפּט און פאַרוועבט מיט דיין האַרצנס־געוועבן,
„און קוק אַז זיין קבר אין פעלד פונ'ם טויט!"
האָסטו, גרויסער גאָט, דאָס פאַרזאָגט און באַפוילן,
אַז לעבן זאָל איך און מיין קינד זאָל גאָר פוילן —
דו טויטסט און גיסט לעבן אפילו אין טויט!

דער שטאַרבנדיקער

די פייגל האָבן געזונגען
און איינציקווייז פאַרפלויגן;

אברהם דוב לעבענזאָן

זיי האבן דורכגעשוואונגען,
פאַרשוואונדן פון די אויגן.
די יוגנטלאַכע פריידן
זיי וויקלען זיך אין ליידן.

און עקדישן און שלאַנגען
זיי קומען אַן צוקריכן;
און עלטער, גרויקייט, צאַנקען,
זיי קומען אַן אינגיכן;
פאַרפירט מיך, בייגעקומען
און מיט זיך מיטגענומען.

אַ „זייט־געזונט" אייך, ליכטער,
לבנה, זון און שטערן —
עס בענטשט אייך שטיל דער דיכטער,
פאַרמינערט ניט צו ווערן.
און איך — דורך לייד און טרערן
וועל צו דער ערד זיך קערן.

אייער וועג טוט אייביק גליען,
טוט טעג מיט נעכט פאַרבייטן;
דער פרילינג מיט זיין בליען,
דערנאָך פון האַרבסט די צייטן
מיט זייער קעלט און גרוילן —
ווען מיין געביין טוט פוילן.

איר מענטשן, איר פאַרפירטע,
זייט פריילאַך אומגעהויער;
פון טויט נאָך ניט באַרירטע,
פאַרגעסט אַן טויט און טרויער.
כ׳האב אויך אַמאָל פאַרגעסן —
נאָר איצטער ווייס איך בעסער.

און טומלט, מאַכט געפילדער
און טוט, קערט וועלטן איבער;

אברהם דוב לעבענזאָן

ס׳גערויש זאָל ווערן ווילדער,
און ניט דערמאָנט זיך ליבער.
מיך טוט שוין גאָרניט אַרן,
די וועלט קען מיך ניט נאַרן.

דו, ערד, פאַרנאַר דעם מענטשן,
צונעם אים און פאַרפיר אים;
פאַרזינג אים מיט דיין בענטשן,
און מיט דיין ווייַן צוריר אים.
מיין ווייַן איז אויסגעוועפּט שוין,
און איך בין אָפּגעלעבט שוין.

*

און פליט און טראָגט זיך, יאָרן,
בליט אויף און ווערט פאַרשוואונדן;
וואַקסט, שטעט, און ווערט פאַרלאָרן,
פאַרטיליקט ביז די גרונדן.
כ׳בין אויך, ווי איר, אַ קרבן —
געלעבט — און אָט געשטאָרבן.

קומט, דורות, ווערט פאַרגאַנגען,
ווי עס פאַרגייען ווינדן;
עס וועט ניט נעמען לאַנג שוין,
ביז ס׳וועט דער טאָג פאַרשווינדן.
ווי שאָטנס, דורות ציען,
זיי ציען און פאַרפליען.

די בעסטע פריינט וואו זיינען,
דאָס לעבן צו פאַרזיסן?
וואו חכמה, וואָס טוט שיינען,
און קונסט, און ליד, און וויסן?
ווייַ, אַלע פריידן שטומען —
צוזאַמען אומגעקומען.

און דער, וואָס האָט נאָך טרערן,
זאָל קומען מיך באַקלאָגן —
ס׳וועט אפשר לייכטער ווערן,
ס׳וועט זיך דער שרעק פאַרטראָגן.
קומט וויינען שווער און ביטער,
וואָס געווען, וועט קומען ווידער.

*

איין אָפּשייד־קוש צו גריסן
וויל איך די ליבסטע געבן;
מיט דעם קוש זאָל זיך שליסן
מיין עלנט־טרויעריק לעבן —
אַריבער ערדיש לעבן,
זאָל מיין נשמה שוועבן!

שמואל דוד לוצאַטו

געבאָרן אין טריעסט אין יאָר 1800 און געשטאָרבן אין פּאַדואַ אין 1865. פּאָעט, דענקער און קאָמענטאַטאָר פון די גרויסע שפּאַניש־העברעאישע און איטאַליענישע פּאָעטן.

אַ סאָנעט וועגן דאַנטע

שפּראַך, וואָס האָסט דאָס אומרעכט, שטאָלץ און ליגן,
שפּראַך, וואָס קדושה, חסד, יושר איז איר קול —
ווען איטלאַך לשון קניט פאַר פאַלשקייט און באַטריגן,
פאַר גאָלד און כבוד, רייכקייט, קראַפט פון שטאָל,
ביסטו פון גאָט מיט אמת אָנפאַרטרויט אַליין —
באַזינג דעם צדיק, דאַנטע׳ן באַקרוין.

*

די שטאָט איז צעטרייסלט פון ברידער־קריג, צאָרן,
דאָס בייז און דאָס שלעכטס האָבן אויפגעזידט תהום׳ען —
ביסטו פון דיין היים דאָן פאַרטריבן געוואָרן
און פליגל באַקומען האָט דיין קלאָרע נשמה.

שמואל דוד לוצאַטו

דיין מויל האָט מיט וויזיעס פון גיהנום געפּלאַסן,
געריסן די טויטע פון זייערע קברים;
געדונערט אויף אומרעכט, מיט קללות געגאָסן,
דעם מענטש לויט זיין שכר וועט באַלוינען גאָט׳ס אָרעם.

דו האָסט, ווי די אַלטע נביאים, אין גלויבן
אויף פאַלשע די רוט פון דעם אמת געהויבן,
דערגרייכט ביז די העכסטע די הימלישע הייכן —

דו ביסט איבער אַלע מייסטער פון געזאַנגען
און איטלאַכער טוט רום און לויב דיר דערלאַנגען —
פאַר אייביקע דורות דער וואונדער און צייכן!

אמת און יושר

(סאָנעט)

אמת און יושר — איר ליכטער פון דער וועלט,
אין אייך בין איך פאַרליבט פון קינדהייט אָן ביז היינט;
פאַר אייך האָב איך זיך, ווי אַ וואַנט, געשטעלט
אַנטקעגן שלעכטס און פאַלשקייט פון דעם פיינט.

כ׳האָב לייט גאָר פיל געזען, אָן מוט, אָן מאַכט,
וואָס פאַלן פאַרן שקר, בויגן זיך געמיין.
נאָר כ׳האָב דעם ליגנער און דעם ליגן אַלע מאָל פאַראַכט,
און כבוד אָפּגעגעבן יענעם, וואָס איז ריין.

דערפון האָט זיך גענומען צאַנקעריי און פיין,
פאַר חסר־דעה האָט מען מיך געמאַכט,
פאַרגליכן מיך צו דעם משוגע דאָן־קיכאָט —

אָ, אמת, דו ביסט ליכטיק ביז אין גרוב אַריין,
פאַר דיר בין איך געגרייט צו ווערן אויסגעלאַכט,
פאַר דיר שטיי איך אין קאַמף — אַ דאָן־קיכאָט!

מיכה יוסף לעבענזאָן

זון פון אד״ם הכהן לעבנזאָן. געבאָרן אין ווילנע אין יאָר 1828. געשטאָרבן אין 1852, אין עלטער פון קאַרגע 24 יאָר. פלינק אויפגעבליט און פלינק פאַרבליט. דער ערשטער אָנזאָג אין דער העברעאיש־רוסישער פּאָעזיע פון אַ נייעם פרילינג. באַרימט פאַר זיינע „שירי בת־ציון", פּאָעמען ווי „שלמה און קהלת", „משה אויפ׳ן באַרג עברים", „ר׳ יהודה הלוי", און אַנדערע, ווי אויך פאַר זיינע לירישע האַרציקע לידער, וואָס זיינען דורכגעגליט מיט ווייטיק און טרויער אויף זיין אייגענעם גורל, און ממילא אויך אויפ׳ן גורל פון דעם מיטמענטשן. די גאַנצע משפחה לעבנזאָן האָט געליטן פון שווינדזיכטיקייט, און דער פּאָעט מיכה יוסף איז געווען דאָס זיבעטע קינד פון אד״ם הכהן צו שטאַרבן פון דער דאָזיקער קראַנקייט. זיין פאָטער ווענדט אָן אַלע מעגלעכ־קייטן צו ראַטעווען זיין יונגן זון, שיקט אים קיין בערלין צו די גרעסטע פּראָפעסאָרן פון יענער צייט. ער פאַרברענגט אַ ווינטער אין זאַלצברון, ווי ער באַקאָנט זיך מיט די גרויסע אידישע געלערנטע שניאור זאַקש און צונץ, שרייבט זיך מיט זיי איבער קומענדיק אַהיים. חוץ זיינע אָריגינעלע לידער האָט ער אויך געמאַכט איבערזעצונגען פון דייטש און פויליש. דער יונגער מיכה יוסף איז נאָך ביז היינטיקן טאָג איינער פון די באַליבטסטע פּאָעטן אין דער העברעאישער פּאָעזיע מיט זיין שיינקייט און טראַגישקייט.

דער יום־טוב פון פרילינג

עס שפּרייט זיך דער אוונט, אַ ווינטל נעמט בלאָזן,
עס האָבן די שאָטנס די שטאָט פאַרשלונגען;
די זון האָט אין טייך זיך אַרונטערגעלאָזן —
עס לויכטן נאָך וואָלקנס מיט ראָזעווע פונקען.

עס יובלט בערליז, איז באַטרונקען פון פריידן,
ווייל היינט איז דער יום־טוב פון פרילינג געקומען,
אין גליק האָט דער יום־טוב געטאָן אַלץ באַקליידן,
און האָט אַלע גאַסן און פאַרקן פאַרנומען.

איך זיץ אין מיין צימער אין טרויער פאַרזונקען,
איך וויס, פאַר מיין קרייַנק איז קיין היילונג פאַראַנען —
מיין האַרץ איז מיין קבר אין לעבן אין יונגן,
און ס׳ברענט דאָרט דער טרויער מיט העלישע פלאַמען.

מיכה יוסף לעבענזאָן

עס רינגען שוין מער נישט אין שטראָמען די טרערן —
שוין טרוקן דער קוואַל און נישטאָ וואָס צו פליסן;
עס שטורעמט נישט מער אין׳ם האַרצן דעם שווערן —
עס האָבן די זיפצן מיין האַרץ שוין צעריסן.

איצט הערשט דאָרט אַ שטילקייט און רו פון בית־עלמין,
אַזוי ווי אין וואַלד נאָכ׳ן בראַד פון אַ שטורעם,
אַ שיף אַ צעשמעטערטע אין שטורמיקע ימ׳ען —
אַזוי רוט דאָס האַרץ שוין נאָך זיינע יסורים.

איך לעב נאָך, נאָר מיך בין איך, מיך ביז צום שטאַרבן,
איך לעב נאָך, אויב טויט קען מען אַנרופן לעבן...
אויב איינער טראָגט אין זיך דעם טויט און זיין דאַרבן,
צי קען מען דעם נאָמען פון לעבן אים געבן?

איך לעב, און פאַרשטאַרקט זיינען נאָך מער די ווייען —
די ליבע צום לעבן איז גרויס און דער ווילן;
ווי שווידערלאַך ס׳איז מיט דעם גרוב זיך צו פרייען,
ווען ס׳ציען צום לעבן זיך אַלע געפילן.

ווי טו איך פון דער דאָזיקער ליבע זיך שעמען!
די שרעקלאַכסטע איז זי פון מענטשלאַכע ליידן —
זי האַלט אָפּ מיין האַנט, זיך דאָס לעבן נישט נעמען,
פאַרפירט מיך מיט האָפנונגען פאַלשע און פריידן.

*

עס גיסט זיך אַ פריידיק גערויש אין די גאַסן,
דער דרויסן איז ליכטיק, דאָס גאַז־ליכט טוט שפּילן;
אַך, לאָמיך אַרויסגיין צווישן די מאַסן —
ס׳וועט אפשר מיין טויטלאַכער טרויער זיך שטילן.

עס שטראָמט דאָרט די יוגנט פון אַלע פיר זייטן,
מיט לוסט און מיט גליק טוען פּנימ׳ער שלאָגן —
נאָר איך בין פאַרפינצטערט און שטיי פונדערווייטן,
און קען נישט דעם פריידיקן טומעל פאַרטראָגן.

מיכה יוסף לעבענזאָן

און שיינהייטן־מיידלאַך אין פאַרביקע קליידער —
אומזיסט אַבער ריידן פון ליבע די אויגן ;
אַוועק איז די צייט, ווען דאָס האַרץ האָט כסדר
מיט ליד זיך נאָך לוסט און נאָך ליבע געצויגן !

איך זע נישט אין אויג מער דעם הימל דעם קלאָרן,
קיין שטימען קיין זיסע פאַרנעמט נישט מיין אויער —
אַ לאַסט איז די זיסקייט פון לעבן געוואָרן,
מיין האַרץ איז פאַרשטיינערט פון עלנט און טרויער.

איך האָב אויך די איינציקע ליבע פון טרויער
און ליידנדער חנה׳ן פון האַרץ אויסגעריסן —
ווי קומט זי אַהין ? ס׳ברענט דאָרט גיהנמ׳שער פייער !
ווי קומט ס׳ליכט פון לעבן אין פלאַץ אינ׳ם וויסטן ?

*

דורך שטראָמען פון מענטשן, פון פריידן באַזויפן,
בין איך, אַ פאַרשטומטער, געטראָגן געוואָרן ;
דאָס האָב איך געזוכט פון מיין ווייטיק אַנטלויפן,
פון עלנט און טרויער, פון פּאַק פון מיין צאָרן.

אומזיסט אַבער לויף איך — מיין פריינדין מיין טרייע,
זי היט מיינע טריט, רוקט נישט אָפּ זיך פון דאַנען ;
דערלאָזט נישט און גיט נישט קיין רגע קיין פרייע
און פירט פאַר דער האַנט מיך און טוט מיט מיר שפּאַנען.

מיט איר גייען מיט אַלע אַנגסטן געגרייטע,
אַ שאַרבן איר פּנים, מיט לעכער פאַר אויגן,
עס סטאַרטשען די ביינער אַרויס, ווי ביי טויטע —
זי רעדט מיר : פאַרשוואונדן דיין האָפנונג, פאַרפלויגן !

זי האָט מיר אַ פייער אין האַרצן צעבלאָזן,
געפיל און געדאַנק זיינען אירע געוואָרן,
האָט גיפט אין דעם כוס פון מיין יוגנט געגאָסן —
מיין קראַנקייט פאַרשניידט מיר די בליענדע יאָרן.

מיכה יוסף לעבענזאָן

נאָך איר גייט דער טויט נאָך, מיט טריטעלאַך שטילע
און טוט אַזוי רואיק, געלאַסן זיך שלעפּן;
ער הערט נישט מיין קול און פאַרנעמט נישט מיין תפלה —
פאַרשאַלטן זיי, טויט, און פאַרשאַלטן זיי, לעבן!

שלמה

אַרום ירושלים, צווישן די פעלדער,
וואו אַלץ, וואָס איז פּראַכטיק און שיין, טוט זיך מערן,
די פּראַכט פון דער ערד און די קדושה פון הימל —
וואו ס׳שטייען די צעדער באַקרוינטע מיט שטערן.

אַרום ירושלים, בת־מלכה פון לענדער,
די פייגן געדייען און איילבירטן גרינען;
די פרוכטבאַרע ווייַנשטאָקן טריפן מיט זיסקייט,
מיט מילך און מיט האָניק די בערג אירע רינען.

עס ווייען די פריידיקע ווינטלאַך און זינגען,
דער אייביקער פרילינג טוט ליכטיק זיך שפּרייטן;
פאַר׳ן וואַסער פון ירדן, וואָס ברויזט אין די ברעגן,
איז יעדער טאָג יום־טוב אין ליכט און אין פריידן.

דאָרט האָבן די געטינס פון ליד זייער וואוינונג,
אַ געטלאַך געזאַנג הויזט צווישן די בלומען;
אַ ליד יעדע בלום, אַ געזאַנג יעדער צעדער,
געזאַנגען און בלומען — צוזאַמענגענומען.

אַ בוך — יעדער שטיין, יעדער פעלז איז אַ טאָוול,
אין דאַזיקן לאַנד פון געזאַנג און פון שיינקייט;
אין קרוין פון באַשאַף — נאָך אַ ליכטיקער דימענט,
וואָס לערנט דעם מענטשן דערהויבנקייט, ריינקייט.

אַרום ירושלים שפּאַצירט דאָרט אַ אינגל
אַ שטילס און אַ גליקלאַכס צווישן די פעלדער;

אין שיינקייט פון יוגנט אין נאַר־וואָס דערוואַכטער,
איז שלאַנק ווי אַ צעדער, אַ ליכטיק־באַהעלטער.

דאָס לויטערע פּנים איז קלאָר און געראַטעלט,
די באַקן ווי שניי און די ליפּן ווי רויזן;
ווי פליגל פון ראָבן — די האָר די געלאָקטע,
די אויגן — צוויי טויבן אויף שטראָמען, וואָס ברויזן.

אַ שטילע באַשיידנקייט רוט אויף זיין פּנים,
אַ לויטערקייט, ריינקייט, פול טרייסט און נחמה;
די גבורה פון גייסט אויף זיין שטערן פאַרזיגלט —
ווי שיין ס'איז זיין גוף, איז אויך שיין זיין נשמה.

ווי שניי פון לבנון, פון פיס ניט באַטראָטן —
איז קלאָר אויך זיין יוגנט און ווייסט ניט פון טרויער;
דערפאַר איז זיין האַרץ אַזוי לויטער און גליקלאַך,
ווייל ס'האָט נאָך קיין קלאָג־ליד געברומט אויף זיין אויער.

דערצויגן אין רייכקייט פון פּראַכטיקן פּאַלאַץ —
האָט ער בלויז מיט שיינקייט געטאָן זיך באַגריסן;
געשפּילט מיט דער קרוין האָט דאָס קינד זיך אין וויגל,
דערפאַר טוט זיין גייסט ווי אַ קוואַל רואיק פליסן.

ער ווייסט ניט פון טרויער, וואָס בייסט ווי אַ שלאַנג זיך,
פון קנאה מיט שטעכיקע גיפטיקע ציינער;
ער ווייסט ניט פון פּיין מיט איר מיאוס'ן פּנים,
פון צרה און אומגליק — ער ווייסט ניט פון קיינער.

בלויז ליכטיקע האָפנונג, די טאָכטער פון הימל,
זיין קאָפּ מיט אַ בלעטער־קראַנץ טוט אים באַקראַנצן;
די רוישיקע פרייד קלאַפּט די הענט ווי מיט טאַצן,
זיי פריינדלען מיט אים זיך צעשטראַלטע אינגאַנצן.

זיין יוגנט — אַ שטראַל פון אַ זומער־פרימאָרגן,
ער ווייסט ניט פון טונקעלן אָוונט פון לעבן;

דאָס לעבן ביי אים צו אַ בוים איז געגליכן,
וואָס טוט יעדן טאָג נייע פרוכטן אים געבן.

דער טויט איז ביי אים ווי אַן אָפּרו פאַררעכנט,
דער קבר — אַ רואיקער, שטילער געלעגער;
די וועלט איז אַ ליכטיקער העלער גן־עדן,
וואָס ווייסט ניט פון ליידן און בייטש פון דעם שלעגער.

די פראַגע: „פאַרוואָס?" — האָט ער נאָך ניט געפרעגט זיך,
ווייל ער איז פאַרגאַרטלט געוועזן מיט גלויבן;
אַ גלויבן, אויף וועלכן אַ ליכט האָט געשימערט,
געהילט אין אַ שלייער פון נעפּלען פון אויבן.

דאָס שלעכטס פון דער וועלט טוט דער שלייער פאַרדעקן,
פאַלט ליכט אויף אַ וועלט, וואָס איז גליקלאַך און פריילאַך.

*

און אויב איר וועט פרעגן מיך: ווער איז דאָס אינגל?
זיין נאָמען איז: שלמה בן דוד המלך!

שלמה שפּילט אויף זיין פאָטערס האַרף

די בערג פון לבנון פאַרוויקלט אין נעפּלען,
די זון ליגט אויף זייערע קעפּ, ווי אַ היטל;
די קלענערע בערג זעען אויס ווי די שפּילצייג,
פאַרגאַרטלט מיט הימל־בלוי, ווי מיט אַ קיטל.

אין שוואַרצקייט פון נאַכט, אויף די בערג פון לבנון,
ווען ס'האָט זיך די שטילקייט ביז דר'ערד צוגעבויגן —
איז שלמה אַזוי ווי אַ הירש אויפגעשטיגן,
דעם נייעם פרימאָרגן צו זען מיט די אויגן.

מיכה יוסף לעבענזאָן

די נאַכט נעמט פאַרשווינדן, די שטערן אַנטלויפן,
די לבנה פאַרנעמט זיך איר ליכט צו פאַרבאָרגן;
אויף פעלדער אויף גרינע, אויף בוימער און לאָנען
הויבט אָן זיך צו שפרייטן דער נייער פרימאָרגן.

די נאַכטיקע שאָטנס זיי ווערן צעשוואומען,
די בערג ווערן גאָלדיק אין שאַרפע קאָלירן;
עס קושן די שטראַלן די צעדערן־שפיצן,
די פויגלען אין וואַלד הויבן אָן זיך צו רירן.

און שלמה איז שטיל, נאָר עס ריידן די אויגן,
אַ ווינטל בלויז שפּילט אין די טויאיקע לאָקן;
עס וואַרפט זיך דאָס האַרץ פון׳ם איינגל אין שטורעם —
ווי איז ער פון שיינקייט, פאַרוואונדערט, דערשראָקן!

די אויגן פאַרנעמען די מורא פון שיינקייט,
וואָס האָט אים די אינגלשע ליפּן פאַרשלאָסן;
עס שווייגן געפילן, פאַרגאַפּט און באַצוואונגען —
זיין האַרף אין די גראָזן ליגט איינזאַם, פאַרלאָזן.

ווי הייליק עס זיינען אַזעלכע מינוטן!
דער גייסט אין אַ מאַן נעמט זיך רעגן און וועקן;
עס פליסן די אויגן פון פרייד און פון ציטער,
דער מענטש לאַכט זיך אויס דאַן פון ערדישע שרעקן.

געפיל פון גערעכטיקייט ווערט דאַן געבאָרן:
ווי קען דאָס איין ברודער באַדריקן דעם צווייטן?
ער וויל מיט דער וועלט און באַשאַף זיך באַהעפטן,
ווייל ס׳גאַנצע באַשאַף איז אים ברודער אין פריידן.

דער מענטש געפינט דאַמאָלס זיין גאָט און באַשאַפער,
געדאַנקען אומשטערבלאַכע ווערן געבאָרן;
זיין גייסט הויבט זיך אויף דאַן אויף אַדלערשע פליגל
און שיינקייט, גערעכטיקייט טוען זיך פּאָרן.

מיכה יוסף לעבענזאָן

די זון הויבט זיך אויף אַצינד העכער און העכער,
איר ליכט טוט די ערד און דעם הימל פאַרטרינקען;
עס גלימצערט און פינקלט דער שניי פון לבנון
און פייגעלאַך פלאַטערן, זינגען און קלינגען.

און ס׳ברויזן אויף שלמה׳ס געפילן און ברומען
פון געטלאַכע בילדער, וואָס נעמען זיך טראָגן;
און קען ער ניט איינצאַמען מער זיין התפעלות —
האָט ער אַן די סטרונעס פון האַרף אַנגעשלאָגן.

די דאַזיקע האַרף איז זיין טאַטנ׳ס געווען,
דער מייסטער פון געטלאַכע גרויסע געזאַנגען;
ביז טיפעניש טיפסטן איר קלאַנג טוט דערגרייכן
און טוט ביז די הימלען די העכסטע דערלאַנגען.

געשפּילט אויף איר האָט ער די פריידן פון קעניג,
פון אומגליק און לייד, ווען זיי זיינען געקומען;
אַ וואַנדערער מידער אין דורשטיקן מדבר —
האָט חיות און מענטש מיט איר קלאַנג איינגענומען.

דעם זון־פאַרגאַנג האָט ער באַגלייט מיט זיין שפּילן,
דעם ראַזיקן זון־אויפגאַנג העל אויפגעזונגען;
און לייבן און לעמפּערטן האָבן געלייגט זיך,
פאַרגעסן אַן בלוט, ווען די האַרף האָט געקלונגען.

פון ברעג ים־המלח געוועקט דעם פרימאָרגן,
די ליכטיקע לויטערע קלאַנגען צו הערן;
ווען ער האָט געצאַרנט — האָט פאַלשקייט געציטערט,
זיין טרייסט־וואָרט ,ווי וואַסער געשעפּט, מיט באַגערן.

די דאַזיקע האַרף צו זיין זון בירושה
פון דוד, זיין טאַטן, איז איבערגעגאַנגען;
אַצינד שפּילט דער זון און גיסט אויס זיין נשמה
דורך טויזנט און פינף פון די שענסטע געזאַנגען.

מיכה יוסף לעבענזאָן

דערוואַכונג

אָ, ליכטיקע יוגנט, דו פרילינג פון מענטשן —
דו ביסט פאַר׳ן אינגל, אין בלי, אַ גן־עדן;
ער זעט אין דיר ליכטיקע שלוחים פון פרידן,
די ריינקייט פון גייסט און די לויטערע פריידן.

עס נעמט אים אַ גייסט אָן צו זינגען, זיך פרייען,
און ס׳זינגען די ערד און דער הימל אינאיינעם;
און אַלצדינג זינגט מיט — פון די שטערן אין הימל
און ביז דעם פאַרגעסענעם וואָרים דעם קליינעם.

דאָס גלויבן האָט ברייט אים געעפנט זיין אויער,
ער הערט, ווי עס זינגען די הימלען אין שטראַלן;
זיי זינגען און לויבן גאָט׳ס מעשים און וואונדער,
די ערד אין התפעלות טוט קלינגען און שאַלן.

*

דער האַרבסט איז פאַרביי, און דער ווינטער — צערונען,
אַנטלאָפן קיין צפון די שטראָמען און רעגן;
דער אָטעם פון פרילינג האָט פלוצים צעפאַכט זיך,
און אַלץ איז געלאָפן דעם פרילינג אַנטקעגן.

— „אָ, גיב אונז דיין ברכה!״ — האָט אַלצדינג גערופן,
האָט ער בלאָזט און פרוכטן די בוימער געגעבן;
האָט פעלדער און גראָזן מיט תבואה פאַרוויקלט,
מיט קלאַנגען באַשאַנקען די פייגל, וואָס שוועבן.

דעם כרמל און לבנון — די ליבלינגען זיינע —
מיט וויינריב, מיט קרייטער געווירצטע באַשאָטן;
האָט ליכטיק צום גלעד און בשן געשמייכלט,
עס זאָל זייער האָניק און מילך זיין געראָטן.

מיכה יוסף לעבענזאָן

אויף בערג אויף געווירצטע מיט נאַרד און מיט ווייראַך,
וואו ס'נעסטן די פייגל, איז שלמה געקומען;
עס האָט אים דער פרילינג אויף פליגלען געטראָגן,
צום דאָרף פון דער רוישיקער שטאָט אים פאַרנומען.

עס רוט ניט זיין האַרץ און עס וואַרפט זיך און שטורעמט,
עס שטראָמען געפילן, ווי טייכן, וואָס ציען;
עס ברענט אים אַ פייער פון ליבע אין האַרצן
און שפיגלט זיך אָפּ אין די אויגן, וואָס גליען.

עס יובלט די וועלט און באַשאַף אים אַנטקעגן,
די פרייד פון דער וועלט טוט זיין פנים באַקראַנצן;
עס פרייט זיך דער כרמל, עס שימערט דער שרון,
די ערד שפרינגט פאַר שמחה, די הימלען — זיי טאַנצן.

ער האָט דער שולמית, דער ריינער און שיינער,
שולמית, וואָס פיטערט די שאָף פון די ברידער,
צווישן די בערג פון לבנון באַגעגנט —
און ס'האַרץ פון דעם אינגל פאַרגייט זיך אין ציטער.

ער האָט אַן זיין פאַלק, אַן זיין מלוכה פאַרגעסן,
אויף שטעקן פון פאַסטוך זיין צעפּטער פאַרביטן,
צו פאַשען די שאָף מיט שולמית צוזאַמען —
דורך בערג און דורך טאָלן איר טריט אָפּצעהיטן.

איר שיינקייט — זיין מלוכה, זיין קרוין — אירע אויגן,
דאָס שענסטע, דאָס בעסטע פון וועלט און פון לעבן;
אויך זי — ווען זי האָט אים דערזען נאָר פון נאָנטן,
האָט זי אים איר ליבע, איר האַרץ אָפּגעגעבן.

*

אַזאַ איז די ליבע, טוט וואונדער באַווייזן!
גיט לעבן דעם מענטשן פון ליים־שטויב געקנאַטן;
זי גיט אים דעם גייסט ביז אין הימלען צו פליען,
אויף דר'ערד אים מיט אוצרות פון הימל באַשאַטן!

ס׳וואָרט „אייביק״ צום ערשטן אַרויסגעזאָגט האָט זי —
ווייל, ס׳קען ניט דער מאַן דער פאַרליבטער זיך גלויבן,
ווען ס׳שטאַרבט זיין געליבטע אין פריאיקער יוגנט,
אַז זי וועט פון קבר זיך קיינמאָל אויפהויבן.

גלייכט אויס הויך און קליין: האָט מלאכים פון הימל
געמאַכט זיי די ערדישע טעכטער צו ליבן;
אַ קעניג און שאָף־מיידל האָט זי פאַראייניקט,
און איינעם אין אָרעמס פון צווייטן געטריבן!

ווי טייער און זיס איז די ליבע אין יוגנט!
דאָס אינגל עס זויגט פון איר ברוסט טרייסט און האָניק;
דאָס גליק פון דער ערד און דעם חלום פון הימל, —
אַ בלום איז די יוגנט, די ליבע — איר האָניק!

זי טראָגט דעם פאַרליבטן מיט זיך, ווי אויף פליגל,
און ברענגט אים אַרויף ביז די הימלישע הייכן;
איר בילד זעט ער, וואו נאָר ער וואַרפט זיינע בליקן,
איר קול טוט פון אומעטום צו אים דערגרייכן.

עס שלאָגן קרישטאָלענע קוואַלן און ברויזן,
עס רוישן מיט בלעטער די דעמבעס אין פריידן;
עס וואָרקען די טויבן אין זייערע שלאָקן:
דאָס קול איז פון ליבע, זי טוט דורך זיי ריידן!

ער מיינט: ס׳איז ניטאָ אויף דער וועלט מער קיין טרויער,
די מענטשהייט איז גליקלאַך אויף אייביקע יאָרן;
ניטאָ מער קיין אומגליק, דער טויט עקזיסטירט ניט —
אַז ער און זי זיינען אַ ליבנדיק פּאָרל!

שלמה און שולמית

דער טאָג הייבט אָן שווינדן, עס שפרייטן זיך שאָטנס,
די זון פאַרבט די וואָלקנס אין מערב מיט שטראָלן;
עס זינגען די פייגלען און ברומען ווי פלייטן,
עס זינגען פון ליבע און גליק נאַכטיגאַלן.

מיכה יוסף לעבענזאָן

די זון האָט דעם פּנים פון ים אָנגעצונדן,
באַדעקט אים מיט קושן אין פלאַקער איז ראַזן;
דעם גאַנצן באַשאַף האָט אַ בענקשאַפט פאַרנומען,
אויף אַלץ האָט דער אָטעם פון ליבע געבלאָזן.

צווישן די צעדער און באַרגיקע רויזן
שטייט איינזאַם אַביידל געפלאָכטן פון צווייגן;
פון פּאַלמענהאָלץ זיינען די ביינק און די דילן,
און ס׳הויבן זיך וואַלדיקע ריחות און שטייגן.

שולמית און שלמה געפינען זיך דאָרטן,
זיי שווייגן — די הערצער בלויז קלאַפּן און ריידן;
עס גייען די הערצער אַריבער די ברעגן —
ס׳איז שטיל־שפּראַך פון ליבע און גאָר אירע פריידן.

זיי שטייען מינוטן צוזאַמענגעשלאָסן,
עס שלאָגן די הערצער און לעכצן און גאַרן;
עס איז אַ פאַרבליפּטער, אַ שטילער דאָס אינגל,
אַנטשוויגן, אַזוי ווי אַ שקלאַף פאַר זיין האַריז.

אויך זי, די שולמית, מיט אויגן אַרונטער,
אים קוקן אין פּנים גלייך טוט זי ניט וואָגן;
עס ברענט אויך אַ פייער ביי איר אין די בלוטן,
און ס׳שפּיגלען די פלאַמען זיך אָפּ אין די באַקן.

פאַרכאַפּט איז דאָס אינגל פון ברויזיקן שטורעם,
אָט־אָט — און דאָס האַרץ וועט ניט אויסהאַלטן קענען;
ער דריקט זי צום האַרצן דאָס פייער צו שטילן,
נאָר ס׳שטורעמט דאָס האַרץ, ניט געשטילט, אין זיין ברענען.

און זי שטייט אַ שטילע אין אָרעמס פון קעניג,
באַשטראַלט און באַלויכטן מיט טויזנטער חנ׳ען;
זי נעמט זיך ניט איבער, איז שטיל און באַשיידן,
זי לעכצט בלויז נאָך ליבע, זי זוכט ניט קיין קרוינען.

מיכה יוסף לעבענזאָן

די זון זינקט אַלץ טיפער און טיפער אין מערב,
און שלאָגט אָפּ איר שיין אויפ׳ן פּנים פון מיידל;
אַזוי ווי די ליכטיקע זון אין איר ראַזקייט,
צעשטראַלט זיך איר פּנים אויך צערטלאַך און איידל.

און שלמה — פאַרגאַפּט פון איר פּראַכטיקע שיינקייט,
אַ שעמעוודיק שיינקייט, מיט ליפּן, וואָס שמאַכטן.
ער קושט זי מיט פייער אין מויל, אויף די באַקן —
„אַך, וואָלסטו מיין ברודער געווען״ — טוט זי טראַכטן.

*

וואָס ליגט אין אַ קוש? אַ באַריר פון צוויי מיילער,
און דרינגט ווי אַ בליץ אינ׳ם האַרץ דורך די ריפּן;
דאָס מויל רירט זיך צו צו דער ליפּ און די באַקן,
און ציט די נשמה אַרויס דורך די ליפּן!

געזאַנג פון געזאַנגען

די נאַכט איז אַ סאַמעטן־שוואַרצע אַרונטער
אויף בערג פון דעם כרמל, פאַרפלאַכטן מיט רויזן;
עס שטייען אַנטשוויגן די בוימער אין גערטנער,
אַנטשוויגן דאָס רוישן פון טאָג און דאָס ברויזן.

עס גייען די שטערן אין זייערע שטעגן,
עס פליסט די לבנה מיט זילבערנע וועלן;
דער וואַלד איז באַרואיקט און וויגט מיט קיין צווייג ניט,
דער נאַכטיגאַל בלויז ער פאַרגייט זיך אין טרעלן.

אין נאַכטיקן טוי, אויף די בייטן פון גערטנער
דער ווייַנשטאָק האָט אויפגעבליט, האָט זיך צעלאָזן;
געווירצן און קרייטאַכער שפּרייטן מיט דופטן
און שטיל קומט אַ ווינטל פון דרום צו בלאָזן.

מיכה יוסף לעבענזאָן

דאָרט אונטער׳ן בוים, שווער באַלאַדן מיט עפּל,
אין נאַכטיקער שטילקייט, וואָס פליסטערט מיט סודות,
געפינט זיך דאָס פּאָרל דאָס יונגע, פאַרליבטע —
די לבנה אין הימל — דער איינציקער עדות.

זיין האַרץ איז באַרואיקט, איז גליקלאַך און זיכער,
עס גאַרט נאָך דער זיסקייט פון ליבע און שמאַרצן;
„דיין חלק איז: אייביקע פריידן און נחת״ —
אַזוי האַלט אין ריידן דאָס גלויבן אין האַרצן.

די האָפנונג, זי שטייט ביי זיין האַנט ביי זיין רעכטער,
און זיס איז איר קול, ווי די קלאַנגען פון האַרפן:
„צוזאַמען מיט גרויסער און אייביקער ליבע
„וועל איך דיך מיט רייכקייט און אוצרות פאַרוואַרפן״.

די פריידן פון אומשולד — ער וויס נאָך ניט בעסער,
געענוג איז דערפאַר אים פון ליבע געניסן;
איר שויס איז זיין רו, וואָס שטילט איין זיין נשמה,
ער איז ניט געשטראָפט נאָך מיט ווייטיק און וויסן.

זי טוליעט צו אים זיך, אַ קראַנקע פון ליבע,
פון פייער אין האַרצן איר בליק טוט זיך צינדן;
זי דריקט זיך צו אים אַ פאַר׳חלש׳ט־באַרוישטע,
ביז ס׳נעמען די נאַכטיקע שאָטנס פאַרשווינדן.

*

מאַך, עפּל־בוים, שוואַרץ ווי די נאַכט דיינע שאָטנס,
איר, שטערן, איר זאָלט אייערע ליכטלאַך פאַרדעקן;
פאַרצי זיך מיט וואָלקנס מיט דיקע, לבנה —
איר זאָלט ניט די ליבע, איר זאָלט זי ניט וועקן!

די וועלט איז אַנטשוויגן, די ערד ליגט פאַרטייעט,
דער טאָל איז פאַרוויקלט אין טוי און אין שווייגן —
האָט פלוצים אין שטילקייט אַ האַרף אויפגעקלונגען,
פון צווישן געדיכטע פאַרפלאָכטענע צווייגן.

אברהם בער גאָטלאָבער

ס׳איז שלמה׳ס די האַרף, וואָס דערפרייט מידע הערצער,
די וועלט הערט זיך צו צו די געטלאָכע קלאַנגען:
„ווי שיין און ווי זיס ביסטו, ליבע אין פריידן״ —
ס׳איז שלמה בן דוד׳ס געזאַנג פון געזאַנגען!

אברהם בער גאָטלאָבער

געבאָרן אין אַלט־קאָנסטאַנטין 1811, געשטאָרבן אין ביאַ־ליסטאָק 1899.

אַ פויגל אין שטייג

ווייט-ווייט דאָרטן בין איך געבאָרן,
מיין נעסט איז געווען אין לבנון;
געלעבט דאָרטן גליקלעכע יאָרן
און טו מיך ביז היינט דאָס דערמאָנען.

האָב דאָרטן געלערנט זיך זינגען,
פאַרנומען דאָרט געטלעכע קלאַנגען;
אַז מורא געטאָן זיך צעקלינגען,
אין פרייד איז מיין ליד אויפגעגאַנגען.

אַצינד איז מיר נמאס דאָס לעבן,
פאַרלאָרן מיין האָפנונג און שטרעבן,
פון אומגליק און צער און פאַרדראָס;
עס האָבן מיך מענטשן געפאַנגען,
פאַרשפאַרט הינטער אייזערנע שטאַנגען,
געלייגט אויף מיין פרייהייט אַ שלאָס.

יהודה לייב גאָרדאָן

דער „לייב” פון דער השכלה־תקופה, דער פּאָעט פון אייזערנעם פּערז, קעמפּפער און געלערנטער, איז געבאָרן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1830. איינגייער אין אד״ם הכהנ׳ס הויז און חבר פון מיכה יוסף. נאָך אַלס אינגל זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפן קאָפּ און וואונדערלאַכע פעאיקייטן. אין עלטער פון 20 יאָר הייבט ער אָן שרייבן זיין „אַהבת דוד ומיכל”, אַן עפּיש־ביבליש ווערק אונטערן איינפלוס פון מיכה יוסף׳ס „שירי בת־ציון”. וואָס ווייטער אָבער, שטעלט ער זיך מיטן פּנים צו דער אידישערווירקלאַכקייט און ווערט דורכאויס רעאַליסטיש אין זיינע גרויסע פּאָעמען „שני יוסף בן־שמעון” און „קוצו של יוד”, „אשקא דרספק”, און אַנדערע. אין זיין קאַמף מיט די רבנים און ראשי־הקהל איז ער ניט געווען איבערקלייבעריש אין מיטלען. ער האָט געשאָסן זיינע אייזערנע פיילן אין די הערצער פון זיינע קעגנער, זיין סאַטירע ווערט שאַרף און אומברחמנות׳דיק. — נאָך די פּאָגראָמען פון די 80־ער יאָרן, האָט ער אָנגעוויזן אין זיין ליד „אחותי רוחמה” — אַז דער וועג פאַר די רוסישע אידן גייט קיין אַמעריקע.

אין 1853 איז ער אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס לערער אין דער רעגירונגס־שולע פון פּאָניעוועזש, שפּעטער באַזעצט ער זיך אין שאַוול, דערנאָך אין טעלז. אין 1872 ווערט ער דער סעקרעטאַר פון דער חברה „מפיצי השכלה” און אויך סעקרעטאַר פון דער קהילה אין פּעטערבורג. דורך אַ מסירה ווערט ער און זיין ווייב אַרעסטירט, ווערט געהאַלטן אַ שטיקל צייט אין טורמע, און ווערט פאַרשיקט קיין פּודאָש, אָלאָנעצקער גובערניע. גאָרדאָנ׳ס ברודער און זיין איידעם, ביידע אַדוואָקאַטן אין פּעטערבורג, אַרבעטן מיט אַלע כוחות, ביז עס געלינגט זיי צו באַווייזן, אַז דער פּאָעט איז לחלוטין אומשולדיק. ער קערט זיך צוריק נאָך פּעטערבורג און ווערט אַ מיטאַרבעטער פון „המליץ” צווישן די יאָרן 1880 און 1888. אַ חוץ זיינע לידער, דערציילונגען און עסייען אין העברעאיש, האָט ער אויך געשריבן אין דעם אידיש־רוסישן „וואָסכאָד”, ווי אויך אין דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. ער האָט אויך געשריבן אידישע לידער, אַרויסגעגעבן אין אַ ביכל אונטערן נאָמען „שיחת חולין”.

יהודה לייב גאָרדאָן איז געשטאָרבן אין יאָר 1892 און צווישן די צענדליגער מספּידים געפינען זיך צוויי יונגע אָנפאַנגער פּאָעטן פון יענער צייט: חיים נחמן ביאַליק פון זשיטאָמיר און שאול טשערניכאָווסקי פון אַדעס.

יהודה לייב גאָרדאָן

אין די טיפענישן פון ים

א.

דאָס פֿאָלק איז פֿון שפּאַניע פֿאַרטריבן געוואָרן,
געזוכט הילף ביי גאַליע — פֿאַרשטויסן אין צאָרן.
עס האָט נישט אייראָפּע געשוינט זייער לעבן,
בלויז קבֿרים געעפֿנט, בלויז תּפֿיסות געגעבן.
און אַפֿריקע׳ס פֿעלזן די ביינער צעשאָטן,
אין אַזיע האָט ס׳בלוט אין דער ערד זיך פֿאַרקנאָטן.
עס טריקענען ימ׳ען פֿון זייערע פּגרים
און טייכן פֿון בלוט אין יבשה געררונען;
און גאָט האָט פֿאַרמאַכט זיך בחדרי־חדרים,
און ס׳האָט זיך קיין גואל־הדם נישט געפֿונען.

פֿון אַלטער געשיכטע דערגרייכט צו מיין אויער
דער זיפֿץ פֿון געפּייניקטע צום טויט און דער טרויער.
דאָס קול פֿון געבייטשטע פֿון אייזערנער רוט,
דער קרעכץ פֿון מאַרטירער, וואָס טרינקט זיך אין בלוט.
געוויין אונטער אייזערנע שפּיזן, צעטראָטן,
פֿון פֿלאַמען, וואו לעבעדיק ווערט מען געבראָטן.
ס׳איז יעקבֿ׳ס דער קול, ווערט ביים לעבן געשונדן —
געיאָגט און געטריבן אין גאַנג פֿון די דורות;
און יעטווידער דור מאַכט אַלץ טיפֿער די וואונדן,
דורך פֿייער און בלוט און מלחמות פֿון תּורות.

פֿון האַפֿן, וואו ים קושט דעם זאַמד אין געברויז,
פֿאַרנעמען זיך שיפֿן צום ים ווייט אַרויס.
אין שיפֿן דריי — מענטשן צוזאַמענגעפּרעסט,
עס פֿלאַטערן זעגלען, די מאַסטבוימער פֿעסט.
עס האָוון מאַטראָסן מיט זעגלען און שטריק —
עס טרייבן די עלטסטע זיי הין און צוריק.
אָ, שווימענדע שטאָט, וואָס פֿאַרלאָזטו דעם ברעג,
און לאָזט מיט׳ן ווינד זיך, וואוהין פֿירט דיין וועג,
פֿאַרקויפֿן, צי קויפֿן לאָזטו זיך אַן מורא —
ווער זיינען די מענטשן דאָ: סוחרים, צי סחורה?

ווער זיינען די מענטשן אַט דאָרט אויף די שיפן,
פאַרהילט ווי אבלים אין טרויער אין טיפן?
די פנימ׳ער — פינצטער, צעבראָכן — די לייבער,
מיט אַלטע און קראַנקע, מיט קינדער און ווייבער?
ווער זייט איר, ווער זייט איר? איי, לאָזט זיך אַנטפּלעקן!
דאָס אויסזען זאָגט עדות, וואָס דאַרפט איר גאָר פרעגן?
ס׳איז פלעווע צעיאָגט פון געדרעשׁ פונ׳ם שייער,
און טויבן אַנטלאָפן פון נעגל פון גייער.
פון בוים צו דעם מאַסטבוים, צום וואַסער פון פלאַם,
פון באָדן וואָס ברענט צו דעם דעק אויפ׳ן ים.

אַן האָפנונג די פנימ׳ער, עלנט, פאַרלאָרן,
אַ האָר נישט געביטן אין גאַנג פון די יאָרן.
— וואוהין, דו מיין אומגליקלאַך פאָלק און דערשלאָגן? —
— מיר ציען אַהין, וואו דער ווינט וועט אונז טראָגן.
צי וועט ער אין מזרח, צי מערב אונז טרייבן,
אויב נאָר מיר׳ן קענען אָן מורא דאָרט בלייבן.
ווייל איינס איז די וועלט אונז: צי דרום, צי צפון,
אויב נאָר מיר׳ן קענען צו גאָט דינען אָפן.
מיר זוכן אַ פּלאַץ צווישן דערנער און שטיינער,
וואו נאָך אונזער טויט דאָרט צו לייגן די ביינער.

עס פלאַטערן זעגלען אין ווינט און זיי שטיפן —
פאַרהויבן די אַנקערס, עס גייען די שיפן.
די לופט ווערט פאַרהילכט פון מוזיק און געשריי:
„געגריסט זיי, געבורטסלאַנד, דו מאַמע פון וויי.
מיר לאָזן דיך איבער, מיר וואַנדערן אויס,
צי וועלן מיר זען דיך — ווער ווייס עס פאָרויס?״
אַ, וואַנדערער אַלטע! דאָס לאַנד איז אייך טייער
און זי האָט פאַריאָגט אייך מיט שווערד און מיט פייער.
איר לאָזט דאָ אַלץ איבער אין עלנט און נויט,
און קומט איר צוריק — וועט אייך טרעפן דער טויט.

דאָס בעסטע פון לעבן אין לאַנד איז געבליבן —
דאָס שיידן זיך ברידער אין ווייטיק אין טריבן.

ס׳ווערט איינעמס אַ ברודער אין קעלערס געמאַטערט,
דער שווערד הייגנט אויף איינעמס אַ פאַטער און פלאַטערט;
דער — הייזער, דער — פעלדער און גערטנער פון וויין,
געוואָרפן און איבערגעלאָזן אין פּיין.
די הערצער פון אומגליק פאַרטריקנט, פאַרשטיינערט,
פון גליק זיך אַנטזאָגט, אַלע פריידן צערינען —
געלאָזט אויף בית־עלמינ׳ס די עלטערן׳ס ביינער,
און וועלן קיין טרייסט שוין אין לעבן געפינען.

לויפט, עלנטע, לויפט און ווערט ניצול פון פּלאָגן —
אַנטלויפן, — וואוהין? אַ, ווער קען דאָס אייך זאָגן?
אַ, פאָלק מיינס, ווער וועט איבער דיר זיך דערבאַרעמען,
וואו לייגסטו דיין קאָפּ, און ווער וועט דיך דערוואַרעמען?
די פלוד פון דער וועלט האָט אויף דיר זיך צעגאָסן,
און שפּאַניע האָט בייזוויליק דיך אויסגעשלאָסן.
זאָגט אַן און באַפעלט ביז אין סוף פון די טעג
און קינדער און קינדס־קינדער זאָלט איר באַשווערן —
קיין פוס זאָל נישט קומען צום שפּאַנישן ברעג,
איר זאָלט צום האַלב־אינזל זיך קיינמאָל נישט קערן.

ב.

אין אפּענעם ים טראָגט אַ שיף זיך אַצינד —
אַ מעווע מיט פליגל צעשפּרייט אויפ׳ן ווינט.
קיין וואָלקנדל טוט נישט דעם הימל באַפלעקן,
קיין ווינטעלע טוט נישט דעם וואַסערפלאַך רעגן.
טאַ וואָס זיינען מענטשן צעברויזט און פאַרציטערט,
באַפאַלן פון פּלעצלאַכער אימה, פאַרביטערט?
עס האָט זיי אַ טויט־שרעק גענומען באַצווינגען —
אַזוי ווי די שיף וואָלט געהאַלטן ביים זינקען.
עס דרענגט זיך דער עולם אַרום אויפ׳ן דעק —
און ריידן און סוד׳ן זיך האַסטיק אין שרעק.
און טיף אין אַ ווינקל, אַנטשוויגן, פאַרשטילט,
דאָרט זיצן צוויי פרויען אין טרויער פאַרהילט.
די קעפּ נישט געצירט, נישט געפּוצט זיך, אין שוואַרצן,
אין קריעה, צעריסן דאָס קלייד אויפ׳ן האַרצן.

יהודה לייב גאָרדאָן

די אַלטע, דאָס ווייב פון דעם רב פון טאַרטאַנאַ,
זיין אַש האָט פאַרטראָגן פון שייטער דער ווינט —
קיין חודש נישטאָ זינט זי איז אַן אלמנה —
די יונגע, די בליענדע שיינקייט, איר קינד.

די מאַמע איז אַלט און פון צרות געבויגן:
פון פנים צעקנייטשטן, פאַרוויינטיקטע אויגן
טריפט פיין און געפאַלנקייט, וויימוט און פלאָגן
פון איינעם, וואָס וואָגט שוין נישט מער זיך באַקלאָגן.
דערפאַר בליט די טאָכטער אין יוגנט און ריינקייט —
ווי מעכטיק איז, פרילינג פון לעבן, דיין קראַפט!
די לייד האָט אָ האָר נישט געמינערט איר שיינקייט,
געשטאַלט ווי אַ פאַלמע, עלאַסטיש די קנאָכן,
איר מוט נישט געבויגן, איר האַרץ נישט געבראָכן.

ביים פאָטער אין הויז האָט זי בילדונג באַקומען,
האָט תורה און מדות און שפראַכן געלערנט;
דאָס אַלץ האָבן אַלע דערשפּירט און באַנומען
אַצינד אין איר גלות דעם ביטערן, שווערן.
ס'איז איצט איר דאָס וויסן און לייד בייגעשטאַנען,
אפילו מאַטראָסן באַנעמען זיך איידל —
דער שיפסקאַפּיטאַן קומט גאַנץ אָפט זיך פאַרברענגען —
עס האָט אים פאַר'כשופ'ט, באַצויבערט דאָס מיידל.

ווען ס'ציטערן מענטשן אין טויטלאַכע שרעקן,
דער ביטערער כוס גייט אַריבער די ברעגן —
דאַן קומט מען צו איר זיך אַן עצה צו האַלטן.
און זי טוט איר טרייסטוואָרט פון זיי נישט פאַרהאַלטן,
זי טרייסט זיי און מונטערט מיט האָפנונג און גלויבן
און טריפט ווי מיט באַלזאַם אויף זייערע וואונדן;
זיי ווערן דערמונטערט, געמיטער געהויבן,
און ס'אָטעמט זיך לייכטער, די אַנגסטן פאַרשוואונדן.

און איצט זיינען אַלע פאַרזאַמלט דאָ ווידער,
מען דרענגט זיך אַרום איר אין ווילדן גערודער

— איז אמת, וואָס ס׳איז מיט די שיפן פאַרלאָפן,
וואָס ס׳האָט זיך מיט אונזערע ברידער געטראָפן?
„ס׳איז וואָר, אַזוי האָבן גערעדט די מאַטראָסן,
די הענט נעמען אָפּ, ס׳האַרץ מיט בלוט איז פאַרגאָסן.
איין שיף האָבן זיי דאָרט אין אַפריקע׳ס האָפן
דערפירט, און די מענטשן פאַרקויפט זיי פאַר שקלאַפן.
די צווייטע — צום אינזל צום וויסטן געבראַכט,
ביז איינעם אין הונגער און דורשט אומגעבראַכט.״

זיי וויינען און ציטערן, ברעכן די הענט:
„וואו קומט מען אַהין, וואָס וועט זיין אונזער ענד?״
—„שווייגט, ברידער, וואָס העלפט דאָס געוויין און די טרערן —
פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, און ער וועט אונז דערהערן,
וועט נאַכט אונז אויף ליכטיקן טאָג נאָך פאַרבייטן,
ווי אין דבורה׳ס, יהודית׳ס און אסתר׳ס צייטן״.

ג.

— דיעגאָ, האָסטו שוין דאָס מיידל געזען?
„געזען, קאַפּיטאַן״. — דערצייל אַלץ, ווי געווען. —
„וואָס דו האָסט גערעדט האָב איך איבערגעגעבן,
אין פלאַמיקע ווערטער דיין ליבע געמאָלן.
אַז דו ליבסט דאָס מיידל אַזוי ווי דאָס לעבן,
און ווילסט, אַז זי זאָל מיט איר ליבע דיר צאָלן.
אויב יאָ, וועט זיין גוט; נאָר אויב זי וויל נישט פאָלגן —
וועט זי און די אידן דאַן אויסשטיין די פּאָלגן.
צום שטיינערנעם אינזל אין ים׳יקער טיף,
געטאָן ווי מען האָט מיט דער אַנדערער שיף.״

— דער ענטפער? — „אין לשון, וואָס כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען,
איז האָבן זיי לאַנג זיך געאַמפּערט, געדונגען;
געשטערט האָט די אַלטע מכשפה, ביז וואַנען
די טאָכטער האָט איינגערעדט איר; איז געדרונגען,
אַז דיר איז איר האַרץ צו געווינען געלונגען.
און וואָס איז דער וואונדער, און וואו איז דער חידוש,
אַז דיך זאָל באַגערן אַ מיידל אַ אידיש׳ס?
אַ, איך אויף איר פּלאַץ וואָלט זיך גאָרנישט געוויגט:
מיין שיפסקאַפּיטאַן צו מיין האַרצן געדריקט״.

— נישט פלוידער, רייד ווערטער. וואָס האָט זי באַשלאָסן? —
„געענטפערט, מיט אויגן אַרונטערגעלאָזן
און פּנים מיט רויטקייט פון בושה באַגאָסן —
אַזוי: אויב דיין האַר וועט נאָר האָבן רחמנות,
די ברידער פאַרהיטן פון לייד און סכּנות
און וועט צו אַ זיכערן ברעג זיי דערפירן,
דאַן וועל איך אים פאָלגן וואָס נאָר ער וועט וועלן;
ווי נאָר זייער פוס וועט יבשה באַרירן,
בין גרייט אים צו דינען, ווי אים וועט געפעלן".

— האָסט דורכגעפירט פיין דיין שליחות, דערפאַר
נעם צו אָט דעם בייטל מיט געלט פאַר אַ שכר.
גיי, הייס דיינע מענטשן, זיי זאָלן די אידן
נישט טון מער קיין שלעכטס — ווען מיר'ן קומען צום ברעג,
דאַן זאָלן זיי גיין אין גאָטס נאָמען צעפרידן,
וואוהין נאָר זיי ווילן זיך גיין זייער וועג. —

ד.

אין אָפענעם ים שטייט געאַנקערט אַ שיף
אין זיכערן פלאַץ, אין געהעריקער טיף;
אַ שטילקייט פון טויט אויפ'ן דעק ליגט צעגאָסן,
פאַרזונקען אין שלאָף ליגן מיד די מאַטראָסן;
עס שלאָפט אין זיין צימער דער שיפסקאַפּיטאַן,
אין גאָלדענע זיסע חלומות פאַרוויגט;
דאָס טרוימט פון זיין קרבן דער זיגער דער מאַן,
אין זיסער דערוואַרטונג באַגליקט און אַנטציקט.

די נאַכט גייט. די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען,
די פינצטערניש ליגט אויפ'ן וואַסער צעהאַנגען;
ווי אַ מורא'דיק שפּיגל דער ים ליגט צעשפּרייט,
און שלאָפט אויף די קני פון דעם ווינטל, וואָס ווייט.
און קליינטשיקע כוואַליעס, זיי גלעטן און קושן
די ווענט פון דער שיף, און זיי טראָגן אַ גרוס.
צוויי פרויען פאַרוויקלט אין פינצטערניש דיק,
זיי זיצן אַליין אויף די באַלן פון שטריק.

יהודה לייב גאָרדאָן

— ווייל אַלע, וואָס זיינען געווען אין וועג,
זיי זיינען אַרויף אויף אַ זיכערן ברעג —
דער טרויער און פּיין זייער מוט האָט געבויגן,
די פּנים׳ער בלאָס, מיט פאַרשוואָלענע אויגן,
מיט הערצער צעריסענע, ציטער אין גלידער,
זיי וויגן פאַרצווייפלט זיך אַבער און ווידער:

— געקומען, מיין קינד, איז דער ביטערער סוף,
גאָט וויל אונז נישט שוינען, באַהיטן פון שטראָף.
פאַרלוירן, פאַרלוירן, קיין רעטונג פאַראַן —
איין וועג איז געבליבן: אין טיפקייט פון ים.
דיין פאָטער — אין פייער געשטאָרבן.
מיר וועלן מיט וואַסער אַוועק —
ס׳איז איין און דערזעלבער דער קרבן,
און איינער צום הימל דער וועג.

— אַ, מאַמע, כ׳בין לאַנג שוין צו שטאַרבן באַרייט,
איך וואָקל זיך נישט צווישן שאַנד און דעם טויט.
דאָך זאָג מיר, פאַרוואָס טוט אונז גאָט אַזוי שלאָגן,
וואָס איז אונזער חטא, וואָס ער טוט אונז רק יאָגן.
פאַרוואָס האָט ער אונז פון די פעלקער דערוויילט,
אַ ציל פאַר די אומגליקן זיינע געשטעלט?
עס גיסט אידיש בלוט זיך לאַנד־אויס און לאַנד־איין,
און קיינער נישט שטעלט זיך פאַר אונז זיך נישט איין.

— נישט לעסטער, מיין טאָכטער, פאַרליר נישט דיין גלויבן,
ער ווייסט, וואָס ער טוט, ער, דער ריכטער פון אויבן.
נישט וויינען, נישט קלאָגן באַדאַרף מען — נאָר מוט,
די ליידן פאַרשווינדן אין בלויז אַ מינוט.
אין בלויז איין מינוט קומען מיר אין גן־עדן
און טרעפן דיין פאָטער אין אייביקע פריידן.

— נישט שוואַך בין איך, מאַמע, מיין וואונטש איז נישט לעבן.
איידער שאַנד, וועל איך בעסער דעם טויט זיך באַגעבן.

און איידער אין די אָרעמס פון בלוטיקן מאָן,
גיי איך אין די אָרעמס פון ים־אָקעאַן.
ס׳איז גוט שטאַרבן ריין, נישט פאַרפלעקטע פון קויט,
מיין פאַלק, ווי יפתח׳ס טאָכטער, געשיצט דורך מיין טויט.

פרימאָרגן גענומען האָט טרייבן די נאַכט,
דאַן האָבן די פרויען די צוויי אויפגעוואַכט.
מיט מוט אויפ׳ן בארטן פון שיף אויפגעטרעטן,
מיט הערצער צעפליקטע צום הימל געבעטן:
„גאָט, אונזער האַר, גאָט איינציקער דו,
מיר קומען צו דיר איצט, און דו נעם אונז צו.
אויב ליב איז דיר אונזער בלוט און מוח —
נעם אונז ווי אַ קרבן אויף דיין מזבח״.
גערעדט — און צום הימל געהויבן די אויגן —
פון שיף אינ׳ם וואַסער אַרונטערגעפלויגן.

דער ים האָט געזען און געוואָרן פאַרציטערט,
געברומט האָבן כוואַליעס פאַרבליפט און דערשיטערט.
צוויי ריינע נשמות ווי גינגאָלד געלייטערט,
זיי האָבן אין טיפקייט פון ים זיך דערווייטערט.
דאָרט האָבן זיי ענדלאַך באַפרייט זיך פון ליידן,
די טיפקייט פון ים איז אַ קבר פאַר ביידן,
די פעלזן פון ברעג אַ מצבה באַשיידן,
אַ צודעק דער הימל, און אויפשריפט — די שטערן.
ס׳האָט קיינער געזען, נישט פאַרגאָסן קיין טרערן,
בלויז ברעם פון דעם שטערן פון מאָרגן צעפראַלט זיך,
בלויז ס׳אויג פון דער וועלט האָט דורך וואָלקנס צעשטראַלט זיך,
דאָס אויג, וואָס דעם סוף זעט פון אַלץ, וואָס געבאָרן,
און קיינמאָל קיין איינציקע טרער נישט פאַרלאָרן.

צווישן ציינער פון לייבן

א.

פון דרויסן דער גרויזאַמער שונא, וואָס פרעסט,
ברעכט מויער און פעסטונג מיט צאָרן און שפּאָט;

און אינווייניק — ברודערקריג, הונגער און פעסט —
צי האָפט איר נאָך אַלץ צו באַשיצן די שטאָט?
זאָל זיין וואָס עס איז — איר נעמט אָן זיך מיט מוט,
שטרענגט אָן אַלע כוחות, מיט אימפּעט אין בלוט —
ווייל ווי צו ירושלים, און ווי צו איר שומר,
אויב פאַלן וועט איר אין די הענט פון די רוימער!

מיין פאָלק, ביסט פאַרלוירן! מ׳האָט דיך נישט געלערנט
מלחמה צו פירן מיט שכל און זין —
וואָס קען פון דיין קראַפט און פאַרצווייפלונג שוין ווערן,
אַז ווייסט פון סטראַטעגיק נישט און דיסציפּלין?
מען האָט דיך געלערנט אַלץ הונדערטער יאָרן
און שולן געגרינדעט — און וואָס איז אַצינד?
געלערנט דיך אָקערן שטיינער און דאָרן
צו דרעשן דעם שטרוי און צו אויפהיטן ווינט.

מען האָט דיך געלערנט צו ווייכן פון לעבן,
זיך אָפּשליסן איינזאַם אין מויער און צוים;
זיין טויט אויף דער ערד און צום הימל בלויז שטרעבן,
צו טרוימען אין וואָר און צו ריידן אין טרוים.
דערפאַר איז דיין זאַפט אויסגעטריקנט געוואָרן,
און אויסגעוועפּט האָט זיך דיין קראַפט, אַטראָפירט;
פאַרפילט דיך מיט שטויב און מיט שימל פון ספרים,
אויף אייביקע דורות דיך איינבאַלזאַמירט.

מען האָט דיך געלערנט פון וויסן אַנטלויפן,
פון אַלץ, וואָס קען העלפן אין צייטן פון נויט —
און דינים אויף דינים געשאָטן מיט הויפנס,
דיין האַרץ פאַר׳ן ערדישן לעבן געטויט.
מ׳האָט דיך נישט געלערנט, ווי נאָך צו באַגליקן,
און קונסטן, מיט וועלכע ס׳קען לעבן אַ לאַנד —
פאַרפלייצט איז דאָס לאַנד דיינס מיט גזירות, וואָס דריקן,
אַ וואַסער אַ פלאַכס פול מיט פיש ביז צום ראַנד.

אין הויז פון בן־גוריון צענויף זיך געקומען —
איז האָבן זיי קריגס־פּלענער דאָרטן באַטראַכט?

מיט „קריאת־שמע״, מיט „גויישן וויין״ זיך פאַרנומען,
מיט שווערד אין דער האַנט נייע דינים געמאַכט,
און גזירות אויף גזירות, וואָס האָבן קיין זין נישט,
ווען ס׳ציטערט דאָס לאַנד און עס בלוטיקט אין קריג;
זיי האָבן קיין שול פאַר דער יוגנט געגרינדעט,
צו לערנען געפעכט, וואָס זאָל פירן צום זיג.

נישט אויפגעשטעלט קיינעם צו פירן מלחמה,
קיין נוצלאָכע מיטלען געשאַפן, קיין האַנט —
אין העלדנמוט פון דיינע זין, פול נקמה,
און מיט זייער גלוטיקער ליבע צום לאַנד,
ווען זיי וואָלטן וויסן צו קעמפן און קריגן
און וואָלטן געגרייט זיך מיט קריגס־מאַטעריאַל —
קען זיין, אַז דו וואָלסט גאָר דעם שונא באַזיגן,
און ס׳וואָלט נישט געווען אַזוי ביטער דיין פאַל.

און איצט וועט דער שונא דיין פעסטונג פאַרוויסטן,
און דיינע גבורים צעשפּרייט אויפ׳ן ווינט —
ער האָט אין דער שטאָט שוין אַריין זיך געריסן,
און שטראָמט צו דעם געטלאָכן באַרג שוין אַצינד.
צום קאַמף ביז צום סוף פאַר דער היימישער ערד.
פאַר גאָט און זיין הייליקן הויז ציט אַ שווערד!
ווייל ווי צו ירושלים, און ווי צו איר שומר,
אויב פאַלן וועט זי אין די הענט פון די רוימער!

ב.

. . . אָ, מאַרטאַ, מיין טייערע, זיי מיר געזונט!
כ׳גיי ווידער אין קריג, ס׳איז פאַרהיילט שוין מיין וואונד.
ס׳שפּאַנט טיטוס — און פייער און בלוט איז זיין טראַט —
אַ, ווײן נישט, איך בעט דיך, וואָס העלפט דען די טרער?
דערלאַנג מיר מיין שווערד און טו תפילה צו גאָט,
כ׳זאָל קומען בשלום צוריק נאָך אַהער.

— גיי, שמעון געליבטער, און פיר דיין אַרמיי —
אַ רגע איז טייער, אייל שנעלער און גיי.

יהודה לייב גאָרדאָן

עס האַלט זיינע אויגן אויף דיר גאָר דאָס לאַנד.
נישט זאָרג זיך פאַר מיר, איך בין וואויל שוין באַקאַנט
מיט לייד און מיט אומגליק, וואָס אונז איז געשען —
כ׳האָב פאָטער און ברודער געקרייציקט געזען.

— עס פאַלט צו די נאַכט מיט איר שאָטן און ציט,
דאָס ליאַרעמען פון שונא דערשרעקט דאָס געמיט.
איך גאַרטל אַרום דיינע לענדן דיין שווערד,
אַ שווערד פון נקמה פאַר גאָט און זיין ערד! —
איר פּנים האָט זיך מיט אַ רויטקייט באַגאָסן,
און ס׳האָבן די טרערן געררונענ, געפלאָסן.

איין רגע, — צוזאַמענגעגאָסן זיך פעסט,
און ברוסט האָט צו ברוסט זיך פאַרצווייפלט געפרעסט:
— אָ, מאַרטאַ געטרייע, געזונט זאָלסטו זיין!
— אָ, שמעון געליבטער, דו טייערער מיין!
מיט הערצער צעפליקטע, צום סוף זיך צעשיידט —
אַוועק אינ׳ם שלאַכטפעלד, אויף לעבן און טויט!

*

אָ, אויג, וואָס זעט אַלץ — האָסט די טרערן געזען?
צי וועסטו זיי זאַמלען אין בעכער פון לייד,
צי אפשר גאָר פאַלן די טרערן אומזיסט?
און וואָס וועט מיט זיי, מיט די צוויי, נאָך געשען?
צי וועלן זיי ראַטעווען זיך נאָך מיט פרייד
פון טויט, פון געפאַנגענשאַפט, קנעכטשאַפט און פּיין?
איז דאָ נאָך אַ האָפנונג אין לעבן אין וויסט
צו טרעפן זיך, איידער די גרוב שלינגט זיי איין?

ג.

די שטאָט איז אין פלאַמען. געשרייען פון האַסער,
עס פלאַקערט דאָס פייער און בלוט שטראָמט ווי וואַסער.
געשריי פון דעם זיגער און קרעכץ פון באַזיגטע —
איז דאָס ירושלים, פאַרבלוטיקט־צעפליקטע?

באַזיגט מיינע העלדן, מיין הויז איז פאַרברענט —
און וואו מיין געליבטע, וואס שטאַרקט מיינע הענט?
אַ בראַנד אין די גאַסן, אַ בראַנד אין נשמה —
די קייט אויף די הענט לאָזט נישט נעמען נקמה.

אַלמעכטיקער גאָט! שיק דיין דונער פון נעפּל,
גיס פעך אויף דעם בלוטיקן שונא און שוועבל!
וואָס שווייגסטו? זיי האָבן דיין נחלה פאַרצערט,
מיט בלוט פון די קינדער פאַרקנאָטן איר ערד!

און, מאַרטאַ, וואָס איז איצט דיין גורל אין נויט —
צי ביסטו געפאַנגען, צי, בעסער, ביסט טויט?
נקמה צו נעמען פאַר דיר קען איך ניט —
מען שלעפּט מיך נאָך רוים איצט אין קייטן געשמידט.

ד.

אַ גרויס שטאַרק פאָלק, וואָס האָט די וועלט באַזיגט,
דער הערשער פון דער גאַרער ערד
דורך פייער און שווערד —
יובלט, שאַלט וואָס עס האָט אונטערדריקט,
געשפּאַנט אין יאָך
אַ קליין און אָרעם פאָלק געגרייט צום בראָך,
וואָס האָט באַוואוינט אַ קליין, אַ פּיצל לאַנד.

הונדערטער טויזנט אין שלאַכט אומגעקומען,
אויף ביימער געקרייציקט, צערונען דורך שווערד;
הונדערטער טויזנט געפאַנגען גענומען,
פאַרקויפט, ווי די שאָף, אויף אַ פיינטלאַכער ערד;
הונדערטער טויזנט אין תפיסות פאַרנומען
צו ווערן פון לייב און פון לעמפּערט פאַרצערט.
און אין דער געפאַנגענשאַפט פון דער מדינה
האָט אויך זיך די איידעלע מאַרטאַ געפונען;
און איינע אַ רוימישע פרוי, אַגריפּינאַ,
האָט אָפּגעקויפט זי, פאַר אַ שקלאַפין גענומען.
און צווישן די מאַנסלייט, פאַרמשפּט צום טויט,
זיצט שמעון דאָרט פאַר דער אָרענע געגרייט.

ה.

עס שאַלט אויף די היגלען די זיבן און קלינגט —
רוים זינגט!

וואָס רוישט דער המון און ער שאַלט, טריאומפירט?
וואָס איז היינט — קאַלענדאַ? סאַטורנאַליאַ באַצירט?
— פרינץ טיטוס, „די פרייד פון דעם מענטשלאַכן מין",
זיך קיינמאָל נישט שלאָפן געלייגט, ביז ער האָט
נישט אָפּגעטאָן פריער אַן אַקט פון גענאָד —
קומט אַן היינט אין רוים מיט פּאַראַד און מוזיק
און פירט זיינע רעשטן חיילות פון קריג.
לכבוד אים האָט מען אַ טויער געבויט,
דאָס קומט ער צוריק פון יהודה מיט זיג.
ער האָט זיי צעטראָטן, ער האָט זיי צעשפּרייט,
געמאַכט פון זייער בלוט זיך אַ פּורפּורנע קלייד.

נאָך אים ציט דאָס יידישע חיל אין קייטן,
און פאַר אים? — אויף מויל־אייזלען ווערן געפירט
דאָס רויב פון יהודה און הייליקע כלים,
וואָס האָבן אין מקדש אַמאָל שעמערירט,
צו דעם קאַפּיטאָליום — פון ציון דער שטאָט,
צום טעמפּל פון צעאוס — פון היכל פון גאָט!

אַזוי ווי די כוואַליעס פון טיבער, וואָס ברויזן,
אַזוי רוישט דאָס פּעבל אין טויזנטער טויזנט.
די אַדללייט זיינען נאָך פריער געקומען,
באַצירט די אַרענע מיט פאָנען און בלומען;
ווייל דאָרט האָט דער „תענוג פון מענטשן" פאַרגרייט
אַ גרויזאַם ספּעקטאַקל פון בלוט און פון טרערן;
צום טויט די געפאַנגענע זיינען באַרייט,
פון חיות פון ווילדע צעריסן צו ווערן.

אויך די איידעלע מאַטראָנעס
פון די דינערינס באַגלייט —
איילן זיך צו דעם ספּעקטאַקל,
צו באַטרינקען זיך מיט פרייד;

יהודה לייב גאָרדאָן

הארכן ס׳כאַרכלען פון אַ גוסס
און געבראָם פון ווילדן לייב;
צוזען, ווי דאָס בלוט פון האַרצן
פלייצט און גיסט זיך אינ׳ם שטויב,
ווי אַ מענטשנ׳ס גוף זיך צאַפּלט
צווישן ציינער פון אַ לייב.

אַרום דער אַרענע הויבט אויף זיך אַ מויער,
אַ פּראַקטיק טעאַטער, געבויט נאָר אויף וואונדער;
געפּאַקט איז דער בנין מיט מענער און פרויען
פון אויבן — דריי גאַרן די הויך — ביז אַרונטער.
די בענק און די לאָזשעס געפּראַפּט ביז די ברעגן
מיט פנימ׳ער צו דער אַרענע אַנטקעגן.

און האַרט ביי דער וואַנט פון דעם מיטלסטן גאָרן,
דאָרט האָט אַגריפּינאַ איר לאָזשע פאַרנומען;
און צווישן די שקלאַפינס, געבויגן, פאַרלוירן,
געפינט זיך דאָרט איינע אין טרויער אין שטומען.
איר ווייטיק איז גרויס, זי איז בלאַס, זי איז שטום —
נאָר ווען זאָל אַרן, און ווער קוקט זיך אום?

געעפנט זיך שטיל האָט אַ טיר פון אַרענע —
אַ בחור איז אויף דער אַרענע אַרויס;
איז נאַקעט, אַ גאַרטל בלויז דעקט צו די לענדן,
אַ מעסער אין האַנט זיינער, איין שפּאַן די גרויס.
סימנים פון וואונדן קוים־קוים וואָס פאַרצויגן,
און ס׳מערקן נאָך שפּורן פון קייטן די אויגן.

וואָס איז, אידיש מיידל, פאַרוואָס ביסטו בלאַס?
דו ציטערסט, דו פלאַטערסט, דיין בליק איז דיר נאַס?
עס שעפּטשען די ליפּן און מורמלען אין פיבער:
„אַזוי גאָר איז טרעפן זיך ווידער באַשערט?
„אָ, גאָט, זאָל מיין תפלה איצט ווערן דערהערט,
„נישט גיב אין די ציין פון דער חיה אים איבער!״

יהודה לייב גאָרדאָן

אַ, אויער, וואָס האָרכט! האָסט געהערט דאָס געבעט?
וועט וואונדער געשען דאָ נאָך איידער ס׳ווערט שפּעט?
צי, אָדער, דו האָסט זיך מיט וואָלקנס פאַרשטעלט,
פאַרלאָזן אין מערדערשע הענט איז די וועלט?

עס האָבן די טירן פון שטייג זיך צענומען —
אַ ליבישער לייב האָט אַריין זיך געריסן.
בלוטדורשטיק און ווילד איז ער שטיל אַנגעקומען
(מ׳האָט יענעם טאָג נישט געגעבן אים עסן,
כדי אים נאָך גרויזאַמער, ווילדער צערייצן),
די גריוועצע צעשויבערט, צעפלאָכטן, ווי שפּיזן,
דאָס האָר טוט זיין גוף ווי אַ האָרבסט־וואַלד פאַרפלייצן,
דער עק — ווי אַ דעמבנצווייג, ציינער — ווי מעסער.
אין לעכער מיט שטעכיקע וויעס פאַרצויגן —
פאַרגאָסן מיט בלוט בליצן רויט זיינע אויגן.

אַ רגע — און שטיל איז געשטאַנען דער לייב,
(זיין קרבן באַטראַכט נאָר, צי האָט ער די ווערט,
צו ווערן פון מלך פון חיות פאַרצערט),
דערנאָך זיך צעטרייסלט, געטאָן זיך אַ הויב,
און האַסטיק פאַרשנעלערט די טריט און זיין קרייז
אין ווילדער רציחה און בלוטדורשט און פלייס,
פאַרקלענערט דעם עגול מיט יעטווידן בויג,
פון קרבן אַ רגע נישט אָפּגעלאָזט ס׳אויג.
באַטראַכטנדיק, ווי ער קען אַנפאַלן שנעל
און מאַכן פון קרבן פון זיינעם אַ תל.

אַזוי ווי אַ דעמב, — טיף פאַרוואָרצלט די טריט —
אַזוי שטייט דער בחור צום גרונט צוגעשמידט.
דאָס הענטל פון מעסער צום האַרץ טוט ער דריקן —
ווייל דאָס איז זיין איינציקע האָפנונג געבליבן,
אויב דאָ נאָך איז האָפנונג דעם לייב צו באַזיגן.
די מוסקלען געשפּאַנט, ווי די שטריק אויפ׳ן בויגן,
ווי צוויי שאַרפע פיילן די גליאיקע אויגן,
געשמידט צו די טריט פונ׳ם רויבער, וואָס טרעט —
אַזוי ווי אַ נאָדל, וואָס ציט צום מאַגנעט.

זיין צאַרנדיק פּנים איז בלאַס אים ווי קרייט,
געגרייט צו דעם טויטלאַד געראַנגל און שטרייט.
נאָר רואיק די נערוון, אָן מורא, אָן שרעק —
נישט ס׳ערשטע מאָל קומט אים דער טויט אויף זיין וועג.

דער לייב האָט זיך פּלוצים צעדונערט, צעברומט,
בליצשנעל זיך געוואָרפן צום קרבן — ער קומט —
אַ שטעל זיך געטאָן אויף די הינטערשטע פיס,
אַ שוואונג מיט דער לאַפּע צו געבן אַ ריס —
נאָר שמעון האָט פלינק אין זיין שפּרונג אים באַגעגנט,
און איידער דער לייב האָט באַרירט מיט די נעגל, —
האָט ער אים מיט גאָר זיינע כוחות געשטאָכן,
פאַררוקט אים דאָס מעסער צווישן די ריפּן.
נאָר ס׳האָט זיך דער קלינג אָנגעשלאָגן אָן ביין,
אָן ביין פון דעם לייב, ווי פאַרהאַרטעוועט שטיין,
און ס׳האָט זיך דאָס מעסער אין צווייען צעבראָכן,
און שפּיץ פון׳ם מעסער אין וואונד איז פאַרבליבן.
דער לייב האָט צוריק זיך געוואָרפן מיט כריפּן,
פון וואונד האָט געשפּריצט מיט אַ שוואַרצן שטראָם בלוט,
וואָס איז מיט אַ שיפן געפאַלן צו דר׳ערד;
אין ווילדן געברום האָט זיך ווייטיק געהערט —
נאָר ס׳זיינען אַריבער אַ צוויי־דריי מינוט,
האָט ער זיך געשטאַרקט, איז אין עגול אַוועק,
געוואָרפן אויף אים, אויף זיין שלעגער, אַ שרעק.

איצט שטייט ער פאַרצווייפלט, צום טויט אָנגעטריבן —
ער שטייט פאַר די נעגל פון חיה איצט אָפן;
ס׳איז גאָרנישט, חוץ ס׳הענטל פון שווערד אים געבליבן,
וואָס העלפט אים זיין כוח, אויף וואָס קען ער האָפן?
ווי זוכנדיק הילף, זיינע אויגן פאַרהויבן —
די אויערן טויב און די הערצער — פון אייזן;
אַ הימל פון שטאָל און פון אייז ליגט פון אויבן —
פונוואַנען וועט, עלנטער, הילף זיך באַווייזן?
נאָר ווען באַגעגענען דאָרט זיינע אויגן —
איז דאָס אַ מיראַזש, וועלכער כישוף׳ט און שטראַלט?

אַז שטייט דאָך זיין מאַרטאַ, אין קנעכטשאַפט געבויגן —
צעברעקלט זיך, הימל און ערד, און צעפאַלט!
דאָס דאָזיקע בילד האָט זיין בלוט אים געצונדן,
און מורא, פאַרצווייפלונג, זיי זיינען פאַרשוואונדן.

אוי, ווער קען אין מענטשלאַכן האַרץ אַריינדרינגען?
ביים ראַנד פון׳ם קבר, גאָר נאָענט צו זיין סוף,
טוט אַלץ נאָך די האָפנונג אים כישוף׳ן, ווינקען —
אויך ער, דער פאַרלוירענער, האָט נאָך געהאָפט.
באַזיגט ער דעם לייב — וועט מען פרייהייט אים געבן,
און אויפריכטן וועט ער פונסניי זייער לעבן!

„אָ, גאָט, גאָט פון שמשון!" — געטאָן זיך אַ הייב,
אַ צי זיך געגעבן אַ טריט אויף צוריק,
דערנאָך זיך געוואָרפן מיט אימפּעט צום לייב,
ווי אָננעמען אים און צעררייסן אויף שטיק.
פאַרלוירענער העלד! צי דו ווייסט נישט ביז היינט נאָך,
וואו האָט זיך דיין גאָט, גאָט פון שמשון, באַהאַלטן?
דיין גאָט דער אַלמעכטיקער איז מיט די פיינט דאָך, —
פון דיר און דיין פאָלק האָט ער אָפּגעקערט ס׳פּנים
און האָט זיך געקערט צו די פּלישתים, די שונאים;
און ווי ס׳איז דיין פאָלק נישט דערבאַרעמט געוואָרן,
אַזוי ביסטו אויך נישט דערבאַרעמט. דיין גאָט, גאָט פון צאָרן,
זיין בונד מיט זיין אויסדערוויילט פאָלק האָט צעריסן,
דיך איבערגעענטפערט אין בלוטיקער האַנט
פון פאָלק, וועלכעס וויל אים נישט קענען און וויסן;
זיין היכל אַוועקגעשיקט האָט ער מיט בראַנד,
ווען אומגערן האָט ווער אַ פאַקל פאַרוואָרפן;
דער אייגענער גאָט האָט צעבראָכן דיין שווערד,
זאָלסט ווערן פון חיה פון ווילדער פאַרצערט!

און אָט האָט דער לייב זיך אַ וואָרף געטאָן ווידער —
ער האָט זיך געשטאַרקט נאָך, פאַרצווייפלט געווערט,
געראַנגלט זיך טויטלאָך, וואָס ווייטער אַלץ מידער, —
נאָר באַלד האָט דער לייב אים געוואָרפן צו דר׳ערד.

יהודה לייב גאָרדאָן

די פורכטבאַרע נעגל אין לייב אנגעשטאָכן,
זיין לייב אויפגעריסן מיט רציחה און וואוט;
געלאָקערט זיין בלוט, זיינע ביינער געבראָכן,
זיין פגר געשלעפּט אַ פאַרשמירטן אין בלוט.

עס שטורעמט דאָס פעבל אין זיגעריש שאַלן —
נאָר וואָס פאַר אַ טויטקרעכץ דערגייט פון באַלקאָן?
אַ אידישע שקלאַפין גייט אויס, איז געפאַלן —
פאַרוואָס און פאַרווען? — דאָס גייט קיינעם נישט אָן,
ס'האָט קיינער אויף איר נישט רחמנות געקראָגן —
זי האָט צווישן ציינער פון לייב אים געזען,
האָט ס'האַרץ זיך געבראָכן און אויפגעהערט שלאָגן —
איר טויט איז צוזאַמען מיט זיינעם געשען.

מקויים איז, שמעון, דיין האָפנונג פון יאָרן:
דיין מאַרטאַ באַפרייט איז פון קנעכטשאַפט געוואָרן!

איבער א פינטעלע

א.

אידישע פרוי, ווען גייט אָן דיין לעבן?
גייסט אויף אין דער פינצטער און גייסט דאָרט פאַרלאָרן;
דיין ווייטיק און פרייד און דיין האָפן און שטרעבן
זיי שטאַרבן אין דיר באַלד מיט זייער געבאָרן.
פאַר פרויען פון אַנדערע פעלקער די וועלט
פאַר זיי זיינען פריידן און גליקן געגעבן,
דיר, אידישע פרוי, איז דער הימל פאַרשטעלט —
ביסט דינסט און ביסט מאַרקפרוי! דיין פינצטער לעבן
נאָר טראָגן און האָבן און זויגן באַטייט —
דו קאָכסט און דו באַקסט און פאַרוועלקסט פאַר דער צייט.

און וואָס פאַראַ ווערט האָט דיין פילנדעס האַרץ,
דיין שכל דער קלאָרער, דיין שאַרפער זכרון?
וואָס שיין איז דיר מיאוס, וואָס ווייס איז דיר שוואַרץ,
דיין חכמה איז נאַריש, דיין מעלה — חסרון.

יהודה לייב גאָרדאָן

דיין האָר איז אַ שאַנד, אַ פאַרברעכן דיין שטימע,
דיין פּנים — אַן עוולה, דיין גוף — שמוץ און קויט.
אין דיר טליעט אַלץ נאָך דעם ערשטן שלאַנגס טומאה,
מען וואַכט דיך, מען דולדעט דיך נאָר איבער נויט.
קיין פרייד און קיין ליכט אין דיין עלנטן לעבן —
נאָר ליידן און פּלאָג האָבן זיי דיר געגעבן.

וואָלסט בעסער ניט קענען פון דאַוונען איין וואָרט,
וואָלסטו כאָטש אין שול ניט געליטן די בושה
צו הערן ווי ס'לויבן די מאַנסבילן דאָרט
טאָג־טעגלעך צו גאָט: „שלא עשני אשה".
אַלץ איינס ביי זיי ווילדער און שקלאַף און אויך דו —
דו טויגסט נאָר צו קינדלען, אַ הון אויף די אייער;
אויף וואָס נאָך, דו דרעשקאַלב, דו מעלקנדע קו,
וואָס טויג דיר צו זיין נאָך וואָילקענעוודיק זייער?
צו וואָס טויג דאָס דיר און צו וואָס נוצט דאָס יענעם —
אַז פאָלגן דיין עצה נאָר — קומט שוין דער גיהנום.

נאָך קאָרג וואָס דיין מאַן איז דיר יונג אָפּגעשטאָרבן
אַן קינדער, געלאָזט דיך צעבראָכן, אָן שטיצע —
באַדאַרפסטו דיין יוגנט נאָך ברענגען אַ קרבן,
דערוואַרטנדיק יאָרן די פינצטערע חליצה!
האָסט מער פון די ברידער דיין טאָטן באַקלאָגט —
דאָך זיי איז די גאַנצע ירושה געקומען;
ניט נאָר עולם־הזה האָט מען דיר פאַרזאָגט —
נאָר אויך עולם־הבא ביי דיר צוגענומען;
פון די תרי"ג מצוות האָבן זיי צוגעשריבן
זיך זעקס הונדערט צען — דיר דריי קוים געבליבן.

כ'וויס, אידישע פרוי, פון דיין האַרצלעכן גאָרן
צו וויסן, געניסן די ליכטיקע וועלט;
נאָר דאָס איז פאַרבאָטן, מוזט וועלקן און דאָרן,
אַזוי ווי אַ בלום וועלקט אין שאָטן פאַרשטעלט.
אַ הפקר־פעלד ביסטו צו ליפערן תבואה,
פאַרווילדעט, פאַרלאָזט, ניט באַדויערט פון קיינעם;

יהודה לייב גאָרדאָן

האָסט נאָך ניט אין לעבן די מינדסטע ידיעה —
ווערסטו שוין אַ ווייב און אַ מאַמע אינאיינעם.
דו האָסט נאָך גאָר קינדישע תנועות, העוויות,
און שוין אשת־איש, שוין עקרת־הבית.

„שוין אשת־איש?״ — זאָג גאָר, ווייסטו פאַר וועמען?
— „כ׳האָב אים דען געליבט? צי באַקאַנט געווען גאָר?״
— שטיל, חצופה! וואָס זאָגסטו „געליבט״? מעגסט זיך שעמען!
אַ אידישע טאָכטער גאָר ליבן ווי טאָר?
פּערציק טעג פאַר איר מאַמעס אין טראָגן פאַרגיין
האָט איר שוין דער מלאך איר זיווג באַשערט —
היינט וואָס מאַכט עס אויס, אַז זי וועט אים שוין זען,
און וואָס האָט די ליבע סך־הכל אַ ווערט?
די מאַמע, די באָבע פון דעם ניט געוואוסט —
נאָך וואָס זאָל די טאָכטער זיין חצופה אומזיסט?

רוק אָן באַלד דאָס הייבל אַריבער דיין שטערן,
די גאָלדענע צעפּ מיט אַ טוך נעם אַרום;
וואָס העלפט שוין דיין קוקן, ס׳וועט אַנדערש ניט ווערן,
צי אינגער, צי עלטער, צי גלייך און צי קרום?
אַלץ איינס נעמט דער טאַטע ביי דיר קיין רשות,
דיך קויפן, פאַרקויפן אין זאַק בלא־ראיה;
איין לבן הארמי האָט געטאָן אַזאַ שטות
מיט זיין „נקרא לנערה ונשאלה את פיה״.
אַלס מיידל איז טאַטע דיין מושל פאַראַן —
פון אים די ממשלה גייט איבער צום מאַן.

„צום מאַן״ — נו, ווי דען? אַן עין־הרע ביי אידן!
ער ווייס ניט קיין מלאכה, קיין פאַך, קיין געשעפט.
ער עסט נאָר די קעסט אָפּ און פטרט דעם נדן,
איז ער שוין אַ טאַטע פון קינדער! — איר טרעפט,
קיין טועכץ פאַר אים איז ניטאָ מן־הסתם!
נעמט ער זיך אַרומשלעפּן אויף דער מדינה . . .
אַזוי נאָך פאַרלויפט ער אַריבער דעם ים —
דאָס ווייב — מיט די קינדערלעך — בלייבט אַן עגונה.

דאָס איז די געשיכטע פון כלל אידיש ווייבל,
דאָס איז אויך געשען אונזער אומגליקלעך טייבל!

ב.

דער וועלכער האָט טייבלען קיינמאָל ניט געזען,
דער האָט גאָר פון שיין קיין באַגריף ניט געהאַט;
אין איר שפּיגלט אָפּ זיך די שיינקייט אַליין,
דער בורא אַליין האָט פאַרשריבן דאָס בלאַט.
ס'איז פאָלקאָם אַרויס פון גאָטס האַנט אָט דאָס בילד,
קיין מאָלער, קיין קינסטלער האָט איר ניט פאַרצירט,
דאַרום איז זי אומשולדיק, האַרציק און מילד,
איר בושה און צניעות — די גאָטהייט קאָפּירט.
נאָך קינד און ס'הייבט אָן, ווי דער מאָרגן, צו בליען
אין איר אַלע מידות פון עכטער בת־ציון.

איז פלייסיק איר אַרבעט צו טאָג, ריין און ציכטיק,
מיט גאָלדענע מידות און שטילן געמיט;
איז ליב, גוט און פרום און איז אויפגעראַמט ליכטיק,
עס זינגט אין איר גאַנג אַרויס יעטווידער טריט.
אַז צניעות אַליין וואָלט זיך קענען פאַרקליידן
אין מענטשלעכן אויסזען, אין פלייש און אין בלוט —
דאַן וואָלט זי געוויס אין די אויגן ביי יעדן
געהאַט טייבלס אויסזען, אַזוי ליב און גוט.
איר וועזן — אַ וואונדער, איר שאַפונג — אַ סוד;
געבאָרן צו זיין דורכן אָטעם פון גאָט.

אַ שטראַל פון זיין ליכטיקער געטלעכער שכינה,
אַ טראָפּן פון טוי אויף די פינקלענדע גראָזן;
אַ צנועה'דיק שמייכל אויף ליבלעכע מינע,
די ריחות פון פרישע פון בליענדע ראָזן;
אַ ליכטשפּריץ פון הימלשן הייליקן שטול —
דאָס אַלץ האָט גאָט מיט זיין אָטעם צעלאָזן,
צוזאַמענגעמישט און פאַרקאָכט אין דער שטיל,
געלייטערט און גלייך אין זיין פורעם געגאָסן.

יהודה לייב גאָרדאָן

אין אויגנבליק האָט זיך פון דאָרט אויסגערויכט
אַ נשמה, אַ הויך פונם הימלשן לעבן;
און באַלד האָט זי גאָט מיט זיין מויל איינגעהויכט
אין וואונדער־באַשאַפונג, און האָט דעם געגעבן
אַ קוש — און די רייצנדע פרוי איז אַרויס —
ס׳איז טייבל איר נאָמען ביי קליין און ביי גרויס.

אַ וואַלד בלאָנדע האָר, לויטער קרויזן געקאַרבט,
ווי לויטערע הימלבלוי אירע צוויי אויגן;
די באַקן ווי שניי, ווייס אין רויזן געפאַרבט,
אין צוויי רויטע ליפּן דאָס מיילכל פאַרצויגן.
איר קולכל טריפט האָניק, אַ באַלזאַם איר ריידן,
איר האַלז ווי פון ווייס־קלאָרן מאַרמאָר געשניצט;
איר וואוקס ווי אַ פּאַלמע, איר ריר לויטער פריידן,
אַ צויבער־געמעל פון נאַטור אויסגעקריצט:
אַ, ווער איז דער קינסטלער, דער גרויסער דערפינדער,
וואָס האָט גאָר פאַרדיינקט אַזאַ געטלעכן וואונדער?

אַט שטייט זי אינגאַנצן פאַר אונז אויסגעצויגן —
ווי גרויס און ווי הערלעד, ווי שטאָלץ און ווי מילד!
ווי שטאָל צום מאַגנעט, אַזוי ציט עס די אויגן
אַ קוק צו טאָן נאָר אויפן געטלעכן בילד.
די צייט איז שוין דריי מאָל און צוואַנציק מיט ווינטער
און זומער דעם געטלעכן וואונדער אַריבער;
און דאָך איז איר שיינקייט אויף איין האָר ניט מינדער,
איר אויסזען ווערט אַלעמאָל אינגער און ליבער,
וועגן ניט נאָר דער עדות, דער ווייסטער יאָרליק —
וועגן ניט אויפן שטערן דער פרעמדער פּאַריק.

איר טאַטע געוועזן איז רב נח מיידאַן,
אַ למדן אַ גרויסער, אַ חשוב אין שטאָט;
פון יאָרן געהאַלטן די פּאָסט אין ליוואַן,
אַ ווייִנשענק און אויך אַן אַכסניה געהאַט.
גאַנץ יונג איז אים זיין אשת־חיל געשטאָרבן
און זיין בת־יחידה פאַרטרעט אים איר אָרט;

זי האָט אים אַ שפּע אײנגאַנצן דערוואָרבן
פון אַלע פּריצים וואָס שטייען איין דאָרט.
זײ גאַפן און שטוינען ווי זי פירט דאָס הויז.
„ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ בליענדע רויז!״

אַ שבת אין שול אַז זי גייט איז אַ פרייד,
אַ חיות צו קוקן, ווי זי איז פּאַרצירט;
איר שניי־ווייסע שאַל אויפן בלוי־זײדן קלייד,
איר שניי־ווייסע האַלז איז מיט פּערלען פּאַרשנירט.
איר שטאַלציקער קאָפּ און איר כוואַליקע ברוסט —
זי זעט ווי אַ מלכה אויס קיניגלעך מילד;
אַפילו דער פּרוש וואָס ווייסט שוין קיין לוסט
כאַפּט אויך אונטערוויילעכץ אַ קוק אויפן בילד.
דער שכינה אַליין איז איר גאַנג צוקערזיס,
הגם ס׳דריקט אַ שטאַלצע פיגור אירע פיס.

ג.

נאָר ליידער איז אַלץ דאָס געוועזן אַמאָל —
די שטאַלצע פיגור איז געבויגן פון ווײ,
פון יאָך פון פּרנסה, פון דאגות אַן צאָל,
זי האָלט שוין אַ קרעמל, האָט קינדערלעך צווײ.
ווי טאָג אַזוי נאַכט איז איר קאָפּ פול מיט דעם,
ווי פירן דאָס קרעמל, פאַרזאָרגן איר היים.
אַזוי פון פאַרטאָג ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט,
אַן אָפּרו געאַרבעט, געזאָרגט און געטראַכט.
היינט ווי לאָזט מען קינדער אַן אויפזיכט פון קיינעם?
זי איז דאָך זײ מאַמע און טאַטע אינאיינעם!

„און טאַטע?״ ווי הייסט? איז איר מאַן דען געשטאָרבן?
צי ליגט ער חלילה טויט־קראַנק אינעם בעט?
איז ער אַזוי נאַריש און קליין און פאַרדאָרבן
און האָט אַזאַ מלאך גאָר אפשר געג׳גט?
ער פאָרט אפשר אום אויף יאַרידן מיט סחורה,
צי זיצט ער ווי טאָג אַזוי נאַכט על התורה?

יהודה לייב גאָרדאָן

חלילה! ער לעבט, איז געזונט, איז איר מאַן,
און ווייסט ניט פון האַנדל און וואַנדל און געלט.
פון הויז, פון בית־מדרש אינגאַנצן ליוואַן —
ער שלעפּט זיך אַרום אין גאָטס אָפענער וועלט.

צום פופצנטן יאָר — האָט דער מלאך, איר פאָטער,
געגעבן אַ חתן, וואָס אים איז געפעלן —
אי וואָס, זי האָט אים ניט געזען גאָר? נו פּטור!
אם־ירצה־השם באַלד נאָך דער חתונה וועלן
זיי לעבן און קינדלען ווי גאָט האָט געבאָטן . . .
היינט וואָס דאַרף אַ קינד זאָגן דעות דעם טאָטן?
אָט האָט דאָך אברהם ניט געזען גאָר זיין שרה
ביז יענער געשיכטע, ביים נחל־מצרים . . .
ווייל איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זאָגט די גמרא,
אַז יעדן זיין זיווג איז מן־השמים.

ווער ווייסט ניט די קרעטשמע צען מייל פון ליוואַן.
וואָס ס׳האַלט אין אַרענדע דער מוכסן רב נתן?
דאָרט זעט מען אַ אינגל, אַ מאַן אויף אַ שפּאַן,
ס׳איז הלל זיין קדיש, דאָס איז טייבלס חתן.
אַ אינגל אַ נאַרישס, אַן איין גוטע מידה,
דערצו אַ פּאַרזעעניש, וואָס טרעפט זיך גאָר זעלטן!
ער איז אָבער עלוי, גאָר איינס אין דער ליטע,
און קומט עס צו פּלפּול — אַזוי קערט ער וועלטן.
ערשט אויף זיין בר־מצוה, ניט לאַנג, האָט ער הי
אין דרשה דערוויזן מיט אַ קל־וחומר
פון ושתי־המלכה אויף די זיבן פעטע קי:
אַ אשה טאָר קיינמאָל ניט גיין אָן אַ שומר.

רב נח דערהערט עס און שיקט צו רב נתן
אַ שדכן, גאָר אַן אַ שום חוקר ודורש,
אַן תרוץ, אַז הלל מוז זיין טייבלס חתן,
זיין זינדל, זיין קדיש, זיין איינציקער יורש.
געזאָגט און געטאָן און אַ וואָרט געמאַכט ענדלעד,
און ס׳שרייבן די תנאים אָפּ די מחותנים:

מיט אייביקע קעסט און נדן הונדערט רענדלעך
לייגט איין שוין רב נח ביים רב מזומנים.
רב נתן פון זיין צד, טוט אָן אים די חשיבה:
כדי הלל זאָל ווערן אַ גאון בכפה —
שיקט ער אים אַוועק אויף צוויי יאָר אין ישיבה,
און קומענדיק שטעלט מען למזל די חופה.

עס קאָכט גאַנץ ליוואָן, וואו אַ מיידל, אַ ווייבל,
זיי זיינען מקנא דעם גרויסן געגנאָד.
„אַט גליקלעכע" — זאָגן זיי; וואָס־זשע זאָגט טייבל?
ווער קען עס דערגיין לייכט אַ מיידלשן סוד?
פון מזל־טוב אָן גייט זי אום ווי אַ שאָטן
און האַלט אין איין שווייגן, ווי לעבעדיק פאַרשאָטן.
אויב שווייגן איז ווירקלעך אַ סימן־הסכמה,
דאַן פילט זי זיך זיכער דערהויבן, געקרוינט;
עט, ווייס איך, וואָס ס'פלוידערט די שדכנ'טע בלומע,
אַז טייבל ליגט אויף גאַנצע נעכט און זי וויינט.

ווי שיקט זיך „זי וויינט"? אַזאַ רוי־מאַטעריאַל
נעמט אָן זיך דער עלוי צו מאַכן אַ כלי?
וואָס איז דען, ער טויג צו דער וועלט ניט בכלל —
נו, טויג ער צו פלפול גאָר הפלא ופלא!
ער ווייס ניט פון מסחר און האָט ניט קיין פאַך?
דערפאַר ווייסט ער אָבער אַ פשט'ל, אַ סברא!
ער קען ניט קיין חשבון, קיין למוד, קיין שפּראַך?
דערפאַר קען ער אויסווייניק טויזנט בלאַט גמרא!
מיט תוספות, מהרש"א, מיט אלפס און ר"ן —
איז איר נאָך אַ קריוודע אַ חריף אַ מאַן?

נאָר וואָס איז צו ריידן — די זאַך מוז שוין זיין —
געקומען דער העלד פון ישיבה — ויבא!
די טויב פאַלט צום טכויר אין די נעגל אַריין;
געוועזן ערב שבת פון פרשא כי־תבוא.
די סדרה אין וועלכע די תוכחה שטייט —
זיס טייבל, אויף דיר פאַלט די תוכחה אַצינד!

יהודה לייב גאָרדאָן

פֿאַרשטייסט זייער גוט, אַז דיין יוגנט פֿאַרגייט
און מוזט נעבעך שווייגן און זיין טויב און בלינד.
געקויפֿט האָט דיין טאַטע אַ קאַץ אינעם זאַק —
פֿאַר דיין כבוד־אב האָסטו, טאָכטער, דעם פּסק!

די טויב מיט דער מויז,
דעם דאָרן מיט דער רויז
פֿירט מען איצט צו דער חופּה — וויוואַט!
דער רב זאָגט אַפֿיר
און דער מין קאַוואַליר
פּלאַפּלט נאָך וואָרט ביי וואָרט: „הרי־את!"
דער רב האָט געענדיקט דעם סדר־קדושין —
און מזל־טוב! מזל־טוב! שרייען אויס אַלע.
מחותנים, מחותנת׳טעס כאַפּן זיך קושן,
די חברה די ווייסע באַוואַרפֿט חתן־כלה.
כּלי־זמרים׳לעך שפּילן, די סטאַטשיקעס גלאַנצן,
די מאַנסבילן פֿליעסקען, די ווייבעלעך טאַנצן.

צי הערט איר אין ליאַרעם אַ זיפֿציקן „אָך",
וואָס בויערט און לעכערט עד לב השמים?
„עט, שטותים! דאָס איז פֿונעם גלעזל דער בראָך,
אַ זכר צום חורבן פֿון ירושלים!"
די שטאָט וואָס באַשטייט נאָר פֿון רוי־מאַטעריאַל
איר מאַכן מיר טויזנטער יאָרן אַ זכר,
און אויף אונזערע לעבעדיקע קינדערלעכס פֿאַל
טרינקען מיר לחיים פֿון גאָלדענע בעכער.
האָרכט, טאַטעס, זיך איין אין די גלעזער־ברוך קלאַנגען,
דאָס קלאָג־ליד פֿון פֿאַרל ווערט פֿעסטגעשטעלט:
„צעבראָכן דאָס גלעזל, מיר זיינען געפֿאַנגען,
פֿאַרוויסט אונזער לעבן, פֿאַרשפּילט אונזער וועלט!"

די גמרא זאָגט ריכטיק, באַרעכנט מיט טאַלק,
אַ זיווג ווי קריעת־ים־סוף איז שווער;
יאָ, אמת! דער צוג פֿון אַ אידיש פֿאַר־פֿאָלק
שטעלט פֿאַר אַט דעם שרעקבילד וואָס אידן ביים מער:

פון רעכטס און פון לינקס ליגט אַ מדבר — סכּנות!
פון הינטן דער שונא, פון פאָרנט דער שטראָם.
„מאַרש, קינדערלעך, מאַרש!״ רופט אַ קול אָן רחמנות —
די קינדערלעך פאָלגן און שפּרינגען אין תּהום.
אין הייסער שעה ווייזט זיך זיי אויס ווי ביש־קשה:
דאָס שיפעלע הוידעט, עס קיצלט, זיי קוועלן —
נאָר פּלוצים פאַרפּלייצט ווערט די גאַנצע יבשה,
זיי ווערן פאַרפּלייצט פון די גרויזאַמע וועלן . . .

ד.

דריי יאָר זיינען שנעל אונזער פּאָרל פאַרפלויגן
אין עסן דעם מן ביי רב נח׳ן אין הויז;
ס׳האָט טייבל געטראָגן, געקינדלט, געזויגן,
ס׳האָט הלל געדאַוונט, געלערנט אין קלויז.
און ס׳טוט מיט דער צייט זיך דאָס רעדל אַ דריי,
ניטאָ מער קיין מן; דאָס פאַרפאַלק בלייבט געפּלעפט.
„ווי לעבט מען, וואָס טוט מען? אַז אַך אונז און וויי!״
וואָס קען מען דען טאָן, אַז מען ווייסט קיין געשעפט?
די בעסערע יאָרן פאַרבראַכט פּוסט־און־פּאַס
אויף עסן און קינדלען און אויסלערנען ש״ס.

רב נח׳ס געשעפט איז געגאַנגען קאַפּויר,
פּרנסה געשלאָגן, עס האַלט זייער שמאָל;
וואָלט עמיץ זיך ריכטן אין היינטיקן דור,
אַז ס׳זאָלן גאָר נסים געשען ווי אַמאָל?
נאָר פּלוצים גאָר וואַגנס פון פאַרע, אָן פערד . . .
אות באות אליהו הנביא׳ס פייעטאָן —
וואָס פליען ווי אָדלערס און דייקע אויף דר׳ערד
מיט שופרות און ערוב׳ס און הייסט „אייזנבאַן״?
דער ערוב קלאַפּט בריוו, און דער שופר אַט דער
רופט צענויף די פאַרשוינען אַהין און אַהער!

הגם אין ליוואָן איז נאָך דאָס ניט געשען,
האָט דאָך שוין דער דאָרטיקער פּאָסט פיל געשטערט:
די דורכפאָרער זיינען שוין זעלטן געווען,
שטאַפּעטן, קוריערן כמעט אויפגעהערט.

יהודה לייב גאָרדאָן

מיט איטלעכן טאָג גייט רב נח אַרונטער:
די פערדלעך פאַרקויפט שוין, ווי ביטער דער פאַל!
אַ קאָפּיקע פּדיון ניטאָ אַ גאַנץ ווינטער,
קוים איין פּאָרל פערד נאָך פאַרבליבן אין שטאַל —
אַ לעצט שטיקל אָנשפּאַר אין עלטער פאַר נויט:
„איר, קינדערלעך ליבינקע, גייט, זוכט אייך ברויט!"

דאָ הויבט הלל אָן שוין צו זוכן זיין ברויט —
ער רייבט זיך דעם שטערן, ער רייסט באָרד און פּאות:
ניטאָ קיין געשעפטן, כאָטש מאַך זיך אַ טויט,
כאָטש שפּרינג אויס דער הויט, כאָטש גיי אַפּ מיטן שווייס.
פאַר סוחר פעלט געלט, פאַר מלמד אַ ברוסט;
אַ שוחט? האָט הלל גאָר מורא פאַר בלוט.
אַ רב זיין? חוץ פּלפּול איז ער דאָך גאָר פּוסט.
אַ חזן — פעלט קול; אַ בעל־דרשער — פעלט דבור,
פאַר שדכן, צי בדחן — איז הלל צו קלוג;
אַזוי גלאָט זיך מישן אין צרכי־הצבור?
אויף דעם זיינען דאָ שוין בטלנים גענוג.

דערווייל פליען וואָכן, מאָנאַטן פאַרשווימען —
עס העלפט קעגן מאָגן ניט קיין שום עקשנות . . .
געוויס, אַז מען פּטר'ט דאָס ביסל מזומן,
דאַן הויבט מען אָן טראָגן פאַרזעצן משכנות . . .
„נו, וואָס וועט זיין, הלל? — פרעגט טייבל איר תם, —
ס'וועט אויסקומען אויסגיין פון הונגער אונז באַלד".
— כ'האָב אָפּגעמאַכט פאָרן מעבר לים,
מ'זאָגט, אַז מען שאַרט דאָרט מיט לאָפּעטעס גאָלד.
ס'וועט אפשר אליהו מיר קומען אַנטקעגן,
איך האָב גרויס אמונה אין אויבערשטנס גבורות, —
און וועט מיר אויך ברענגען אַזאַ גרויס פאַרמעגן,
ווי יענעם איש־חסיד, וואָס שטייט אין די זמירות.

אוי, הלל, אוי, טייבל! איז דאָס גאָר אַ סברא?
באַרעכנט, וואָס טוט איר? אום גאָט זיינער ווילן!

יהודה לייב גאָרדאָן

אויף ברוך גאַר פאַרקויפט איר דעם טלית׳ עטרה,
די זילבערנע בתים פון הלל׳ס פאַר תפילין?
יאָ, הלל אַליין האָט פאַרקויפט די כלי־קודש
און איז אויף דעם פדיון שוין העכער אַ חודש
פון ווייב און פון קינדער אַוועק אויף דער וועלט.
ס׳האָט טייבל איר צירונג פאַרקויפט פאַר העלפט פרייז,
געעפנט אַ קרעמל פון צעלניק און שפייז
אויף ביסל קרעדיט און אַ קאַפּעלע געלט.

אין קרעמל זיצט טייבל ווי טאָג אַזוי נאַכט,
קוקט אויס אירע אויגן, אין היצן און פרעסט,
צי האָט ווער אַ גראָשעלע לייזונג געבראַכט?
היינט דאגות פון קינדער, די שטוב ניט פאַרגעסט!
אָט זעט נאָר דאָס אינגל, אַ קינד פון זעקס יאָר,
וואָס גייט דאָרטן אַלע פרימאָרגן אין חדר:
אַ ברכה פון גאָט, אַזוי ציכטיק און קלאָר,
מיט פרישטיק, מיט ביכלעך, פאַפיר, טינט־און־פעדער.
אַ קוק אויפן קינד נאָר — זאָגט שוין דער פאַרשטאַנד:
דאָ שטעקט וואויל אַ טרייע, אַ פלייסיקע האַנט.

גייט, זעט נאָך אַ שוועסטערל זיינס אין דער היים:
איין פנים, געראָטן ווי צוויי גלייכע פויגלעך,
די מאַמע פאַרקעמט זי און טאַקע דורך דעם
זי קוועלט, ווען זי קוקט איר אַריין אין די אויגעלעך.
באַטראַכט נאָר דאָס מלאכ׳ל, ס׳קליינינקע מיידעלע,
און זעט נאָר, ווי אַרטיק זי שטייט אויף אַן אָרט:
זי קוועלט פון איר מוטער און פון איר נײַ קליידעלע
און מורמלט דעם „מודה אני״ וואָרט ביי וואָרט:
תורה צוה לנו משה מורשה —
כ׳וועל פאָלגן דער מאַמעס און טאַטנס בקשה.

יתומה׳לע לעבעדיקס — „טאַטנס בקשה״?
וואו איז ער, דער טאַטע ,ס׳איז דיר גאַרניט קשה?
ער זוכט אליהו׳ן דאָך ערגעץ אַצינד!
אין אייך גאָר פאַרגעסן, פאַרלאָזט ווייב און קינד.

יהודה לייב גאָרדאָן

דעם ערשטן יאָר פּלעגט ער כאַטש זעלטן דערמאָנען,
געשיקט זיי אַ בריוול, זיי גריסן געלאָזט.
פון דעמאָלט אָן וויל ער זיי כלל גאָרניט קאָנען —
אומזיסט לויפט אַלץ טייבל טאָג־טעגלעך אויף פּאָסט:
„איז דאָ פון מיין הלל אַ בריוו, אַ פּאַקעט,
אַ פּעקל, אַ קאַרטל, צי אפשר אַ גט?״

די צייט דערווייל פליט ווי אַ פייל אויסן בויגן,
די אומשטענדן בייטן זיך אַלטע אויף נייע;
דריי זומערס, דריי ווינטערס שוין איבערגעפלויגן,
און טייבל זיצט אַלץ נאָך אַן אלמנה־חיה.
דער קאָפּ איז דערשלאָגן, דאָס האַרץ ווי אַ שטיין,
פאַרלירט שוין אַליין איר בטחון, אמונה;
מען רופט זי שוין איצט ניט ביים נאָמען אַליין,
זי האָט שוין דעם צונאָמען: „ווייסטע עגונה״.
אויף דעם ערשט געוועזענעם בילד פון קנאה
קוקט איטלעכער שוין מיט אַ נעבעך אין מינע.

און לייטישע מיילער צעבלאָזן דאָס פייער,
עס פליען אום פּאַטשטן וואָס גרוילן איר לייב;
מען זאָגט, אַז איר מאַן איז געוואָרן אַ פרייער,
אַז ער האָט גענומען אַן אויסוואָרף אַ ווייב.
צי גאָר, אַז ער איז אַ קאָרטיאָזשניק געוואָרן.
אַ טייל זאָגן גאָר: אַ סטודענט, אַ מלומד!
אַט הערט מען גאָר: הלל איז אין די אַקטיאָרן,
און אייניקע זאָגן שוין גאָר: אַ משומד!
גאָזעטן ביי אידן נאָך דאָן ניט געווען,
צו מאַכן אַ סוף צו די אַלע השערות . . .
אוודאי מוז טייבל אַלץ הערן און זען,
און שווייגן און ליידן בזיונות און צרות.

וואו איין צרה — מוז באַלד אַ צווייטע געשען:
דאַרף דעמאָלט די בשורה פּונקט טרעפן אין קאַרב,
אַז ס׳הויבט אָן די באָן אין ליוואָן אויך צו גיין, —
רב נח דערהערט און מאַכט פּלוצים אַ שטאַרב.

דאָ בלייבט זי שוין עלנט אַזוי ווי אַ שטיין —
ניטאָ שוין פון קיינעם אַ טרייסטוואָרט צו הערן.
זי ווייזט נאָך לפנים אַ שמייכל, אַ חן,
נאָר אויף איר געלעגער צעגייט זי אין טרערן.
נו, קום שוין, הילף, גיכער! קום באַלד אויפן שטעל!
ווען ניט, וועט פון טייבלען באַלד ווערן אַ תל!

אַ טרער איז קיין וואַסער וואָס רינט און פאַרשווינדט —
עס ווערן די טרערן ווי פערל געציילט.
אַ זיפץ פון געבראָכענעם האַרץ איז קיין ווינט,
ס'איז דאָ נאָך אַן אויער, וואָס הערט עס און היילט.
אַז מענטשן מיט בייזע און פאַלשע כוונות
פאַראומערן לעבנס מיט זייערע עובדות —
איז גאָט דאָך אַ פאָטער נאָך פול מיט רחמנות,
וואָס נעמט זיך נאָך אָן פאַר דעם עלנטנס קריוודעס.
נו, שטאַרק־זשע זיך, טייבעלע! האָף, מיין נשמה,
פון גאָט איז שוין גרייט פאַר דיין צער אַ נחמה!

ה.

פאַרביי איז דער ווינטער, דער פרילינג געקומען —
זיין גריך־גראַזיק מאַנטל איז שוין אויסגעוועבט.
עס האָט זיך דער פויער צום אַקער גענומען
און וואו נאָר אַ חורבה, איז ווידער באַלעבט.
אויך אין דעם ליוואַן האָט פאַרקאַכט אַ ניי לעבן,
די אַרבעט פון אייזנבאַן לאָזט זיך שוין שפירן.
אין איטלאַכן ווינקל דאָרט פליען און שוועבן
אַגענטן און צושטעלער און אינזשינירן.
און איינער, דער הויפט איבער אַלעם און גאַר,
איז אויך אָנגעקומען מיט דער הויפט־קאָנטאַר.

אַ איד איז דער איינער, אַ מענטש נאָר אויף וואונדער,
געקומען פאַרנעמען זיין שטעלע אַהער.
זיין נאָמען איז פאַביוס, אַן אַלמן אָן קינדער,
איז אַלט אַ יאָר דרייסיק און צוויי אומגעפער.
אַ גוט וואַרעם האַרץ און אַ שטיל געמיט,

יהודה לייב גאָרדאָן

אַ מזג־טוב, שטעלט יעדן איינעם צופרידן.
דער הויפּט־דירעקטאָר, אַ קריסט, ניט קיין איד,
(דערפאַר דינען דווקא ביי אים לויטער אידן)
האָט אים אויסגעפונען פאַר אַן איש־בטוח
און האָט אים געמאַכט פאַרן אויבער־משגיח.

דאָס שענסטע צוויי־שטאָקיקע הויז אין ליוואָן
האָט פאַביוס פאַר הויפּט־קוואַרטיר זיך אָפּגענומען;
און גראָד איז פון זיין קאַבינעט דער באַלקאָן
אַנטקעגן דער עלנטערס קלייט אויסגעקומען.
זיין סדר־היום גייט אויף פאַלגנדן שטייגער:
פונקט זיבן אַזייגער איז ער ביי דער פען.
זיין אויפנאַם — פון אַכט ביז האַלב צען אויפן זייגער,
אַ האַלבע שעה פרישטיק, און פונקט זייגער צען
גייט ער צו דער אַרבעט, איז אומעטום אויס;
אום צוויי גייט ער עסן לערך אַ שעה,
אום דריי פאָרט ער שוין אויף דער ליניע אַרויס —
און זיבן פאַרנאַכט צו זיין היים און זיין רו.

זיין פרייע צייט אָוונטס גייט אויך ניט פאַרפאַלן,
ער שפּילט אויפן פידל, לעזט ביכער, זשורנאַלן.
גאַנץ אָפט קומען געסט זיך צענויף אין זיין הויז,
מען רעדט פון פאָליטיקע, ביכער, געשעפטן;
אַמאָל אין דעם שטאָט־גאָרטן גייט ער אַרויס;
אין פרייע טעג רוט ער זיך אָפּ אויפן באַלקאָן,
באַטראַכט אַלע מענטשן וואָס שוויבלען אין גאַס.
לויט איטלאַכנס מינע, זיין הילוך, זיין טאָן —
באַשליסט ער זיין פאַך, זיין כאַראַקטער, זיין קלאַס.

אויף איינמאָל דערזעט ער אַ פרוי, נאָך אַ יוגנט,
זיצט לעבן איר קלייטל, אַנטקעגן זיין מויער;
איר אויסזען: באַשיידן און צאַרט, פול מיט טוגנט,
און אין אירע אויגן אַ שטענדיקער טרויער.
אויף איין האַנט איז תמיד איר קאָפּ איינגעבויגן,
די צווייטע פאַרנומען מיט קינדערלעך צוויי.

יהודה לייב גאָרדאָן

ער זעט ווי איר ליבשאַפט שטראַמט אויס פון די אויגן,
און ליכטיקע טרערן, וואָס פאַלן אויף זיי.
אַז ענטפער אויף דעם, ווער איז אַט דאָס ווייבל?
באַקומט ער: דאָס איז'די עגונה, ס'איז טייבל!

דער אויבערשטער האָט זיך שלוחים אַ סך
צו נאָגן און פּלאָגן דעם מענטש אויף דער וועלט:
צרעת'ן, חלאת'ן פון אַלערליי פּאַך,
אויך שרפות, מגפות און הונגער און קעלט,
בזיונות, יסורים און דלות און שרעק,
מסירות, בלבולים און טויזנטער שלעק —
נאָר נאָך איין קלאָג האָט ער זיך אויף דער מדינה,
וואָס געגן איר אַלע זענען די אַלע כלא —
עס הייסט מיט דעם שרעקלעכן נאָמען „עגונה״
און טרעפט נאָר באַזונדערס די אידישע פרוי.

דער ענטפער האָט פאַביוס'ן שרעקלעך געקרענקט,
ס'האָט אים אויפן ווייבל זיין האַרץ אויסגעריסן;
ער האָט איר מערכה באַרעכנט, באַדענקט,
באַשלאָסן איר לעבנס־געשיכטע צו וויסן
פון איר מויל אַליין — און באַזוכט שוין איר קלייט,
געקויפט עפּעס סחורה, פאַרגאַנגען אין רייד,
געמאַכט זיך גאַנץ קאַלט, זיך געמאַכט כלא־ידע,
און פון אירע ענטפערס, פון יעטווידן וואָרט,
האָט ער איבערצייגט זיך, אַז דאָ אויפן אָרט,
דאָ וואַלגערט זיך אום אַ בריליאַנט אין דער בלאָטע.

און פאַביוס איז שוין ניט געשלאָפן די נאַכט,
און אויף זיין געלעגער אומזיסט זיך געקערט:
עס האָט אים איר ליכטיק געשטאַלט אַלץ געדאַכט,
געטרויבט אים זיין שלאָף און זיין רו אים געשטערט.
אויך טייבעלעס אויג האָט קיין דרימל באַרירט,
דאָס ערשטע מאָל היינט אין איר ביטערער נויט
האָט פלוצים אַ מענטש זיך פאַראינטערעסירט,
דערגיין ווי זי לעבט, צי איר פעלט ניט אויף ברויט!

יהודה לייב גאָרדאָן

די פרומע נשמות, נאַאיוו ווי די שאָף,
זיי שפּירן ניט ביידע, וואָס שטערט זייער שלאָף.

און פֿאַביוס גייט אָפּטער צו טייבלען אין קרעמל,
אַזוי אונטערוויילעכץ, פֿאַרשטייט זיך, ממילא...
ער קויפֿט ביי איר פֿענעס, אַ קעמל, אַ רעמל,
און קויפֿט אין איין וועגס זיך איר האַרץ און איר זעלע.
און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָט זי אים אַלעס
דערציילט פֿון איר לעבן, פֿון אָנהייב ביז יעצט:
ווי ס'האָט זי איר מאַן אין אַ מאַנגל, אַ דלות
געלאָזט מיט צוויי קינדער אין עלנט ביז לעצט.
ווי זי האָט געהערט, איז אַ סברא פֿאַראַן,
ס'געפֿינט זיך אין ליווערפּול איצטער איר מאַן.

גראָד האָט דאָרטן פֿאַביוס געהאַט אַן אַגענט,
וואָס ליפֿערט אים רעלסן אַהערצו פֿון דאָרט,
דאָ האָט ער זיך שריפֿטלעך צו אים באַלד געווענדט,
און ער האָט באַקומען דאָס פֿאָלגנדע וואָרט:
„יאָ, הלל דער זון פֿון אַרענדאַר רב נתן
„געפֿינט זיך דאָ איין; ס'גייט דעם מאַן זייער שלעכט.
„ער גרייט זיך פֿאַרלאָזן מיטן שיף „לוויתן",
„וואָס גייט נאָך אַמעריקע אין צען טעג אַרום.
„פֿון אייער בקשה האָב איך מיט אים גערעדט,
„פֿאַר זעקס הונדערט רובל וועט ער געבן אַ גט."

ער האָט וועגן דעם איר קיין וואונק ניט געגעבן
און האָט צום אַגענט דעפּעשירט אויגנבליק:
„איר זאָלט אויף מיין חשבון די סומע אים געבן,
„נאָר האַלט אים ביים וואָרט, ניט צו כאַפּן צוריק."
אַן ענטפֿער קומט אָן פֿון ראש־חודש אָב:
ס'איז אַלץ ווי געוואונטשן; מיט גאָט'ס הילף און כוח
האָט הלל בן נתן ביים היזיקן רב
געגעבן אַ גט היינט פֿאַר טויבע בת־נח.
דעם גט פֿירט דירעקט אַ שליח פֿון מאַן
מיטן רב'ס גבית־עדות צום רב פֿון ליוואָן.

יהודה לייב גאָרדאָן

די רגע לויפט פּאַביוס צו טייבלען אין קלייט
און שרייט פון גרויס שמחה די ווערטער קוים אויס:
„אַראָפּ פון אייך, טייבל, די אייזערנע קייט,
איר זייט שוין פון הלל׳ס אַחריות אַרויס!״
און ריידנדיק, פאַלט ער צו אירע פיס
און בעט זי מיט טרערן פון האַרצן געטריי:
— מיין טייערע טייבל! אַ, טייבעלע זיס,
פון היינט זאָל דער פרילינג דיר לייכטן פון ס׳ניי!
איך ליב דיך, זיי מיינע! דו זאָג נאָר „ביזט מיין״ —
און ס׳קען שוין קיין גליקליכער פאַר מיר ניט זיין!

אַוועק, קהל׳שע גבאיטעס, העסלעכע ווייבער,
אַוועק גייט, איר בייזע און גיפטיקע שלאַנגען!
אַוועק, לאַנגע צינגער, רכילות־אַנטרייבער —
איר זאָלט ניט די ריינע נשמות דאָ פאַנגען!
איר ווייסט ניט פון ליבע און ווייסט ניט איר לשון —
איר קענט נאָך, ווער ווייסט, פאַראַ פייער צעבלאָזן,
קוים וועט איר דעם צערטלעכן ענטפער דערהערן,
געקומען פון האַרצן דורך ליבע און טרערן:
„דער פרייז קומט דעם זיגער! בין איך נאָר באַפרייט —
געהער איך צו דיר!״ — און זי קושט אים מיט פרייד.

נאָך גאַנצע פיר וואָכן געדויערט די רייזע
געוויינלעך פון ליווערפּול ביז קיין ליוואָן;
נאָר סיידן אַז אַפּהאַלט צופעליקערווייזע —
צוויי וואָכן מיט דאַמפשיף און צוויי מיט דער באַן.
ווי ספירה געציילט האָט דאָס פּאָרל די טעג,
געמאָלן דערווייל זיך דאָס קינפטיקע גליק,
וואָס האָט זיי געלאָזן אין ווייטערן וועג —
ס׳בליט טייבל אַזוי ווי אַ בלום אויף צוריק.
און פונקט ווי מיר אידן דערוואַרטן משיח,
אַזוי האָט דאָס פּאָרל דערוואַרט דעם שליח.

דערווייל האָט מען גראָד אין אַ צייטונג געלעזן:
דאָס שיף „לוויתן״ אין ים איז דערטרונקען.

קיין איין פּאַסאַזשיר איז פון טויט ניט געגעזן,
פון ערשטן ביזן לעצטן אין אפּגרונט פאַרזונקען.
אַוודאי האָט טייבל גרויס מיטלייד געהאַט
מיט הלל, וואָס אים האָט דער אומגליק געטראָפן;
דאָך האָט זי אין האַרצן געלויבט, געדאַנקט גאָט,
וואָס האָט איר די רפואה פאַר דער מכה געשאַפן.
ווייל איצט, ווען ניט פאַביוס, וואָלט זי על־פּי־דינא
געבליבן אַן אייביקע וויסטע עגונה.

און פּונקט ערב שבת פון פּרשה כי תבוא,
(אָך, ווידער די סדרה פון תוכחה גראָד)
מיט גליק איז דער שליח געקומען — ויבוא!
נאָר לײדער צו שפּעט — ס׳איז דער רב שוין אין באָד.
מען האָט קוים אויף זונטאָג די זאַך אָפּגעבעט.
דערווייל איז געגאַנגען דער קלאַנג אין ליוואַן:
„עס האָט די עגונה באַקומען אַ גט,
זי מעג שטעלן חופּה — זאָל נאָר זיין אַ מאַן״...

נאָר האָט דען בטחון מער ווערט אַלס אַ בלאָז,
ווען לייגן אַ נעץ איז דעם שקר געראָטן?
צי ווייסט דען דער וואָרים וואָס קריכט אינ׳ם גראָז
דורך וועמען עס ווערט נעבעך פּלוצים צעטראָטן?
אַז גאָט איז אַ פאָטער שוין פול מיט רחמנות
און וויל זיך אָננעמען דעם עלנדנ׳ס קריוודעס —
דאָ קומען צבועקעס מיט פאַלשע כוונות
און שטערן זיין סדר מיט זייערע עובֿדות...
דיין בראָך איז שוין צוגעגרייט פאַר דער נחמה —
וויין, אָרימע טייבעלע! וויין, מיין נשמה!

ז.

אַמאָל, ווען ביי אידן האָט לומדות געשפּילט
אַ ראָלע פון הייליקטום, ניט נאָר געגילט
אַ מיטל פאַר כבוד, אַ געלט־פּראָפעסיאָן;
דאַן האָבן מיר אידן געהאַט און געוואוסט נאָר
פון צוויי־דריי געציילטע גאונים אין דור —

ס'איז הייליק געווען זייער לעבן און טאָן.
היינט שטופּט זיך איעדער אין גאַלדענער פּאָן,
און וואו נאָר אַ רבּ'ל מוז הייסן אַ גאון;
מ'לייגט זיי נאָך צו היינט אַ בלעטל צום שילדער,
אום זיי צו סאָרטירן ווי סחורה פאַר קונים:
„דער ליכטיקער גאון", „דער גרויסער", „דער ווילדער",
„דער שאַרפער", „דער פלאַקער", „דער ראש כל הגאונים".

פאַרשטייט זיך, די גרויסע ליוואַנער קהילה
מוז האָבן אַ גאון גאָר אויסער נאַטור;
און זי האָט דערטאַפּט וואו אַ שמחה, אַ גדולה,
וואָס הייסט מיטן נאָמען רב דן כאַלייבור.
נו מילא, דן הייסט ער נאָך זיין מאַמעס פאָטער —
פונוואַנען דאָך נעמט זיך דאָס וואָרט „כאַלייבור"?
איז וואָר, אַז זיין טאַטע שטאַמט גאָר פון אַ טאַטער?
דאָס קען מען עד־היום ניט וויסן אויף קלאָר.
סיי־ווי זאָגט דער תלמוד, אַז בעת די מהומות
האָט מלך סנחריב פאַרמישט אַלע אומות.

נאָר איז שוין רב דן נאָכן תלמוד באַלד פּטור —
אין האַרץ ביי אים פליסט ניט קיין אידיש בלוט;
אויף אידישן שאָדן האָט ער קיין רחמנות,
צו פּסק'ענען כשר ביי אים איז סכנות —
נאָר אסר'ן, טרפ'ען און פּסל'ען איז גוט!
און כאָטש ער איז ניט אַזאַ בקי אין הוראה,
דאָך זוכט ער אויס ערגעץ אַ דעה, אַ סברא,
אַבי נאָר צו פּסק'ענען יענעם לרעה —
און הייסט אונטער גאונים דערפאַר „חד־בדרא"...

דעם זונטאָג, יום ראשון פון פּרשה נצבים,
זיצט שוין רב דן מיט די ביידע דיינים;
אַ דיין צעעפנט דעם פּאַק מיט די כתבים
און קוקט דעם גט איבער נאָך אַלע סימנים.
„אַ כשר'ער גט — זאָגט דער דיין — אַנטיק,
אַט דאָ שטעל זיך, שליח, אַנטקעגן דער גרושה."

יהודה לייב גאָרדאָן

רב דן האָט געוואָרפן אין גט נאָר אַ קוק
און שרייט אויס צום שליח: „טרעט אָפּ פון דער אישה!
פון כשר ביז כשר איז אַן אונטערשיד:
קוקט צו צום וואָרט הלל — דאָ פעלט דאָך אַ יוד.״

דער דיין באַווייזט פון די פּוסקים מיט ראיות,
אַז הלל קומט גאָר אָן אַ יוד אומעטום;
דער צווייטער זאָגט פּשוט: „ס׳איז גאָרניט קיין נייעס,
צי מיט אַ יוד, צי אָן אַ יוד — אין בכך כלום.״
נאָר ס׳ברענגט רב דן ראַיות פון ז״ם מיטן ס״ם —
זיי פּסק׳ענען: נאָר מיט אַ יוד — און לאָזט אויס:
„מען מוז זאָגן לחומרא, ווי זיי מן־הסתם,
אַחריות פון גט׳ן איז אומגעהויער גרויס:
אשת־איש איז פון אַלע חטאים אַ חטא —
אין רחמים בדין! עס איז פּסול דער גט!״

אַז ס׳שיט זיך אַרויס ביי אַ מענטש אויפן לייב
אַ קרעץ, צי אַ מכה, אַ בלאַטער, אַ וואונד —
דאַן רופט מען אַ רופא און ער טוט אַ שרייב,
איז שוין דאָ אַ האָפנונג צו ווערן געזונט.
ווען איינער איז געגן געזעץ אַ פאַרברעכער
און ווערט שוין געמישפּט זיין שטראָף צו געפינען —
איז קען ער זיך קלאָגן אַלץ העכער און העכער
און האָפן, ער זאָל נאָך זיין מישפּט געווינען:
אַ פּסק, וואָס אַ רב האָט איינמאָל אויסגעשטעלט, —
דערצו העלפט קיין טענה שוין ניט אין דער וועלט!

אַזוי ווי אַ שאָס פון אַ שווערן קאַנאָן,
וואָס גייט דורך מיט פייער, פאַרניכטונג און טויט —
אַזוי האָט געטראָפן דער פּסק פון רב דן
אין האַרץ פון דער פרוי מיט זיין אומגליק און נויט.
אַ תל איז געוואָרן אין איין אויגנבליק
פון ליכטיקער האָפנונג, פון לעבן און גליק.
איין אויסגעשריי האָט מען פון איר נאָר געהערט —
ווי אונטערגעזעגט באַלד געפאַלן צו דר׳ערד.

דער קהל׳שער שמש האָט פון די פיר ווענט
האַלב־טויט, זי אַרויסגעפירט אונטער די הענט.

דער עולם אַרום איז געבליבן פאַרטומלט,
איעדער אויס מיטלייד שפּרינגט שיער אויס דער הויט.
אַפילו דער פרומסטער האָט אונטערגעמורמלט:
„דער טאַטערשער פּסק איז פּאַר טייבלען אַ טויט.״
אין שטאָט האָט דערווייל שוין געליאַרמט, געשריגן:
„איצט בלייבט זי שוין אייביק אַ וויסטע עגונה!״
און פאַביוס האָט אין זיך געקרענקט, נאָר געשוויגן,
ער ווייסט, ס׳וועט ניט העלפן קיין בעטן, קיין תחינה.
אַ צייט האָט די שטאָט מיט דער מעשה געקלונגען,
אין פאָלק איז אַרויס אַט דאָס טרויעריקע ליד:
„דו אומגליקלעכע ווייבל! דיין מאַן האָט פאַרשלונגען
אַ כוואַליע אין ים; דיך — אַ פינטעלע יוד.״

ז.

א שטיין אַז מען שליידערט אַריין אין אַ טייך,
דאַן טוט זיך דאָס רואיקע וואַסער אַ וויג;
נאָר באַלד ווערט עס ווידער ווי פריער צוגלייך,
און גלאַט ווי אַ שפּיגל און רואיק צוריק.
דאָס אייגענע גייט אויך מיט מענטשן אָפּער —
אין צייט פון דריי מאָנאַט האָט אַלץ זיך פאַרגלעט;
ליוואָן פירט זיך ווידער זיין שטאָט ווי געהער,
און טייבל פאַרלאָזט שוין אין הקדש איר בעט.
איר יוגנטקראַפט ענדלעך האָט גובר געווען
ס׳געפערלעכע קראַנקייט — זי הויבט שוין אָן גיין.

די צייט פון איר קרענק האָט מען זי ניט פאַרלאָזט,
ס׳האָט יעדן באַרירט, עס האָט יעדן געקאָסט,
דאָקטוירים, רעצעפּטן, און אַלץ וואָס נאָר מעגלעך.
איעדער אין שטאָט האָט אויף טייבלען געפרעגט,
די גבאי׳טעס האָבן די קינדער געפלעגט,
דער גבאי אַליין האָט באַזוכט זיי טאָג־טעגלעך.

יהודה לייב גאָרדאָן

נישטמער, וואָס קען העלפֿן געטריישאַפֿט, רחמנות,
אַז עלנטן, וויסטן, צעבראָכענעם שאַרבן?
וואָס קענען שוין ווירקן דען חסד, ישרנות,
אויף דעם, וואָס איז אייביק פֿאַרמישפּט צום דאַרבן?

פּרנסה זוכט טייבל שוין באַלד נאָכן „טיף״ —
איר קלייטל איז לאַנג שוין פֿאַרקערט מיטן שטויב.
אין מיטן דערינען באַקומט זי אַ בריוו
מיט פֿאָלגנדן אינהאַלט: מיין עלנטע טויב!
אויב דו קענסט שוין קיינמאָל צו מיר ניט געהערן —
אויב ס׳האָט אונז דער מזל אויף אייביק צעשפּאָנט,
דאַן בעט איך דיך, זאָלסט מיר די זאַך ניט פֿאַרוואַרן,
דיין ברויט זאָל דיר אָנקומען בלויז פֿון מיין האַנט.
נאָר דאַן וועל איך קענען צו עפּעס נאָך שטרעבן,
אַז דו וועסט פֿאַרזאָרגט זיין מיט מיטלען צום לעבן.

„אָ, ניין, גוטער פֿאָביוס, קיין פֿאַדים, קיין האָר!״
האָט טייבל געענטפֿערט מיט ביטער געוויין.
„אַ פֿרוי פֿון איר מאַן איז אַן אַנדער זאַך גאָר,
„נאָר ניט פֿון קיין פֿרעמדן, פֿאַרשטייסט דאָס אַליין.
„אויב לעבן אין איינעם איז אונז ניט באַשערט,
„מסתם וויל דאָך גאָט אַזוי, — דאַרף עס זיין ליב.
„דער גאָט וואָס וועט אָפּצאָלן דיר נאָך דיין ווערט,
„וועט דאָך ניט פֿאַרלאָזן אויך מיך מיט מיין שטוב.
„כ׳וועל אַרבעטן, ליידן ביז וואַנען איך קאָן,
„נאָר נעמען ביי פֿרעמדע — דאָס וועל איך ניט טאָן.״

„וויל גאָט אַזוי?״ — אָ, דו דערבאַרמיקער פֿאָטער!
וואָס נאָך פֿאַר אַן אומרעכט — דאָס שרייבט מען דיר צו.
און דו נעמסט אויף זיך ווי אַ צערטלעכע מוטער
און דולדעסט און שווייגסט, גלייך ווי ס׳איז טאַקע דו.
אין נאָמען פֿון גאָט האָט מיט אייגענע הענט
אַ פֿאָטער געבראַכט פֿאַר אַ קרבן זיין קינד;
אין נאָמען פֿון גאָט האָבן פּריסטער פֿאַרברענט
מיליאָנען נפֿשות פֿאַר אייגענע זינד.

אין נאָמען פון גאָט האָט רב דן זיך פאַרגינט
פאַרפייניקן מענטשן פאַר איין קלעק מיט טינט.

דריי מאָנאַט איז טייבל ווי ס׳איז דורכגעקומען,
ס׳איז פאַביוס אַוועק באַלד, מען ווייסט ניט וואוהין —
באַלד זיינען אויך די בעלי־טובות צעשוואומען,
איעדער האָט נעבעך פאַר זיך וואָס צו טון.
נאָר קלויזניקעס־בחורים, סתם־ליידיקגייער,
זיי האָבן זיך אַלץ נאָך אין איר ניט געקילט;
געטאַדלט, געשימפט די „עגונה אין שלייער״,
וואָס האָט מיטן דייטשל זיך אונטערגעשפּילט.
פון פאַביוס ווערט „פּייוויש״ און „ווייביש״ און „טייביש״ —
און פון דער עגונה ווערט שוין „אשת־איש״...

די ליניע איז שוין דאָרט געבראַכט צו אַן עק,
ס׳קורסירן שוין צוגן, און וואָס אַ טאָג מער.
זיי ברענגען און פירן מיט זיך שוין אַוועק
מיליאָנען פאַרשוין אַהין און אַהער.
ס׳איז שוין די עגונה אַרויס זיי פון זין,
מען קלערט שוין אַצינד וועגן כוח פון פאַרע;
און ס׳בלייבט מיט אַ הסכם ,די פאַרע פון מאַשין
איז נאָר פונ׳ם הימל געפאַלענע כמאַרע,
וואָס רייסט זיך צוריק אין איר רו אַריין גיכער —
דאָס שרייט זי און סאָפּעט און פליט ווי אַ וויכער.

ח.

ווען ס׳שטעלט זיך דער צוגביים וואָקזאַל פון ליוואָן —
אַזוי זעט מען שטיין דאָרט אַ גאַנצע שערענגע
מיט אָרעמע ווייבער ביי יעדן וואַגאָן
מיט אויבסט און געבעקס — און צווישן דער מענגע
איז שטענדיק צו זען אַ באַשיידענע פרוי,
דאָס פּנים סימפּאַטיש, מיט טיף־בלויע אויגן;
אַ יוגנט ביים אויסזען, און דאָך אַלט און גרוי,
די באַקן פאַרוויאַנעט, דער רוקן געבויגן,
און לעבן איר שטענדיק צוויי קרענקלעכע קינדער
אין שמאַטעס און לאַטעס — נאָר שיין אויף גאָט׳ס וואונדער.

„זאָג, וואָס האָט עס דיך צו דיין מצב געבראַכט?
דיין פּנים ווייזט ניט פון קיין מאַרקפּרוי אויס!
האָט גאָט, צי אַ מענטש, דיך אומגליקלעך געמאַכט,
דורך וועמען איז נעבעך דיין בראָד אַזוי גרויס?"
— „אַ ניין, ניט פון גאָט! ער האָט דווקא צופיל
באַשאַנקען מיט אַלץ וואָס אַ מענטשן געפעלט,
אויך גליק האָט מיט מיר זיך געפּרוּווט טאָן אַ שפּיל —
גן־עדן צעעפנט מיר דאָ אויף דער וועלט!
נאָר מיר האָט דער שטן פאַרפאַלגט מיינע טריט —
אַ, מיך האָט דערטרונקען אַ פינטעלע ייִד!"

(יצחק יואל לינעצקי)

דער שורש פון מיין נשמה

מיין גאָט, די נשמה פאַר מיין גוף דעם שטומען —
פונוואַנען האָסטו זי גענומען?
האָסטו אַ נייע זי באַשאַפן און געבראַכט צום לעבן
און אין מיר אַריינגעגעבן —
וואָס זיינען אַזוי פיל דאַן אירע וואונדן
אין אירע קנאַפּע טעג און שטונדן?
ווייל זינט זי טוט אין מיר זיך איינגעפינען,
האַלט רק איר בלוט אין רינען.
די בעסטע וואונטשן אירע זיינען אָפּגעטויט, געשלאָגן
פון ערגערניש און פּלאָגן.
די האָפענונג האָט געפעלשט, די ליבע איז צושטערט געוואָרן,
דאָס גלויבן איז פאַרלאָרן;
דאָס ריינע האַרץ און מיינע שענסטע טרוימען,
ווי אויפן וואַסער — שוימען.
און ווען די אויגן פאַלן אויף מיין פאָלק אין גרויס באַדויער —
פאַרהילט זי זיך אין טרויער:
שוין דורות זיבעציק, ווי דו האָסט אין אים אַריינגעגעבן
אַ קרומען גייסט אין לעבן.
עס ווערט געפּלאָגט, געשלאָגן און געשטויסן
פון אינווייניק און דרויסן;
עס שלאָגט אַ סוף צו יעדער האָפענונג, אויגן וויאַנען,
קיין הילף איז ניט פאַראַנען!

דעריבער ווייטיקט מיין נשמה, האָט קיין תקומה,
אויף מיר און אויף מיין אומה.
די וועלט — אַ מדבר און דאָס האַרץ צעבראָכן,
אָן מוט און אָן בטחון.
ווי קענען זיך צעגויפקלייבן אַזוי פיל לייד אינאיינעם
אין לעבן פון אַ מענטשן איינעם?
ניט אַנדערש, מיין נשמה איז געווען שוין פון קדמונים,
און מיטגעלעבט מיט יעדנס גיהנום;
און פול מיט וואונדן און מיט ווייטיק דורכגענומען
איז זי אין מיר אַריינגעקומען.
קען זיין, ס'איז ירמיה'ס נשמה די פאַרבענקטע,
פאַרטרויערטע, צעקרענקטע;
צי אפשר איוב'ס, די פאַרפייניקטע נשמה,
וואָס האָט קיין רו געפונען, קיין נחמה.
און איידער ווייטיקן אַזעלכע צו פאַרטראָגן —
איז בעסער טויט, און ווערן פריי פון פּלאָגן.
אַ גאָט, הייל מיין נשמה אויס פון ווי און צאָרן,
אויב ס'זיינען נאָך באַשערט איר יאָרן.
נעם צו מיין שווערגעמיט און גיב אַ פּיצל פרייד אין לעבן
און זאָלסט אַ נייע זעל מיר געבן!

מיט זונאויפגאַנג

איך פלעג אין דער יוגנט פון שלאָף זיך אויפהייבן,
ווי נאָר ס'פלעגט דער שטערן פון מאָרגן זיך ווייזן;
פלעגט אויפשטיין מיט מיר אויך מיין מוזע, פול גלויבן,
אין פשוט'ע קליידער פון לייוונט פון ווייסן;
מיר פלעגן זיך ביידע אין ליבשאַפט צעזינגען
און סטרונעס פון האַרף פלעגן זיס זיך צעקלינגען.

און איידער דער מענטש שפּאַנט זיך איין אין די זאָרגן
פאַר טעגלעכן ברויט און די זון הייבט אָן גליען —
באַגעגענען פלעגט דאָן מיין האַרף דעם פרימאָרגן
און הויך פלעגט מיין ליד אין די הימלען פאַרפליען;
עס טראָגן זיך געטלעכע קלאַנגען דורך רוימען,
עס שוועבן מלאכים און ס'טרוימען זיך טרוימען.

יהודה לייב גאָרדאָן

כ׳האָב דאַמאָלס געזונגען פון פולער נשמה
פון ליבע און פרייהייט, פון פריידן און גליקן;
געזונגען פון ליכטיקער צוקונפט, נחמה,
און ס׳האָט מיך מיין מוזע באַגלייט מיט אַנטציקן.
די ריימען, ווי פּערלשניר, לויכטן און גלאַנצן,
און פלעגן איר יוגנטלעך פּנים באַקראַנצן.

עס איז נאָך פרימאָרגן, מיין ליד איז אינמיטן,
עס קלינגט נאָך די האַרף אום צו קומען אַנטקעגן —
נאָר פּלוצים האָב איך מיך אינגאַנצן געביטן,
איך קען מער ניט זינגען, כ׳קען טרויער בלויז רעגן:
מיין האַרץ האָבן בייזע חלומות צעריסן —
זיי האָבן מיין פאָלק אויג־אויף־אויג מיר באַוויזן.

באַוויזן מיין פאָלק מיר, געזונקען, געפאַלן,
מיט זיינע אומצאָליקע וואונדן, וואָס טריפן;
דאָס שלעכטס און דאָס בייז, פון זיין דלות די קוואַלן,
און פירער וואָס האָבן פאַרפירט אים אין טיפן —
מיין גאַל האָט געפּלאַצט און דאָס האַרץ איז פאַרגאַנגען,
ס׳איז טרויער מיין האַרף און געוויין די געזאַנגען.

איך זינג ניט זינגט דאָן מער פון פריידן און רעכטשאַפט,
איך האָף ניט אויף ליכט, טו אויף פרייהייט ניט וואַרטן;
כ׳זינג פון ביטערן טאָג, זע נאָר אייביקע קנעכטשאַפט,
טרוים פון עלנט און פּיין, קלאָג פון גורל פון האַרטן.
און די ריימען אויפן האַלז פון מיין מוזע, די פּערלען —
אויפן חורבן פון פאָלק מיינע ביטערע טרערן.

פאַרשוואַרצט ווי אַ ראָב איז מיין מוזע געוואָרן,
איר מויל פול מיט קללות, איר קעל איז פול קלאָגן;
אַ בת־קול פון חורבות פון חורב, אין צאָרן
אויף פירער־פאַרפירער און פאָלק וואָס באַטראָגן.
דערציילט גאָט און לייט פון טאָג־טעגלעכע מעשים,
וואָס לעכערן הערצער און תהום׳ען צערייסן.

פרימאָרגן פאַרנעמט זיך דער וועלט צו באַשטראָלן,
פון האָפנונג און פריידן דער ליכטיקער טרעגער,
און וועקט מיך און רופט מיך צו זינגען און שאַלן —
אַך, לאָז מיך, איך בין ניט קיין זינגער, נאָר קלעגער;
איך וויל ניט מער שפּילן, איך וויל ניט מער זינגען,
כ׳וויל שרייען פון ווייטיק, מיין טרויער צעקלינגען!

פאַר וועמען זיך מיען?...

די מוזע טוט שטיל נאָך צו מיר זיך פאַרקלייבן,
עס פּילט נאָך דאָס האַרץ און מיין האַנט טוט נאָך שרייבן —
שרייבט לידער אַלץ אין אַ פאַרגעסענער שפּראַך.
וואָס וויל איך, וואו ציל איך, וואוהין טוט מיך ציען,
פאַר וועמען די יאָרן די בעסטע זיך מיען,
און ס׳גייט מיר אין לעבן ניט איין גאָר קיין זאַך.

די עלטערן מיינע — גאָטספאַרכטיקע מענטשן,
פאַרנומען מיט האַנדל, מיט דאַוונען און בענטשן,
זיי ווילן ניט וויסן פון שיינקייט, פון ליד;
„זיין שפּראַך — אַפּיקורסות, זיין ליד טוט בלויז סמ׳ען,
מ׳טאָר מיטן דיכטער ניט הויזן צוזאַמען",
זיי שרייען און רודפ׳ן, ווערן ניט מיד.

די ברידער־משכּילים זיי האַלטן פון וויסן,
נאָר זיינען פון שפּראַך פונם פאָלק אָפּגעריסן,
פון אַלטעטשקער מאַמע מיטן שטעקן אין האַנט.
„וואָס טויג אונז דאָס אַלטע פאַרשימלטע לשון,
די שרייבעכצן זיינען ניט ווערט גאָר קיין גראָשן,
זאָל איטלעכער גיין מיט דער שפּראַך פון זיין לאַנד."

און איר, מיינע שוועסטער, די טעכטער פון ציון,
וועט איר כאָטש מיין ליד צו פאַרשטיין זיך באַמיען?
ס׳האָט גאָט אייך באַטיילט מיט געפיל און פאַרשטאַנד,
געגעבן אייך האַרץ צו פאַרשטיין און באַנעמען —
נאָר וויי, ווי די דינסטן אייך טוט מען פאַרשעמען:
אַ טאָכטער און תּורה — שוין בעסער צום שמד.

און אונזערע זין, וואָס נאָך אונז דאַרפֿן קומען,
פֿון יוגנט אָן ווערן זיי פֿרעמד, צוגענומען,
— אויף זיי בלוטיקט ס׳האַרץ און צערייסט זיך אויף שטיק —
זיי גייען אַלץ ווייטער און ווייטער פֿונדאַנען,
און ווער ווייס די גרעניץ ווי ווייט און ביז וואַנען —
קען זיין, אַז מען קומט שוין פֿון דאָרט ניט צוריק.

פֿאַר וועמען זשע טו איך מיך, מענטש איינער, מיען,
פֿאַר אַ הייפֿל ביי וועמען דאָס ליד פֿון ציון
איז נאָך ניט אײַנגאַנצן אויף שאַנד און אויף שפּאָט?
אוי, איינזאַמע זאַנגען! ווער ווייס, וואו זיי זיינען,
ווער וועט זיי צענויפֿנעמען, וועט זיי באַשיינען —
אַ הייפֿל אין לאַנד ,אַ צוויי־דריי אין אַ שטאָט.

אייך שענק איך מיין גייסט, מיינע טיפֿסטע געפֿילן,
אייך שענק איך מיין טרער און מיין פּיין טוט זיך שטילן,
איך האַלז אייך, איך קוש אייך פֿיל טויזנטער מאָל;
אַ ווער קען דערגיין און מיין האַרץ מאַכן גרינגער,
צי כ׳בין ניט דער לעצטער העברעאישער זינגער,
און איר זייט די לייענער לעצטע צומאָל? ...

עלעגיע

פֿון אַלע פֿיר זייטן צעשפּילט זיך דער שטורעם:
עס וואַקלען זיך גרונטן פֿון ערד אין יסורים,
און אַלץ ווערט צעבראָכן, צעפֿאַלן, צעשטערט —
איז גאָט׳ס טאָג געקומען פֿאַרלענדן די ערד?

דער ווינט האָט אויך הערצער צעבראָכן אויף שפּליטער,
געליימט יעדע האַנט און פֿאַרפֿינצטערט געמיטער;
די מורא און שרעקן און וואַסער און ווינט —
געטויט יעדן וואונטש, יעדע האָפֿנונג פֿאַרשווינדט.

פֿון שטורעם אַרויס טוט צו מיר זיך דערטראָגן
אַ קול פֿון געוויין און פֿון כעס און פֿון קלאָגן,
אַזוי ווי אַ טויב איר געליבטן באַקלאָגט —
די שכינה טוט אָפּ פֿון דער ערד זיך פֿאַרזאָגט:

יהודה לייב גאָרדאָן

„וואָס האָב איך און וועמען אין פינצטערן שאָטן,
„אַז אַלץ, וואָס איז הייליק — אין שטויב ליגט צעטראָטן;
„אַז גראָז איז דאָס פאָלק, איז פאַרנאַרישט, פאַרשטומט,
„זינקט וואָס אַמאָל טיפער אין שטייאיקן זומפּ.

„כ׳וועל איבער׳ן וואַסער זיך אויפהויבן, שוועבן,
„ווי דאָן, איידער גאָט האָט באַשאַפן דאָס לעבן;
„ווי איידער דער מענטש, וואָס פאַרשטייט און וואָס ווייס,
„האָט אינאיינעם מיט וויסן פאַרמערט אַלדאָס בייז.

„אָ, עלנטער דיכטער, אַ שאָד דיינע יאָרן,
„אויך דו ביסט דאָ קראַנק, פּונקט ווי איך, און פאַרלאָרן;
„דיין דופט ווערט פאַרדאַרבן פון שמוץ און געשטאַנק,
„און האָסט נישט קיין שוואונג פאַר דיין פרייען געדאַנק.

„און ווי קען זיין שוואונג אין דעם אייביקן שימל —
„און וואָס זעסטו איצטער דאָ אונטער׳ן הימל?
„אַ לייטער אויף דר׳ערד. ביז אין הימל זיין קאָפּ —
„ס׳גייט קיינער אַרויף, אַלע גייען אַראָפּ.

„ווי קלעמט מיר דאָס האַרץ אויף דיר, טרוימער דו מידער,
„ווי עלנט דיין לעבן עס איז און ווי ביטער!
„פאַרוויגסט זיך מיט זיסע חלומות — דערנאָך
„ווערט גרעסער דיין פּיין און ס׳ווערט טיפער דיין בראָך.

„פאַרנעם־זשע דיין האַרף, שוועב מיט מיר אין די רוימען,
„אין קלייד אין אַ ליכטיקס פאַרוויקל די טרוימען;
„איך פיר דיך צו געטלאָכע זעאונגען, פרייד —
„דאָרט איז דיין חלום און דאָרט זיין באַשייד!״

יצחק קאַמינער

1901—1834.

וואוהין?

וואוהין זאָל איך אַנטלויפן פון די צרות דיינע, מענטש?
און וואו באַהאַלט מען זיך פון דער רציחה פונם מענטש?
צו מזרח זיך פאַרנעמען — הערשט דאָרט ווילדקייט —
אַ ווילדע חיה איז דער מענטש!
פאַרנעם איך זיך צו צפון — דאָרטן הערשט
די קנאה פונם מענטש צום מענטש;
גיי איך צו דרום — פליִיצט דאָס בלוט,
אַ גוס, אַ שטראָם פון מענטשן־בלוט!

וואָס טוט מען מיט דיר, מענטש?
וואָס טוט מען מיט דיר, מענטש?
ווי נעמט מען דיך אָוועק פון רוט און בלוט,
פון צרות פון דעם מענטש?
אַרום מיר — ליידן פון די ברידער מיינע,
און פאַר די אויגן — בלוט פון פריינט.
ווי טוט מען אויס דעם צלם־אלקים פון מענטש
און ס׳האַרץ זאָל ניט צעבראָכן און צעשטאָכן ווערן
פון פלאָג און קלאָג, פון צרה פון מין מענטש?
חלילה! איך געהער צום מענטש
און ס׳האַרץ עס בלוטיקט פאַרן מענטש!

בת־ציון

פֿאַרוואָר, בת־ציון איז אַ ריינע מנורה,
אַ מנורה אין דער וועלט, גאָט׳ס פּאַלאַץ.
אַ מנורה וואָס באַלייכט די גאַנצע וועלט,
מיט אירע ליכטיקע מצוות, מיט איר קלאָרן הימל.
די יונגע אירע, אירע מענער, אירע זקנים,
גאָטספאָרכטיקע און לומדים און חכמים —
דאָס זיינען אירע בעכער, אירע קנאָספּן, אירע בלומען.
די דאָזיקע מנורה מיט די זיבן רערן —
איין שטיק געהאַמערט פון דעם ריינסטן גאָלד!

קאָנסטאַנטין א. שאַפּיראָ

אשר בן־אליהו (אבא) שאַפּיראָ איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1840 אין גראָדנע. זיין טאַטע איז געווען אַ שטרענגער פאַנאַטיקער, וואָס האָט פאַרביטערט זיין קינדיש לעבן. כדי אים אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ זיינע חלומות פון שרייבעריי, האָט מען אים צו 15 יאָר חתונה געמאַכט. דער זיווג אָבער איז ניט געווען קיין געראָטענער. אַז מען האָט איינמאָל אום תשעה־באָב געכאַפּט עסנדיק, האָט אים זיין טאַטע אַרויסגעיאָגט פון הויז און דאָס ווייבל איז אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים. שאַפּיראָ פאָרט אַוועק קיין ביאַליסטאָק, פאַרנעמט זיך מיט „העברעאישע שטונדן”, און אין דערזעלבער צייט לערנט ער זיך פאָטאָגראַפיע. שפּעטער אַנטלויפט ער קיין פּעטערבורג. לעבנדיק אין הונגער און נויט אין דער פרעמדער שטאָט, איז ער איינמאָל אין אַ ווינטערטאָג, אַ קראַנקער, געפאַלן אין גאַס. אַ קריסטלאַכע פרוי האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין הויז, און זי און איר טאָכטער האָבן אים געפלעגט אין זיין קראַנקייט, ביז זיי האָבן אים צוריק געשטעלט אויף די פיס. אויס דאַנקבאַרקייט האָט ער חתונה געהאַט מיט דער פרוי׳ס טאָכטער און אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. דער דאָזיקער פאַלשער שריט, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט דעם פּאָעט פאַרביטערט זיין גאַנץ לעבן. ער האָט אַלץ געחלומ׳ט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל, נאָר זיין חלום איז ניט פאַרווירקלאַכט געוואָרן. ער איז געשטאָרבן אָנהייב פרילינג, 1900.

אידישע מאָטיוון

א.

אַ גאָלדענע האַרף איז ישראל אין האַנט פון דעם דיכטער,
די סטרונעס פון האַרף זיינען ליכטיקע שטראַלן;
ער גיסט אויס זיין ווייטיק און וועקט טויטע הערצער
און כישוף׳דיק שטראָמען פאַרבאָרגענע קוואַלן.

די דאָזיקע האַרף איז אויף ווייִנען באַשאַפן —
גאָט׳ס האַנט האָט די סטרונעס אויף איר אָנגעצויגן;
ער רופט פון׳ם האַרצן די טרער — זי באַווייזט זיך,
דאָס האַרץ פילט זיין לייד און עס ווייִנען די אויגן.

קאָנסטאַנטין אַ. שאַפּירא

עס רייסט זיך די טרער פון פאַרפּייניקטע הערצער,
און ס'רייסן זיך שטורמיקע ווינטן און שרעקן;
און ס'גיסן די טרערן זיך אויס אין פיר טייכן,
וואָס פליִיצן און ברויזן אין אַלע פיר עקן.

עס שטראָמען די טייכן פון לייד פון די אויגן —
און קיינער נישט ווייסט, ווען אַ סוף וועט שוין ווערן;
עס פאַלן די טייכן אַריין אין די ים'ען,
און פול איז נאָך אַלץ נישט דער ים פון די טרערן.

ב.

באַוויינט דאָס פאָלק, וואָס גייט דורך וויי און ליידן,
באַוויינט דעם דיכטער פון'ם פאָלק נאָך מער;
אַז ווען זיין האַרץ פאַרגייט זיך פון יסורים,
פאַרשטויסט זיין אייגן פאָלק אים גרויזאַם, שווער.

באַוויינט דאָס פאָלק, וואָס גייט אין טאָל פון טרויער,
באַוויינט דעם דיכטער מער נאָך אין זיין נויט;
דאָס פאָלק, וואָס פרעמדע רודפ'ן, פאַרפאָלגן,
עס האָט דעם דיכטער נאָך ביים לעבן אָפּגעטויט.

באַוויינט דאָס פאָלק, וואָס גייט אין לייד פאַרפינצטערט,
באַוויינט דעם דיכטער פון דעם פאָלק נאָך מער;
די וואונדן פון'ם פאָלק וועלן זיין וואונד נישט היילן,
די רוט פון רשעות וועט נישט אָפּווישן זיין טרער.

ג.

שטיי אויף, וואָס שלאָפסטו, דו זינגער ישורונ'ס, שטיי אויף!
שטיי אויף האַלבע נאַכט — אויף דיין האַרף זאָלסטו שלאָגן;
עס זאָלן איצט אויפשטיין די מתים פון זייערע קברים,
און פונקט ווי אַמאָל, אויף די טייכן פון בבל, שווער קלאָגן.

וועק אויף אַלע טויטע און זאָל זיך אַ וויי־געשריי הויבן,
באַקלאָגן דעם בראָד פון מיין פאָלק — אויף דער האַרף זאָלסטו שלאָגן.
און אַלע, וואָס ליגן אין קברים — זיי זאָלן אַ מבול דאָ ברייגנען,
אַ מבול פון טרערן, דער ערד מיט זיין שטראָם צו פאַרטראָגן.

אין טרויער־האַרף שלאָג — הר הזיתים זאָל ווערן פאַרציטערט,
דער ירדן זאָל ווערן אין איין גרויסער טרער אויפגעלאָפן...
קען זיין, אפשר וועלן די טויטע נאָך האָבן רחמנות,
ווייל ס׳איז אויף די לעבעדיקע שוין נישטאָ וואָס צו האָפן!

ד.

פון קינדווייז האָט ס׳ליד פון מיין פאָלק מיך געליוליעט,
דאָס ציגעלע ווייסע מיין וויגל געוויגט;
דער מאַמע׳ס לעגענדעס מיין צאַרן געצונדן —
דאַרום איז גאָט׳ס צאָרן אין ליד מיינס פאַרשטיקט.

פון קינדווייז האָט צאַרן און צער מיך דערצויגן,
אַ טויטלאַכער ווינט האָט מיין וויגל געוויגט;
דער ווינט האָט אַ פייער אין האַרצן צעבלאָזן —
דאַרום ברענט אַ פייער אין האַרצן פאַרשטיקט.

פון קינדווייז פאַר׳סמ׳ט און פאַרוואָרפן מיט שטיינער,
די אייביקע פּלוד האָט געציילט מיינע טריט;
מיט דער מילך פון מיין מאַמע די גיפט איינגעזויגן —
דאַרום ברענט די ביטערע פּלוד אין מיין ליד.

ה.

אַז עס זיינען באַפאַלן מיך הינט און דאָס לייב מיר געריסן,
געוואָגט אויף מיין מאַמע׳ן, דער לייביכע, בילן;
אַז זיי האָבן דאָס בלוט מיר פאַר גאָרנישט געגאָסן —
נישט אויף דעם ווין איך, קען זיך נישט שטילן.

אַז זיי האָבן מיין כבוד אויף חרפה געביטן,
אַז צוגעטיילט פּלוד האָט דאָס לאַנד מיר דאָס פרעמדע,
מיר פאַרפינצטערט די ערד און די ליכטיקע שטערן —
נישט אויף דעם וויינט מיין האַרץ דאָס פאַרקלעמטע.

אַז עס האָט גאָר דער האַר מיך אויף אייביק פאַרשאָלטן,
אַז דער טויט האָט געפעלשט אין מיר, האָט מיך באַטראָגן,
אַז איך בין צו אַן אייביקן לעבן פאַר׳משפּט —
נאָר אויף דעם טו איך וויינען און קלאָגן!

קאָנסטאַנטין אַ. שאַפּיראָ

ו.

נישט פון בייזע אַנגסטן, נישט פון שווערער אַרבעט, —
פון דער לאַסט פון לעבן בין איך מיד, פאַרשלאַפט;
הער איך גאָט׳ס אַ שטראָף־וואָרט — נעם איך צו מיט דאַנקען,
שטראָפן פאַלשע צינגער — נעמט מיך אָפ מיין קראַפט.

טרויעריק, פאַרלוירן, ליג איך דאָ אָן כוחות,
שרעקן בייזע טרוימען, פּלאָגן מיך מיט לייד;
יונג בין איך געוועזן און בין אַלט געוואָרן —
ווער קען אָט די טרוימען געבן אַ באַשייד?

אָפּטמאָל הער איך וויינען פון אַ טויב אַ שטילער —
שעפּטשען מיינע ליפּן תּפילות איינפאַרטרויט;
אָפּטמאָל, מיר צעפּוסנס, ווערט אַ תּהום צעעפנט —
שטיי איך אויף צום לעבן פון׳ם שלאָף פון טויט.

ז.

טויט־הונגעריק בין איך אין לעבן געקומען,
פאַר׳חלש׳ט, אָן כוחות, געוויקלט אין שמאַטעס;
נאָר שפּעטער אַ גילדערנע כלי געפונען —
די האַרף פון מיין פאָלק, אַ ירושה פון טאַטעס.

און לעבעדיק, מונטער, געכאַפּט זיך צום שפּילן,
און ס׳האָבן די סטרונעס מיט חשק געקלונגען;
אַז הונגער פאַרגעסן, געלאַכט פון מיין עלנט,
אין יאָד פון דער אַרבעט זיך הילכיק צעזונגען.

אויף וואונדיקע פּלייצעס די האַרף אויפגעהאָנגען,
פאַראויס מיט גאָט׳ס וואָרט, מיט אַ פריידיקן שאַלן;
און הויך באַרג־אַרויף אַלץ געשטיגן — און פּלוצים
אין תּהום פון דער קללה אַרונטערגעפאַלן.

עס זיינען מיך וועכטער מיט שטעקנס באַפאַלן,
מיין צירונג און קליידער אַרונטערגעריסן;
גע׳הרג׳עט, געשלאָגן, מיין האַרף מיר צעבראָכן,
אין פינצטערן גרוב מיך אַרונטערגעריסן.

אַך, וואָלט איך אַ פּויסט אַנשטאָט האַרף גאָר גע׳ירשנ׳ט,
אַנשטאָט ציונ׳ס ליד — ליד פון אייזן באַזעסן —
דאַן וואָלט איך קיין שאַנד און קיין שפּאָט נישט געליטן,
דער לייב וואָלט קיין שטרוי, ווי אַ רינד, נישט געגעסן!

ח.

קום צו מיר, געזאַנג מיינס, ליד פון מיינע לידער —
כ׳האָב מיין ליכט פאַרלאָשן, ס׳גליט קיין פונק נחמה;
פאַר דיין פייער וועל איך זיך אַנטפּלעקן ווידער,
האָסט מיין האַרץ געפאַנגען — נעם אויך מיין נשמה!

זאָל זיך מיין נשמה אין אַ האַרף צעגליִען,
זאָלן מיינע אָדערן אירע סטרונעס ווערן;
ביז די העכסטע הימלען זאָלן זיי זיך ציִען —
זינג, באַוויין מיין אומגליק און מיין מזל שווערן.

זאָלן מיינע סטרונעס וויינען, קלאָגן, ברומען,
אויסדערציילן מיינע ווייטיקן אוןליידן;
זאָלן פון די הימלען טרערן רעגנס קומען,
זונפאַרגאַנג און אויפגאַנג מיט געוויין באַגלייטן.

זאָלן טרערן פליסן, זאָל קיין סוף ניט נעמען,
זאָלן זיי אויף מיר און אויף מיין חרפה ברומען;
אפשר וועט גאָט געבן, כ׳זאָל זיך מער ניט קלעמען,
און אויף מיין נשמה וועט אַ טרייסט נאָך קומען.

ט.

ווער וואָלט דעם בראַנד פון גיהנום מיר געגעבן,
און פעך און שוועבל פון עמורה־לאַנד?
וואָלט איך געקענט דעם פלאַם פון האַרצן נעמען —
וואָלט איך די וועלט פאַרצונדן מיט׳ן בראַנד.

וואָלט איך געקענט זיך אויפהייבן צום הימל,
מיט טרערן אויסלעשן דעם הימל׳ס ליכט —
וואָלט איך די וועלט אין מיטן טאָג פאַרפינצטערט,
וואָלט זי פאַרהילט אין פינצטערניש געדיכט.

קאָנסטאַנטין א. שאַפּיראָ

וואָלט איך צענויפזאַמלען געקענט די זיפצן,
איין שטורעם מאַכן צו צעשמעטערן די ערד —
וואָלט איך דאַן אַן רחמנות זי צעשמעטערט,
אויף פּיצלאַך שטויב צעטראָגן זי, צעשטערט.

וואָלט איך פאַרמאָגט די קראַפט די וועלט אַרומצונעמען,
וואָלט ברענענדיק געווען מיין אָטעם, רויט —
וואָלט איך אַרומגענומען זי, געדריקט זי,
געשטיקט ביז צום דערווערגן און פאַרקושט צום טויט!

אידישע באַלאַדעס

א.

עס האָבן מיך חלומות פון קינדהייט פאַרנומען,
מיין מאַמע׳ס געשטאַלט איז צום לעבן געקומען,
די מעשיות מיין רבינ׳ס פון ס׳ניי אויפגעלעבט;
אויך איך האָב גע׳חלומ׳ט דאַן וועלטן פון וואונדער,
און איטלאַכע וועלט האָט גע׳כישופ׳ט באַזונדער —
מיין גייסט האָט אין עולם־הדמיון געשוועבט.

כ׳זע ווידער מיין רבי׳ן — פאַר׳חושכ׳ט, געבויגן,
פאַרוועלקט פאַר דער צייט, מיט פאַרלאָשענע אויגן,
די נאָז ווי אַ שופר, זיין גוף אויסגעצערט;
עס קרייזלען זיך פאות אין פלאָטער און ציטער,
דאָס בערדל וואַקסט ווילד, דאָ געדיכט און דאָ שיטער,
און ס׳שלעפן זיך ציצית אַראָפ ביז דער ערד.

און זיצנדיק מיט אים אין ווינטער־פאַרנאַכטן
ביים אויוון פון אַלטן בית־מדרש פאַרטראַכטן —
נישט טאָג און נישט נאַכט, נאָר דאָס האַרץ איז אין קלעם —
פלעגט ער זיך באַגייסטערט צעברענען, צעוויגן,
דערציילן פון קדושים — מיט האַרץ און מיט ניגון —
וואָס זיינען געשטאָרבן על קדוש השם.

קאָנסטאַנטין אַ. שאַפּיראָ

די סודות פון מעשה־מרכבה און ניסים,
וואָס ס'איז גאָר דער מענטש נישט בכוח צו וויסן,
און וואונדער אויף וואונדער דערציילט מיט געזאַנג;
פון הייל, וואו די הייליקע אבות שטיל שלאָפן,
פון אידישע צרות און אידישן האָפן,
פון ניסים, וואָס זיינען פאַרלאָפן שוין לאַנג.

איך זע נאָך ווי היינט זיין צערונצלטן שטערן,
ער רעדט פון סמבטיון, צען שבטים, מיט טרערן —
איך פיל נאָך זיין עלנט, איך שפּיר נאָך זיין שמאַרץ!
אָ, רבי דו מיין, כאָטש דו האָסט מיך געדראָשן,
געקיילט און געביילט, קיין גאַנץ גליד נישט געלאָזן, —
דערמאָן איך דיין עלנט — צעברעכט זיך מיין האַרץ!

כ'געדיינק נאָך די מעשיות פון העלן גן־עדן
און פינצטערן גיהנום, וואו ס'ווערן אין ליידן
געבראָטן די זינדיקע דאָרט אויפ'ן שפּיז...
די יונגפרוי זי ווערט פאַר די ברוסטן געהאַנגען,
די בחורים ווערן געפּליקט דאָרט מיט צוואַנגען
און ס'וויינען די זקנים פון אייזערנע שמיץ.

דער מלאך הדומה אינגאַנצן פול אויגן,
ער קריצט מיט די ציין, קומט אָן ווילד און צעפלויגן
און שפּאַלט מיט אַן אייזערנעם שטאַנג יעדן בויך;
אַ גלעזערנע בריק ליגט אויף די הרי חושך געקייטלט,
אַ טייך פלאַקערט אונטן אין אָפּגרונט צערויטלט —
די בריק ווערט צעבראָכן, און, האַרץ מיינס, דו אויך!

אַז ס'שלאָפט קעניג דוד, פון אויגן באַהאַלטן,
ווייט וואו אין אַ הייל צווישן פעלזיקע שפּאַלטן,
שוין טויזנטער יאָרן פון לעבן דעם שלאָף —
ער שלאָפט ביז דער טאָג דער באַשערטער וועט קומען,
דאַן וועט ער דערוואַכן, אין צאָרן באַנומען,
פון אידישע שונאים דאַן מאַכן אַ סוף.

און ריידנדיק, זיינען אַרונטערגעפלאָסן
צוויי זודיקע טרערן, אַראָפּ זיך געגאָסן
פון מאַגערן פּנים ביי מיר אויף דער האַנט —
מיין הויט מיר צעברענט און צע׳שרפה׳ט אין וואונדן,
אַן אייביקן פייער אין בלוט מיר פאַרצונדן,
אין קינדערשן הערצל צעפלאַקערט אַ בראַנד.

אומזיסט זיך אין וואַסער פון ירדן געטונקען, *
געפינען אַ היילונג צום וואונד — נישט געלונגען,
מיין בלוט קאָכט און זידט ביז אין קבר אַריין;
מיין האַרץ, אָפּגעריסן פון שטאַם, שלאָגט אין שטורעם,
אַן עכאָ אין וואַלד, אויף מיין אומה׳ס יסורים,
איר גרויזאַמען אומגליק און ביטערן פּיין!

ב.

— — ישראל וואַרט אויך אויף זיין מלך דעם ליבן,
הגם ס׳שטייט אין „ספר־מלכים״ באַשריבן,
אַז דוד געשטאָרבן איז אַלט, זאַט מיט טעג;
וואָס טאָן זאָל אַ האַרץ אַ באַטריבט מיט די ביכער?
וואָס טויגן לבנה און שטערן און ליכטער,
אַז פינסטער און חושך איז אונז אַן אַ ברעג?

— ניט טויט איז דער מלך — זאָגט ס׳פאָלק מיט בטחון,
דאָס פאָלק זוכט אַ טרייסט, ווייל זיין האַרץ איז צעבראָכן,
עס שלאָפט נאָר דער מלך אין ערגעץ אַ הייל;
ווייט־ווייט אין עק וועלט, אין אַ מדבר, באַהאַלטן
אין אָפּגרונטן טיפע, אין פעלזיקע שפּאַלטן —
אַזוי האָט מיין רבי מיר איינמאָל דערציילט:

— אַמאָל האָבן בחורים צוויי זיך באַשלאָסן,
אין וועג, אין געפערלאַכער ווייט, זיך געלאָזן,
די הייל צו געפינען אַוואו אין דער וועלט;
איז זיינען די העלדישע יונגען געגאַנגען
דורך טעג און דורך נעכט אין דעם וועג אין דעם לאַנגן —
געקומען צום סוף צו אַ פאַלמע אין פעלד.

* אַ רמז אויף זיין שמד.

קאָנסטאַנטין אַ. שאַפּירא

אויף דער פּאַלמע אַ טויב טוט פאַרגיין זיך אין ברומען,
די כשר׳ע אויגן מיט טרערן פאַרשוואומען ——
זיי האָבן זיך צוגעזעצט אונטערן בוים:
אַך, טייבעלע־טויב, זאָלסט אונז לאַנג ניט פאַרהאַלטן,
וואו ליגט דאָ די הייל מלך־דוד׳ס באַהאַלטן?
זי שלאָגט מיט די פליגל און ענטפערט זיי קוים:

„דער אָדלער, דער אָדלער, מיין נעסט האָט צעריסן,
די עופה׳לעך מיינע צעפליקט און צעביסן,
איר פרעגט בעסער דאָרטן ביים וואַסער, גייט גלייך!״
איז זיינען די צוויי אַלץ געגאַנגען, געגאַנגען,
דורך טעג און דורך נעכט אין דעם וועג אין דעם לאַנגען,
געקומען צום סוף צו אַ ריזיקן טייך.

דער טייך איז אין רויט אַ באַפאַרבטער געלעגן,
און שטיל, ס׳טוט קיין וואל זיך אין אים ניט באַוועגן ——
זיך צוגעזעצט עסן און אָפּגעבענטשט פרום.
„אַך, טייכעלע־טייך, זאָלסט אונז לאַנג ניט פאַרהאַלטן,
וואו ליגט דאָ די הייל מלך־דוד׳ס באַהאַלטן?״
עס ציטערט און רעגט זיך דער טייך מיט געברום:

„דער אָדלער, דער אָדלער, דער מערדער און האָסער,
די נעגל געשווענקט אין מיין ליכטיקן וואַסער —
דעם ריכטיקן וועג וועט אייך ווייזן דער באַרג.״
איז זיינען די ביידע געגאַנגען, געגאַנגען,
דורך טעג און דורך נעכט אין דעם וועג אין דעם לאַנגען,
דערגאַנגען צום סוף צו אַ ריזיקן באַרג.

און אָט האָט אַ זקן זיך פּלוצים באַוויזן,
אין האַריקן מאַנטל, מיט אויגן — צוויי שפּיזן,
דערנענט זיך צו זיי מיט אַ שליסל אין האַנט.
„אַ שלום־עליכם אייך, הייליקער זיידע!״
„אַ שלום־עליכם אייך, בחורים ביידע!״
און אָנגעקלאַפּט שטיל אַן אַן אייזערנער וואַנט:

קאָנסטאַנטין אַ. שאַפּיראָ

„איר, טויערן, עפנט זיך!" — האָט ער באַפוילן,
און ס'האָט זיך געעפנט דער טויער פאַרהוילן,
געזאָגט זיי: „גייט ווייטער אָן שרעק אייער גאַנג —
ביז איר וועט צום שטיין צום געזאַלבטן דאָרט קומען,
און אונטערן שטיין אין דער הייל ליגט אין שלומער
דער מלך, וואָס איר האָט געזוכט אַזוי לאַנג.

עס שטייט אַ קרוג וואַסער ביים קעניג צוקאָפּנס,
און אויפגיסן זאָלט איר די הייליקע טראָפּנס,
ווען אויסשטרעקן וועט ער צו אייך זיינע הענט;
דאָס דאָזיקע וואַסער עס קומט פון גן־עדן,
ס'האָט אָדם־הראשון געשעפּט עס מיט פריידן —
דאָס דאָזיקע וואַסער די גאולה דערנענט.

דאַן וועט פון זיין שלאָף זיך דער מלך דערוועקן,
זיין פאָלק דאָס צעשפּרייטע אין אַלע פיר עקן
צענויפזאַמלען וועט זיך מיט פרייד אויף זיין רוף"...
און באַלד האָבן פייערן זיך אָנגעטראָגן,
פלאַם־פייער די פערד און פלאַם־פייער דער וואָגן —
דער מאַן איז צום הימל אין פלאַמען אַרויף.

דאָס איז אליהו־הנביא — באַנומען,
מיט ברומיקע הערצער אין הייל זיך פאַרנומען,
און ס'האָבן זיך לייבן געוואָרפן אויף זיי —
און בערן און וועלף אין געהייל זיך פאַרגאַנגען,
און ווילד־פויגל פליען, און עקדישן, שלאַנגען,
און ריטשען און קוויטשען אין ווילדן געשריי.

עס האָבן זיי טויטלאַכע אַנגסטן געשראָקן,
צום סוף זיך צום שטיין צום געזאַלבטן דערשלאָגן,
דעם שטיין אָפּגעקייקלט, אין צימער אַריין —
זיי זיינען פאַרבליפּט און דערציטערט געבליבן,
די הייל איז מיט לויטערן גאָלד צוגעקליבן,
און ס'גיסט זיך פון איטלאַכן ווינקל אַ שיין.

קאָנסטאַנטין אַ. שאַפּיראָ

איך גאָלדענעם בעט שלאָפט דער מלךביים לעבן,
גאָט׳ס לויטערע שכינה טוט איבער אים שוועבן,
צוקאָפּנס זיין שפּיז און דאָס וואַסער וואָס בלענדט;
צופוסנס אַ ליכט, און די האַרף זיפצט מיט קלאַנגען,
אויפן טיש ליגט דער תהילים און איכה־געזאַנגען —
און אויסגעשטרעקט האָט זיי דער מלך די הענט.

נאָר וויי! פון דעם שימער און שטראַלן, וואָס פליסן,
זיי האָבן פאַרגעסן דאָס וואַסער אויפגיסן —
האָט דוד זיך אָפּגעזיפצט ביטער אין לייד;
צו שפּעט זיך דערמאָנט אַן דעם וואַסער מיט ציטער,
די שכינה פאַרגייט זיך, די האַרף זי וויינט ביטער —
ווי שוים אויפן וואַסער די זעאונג פאַרגייט.

דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט זיך ווילד און געשלאָגן,
דעם רבי׳נס געשיכטעס דאָרט יאָגן זיך, פלאָגן,
אין האַרץ פון אַ קינד אין אַ ווילדן געדראַנג;
און שדים און לצים זיי פליען און פליען,
און שרעקן פון גיהנם זיי ציען זיך, ציען —
עס קלינגען אין אויער געוויין און געזאַנג.

פון נאַכטיקער שרעק איז מיין שלאָף מיר אַנטרונען,
איך גראָב זיך איין קאָלדרע און אַנגסטן פאַרשפּונען,
און זע דורך דער קאָלדרע אַ פלאַמיקן קראַנץ;
עס טראָגן זיך פלאַמיקע זיילן אַרום מיר,
אויף זיי ליגט אַ הימל אַ וויסטער, אַ שטומער,
צוויי בעריכעס ווילדע דאָרט גייען אַ טאַנץ.

פון איטלאַכן ווינקל אַרויס, פאַר די אויגן,
די ציגנבעק קומען מיט פייל און מיט בויגן,
און ס׳טרייבן זיי שדים אין ברייט און אין לענג;
זיי האָבן מיט פלאַמיקע אויגן געוואונקען,
געטרייסלט די קעפּ און אַרויסגעשטעקט צונגען —
באַלד ווערן די שדים מגולגל אין שלענג.

קאָנסטאַנטין אַ. שאַפּיראָ

עס שיפּן די שלאַנגגען פון פייער און ברויזן,
און קריכן פון דר'ערד אין די צענדליקער טויזנט,
און ציען זיך אַלע צו מיר אין מיין בעט;
דאַ פּלאַץ איך אַרויס אין אַ וויינען און ברומען,
און דאַן איז די מאַמע צעלויפן געקומען
און האָט מיך באַרואיקט, געקושט און געגלעט.

האָט איינגעשטילט מיך מיט די קושן און גלעטן,
געטוליעט צו זיך און גערעדט און געבעטן:
— אַך, קינד מיינס, דערציייל פאַר דער מאַמען דיין צער! —
אַז זי איז פון חלום געוואָויער געוואָרן,
האָט זי אויסגעלאָזט אויפן רבי'ן איר צאָרן,
גערופן אים: פּערד, אָפּגעריסענער נאַר!...

ליכט־בענטשן

דער טיש איז געגרייט, ס'בלאַנקט דער טישטוך אַרויס,
עס שימערט און פינקלט דאָס זילבער־געשיר;
דאָס עסן פאַרשמעקט איטלאַך ווינקל פון הויז,
די פיש וואַרפט אַן אויג צו דער חלה אַפיר.
דער ראַזשינקע־וויין אין קרישטאַל שעמערירט,
אין רעריקן לייכטער די ליכט שטייען גרייט;
און די באַלעבאָסטע, פאַרוואַשן, פאַרצירט,
די הויב אויפ'ן קאָפּ, אין איר שבת'דיק קלייד,
פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט די הענט און רעדט שטיל,
און גיסט אויס איר האַרץ פאַר די ליכט מיט געפיל:

לכבוד גאָט, שבת־קודש און דער הייליקער תורה,
און לכבוד דער מצווה פון ליכטיקער מנורה,
אַלמעכטיקער גאָט, זאָל דיין רצון געשען,
צו באַלייכטן דעם חושך אין ליכטיקן ברען,
צו פאַרטרייבן די וואָך, וואָס פאַרכאַפּט אונז געדיכט —
הויב איך אויף מיינע הענט אַצינד בענטשן די ליכט.

קאָנסטאַנטין א. שאַפּיראָ

דו, מלך איבער אַלע מלכים, אַלמעכטיקער גאָט,
קוק אַרונטער, מיר זיינען אויף שאַנד און אויף שפּאָט!
צוליב דיין הייליקער תורה ווערן מיר פאַרלענדט,
מיר ווערן גע׳הרג׳עט, מיר ווערן געברענט.
נאָר מיר האָבן, אַזוי ווי אַ פאַקל פון בראַנד,
דאָס ליכט פון דער תורה געטראָגן אין האַנט.
דורך מאַנגל און נויט גייט די זעל אויס פון פּיין,
נייערט גלויבן איז ברויט און דיין תורה איז וויין.
פאַרפרוירן פון קעלט און פאַר׳חושכ׳ט פון שמאַרץ
איז דער פונק פון אמונה, וואָס וואַרעמט דאָס האַרץ.
מיר ווערן געטריבן, וואו די וועלט האָט אַ ברעג,
און נאָר ביי דיין ליכט מיר געפינען דעם וועג.

אַלמעכטיקער גאָט, צו דיר טו איך טון האָפן,
אַז דיינע אויגן זאָלן אויף דעם הויז זיין אָפן;
זאָלסט דיין ברכה מיט דער פולער האַנט אונז שיקן,
און אין זכות פון צדקה זאָלן מיר באַגליקן.
פאַרנעם דו מיין תפילה און זאָלסט נייגן דיין אויער
און באַשירעם דאָס הויז פון ווייטיק און טרויער.
זאָל דיין חסד צו מיין מאַן דעם צדיק זיך בויגן,
אין דער הייליקער תורה זאָלן לייכטן זיינע אויגן.
שיק דיין ליכט און וואָרהאַפטיקייט צו מיינע קינדער,
אַז זיי זאָלן דערזען דיינע גרויסע וואונדער.
זאָלן זוכה זיין דאָס ליכט פון דער שכינה דערשפּירן,
ווי די שבת־ליכט זאָל זייער חכמה שעמערירן.

אָ, גאָט פון מיין פאָטער, זאָלסט אונז ניט פאַרשעמען,
זאָלסט איבער די שטילע וואַסערן מיין תפילה נעמען.
אויף די וואַסערן, וואָס שטראָמען אַרויס פון גן־עדן,
גיבן כבוד דעם שבת אין נחת און פריידן.
מאַך זי רוען צווישן די בוימער דאָרטן,
ביי די געצעלטן פון צדיקים אין פּראַכטיקן גאָרטן,
וואו דאָס שבת־ליכט טוט פון אַלע שפּאַלטן דרינגען,
וואו אַ קול טוט פון הימלשן פענצטער זינגען.
די מלאכי־שלום זינגען פון די צווייגן אַלע,

און גיבן אָפּ כבוד דער מלכה שבת, דער כלה.
אויך די זון און לבנה זינגען, און די ליכטיקע שטערן,
און די לויטערע נשמות טוען אין ליבשאַפט הערן,
טובל'ען זיך לכבוד שבת אין די קוואַלן פון לעבן —
און גאָט'ס גייסט טוט איבער דעם וואַסער שוועבן!

אויך איך, דיין דינסט, האָב מיין האַרץ אויפגעבונדן,
האָב די הייליקע ליכט פון שבת אָנגעצונדן.
זאָל מיין מצווה ביי דיר אין די אויגן ניט זיין גרינגער
פון די תרי"ג מצוות פאַרשריבן מיט גאָט'ס פינגער.
באַלויכט די שוואַרצע נאַכט, זאָלסט אונז וואונדער באַווייזן,
גיב מיר כוחות מיין הויזגעזינט ערלאַך צו שפּייזן,
זאָל קיינס פון מיינע קינדער ניט ווערן אָפּגעריסן,
אַז מיר זאָלן אַלע פון צער און ווייטיק ניט וויסן.

איך זאָל זוכה זיין, זיי זאָלן מיין עלטער באַצירן,
לתורה, לחופה ולמעשים טובים זיי פירן.
דאָס בלוט פון ירושלים זאָל זיך אָפּוואַשן מיט מיינע טרערן,
און זאָל דערלעבן דעם שופר של משיח צו הערן;
די שטאָט זאָל ווערן אויפגעריכט אין דיין נאָמען,
און איך זאָל זוכה זיין צינדן ליכט אין ציון — אמן!

יהודה לייב לעווין

יהודה לייב לעווין, באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים יהל"ל, איז געבאָרן אין יאָר 1845, געשטאָרבן 1926, אין קיעוו. געשריבן אויף סאָציאַלע טעמעס.

אַ שמחה אויף אידן

אַ טומל אין שטאָט, אַ גערויש, אַ געפילדער,
און יונג און אַלט דרענגען זיך אום אין די גאַסן;
אַ שטורעם צעברויזט זיך אַלץ ווילדער און ווילדער,
עס זיינען צעפלאַמט פון רציחה די מאַסן:
אַ הרוג געפונען דאָרט הינטער אַ פּלויט —
און קיינער ניט וויס, ווער עס האָט אים געטויט.

עס ליאַרמען די מאַסן און קאַכן און זידן:
ס׳איז אונזערס אַ ברודער, צום ווײ און צום שאַדן —
אים האָבן געטויט די פאַרשאָלטענע אידן,
זיין בלוט אין די מצות אויף פסח פאַרקנאַטן —
אַ טויט אויף די אידן! הערט, ברידערלאַך, הערט,
דעם ברודער׳ס געבליט שרייט אַרויס פון דער ערד!

די לופט איז געלאָדן מיט פעך און מיט שוועבל,
וואָס גיסט זיך אַזוי ווי צעשמאָלצענע לאַווע;
עס לאָזט צו דער אידישער גאַס זיך דאָס פעבל,
צו שטילן נאָך רויב און נאָך בלוט זייער תאווה.
עס העצן די פירער, דאָס מויל זייערס טריפט
אין אויער פון פאָלק מיט רציחה און גיפט.

און דאָרט, אויף דער אידישער גאַס, גייט די אימה,
די פינצטערע כמאָרע קומט נענטער צושוועבן;
זי זעט פאַר די אויגן דעם מלאך־הדומה,
עס ענגט אויף דער וואָגשאָל איר האָב און איר לעבן.
אַ גוי איז דער הרוג! — אַ איד ווייס שוין לאַנג,
וואָס שטעקט דאָס פאַר אים אין דעם דאָזיקן קלאַנג.

אַ גוי איז דער הרוג! — אַן אומגליק, אַ גזירה!
עס טוען די הימלען פון אַנגסטן זיך שפאַלטן,
עס וויינען די מאַמעס אויף קינדער אין מורא,
די מיידלאַך די שיינע אין קעלערס באַהאַלטן.
די מאַנסלייט זיי לויפן צעשראָקן און דול
און רייסן דעם אָרון־הקודש אין שול.

ס׳איז גרויס דאָס געשריי ביי דעם תהלים און ביטער,
מ׳הערט שוין די טריט פון די מחנות, וואָס קומען;
עס וואַרפט אויפ׳ן עולם אַ מורא און ציטער,
זיי קומען אַלץ נענטער מיט רוגזה און ברומען —
אָט ברעכט אויס דער שטורעם, אין נאָך אַ מינוט,
און וועט זיך צעגיסן מיט פייער און בלוט!

שאַ! וואָס איז געשען? וואָס איז שטילער געוואָרן?
צי קומט אָן די מאַכט אָט דאָס אומגליק פאַרמיידן?

געקומען דאס ווארט איינצושטילן דעם צארן,
עס זאלן אומשולדיקע מענטשן ניט ליידן?
וואס זיינען זיי שטילע געבליבן דארט שטיין —
אין חרפות־ביושים פאר זיך אליין?

עס האט פאליציי זיי געגעבן צו וויסן,
אז ס׳איז ניט דער הרוג פון זייער אמונה;
דאס איז גאר דער איד וואס גייט איבער די דערפער
מיטן פאק אויפ׳ן פלייצע צו זוכן חיונה.
מ׳האט אין א שענק דארט זיין פעקל פארקויפט,
עס האבן אים דארטן די רוצחים פארזויפט.

פארשעמט איז צעקראכן אהיים יעדער איינער,
אנטוישט און פארדראסיק, אין אמת׳ן טרויער;
זיי האבן געקריצט נעבאך שטארק מיט די ציינער,
א איד איז דער הרוג, כאטש ווין און באדויער.
אראפגעלאזט נעבאך די קעפ צו דער ערד —
דער איד האט אז אמת׳ע שמחה צעשטערט!

דערפאר אויף דער אידישער גאס איז איצט יום־טוב,
א שמחה, א גדולה האט אידן געטראפן:
מ׳מאכט א לחיים, מ׳זאגט זיך: גוט יום־טוב!
א נס איז געשען, ס׳איז קיין בייז ניט פארלאפן.
א איד איז דער טויטער, גאט׳ס חסד איז גרויס,
קומט, אידן, אין טענצל אין פריילאכס ארויס!

שלמה מאנדלקערן

.1902—1846

טויבן ווארקען...

טויבן ווארקען אין די צווייגן פונם דעמבנבוים
אין טיפן וואלד, די פליגל — גאלד־געשפריצט;
דארט זיינען מיר אמאל געזעסן, צוויי פארליבטע,
די נעמען אונזערע אין שטאם פון בוים פארקריצט.

שלמה מאַנדלקערן

ביז היינט נאָך שטייט דער דעמבנבוים פאַרוואָרצלט,
און טויבן חנ׳דלען זיך און ליבן זיך דאָרט היינט ;
און איינקריץ פון די נעמען אונזערע אין שטאַם
לייכט אַלץ נאָך לויטער פאַרן אויג און שיינט.

נאָר מיין טויב איז אַ פאַלשע, אַ פאַרשייטע,
איך ווייס ניט, וואו עס האָט פאַרטראָגן זי דער ווינט —
זי קומט ניט מער אַרויס צום דעמב פאַרנאַכטצו,
ווען אָוונט זיינע טונקל־בלויע שאָטנס שפּינט.

דער זייגער

ווען איך זיץ אינדערהיים, דורך די נעכט אויף מיין געלעגער,
ווען איך לאָז מיך אין וועג אין אַ ווייטן מאַרשרוט,
טראָג איך תמיד מיט זיך אַ טייערן זייגער,
וואָס ווייזט אָן אויפן ציפערבלאַט יעדע מינוט.

אַ געהויבענער קינסטלער, אַ זעלטענער מייסטער
האָט מיט גרויס פאַרשטאַנד איינגעשטעלט די מאַשין;
און שוין פערציק יאָר ווי די שעה׳ן באַווייזט ער,
כאָטש ניט אַלעמאָל נחת געפין איך דערין.

טעג געווען שוין אַזעלכע, ווען איך האָב געטאָן גאַרן,
אַז דער זייגער זאָל לויפן גאָר האַסטיק־פאַרשייט;
טעג געווען, וואָס איך האָב זיך אַליין געוואָלט נאַרן,
עס זאָל קריכן פאַמעלעך, זיך ציען די צייט.

און וואָס נאָר עס געשעט אין מיין נישטיקן לעבן,
הער איך צו זיך צום טיקטאַק פון זייגער און קלאַנג;
אין די לייד און די פרייד וואָס די צייט טוט מיר געבן
פאַסט אַריין זיך דאָס קלאַפּן ווי נאָטן פון געזאַנג.

אויף מיין טאַטנס קבר אין געשריי אויפגעשפּרונגען,
ווען געפּעלשט האָבן פריינד — פון ווייטיק געריירט;
ווען די ליבע האָט אָנגערירט מיך — זיך צעזונגען,
הויך געקלאַפּט — ווען מ׳האָט מיך צו דער חופּה געפירט.

וועז די הילף פאַר מײַן פאָלק לויכט מיר אויף פאַר די אויגן,
דאַן צעזינגט ער זיך פֿײַערלעך, פרײַדיק, פאַר גליק;
און ווען ס׳ווערן מײַנע ברידער געדריקט און געבויגן —
צעציטערט ער זיך, ווערט צעשפּרונגען אויף שטיק.

און שוין יאָרן ווי ער האַלט טאָג און נאַכט אין איין ברויזן
און ער שלאָגט ווי אַ האַמער און מײַן רו איז גערויבט;
טאָג־אײַן־טאָג ווערט אַלץ הילכיקער, שטאַרקער זײַן רוישן,
אַזש די אויערן ווערן פון הילכן פאַרטויבט.

און קיין מענטש איז ניטאָ צו פאַרריכטן דעם זייגער,
און בלויז צו זײַן מײַסטער אַנטפּלעקט איז דער סוד;
און בלויז ער קען אַרויפפירן אים אויף אַ שטײַגער
און אים קרעפטיקן, שטאַרקן מיט גרויס גענאַד.

נאָך אַ רגע און ס׳וועט זיך די ספּרוזשינע צערײַסן,
איך וועל שוועבן דאַן, פליען צום מײַסטערס הויז;
הויך, אַריבער די שטערן וועט זײַן הויז זיך באַווײַזן,
פון דער אייביקייט־וואוינונג לויכט זײַן פּנים אַרויס.

אים אַליין וועל איך דעם זייגער אין האַנט איבערגעבן:
„זע נאַר, מײַסטער, — וועל איך זאָגן, — ליכטיק און ריין,
כ׳האָב דײַן ווערק ניט פאַרדאָרבן, ניט גע׳פּטר׳ט ביים לעבן,
צוליב דעם אומגליק פון פאָלק האָט עס אויפגעהערט גיין!״

נפתלי הערץ אימבער

מחבר פון „התקוה״. געבאָרן 1856 אין זלאָטשעוו, גאַליציע,
געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1910.

פײַער און וואַסער

דײַנע טרערן — אַ פרײַגעביקער רעגן,
וואָס טוט מײַנע טעג פאַרפלייצן;
דײַנע קושן — פײַערן, וואָס גליען
און ברענען און פלאַקערן און רייצן.

מנחם מענדל דאָליצקי

פייער און וואַסער — וואונדער איבער וואונדער,
קאָנטראַסטן צוויי צוזאַמען:
פאַרוואָס פאַרצערט דאָס פייער ניט די טרערן,
פאַרוואָס פאַרלעשן ניט די טרערן מיינע פלאַמען?

דער מייסטער

כיהאָב קונסטווערק געזען פון מייסטערס,
וואו קאָליר אויפן לייוונט גליט;
כ'האָב געהערט פּאָעטן באַזינגען
און לויבן שיינקייט אין ליד.

ווען אָבער איך קוק אויף דיין פּנים,
האָט קיין זאַך קיין ווערט ניט מער;
דאַן לויב איך און רים דיין באַשעפער —
ניטאָ אַזאַ מייסטער, ווי ער!

מנחם מענדל דאָליצקי

געבאָרן אין ביאַליסטאָק, 1856. אָנגעהויבן שרייבן אין פּרץ סמאָלענסקינ'ס „השחר". זיינע יוגנטלאַכע לידער האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם העברעאישן לייענער. אויף דער עצה פון דעם באַרימטן פּאָעט יהודה לייב גאָרדאָן, האָט דאָליצקי אויסגעוואַנדערט נאָך אַמעריקע. געשטאָרבן לאָס־אַנגעלעס אין 1931.

ווענעס פרימאָרגן?...

ווענעס פרימאָרגן ביסטו?... אַ, ווער האָט פאַרטריבן
דיין ליכטיקן שיין און פאַרלאָשן דעם פייער?
צי דאָס איז דיין שיינקייט מיט שמייכל מיט ליבן,
אַ האַרציקע מאַמע אין ליבשאַפט געטרייער?
ווען איך האָב דיך דעמאָלט געזען אין דיין פּראַכט
ביים סוף פון דיין לאַנגער, דער פינצטערער נאַכט.
דו האָסט צווישן טויזנטער שטערן שפּאַצירט,

מנחם מענדל דאַליצקי

כ׳האָב געטלעכע בילדער געזען פאַר די אויגן —
דאָס האַרץ האָט געציטערט, גע׳חלומ׳ט אין גלויבן,
געהאָפט, זיך פאַרגאַנגען פון בענקשאַפט, באַגערן;
פאַר מיר האָבן לופטשלעסער הויך זיך געהויבן,
פאַר מיר און מיין פאָלק און דער מענטשהייט אַרום.
דאָס ווינטל פון פרילינג גע׳סוד׳עט האָט פרום:
וואַרט אויס, מיין ליב אינגל, מיין טרוימער, און האָף,
דער מזרח וועט ראַזיק און ליכטיק באַלד ווערן —
גאָט׳ס ליכט גייט דאָרט אויף אַזוי קלאָר, אַזוי ריין,
און ס׳וועט צו דעם חושך באַלד קומען אַ סוף!
די הינט וועלכע בילן און בייסן,
זיי וועלן פאַר ליכט זיך דערשרעקן;
זיי וועלן פאַרציטערטע ווערן
און זיך אין די נאָרעס פאַרשטעקן.
די חיה וועט מער שוין קיין שאָף ניט פאַרצוקן,
ווען זי וועט אויף ליכט זיך פאַרקוקן.
איך קוק אויפן הימל — דער הימל איז רויט,
און ס׳יאָגט זיך און טראָגט זיך אַ שטראַל נאָך אַ שטראַל,
ס׳הייבט אויף זיך אַ גרויסער, אַ פייערדיקער באַל,
גייט אויף און ער קלעטערט אַלץ העכער אין פרייד —
ווי גליקלעך און יונג איך בין דעמאָלט געווען!
אויף אַ בערגל, ניט ווייט פון קאַנאַריק, מיין פריינד,
אונטער אַ לינדנבוים בין איך געזעסן.
אַ בלוי־קלאָרער קוואַל צווישן קוסטן און גראָזן
האָט געפלייצט און געשפילט און זיך רואיק געפלאָסן.
און איך און מיין פויגל האָבן געזונגען אַ ליד
צו וועלט און צו מענטש ליד פון קלאָרן געמיט.
דאָס קול פון מיין פריינד האָט אין טויזנטער שפּליטער
געטאָן זיך פאַרגייז, זיך געבראָכן אין ציטער.
עס האָט זיין געזאַנג מיך פאַרבליפט און געפאַנגען,
הגם כ׳האָב זיין מיין פון געזאַנג ניט דערגאַנגען.
צי איז דאָס אַ טענה געווען צו דער וועלט
אויף פייגלשער שפּראַך, וואָס גערעכטיקייט פעלט,
אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן רשעות און צוואַנג —
צי אפשר אַ לויבליד, אַ געטלעך געזאַנג...

און איך האָב געגלויבט אים... דאָס האַרץ איז געצונדן,
גע׳חלומ׳ט פון גרויסע דערהויבענע זאַכן;
פון ליכטיקער זון וואָס וועט אויסהיילן וואונדן,
וועט ברענגען אַ טרייסט און אַ הילף פאַרן שוואַכן.
דער קוואַל מיר צופוסנס האָט פריידיק געלויכטן,
די גראָזן געשפּרייט זייער דופט אויף די ברעגן,
אַפילו דער פליכיקער פעלז מיר אַנטקעגן
האָט אויך נאָך דער פינצטערער נאַכט זיך צעשמייכלט.
עס האָבן די סטרונעס פון האַרף זיך צעקלונגען:
אַ, גנעדיקער גאָט, — האָב איך הויך זיך צעזונגען, —
איין רגע כאָטש גיב מיר די קראַפט פון געמיט,
די וועלט צו אַרומנעמען, זינגען מיין ליד.
און איצט וואָס?... מיין ליכטיקער פרילינג פאַרטראָגן,
און איך בין פון גיפטיקע שלאַנגען געביסן;
דאָס האַרץ איז פון פּיין און פון ווייטיק צעריסן,
די וועלט אָט די שיינע טוט יאָגן און פּלאָגן;
ניטאָ וואו צו גיין און ס׳איז גרויס דער פאַרדראָס,
דאָס ליכט פון דער זון ווערט פאַרטיילט אויפן מאָס.
פיל קענען צום ליכט ניט דערגרייכן און זיי לעבן אָן ליכט,
פיל האָבן קיין לופט ניט צו אָטעמען און ווערן דערשטיקט,
פיל האָבן קיין ברויט און קיין קלייד ניט און ס׳לעבן צעקריכט,
פיל קעמפן און צאַפּלען אין נויט און זיי ווערן צעדריקט.
פיל דורשטן נאָך אמת און שטאַרבן פון דורשט אויס אַצינד
און פיל זוכן מישפט און ווערן געהאַנגען אָן זינד.

*

און איך, אַז פאַרביי איז מיין פרילינג,
צו מיין איינזאַמען בערגל ווען כ׳קום —
באַפאַלט מיך דער אייביקער חורבן
און ס׳רינגלט דער עלנט מיך אום.
און בלאָנדזשעט מיין בליק צונ׳ם מזרח
דורך נעפּלען דורך שווערע געדיכטן:
פרימאָרגן קומט אויף און ער לויכט ניט,
ס׳איז שטאַר און פאַרגליווערט זיין ליכט.

*

מרדכי צבי מאַנע

אַ שטילער זיץ איך, ווי אַן אבל צווישן קברים,
דער קאָפּ געבויגן, מיט טראָפּנס אייז אויף אים פאַרפרוירן.
וואו איז מיין זינגעוודיקער פייגל־פריינד פאַרטראָגן —
אַנשטאָט אים אויפן בוים טוט די סאָווע קלאָגן.
און מיר אַנטקעגן אויפן פעלזן קראַקן ראָבן
און רייסן מיר דאָס האַרץ מיט זייער שנאָבל.
וועמעס פרימאָרגן ביסטו? אַ, זאָג מיר, מיין שטערן,
פאַר וועמען, דו שליח פון טאָג, וועט ליכטיק נאָך ווערן?
און איך און אַ גאַנץ פאָלק זינקען יעדן טאָג
אין ברונימער דלות און שפלות און פלאָג.
און דאגה לעכערט דעם מוח און עקבערט מיך שטום,
און שאַנד און אייביקע חרפּה אַרום און אַרום.
אין געצעלט פון די באַרויבטע דאָרט הערשט דאָס געבאָט
פון פאַרצווייפלונג און פייגהייט און אַ מורא פון גאָט.
דור־הפלגה פון שפּראַכן, באַגריפן און שלעכטס —
קיין ברויט איז ניטאָ און אין טאָפּ קיין געקעכטס.
און דער גריל האַלט אין גרילצן פון דלות אַן סוף,
און קיין אָפּשטעל ניטאָ פאַר דער גרויזאַמער שטראָף.
און די רויבפויגל טוען די בלוטן דערשמעקן
און קרייזן זיך איבער די פּגרים און שרעקן...

דאָ זיץ איך, גיס טרערן הייַנט עלנט און אָרים;
דאָ ליגן מיין האָפנונג און חלום באַגראָבן —
אַרום זיך בלויז קברים און קברים...

מרדכי צבי מאַנע

גבאָרן אין ראַדאָשקעוויץ, מינסקער גובערניע, אין יאָר 1859, און געשטאָרבן אין עלטער פֿון 27 יאָר אין 1886. פּאָעט און קינסטלער. ער האָט נאָך ניט געהאַט די מעגלאַכקייט, צוליב זיין קורץ לעבן, זיך צו אַנטוויקלען צו פולער קינסטלערישער גרויס. נאָר אין זיינע לידער פילט זיך שוין דער אָנהייב פרילינג פון דער מאָדערנער העברעאישער פּאָעזיע.

אַ רויז

פון אַלע בלומען האָב איך אָפּגעפליקט אַ רויז —
איז פריש און לייכט פון וואַזע דאָרט אַרויס;

איך האָב זי אויף דער שוועל פון פענצטער אויסגעשטעלט
און איטלאַך אויג פון אירע פראַכט־קאָלירן קוועלט.
נאָר וואָס אַ טאָג, באַמערק איך, זי ווערט מאַט,
עס טונקלען די קאָלירן, ס׳וועלקט איר בלאַט;
אומזיסט נאָר שפּריץ איך וואַסער, וויל איר פרישקייט געבן —
צעריסן האָט מיין האַנט דעם פאָדים פון איר לעבן!

אומעטיק...

אומעטיק בין איך, מיין אומעט באַשווערט מיך,
נאָגט אויס אַלע זאַפטן פון מיין יונג לעבן.
אומעטיק בין איך, מיין אומעט פאַרצערט מיך,
פאַרוויקלט מיין זונליכט אין שוואַרצע געוועבן.

אומעטיק בין איך, מיין האָפנונג — פאַרשוואונדן,
דאָס בלוט פרירט אַזוי ווי אין פינצטערן קבר;
דערווייל אָבער לעב איך, און שפּיר מיינע וואונדן,
און ס׳גייט אום דער טויט אין מיין יעטווידן אָבר.

איך לעב נאָך, איך לעב — און דערווייל טו איך שפּירן,
ווי ס׳שטורעמען מיינע געפילן און קאָכן;
נאָר ס׳לעשן זיך פונקען פון לעבן און פרירן
און ס׳ווערט מיר דאָס האַרץ אויף שטיקער צעבראָכן.

אומעטיק בין איך און עלנט פאַרלאָרן,
קיין ברודער, קיין פריינט — און מיין עלנט טוט שטייגן;
איך שעלט דאָס באַשאַף און די וועלט מיט איר צאָרן,
מיין איינציקע טרייסט — איז די טיפקייט פון שווייגן!

צום טרויער

איך בעט דיך, טרויער זיסער, זאָלסט מיך ניט פאַרלאָזן,
דיין שאַרפקייט איז געטונקט אין האָניק־שטראָמען;
נעם טראָג מיך צו דעם הימלס העכסטע הייכן,
צי גאָר, פאַרזינק מיך אין דעם גיהנמ׳ס תהומ׳ען.

אַ טרויער, ביסט מיר ליב, הגם דו בייסט מיך
און זויגסט ווי אַ וואַמפּיר מיר אויס די בלוטן;
אַ וואונדערלעכן תענוג מאַכסטו מיך פאַרזוכן,
באַלויכסט מיין וועלט אין פינסטערע מינוטן.

דאַן לאָז איך פריי די שטום־פאַרשטיקטע טרערן,
זיי זייַנען אַ רפואה צו מייַן האַרצנס וואונדן;
איך קוש די ליפּן פון מייַן מוזע, אַ פאַרליבטער,
און ס׳ווערט מייַן לעבן ליכטיק, העל, געצונדן.

מייַן וואונטש

סיהאָט די פרילינג־זון אין מערב
זיך געטאָן אַ נויג;
ראָזער שייַן איז דאָרט צעגאָסן —
וואונדער פאַרן אויג.

שטיל און רואיק לאָזט אַראָפּ זיך
אויף דער ערד די נאַכט;
אויף אַ בערגל זיצט דער דיכטער
איינזאַם און פאַרטראַכט.

פרילינג־צייַט, ווי ביסטו טייער,
בליסט אין גרין און רויט;
ס׳ווערט דעם מענטשנס וואונטש מקוים,
טאָג צו טאָג פאַרטרויט.

דער פאַרצווייפלטער ווערט מונטער,
בענקט און האָפט און פּילט;
ער פאַרגעסט אַז פּיין און ווייטיק
און צו גרויסקייט צילט.

*

אַלץ אַרום איז שטיל און רואיק —
שאַ! אַ פויגל פליט;
עס באַוועגן זיך די צווייגן,
אַ פריש ווינטל ציט.

מרדכי צבי מאַנע

דער שוואַרץ־פליגלדיקער בושל,
גוף — אַ ווייסער פלאַם —
אין אַן עגול, ווייטער, העכער,
שפּאַלט דעם בלויען ים.

אַד, ווען איך זאָל האָבן פליגל
אין מיין לייד און פּיין,
וואָלט איך פליען דאַן צום מזרח,
לאַנד פון ליכט און שיין.

וואו געשטאָרבן איז דער לוי,
זינגענדיק זיין „ציון" —
צו די גרין־באַגראָזטע פעלדער,
דאָרטן וואָלט איך פליען.

אַד, וואו ביסטו, הייליק לאַנד מיינס,
הער נאָר צו מיין רוף:
ס'איז דיין לופט נשמה לעבן,
באַלזאַם פאַרן גוף.

וועקן זיך אין האַרץ געפילן,
מונטער, ליכטיק, פריי;
הייליקע און גרויסע בילדער
טראָגן זיך פאַרביי.

עס באַלייכט די זון דיין לאַנדשאַפט,
בליצט אין אָוונט־טוי;
אַ געזאַנג פון פעלדער טראָגט זיך,
קלינגט אין טיפן בלוי.

שפּילט דער פּאַסטוך אויף זיין דודע,
וואַסערט זיינע שאָף;
מיט געזאַנג פאַרוויגט אַ מאַמע
דאָרט איר קינד צום שלאָף.

דוד פרישמאַן

אויף די פעלדער פעט און פרוכטבאַר,
פול מיט פרישער זאַפט —
וועל איך אַרבעטן און זינגען,
קומען צו מיין קראַפט.

כ׳וועל פאַרגעסן פיין און טרויער,
האפנונגען פאַרוויט;
ליכטן וועט אַ פשוט לעבן,
ווינקען מיר מיט פרייד.

אַך, וואו ביסטו, הייליק לאַנד מיינס,
לאַנד פון שיין און גליק —
וואָלטן איך און דו אינאיינעם
אויפלעבן צוריק!

דוד פרישמאַן

געבאָרן אין זגערזש, פוילן, 1860, געשטאָרבן אין בערלין אין 1922. פרי אָנגעהויבן שאַפן און זיין ווירקונג אויף דער העברעאישער ליטעראַטור מיט זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען איז אומגעהויער. געשריבן לידער, דערציילונגען, עסייען, און באַרייכערט די העברעאישע ליטעראַטור מיט אומצייליקע איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור. האָט אויך פיל געשריבן אין אידיש.

ביינאַכט

מיט מיין חלום און סוד בין איך איינזאַם
און עלנט געבליבן.
אַ גאָט, צי האָב איך אין מיין גלויבן אין זיך
און מיין ליד איבערטריבן?

איך ווייס, איך וועל שטאַרבן, און קיין מוטערמענטש וועט
מיין טויט ניט באַוויינען.
קיין איינציקער שטערנשטראַל וועט ניט מיין בערגל
אין טרויער באַשיינען.

דוד פרישמאַן

צוויי פערדלעך פאַרמאַטערטע, מאַטע, זיי וועלן
שלעפּן מיין אָרון
און טרויעריק הירזשען; אַ רעגן וועט גיסן,
ווען איך גיי פאַרלאָרן.

געוועזן איז אַ מענטש, וואָס האָט מיט זיינע חלומות
איבערגעטריבן.
און מאָרגן — אַ סוף צו זיין ליד און זיין לעבן —
און גאָרנישט פאַרבליבן!

משיח

פון שטילקייט אין דער נאַכט האָב איך דערהערט אַ רוישן,
ווי דאָס געררויש פון קייטן און געקלאַנג פון רינגען,
וואָס קלאַפּן איינער אָן דעם צווייטן —
עס האָט דער הימל זיך צעעפנט,
אַ שטראָם פון ליכטיקייט האָט אויפגעריסן,
אַ שיין אַ בלענדיקער האָט פלוצים
אַרום מיר ווי אַ וואַסער זיך צעגאָסן,
פון בלוי און פורפור אַ געמיש —
און איך בין געפאַלן אין שטויב, זיך געקניט און געבוקט.

אָט איז ער, גאָט, גאָט־צבאות!
צווישן פלאַמעדיקע רויטע וואָלקנס,
וואָס שווימען אַרויף און אַרונטער, און איבער
דעם פייער, וואָס ברענט, ווי די ווייסע סאַפּירן —
דער כסא־כבוד — זיין פוסבענקל איז די לבנה,
די זון — דער אַנלען פאַר זיין קאָפּ,
די פאַלדן פון זיין קלייד פאַרפולן אַלע זיבן הימלען —
אַזוי זיצט גאָט דאָרטן, דער גאָט פון כבוד.
ביי דער פאַרענטש פון שטול דאָרט אויבן
איז צוגעשמידט מיט קייטן גילדערנע,
מיט קייטן, וועלכע לאָזן זיך ניט רייסן,
דער האַר אונזערער, דער מלך המשיח.

און איך האָב דיך דערקענט אַז דיינע צייכנס, האַר־משיח!
אַז פייערפלאַם, וואָס ברענט אין דיינע אויגן,
אין ליכט, וואָס ברענט אין אויג פון יעדן דיכטער,
און יעדן זעער, יעדן גואל, יעדן נביא;
אין גייסט, וואָס ליגט צעגאָסן אויפן הויכן שטערן,
אין דעם רחמנות אין די קנייטשן פון דיין פנים,
און אין דעם פייערברען אויף דיינע ליפּן;
און מערער נאָך פון אַלץ —
אין דעם געשמיד פון קייטן, וואָס אויף דיינע אָרעמס,
אַז דו ביסט עס, מיין האַר, דער מלך־המשיח!
און אין די קייטן גילדערנע, וואָס לאָזן זיך ניט רייסן,
ביסטו געשמידט שוין יאָרן טויזנטער
צום שטול פון גאָט, דעם אל־הצבאות,
דו זאָלסט ניט קענען פון דיין פּלאַץ זיך רירן;
און פון די הייכן אויבן זעען דיינע אויגן
די אַלע שרעקן און די גרוילן פון׳ם לעבן,
וואָס טוען דיינע ברידער גרייכן —
און קורץ זיינען די הענט דיינע צו העלפן.
און טאָג אין טאָג, אין יעדער שעה, אין יעדער רגע,
ווען ס׳זאַפּט דיין בליק איין פרישע ליידן,
און ס׳הערט דיין אויער ס׳קול פון נייע בלוטן,
וואָס שרייען פון דער ערד אַרויס צו דיר —
פאַרלירסטו דיין געדולד, דיין צאָרן פלאַקערט אויף
און ס׳ביילן אַן זיך דיינע מוסקלען,
דו שטרענגסט זיך אַן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם
און נעמסט צוזאַמען אַלע דיינע כוחות,
פּרובירסט צעברעכן דיינע קייטן,
באַפרייען זיך פון בינדנדיקן דרוק,
אַז דו זאָלסט קענען אויף דער ערד אַרונטער,
כדי אויסצולייזן און צו ראַטעווען
דעם שוואַכן פון דעם שטאַרקן,
דעם אָרימען פון זיין באַדריקער און באַרויבער —
און ס׳הערט זיך דאָס געקלאַנג פון קייטן־רינגען,
ווען דו פּרובירסט די רינגען צו צעברעכן,
און ווען דו שרייסט: „איך קען דאָס מער שוין נישט דערטראָגן;

איך גיי, איך קום, אַט ברענג איך די ישועה,
און איר וועט אַלע באַלד געהאָלפן ווערן!״ —
דו ביסט אָבער געשמידט — און קענסט ניט,
דו פאַלסט צוריק, און אַלץ בלייבט ווי געוועזן;
שוין יאָרן טויזנטער, ווי ס׳הערט זיך דורך די נעכט
דיין קול, דיין רוף, זיך אָפּצורייסן פון דער קייט —
איך האָב עס אין דער שטילקייט היינט דערהערט.

און פון דער שטילקט פון דער נאַכט האָב איך פאַרנומען:
אהה, אדוני אלוהים! ביז וואַנען?
ס׳איז מיר אַ רעטעניש, ס׳איז מיר אַ רעטעניש!
פאַרוואָס האָסטו אַריינגעהויכט אין מיר אַ זעל,
פאַרוואָס האָסטו אין מיר פאַרפלאַנצט אַ האַרץ,
צו שפירן יעדן פיין און יעדן ווייטיק?
מיט איטלאַכן פאַרפייניקטן צו ליידן און פאַרטראַגן,
מיט יעדן אומגליקלאַכן און געשלאָגענעם —
און האָסט געבונדן מיינע הענט, איך זאָל ניט קענען העלפן?
פאַרוואָס האָסטו געגעבן מיר אַן אויג צו זען,
אַן אויער אויף צו הערן,
אַז ס׳זאָל מיין אויג זען יעדן דור מיט זיינע טרערן,
און ס׳זאָל מיין אויער הערן יעדן מענטש מיט זיינע וואונדן —
און האָסט געבונדן מיינע הענט, איך זאָל ניט קענען העלפן?
פאַרוואָס האָסטו באַשאַפן אַט דעם ים פון צרות,
און גאָר דאָס שלעכטס און גאָר דאָס בייז,
וואָס ס׳האָט מיין בליק געזען פון אייביק־אָן?
דו האָסט אין מיר אַ גייסט אַריינגעגעבן,
וואָס ווען כ׳וואָלט אַנשרייען אויף אים, דעם ים פון ליידן,
וואָלט איינשרומפּן דער ים און ווערן טרוקן —
נאָר האָסטו די מיליאָנען און ביליאָנען
אומגליקלעכע נפשות אויף דער ערד באַשאַפן;
און צווינגסט מיך צוצוזען די טייכן טרערן,
וואָס וועלן ביזן לעצטן טאָג נאָך פליייצן;
פאַרוואָס האָסטו געמאַכט, אַז איך זאָל תמיד הערן
געוויין, וואָס קען די שטומע שטיינער שפּאַלטן —
און האָסט געבונדן מיינע הענט, איך זאָל ניט קענען העלפן?

אהרן קאַמינקא

וואָס האָסטו מיר די קראַפֿט געגעבן
צו ראַטעווען און אויסלייזן, צו העלפֿן און באַפֿרייען,
וואָס האָסטו דעם באַגער אין מיר פֿאַרפֿלאַנצט
צו אויסטריקענען יעדע טרער,
די הערצער די צעבראָכענע צו היילן,
די וואונדן צו פֿאַרבינדן —
און מיינע הענט האָסטו געשמידט אין קייטן ?
וואָס האָסטו פֿאַר אַ גואל מיך געמאַכט
און לאָזט מיך ניט די גאולה ברענגען ?

און אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט דערגייט אַ רוישן,
דאָס קלינגען פֿון די קייטן גילדענע,
וואָס קלימפּערן און שלאָגן אָפּ זיך אינם הימל,
ווען ס׳וויל משיח זיינע בינט צערייסן
און איינלייגן מיט שטאַרקן אָרעם
דעם כסא־כבוד גאָטס מיט אַלע זיינע זיילן,
צוזאַמען מיט די זיבן הימלען —
און ס׳ענטפֿערט אָפּ אין שטילקייט פֿון דער נאַכט
דאָס קלינגען פֿון די קייטן אייזערנע
פֿון איין עק וועלט און ביז דעם אַנדערן.
דאָ אויף דער ערד, דאָ אונטן,
נאָר פֿון די רויטע וואָלקנס אינם הימל
און פֿון דער בלענדיקער סאַפּירן־ווייסקייט
דערגרייכט אַ קול, וואָס ענטפֿערט אָפּ און זאָגט :
„ביז עס וועט אויפֿקומען אַ נייער דור,
„אַ דור, וועלכער פֿאַרשטייט, וואָס גאולה מיינט,
„אַ דור, וואָס וויל נאָר ווערן אויסגעלייזט :
„דאַן וועסטו אויפֿשטיין צו דיין גורל, ווערן אויסגעלייזט —
„דאַן וועסטו אויפֿשטיין צו דיין גורל און וועסט אויסלייזן !״

אהרן קאַמינקא

.1866

ירושלים אין 1913

... פֿאַרוואָס האָט גאָט שוין אויך דיין גרונטשטיין ניט אַרויסגעריסן
און ניט פֿאַרגאָסן, ניט פֿאַרשוועבקט מיט וואַסער דיין רואינע ?

אהרן קאַמינקא

פאַרוואָס האָט ער געלאָזט דיך עלנט, אָרעם און צעריסן,
פאַרזעעניש — און ניט קיין שטאָט, אַ לעבעדיקע קינה?

וואָס ביסטו אָפּגעקומען פאַר דיין זינד און אויפגעקומען ווידער,
קיין זכר פון דיין פּראַכט ניטאָ, דיין ערד צעדראָשן —
קיין גראָז — בלויז שטיין, קיין בוים, קיין שאָטן ניט אין היץ צעגליטער,
דאָס פאָלק אין דיר אָן מוט, אָן כּוחות, בוקט זיך פאַר אַ גראָשן.

ס׳גייט מסחר דאָ מיט פרומקייט, צדקה, מיט גן־עדן און מיט גיהנום,
מיט קלויסטערס און ישיבות, מיט אַראַבער, אידן, קריסטן;
אינאיינעם זינקען זיי אין שמוץ און טוען זיך ניט שעמען,
פון וויאַ־דאָלאָראָזאַ ביזן כּותל דעם פאַרוויסטן.

איך שטיי מיט אַ געבראָכן האַרץ און ס׳עפענען זיך קוואַלן,
פאַרשעמט פון דעם, וואָס אויגן זעען, שריי איך אויס פאַרביטערט:
„צו וואָס?" — אַ מיאוס׳ע מצבה נאָך די מענטשן, וואָס געפאַלן
און שוואַך, און ווייטיק פאַר די לעבעדיקע, ביזן גרונט פאַרציטערט.

פאַרוואָס האָט דיך דער שונא מיטן גרונט שוין ניט פאַרזונקען
און ניט פאַרלענדט די שטיינער מיטן זאַמד צוזאַמען מיטן מויער —
דאַן וואָלט דיין נאָמען ווי אַ ווייטער שטערן אונז געוואונקען,
גאָטס גייסט וואָלט אומגעשוועבט אין ריינעם שיין און טרויער.

פאַרוואָס זיינען די חורבות־בערג ניט אָפּגעווישט געוואָרן,
אין ים פון גרויסן ווי דיך נישט געטאָן באַפרייען?
דו וואָלסט געבליבן דאָן לעגענדע, אין אַ חלום אין אַ קלאָרן,
און טאַטעס וואָלטן דערציילט קינדער: דאָ איז אַמאָל געווען ירושלים.

און ביסט געבליבן בלויז אַ שטאָט פון לעבעדיקע מתים,
אַ באַרג אויף צום באַדויערן, אָן לעבן און אָן כּבוד —
אַ בת־קול שרייט אַרונטער פון מוריה און פון הר־הזיתים:
איז דאָס די קיניג־שטאָט ירושלים, שטאָט פון מלך־דוד?

אינהאַלט פון בוך:

דאַנק V
ווידמונג VII
באַמערקונגען צום בוך „העברעאישע פּאָעזיע״ XI

אַלטע צייטן און מיטאַלטער

שמעון בן־סירא:
שמעון בן־יוחנן הכהן 3
אַ תפילה 5

אַנאָנימע פּאָעטן:
אין צעדערבוימער 6
ברידער אונזערע 6
מיר זיינען שולדיקער 7
גאָט׳ס קיניגרייך 8
זכרונות 9
שופרות 10
אַ ברכה פאַר תשעה־באב 11

יוסי בן־יוסי:
דער כהן־גדול ביי דער עבודה 12

ינאי:
די נאַכט פון פסח 20

אלעזר הקליר:
אין דער נאַכט פון תשעה־באב 21
תשעה־באב 22
די תפילה פאַר רעגן 24
מתן־תורה 25

אמתי בן־שפטיה:
אַ פריילאַכס 26
אַ סליחה 28

רב סעדיה גאון:
דעם מענטשנס לעבן 29

רב האי גאון:

סליחות: א. אוי, ווער איז האַרטער 34

ב. ווען נאָך האָסטו פאַרלאָזן 34

ג. זאָג צו אַלע פעלקער 35

ד. יאָ, עס דערנענט זיך דער טויט 36

ה. ווילסטו נישט קומען צוהילף 36

ו. אַוואו האָט גאָט פאַרוואָרפן 37

שלמה יצחקי (רש"י):

אַ זמר פאַר שבת־צו־נאַכט 38

משולם בן־קלונימוס:

ברח דודי 39

שמעון בן־יצחק:

אַ פיוט לפסח 40

גרשום בן־יהודה:

אַ סליחה 43

שמואל הנגיד:

ווין־לידער: א. נעם פון אינגל דעם בעכער 44

ב. קום, מיין פריינט! 44

ג. אויף די טרוקענע געצעלטן 45

ד. מיר זאָל זיין פאַר איר 45

ה. אָב און אלול 45

ו. זע דעם יאַסמין 46

אַ תפילה 46

אַ ליבליד 47

שלמה אבן־גבירול:

איך בין האַר 54

נאַכט 54

וואָלקנס 55

פרילינג 56

עלעגיע 56

וואָלט מיין נשמה 56

ליטן וואָרצל פון בוים 57

דער פּאָעט 58

אין גערטנגל 59

זע די זון 60
האַרץ איז לײדיק 60
אוי, קינד פון דער װעלט 61
פּאָלעמיש: א—ה 62
דאָס ליד פון װאַסער 63
נאַציאָנאַלע מאָטיװן (א—ז) 64
אַ סליחה 67
כתר־מלכות (פראַגמענטן) 69

בחיי בן־יוסף הדיין:
צו דער נשמה 73

יצחק בן־גיאת:
אַ ליד 75

משה אבן־עזרא:
שײן 77
אַ רויז 77
אין גאָרטן 78
אַ חתונה־ליד 79
אַ ליבע־ליד 81
אַ טויב 82
צו זײנעם אַ תּלמיד 82
קלײנע לידער (א—י) 83
דערװאַכונג 86
נאַציאָנאַלע מאָטיװן (א—ב) 88
טעדזינס (א—י״ב) 88
צו יהודה הלוי 90

יהודה הלוי:
דאַנק 94
שלאָף נישט 94
ס׳איז גוט און װאויל 95
אַ תּפילה 95
גאָט 97
פרילינג 98
אַנטפּלעקונג 99
צו אַ טענצערן 100
שפּילערײען (א—ג) 100

עפּיגראַם 101
פויל 101
צו משה אבן־עזרא (א—ג) 102
מיט אויסגעשפּרייטע הענט 106
אַ צושפּיל 106
טרייסט 108
ציון 108
אויפן ים (א—ד) 110
אין מצרים 114
פרילינג אין עגיפּטן 115
אַ האַרעם אין עגיפּטן 116
אין וועג 117

יהודה בן־גיאת:
אַ ליד צו ר׳ יהודה הלוי 117

חייא בן־אלדאודי:
ליוב 119

אברהם אבן־עזרא:
אַ סליחה 120
אַ פּזמון 121
וועגן גורל פון פאָלק 122
טרייסט 122
כ׳וועל זאָגן צום צפון 123
פאַראַן אַ פאָלק 123
מיין אונטערשריפט 124
עלעגיש 124
שפּאַס־לידער און עפּיגראַמען (א—ה) 124
דעם מענטשנ׳ס לעבן 126

יעקב בן־מאיר:
אַ סוכות׳דיקער פּיוט 128

בנימין בן־זרח:
אַ תּפילה 129
איך שווייג 130

קלונימוס בן־יהודה:
אַ קינה אויף די הרוגים פון שפּייער, וואָרמס און מאַינץ 132

משה בן־יוסף הכהן:
אַ תפילה 135

מנחם בן־יעקב:
אַ קלאָגליד 136

אלעזר בן־יהודה:
גאָט אונזער האַר 138
אַ קלאָגליד אויף זיין ווייב 140

משה בן־אליעזר הכהן:
אַ קלאָגליד אויפן חורבן פון די אידישע קהילות אין דייטשלאַנד 143

אלחנן בן־יצחק:
דיין פרוי 148

יהודה בן־שלמה חריזי:
מיידלשע הענט 149
גיהנום 149
אַ תפילה 149

אפרים בן־יעקב מבונא:
אַ סליחה 150

אלעזר בן־יעקב הבבלי:
אַ תפילה 152
ליבע אין זומער 153

ענן בר־מרינוס הכהן:
אליהו הנביא 153

שמואל בן־קלונימוס:
„שיר־היחוד" (א—ג) 155

בנימין בן־אברהם הרופא:
די געלע לאַטע 166

משה בן־אברהם:
אַ סליחה איבער צעריסענע ספר־תורה׳ס 167

מאיר בן־יחיאל:
ארזי־הלבנון 169

משולם בן־שלמה דאפיאירה :
ליבע (א—ד) 172

שם־טוב בן־יוסף פלקירא :
אַ איד 174
אויב אומגליק איז שטיין 174
אַפאָריזמען (א—ב) 174

רבי נחום :
גאולה 175
זונשיין 176

מאיר בן־ברוך פון ראָטנבורג :
אַ קלאָגליד 178

ידעיה הפניני :
דעם מענטשנ׳ס לעבן 179
די נשמה רעדט 181

עמנואל הרומי :
צו משיח׳ן 184
אַ ליבע־ליד 185
גיהנום און גן־עדן 185
אַ פרוי רעדט 186
אַ הונט 186
דער מענטש 186
אַ שפּאַס 187
אַ מיידל רעדט 190
צו אַ מיידל 190
סאָנעט : איך טראַכט . . . 190
מעדיטאַציע 191
ווען מענטשן קלייבן זיך 191
עפּיגראַם 192

דניאל בן־יהודה הדיין :
יגדל 192

יחזקאל הכהן :
כ׳האָב געזאָגט 193

יוסף אלבּרדאַני:
קריעת ים־סוף 195

אליעזר אזקרי:
ידיד־נפש... 196

שלמה בן־ראובן באָנפיד:
אַ לויבּליד צו דאָן ווידאַל 197

יהודה אַברבּנאל:
עלעגיע 199

יוסף בן־שמואל צרפתי:
ליבּע־לידער (א—ה) 205

שמעיה:
אַ פרימאָרגן־תּפילה 206

ישראל נאַגאַרה:
דאָס האַרץ וואַרט אויף ליכט 208
ווי אַ פּאַלמע 209
אויף דער שטומער פאַרוואָגלטער טויב 209
עס פליסט פון דיין ליפּ מיט האָניק 210
הער אויס, דו עלנטע 211
דו, מיט די שיינע אויגן 212
דיין לבנה 212
זיין רעכטע האַנט 213
דיינע טריט זיינען שיין 213
מיין האַרץ 214
איך האַלט דיך פאַרזיגלט 215
שיק צו מיין האַרצן די רפואה 215
מיין האַרץ הויבּט זיך אויף 216
איך שפּרייט אויס די הענט 217
דאָס האַרץ איז פאַר חרפּה צעבּראָכן 217

יוסף בּן־משה גאַנסאָ:
תּפילות:
ווען שלעכט איז מיר 218
גאָט, מיין נשמה דורשט 218
מיין גאָט, דאָס האַרץ 219
צו אַ הירש איז גלייך מיין געליבּטער 219

עס וואונדערן זיך מענטשן 220
זאָל קומען אליהו התשבי 221
אויף אַ מאָטיוו פון שיר־השירים 222

שבתי צבי:
מעליסעלדא 223

שלום שאבאזי:
גלויבן (א—ב) 224

יעקב בן־דוד פראַנסים:
אַ טרייסטוואָרט 225
פּאָלעמיש 226
סאָנעט וועגן שבתי־צבי 227

עמנואל פראַנסים:
סאָנעט וועגן שבתי־צבי 227
צו אַ פּאָעט 228
סאָנעט 229
עפּיטאַפיעס (א—ה) 229

די תקופה פון השכלה

משה חיים לוצאַטו:
מאָנאָלאָג פון „לישרים־תהילה" 233
מאָנאָלאָג פון „מגדל־עוז" 236
אַ ליד וועגן די וואַרעמע קוואַלן פון טבריה 239

נפתלי הערץ וויזעל:
יוכבד צום קינד 242
מרים 243

שמואל אהרן ראָמאַנעלי:
דער ים איז שטיל 244

אליהו חלפן הלוי:
דער שלום 245

שלום הכהן:
דוד צו ברזילי הגלעדי 248

שלמה לעוויזאָן:
די פּאָעזיע 249

רחל מורפורגו:

פון טאָל 257

אברהם דוב לעבענזאָן:

דער פרעגער 257

עלעגיע 258

דער שטאַרבנדיקער 258

שמואל דוד לוצאַטו:

אַ סאָנעט וועגן דאַנטע 261

אמת און יושר 262

מיכה יוסף לעבענזאָן:

דער יום־טוב פון פרילינג 263

שלמה 266

שלמה שפּילט אויף זיין פאָטער׳ס האַרף 268

דערוואַכונג 271

שלמה און שולמית 273

געזאַנג פון געזאַנגען 275

אברהם בער גאָטלאָבער:

אַ פויגל אין שטייג 277

יהודה לייב גאָרדאָן:

אין די טיפענישן פון ים (פּאָעמע) 279

צווישן ציינער פון לייבן (פּאָעמע) 286

איבער אַ פּינטעלע (פּאָעמע) 296

דער שורש פון מיין נשמה 320

מיט זונאויפגאַנג 321

פאַר וועמען זיך מיען? 323

עלעגיע 324

יצחק קאַמינער:

וואוהין? 326

בת־ציון 326

קאָנסטאַנטין א. שאַפּיראָ:

אידישע מאָטיוון (א—ט) 327

אידישע באַלאַדעס 332

ליכט־בענטשן 338

יהודה לייב לעווין:
אַ שמחה אויף אידן 340

שלמה מאַנדלקערן:
טויבן וואָרקן 342
דער זייגער 343

נפתלי הערץ אימבער:
פייער און וואַסער 344
דער מייסטער 345

מנחם מענדל דאָליצקי:
ווּעמעס פרימאָרגן? 345

מרדכי צבי מאַנע:
אַ רויז 348
אומעטיק 349
צום טרויער 349
מיין וואונטש 350

דוד פרישמאַן:
ביינאַכט 352
משיח 353

אַהרן קאַמינקא:
ירושלים אין 1913 356